STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03610

# DER VEG TSUM BARG

M. Ghitzis

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. גיציס

# דער וועג צום בארג

פאַרלאַג
„ליטעראַרישע זאַמלונגען"
שיקאגא

COPYRIGHT, 1943 BY
M. GHITZIS
3705 FLOURNOY
CHICAGO 24, ILL.

Printed in U. S. A.

GLOBUS PRINTING CORPORATION
1939 WEST NORTH AVENUE
CHICAGO 22, ILLINOIS

566

# דער וועג צום באַרג

**ביכער פון מ. גיציס**

„גלאָקן“ . . . . . . (1926)

„נאָוועלן“ . . . . . (1932)

„די זון אין מזרח“ . . (1936)

„בטחון“ . . . . . . (1939)

„דער וועג צום באַרג . . (1943)

אין וואָרט איז ניט אַלץ וואָס די צונג רעדט אויס,
נישט אַלץ וואָס די פעדער פאַרשרייבט;
וואָס מערער די צונג און די פעדער דריקט אויס,
אַלץ מערער אין שטומקייט פאַרבלייבט.
(מ אַ נ י  ל יי ב).

# I

„. . . אין שפּאַניע, אויף די פעלדער, צווישן טאָלעדאָ און אַלקאַזאַר, ליגט מיט אַ צעשאָסענער ברוסט, דער יונגער אידעאַליסט און קעמפער, מיכל באַראַש. ער האָט געגעבן זיין לעבן פאַר ברידערלעכקייט, פרייהייט און גערעכטיקייט . . . סאַלוט, קאַמעראַד! . . .“

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

באַראַש האָט אין זיין טיפן ווייטיק אויפגענומען די בשורה וועגן מיכלס טויט מיט דעם בליק פון אַ פאַטאַליסט, וואָס ווייסט, אַז דער מענטש איז מאַכטלאָז צו רעגולירן און צו קאָנטראָלירן די וועגן פון לעבן און טויט. עס זענען אָבער געווען מאָמענטן, ווען ער האָט געפילט ווי אַ גרענעצלאָזע פאַרצווייפלונג רייסט זיך אין אים, גרייט צו עקספּלאָדירן.

די ערשטע טעג האָט ער ניט געהאַט דאָס האַרץ צו ווייזן אַדאַן דעם בריוו, וואָס איז אָנגעקומען פון שפּאַניע פון מיכלס אַ חבר; ער האָט אָבער געוואוסט, אַז ס'איז בעסער מיטאַמאָל איבערצוקומען דעם קלאַפּ, איידער צו לאָזן די שרעק הענגען, ווי אַ שוואַרצע כמאַרע איבער ציטערדיקע הערצער. און ווען ער האָט איר געגעבן דעם בריוו, האָט ער געזען, ווי דאָס בלוט פליסט אָפּ פון איר שטערן און פון אירע באַקן און עס בלייבט אַ געלקייט פון אַ מת, אַ טויטמאַסקע פון אַ מוטער, וואָס האָט פאַרלוירן איר יונגן זון. זי האָט געקוקט ערגעץ אין דער ווייטנס, געלאָזט זיך מיט שוואַכע טריט צום שלאָפצימער און דאָרט ערשט האָט זיך פון איר ברוסט אַרויסגעריסן אַ יאָמער און אַ געוויין, און באַראַש האָט געוואוסט, אַז איצט פאַנגט זיך אָן אין איר גאַנצן וועזן דער פאַנאַנדערברוך, וואָס וועט צע־

רייסן די נערוון, צעשפליטערן דאָס האַרץ און וועט זי אַריינוואַרפן אין כאַאָס. און אַזוי איז עס געווען.

אַ שווייגנדיקער האָט ער איבערגעטראָגן אירע באַשולדיקונגען, אַז ער, ער איז דער שולדיקער אין דעם זונס טויט. ווייל ער, אַלס מאַן, אַלס פאָטער, האָט באַדאַרפט אַרויסרייסן פון דעם אינגלס מח די ווילדע גראָזן פון אוטאָפּישע אידעאַלן, אויסוואָרצלען די זינלאָזע רעוואָלוציאָנ־רישקייט, וואָס פאָדערט, און פאָדערט, און פאָדערט אַזוי פיל קרבנות; ער האָט באַדאַרפט צאַמען אים, איינפלאַנצן אין אים אַ ליבע צום איי־גענעם הויז, צו דער מוטער, צום פאָטער, צום לעבן, — און זען, אַז קיינע אַוואַנטיורעס זאָלן אים ניט פאַנגען אין סאַמע בלי פון לעבן. און באַראַש האָט געשוויגן און האָט גענומען די שאַרפע, בייטשנדיקע ווערטער אירע, ווי אַ שולדיקער, ווי איינער, וואָס איז גרייט אויסצוטרינקען דעם גאַנצן סם, וואָס גיסט זיך פון איר האַרצן.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

„. . . אין שפּאַניע, אויף די פעלדער צווישן טאַלעדא און אַלקאַזאַר, ליגט מיט אַ צעשאָסענער ברוסט, דער יונגער אידעאַליסט און קעמפער מיכל באַראַש . . .“

מיכל . . .

דער אידעאַליזם איז אין אים געווען ווי אַ יונגער, ברויזנדיקער וויין. ער האָט זיך נאָך ניט איינגעשטעלט מיט שטאַרקייט, דער וויין, און ער האָט זיך נאָך ניט אויסגעלייטערט פון ברויזנדיקן, שוימיקן שפּיל. ניינצן יאָר איז ער אַלט געווען. און די שלאַנקייט פון קערפּער, און די פלעמעלעך אין די קלוגע אויגן, און דער שמייכל אַרום די שטאַרקע, ווייסע ציין, און די וויבטיקע געדאַנקען אַרום דער טשופּרינע שוואַרצע האָר, האָבן געצויגן און פאַרכאַפּט. די חברים זיינע האָבן אים ליב געהאַט פאַר זיין סאַנגווינישקייט, פאַר זיינע אָפענע, דרייסטע רייד און פאַר זיינע ערלעכע, אומדערשראָקענע שטעלונגען. און ער, פון זיין זייט, האָט ליב געהאַט די חברים זיינע, ליב געהאַט די הייסע, היציקע דיסקוסיעס, ליב געהאַט די שפּיל אין שפּאַן פון לעבן און מער פון אַלץ — ביולאַן. ביולא, די טאָכטער פון אַ אידישן פאָטער און פון אַ שפּאַנישער מוטער. אַ מיידל, וואָס האָט געטראָגן איר גראַציעזקייט און ליבע, ווי דאָס געמישטע יידישע און שפּאַנישע בלוט אין איר. און ווען ער האָט זי צום ערשטן מאָל גע־בראַכט אין הויז אַריין, האָט באַראַש געקוקט אויף איר, געפרייט זיך און געבענקט נאָך עפּעס. עס האָבן אים דערוואַרעמט מיכלס ווערטער, ווען ער האָט אים פאַרגעשטעלט און געזאָגט צו איר: און דאָס איז מיין פאָטער — אַ אידישער פּאָעט. — אייער פאָטער און מוטער זענען נאָך אַזוי

יונג . . . — האָט זי געזאָגט צו מיכלען. — אַזוי יונג . . . און אויך דאָס האָט געפרייט צו הערן, כאָטש באַראַש האָט עס אָפט געהערט אין ער פלעגט הנאה האָבן, ווען מענטשן האָבן ניט געוואָלט גלייבן, אַז ער איז שוין פינף און פערציק יאָר אַלט.

און איינמאָל איז ביולא געקומען אַליין, ווען בלויז ער אַליין, באַראַש איז געווען אין דער היים. ער האָט זי אויסגעפרעגט וועגן אירע עלטערן און זי האָט אים דערציילט, אַז איר פאָטער איז אַ מוזיקאַנט און די מוטער אַרבעט אויך אַמאָל, ווען עס פעלט אויס געלט. און זי אַליין שטודירט אין אַ טאַנץ־סטודיאָ און טרוימט צו ווערן אַ באַלעט־טענצערין. זיי זענען אַלע ראַדיקאַל געשטימט און אַ דאַנק דעם ראַדיקאַליזם אירן האָט זי זיך באַקאַנט און באַפריינדעט מיט מיכלען. און ער איז אַזאַ טייערער בחור, מיכל . . . ער איז אָבער צופיל אידעאַליסט, צו ברענענדיק, צו אימ־פולסיוו. אָט האָט ער זיך אַריינגענומען אַ געדאַנק אין קאָפּ — אַוועק־צוגיין מיט די חברים זיינע קיין שפּאַניע קעמפן קעגן די פאַשיסטן. און ווי קאָן זי זאָגן גיי ניט, ווען זי אַליין פילט, אַז זי וואָלט אויך גענומען אַ ביקס אין האַנט און וואָלט געגאַנגען אויסשיסן די משוגענע פאַשיסטן. ווי קאָן זי זאָגן „ניין" און ווי קאָן זי זאָגן „יאָ", אַז זי האָט אים אַזוי ליב . . .

באַראַש האָט געהערט און געטראַכט, אַז דאָס האָט זי דאָך אויס־געדריקט אויך זיינע געדאַנקען און געפילן. און ער האָט געקוקט אויף איר און עס איז אים געווען טרויעריק. און ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט אין זיינע אויערן נאָך לאַנג געזונגען איר שטימע, ווי דער טאָן פון אַ פידל אין דעם בין־השמשות פון אַ האַרבסטיקן טאָג.

און דערנאָך, ווען מיכל איז אַהיימגעקומען, האָט ער אים געזאָגט, אַז ביולא איז געווען און עס האָט זיך אים אויך געוואָלט זאָגן וואָס פאַר אַ שטימונג זי האָט אָנגעוויעט אויף אים, אָבער אָנשטאָט דעם האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— דענקסטו טאַקע אין ערנסט צו פאָרן קיין שפּאַניע און אַריינ־טרעטן אין דער בריגאַדע?

— יאָ — האָט מיכל געענטפערט, ניט פּרובירנדיק אפילו צו פאַר־ענטפערן זיין באַשלוס.

— עס איז אַ געפערלעכער שריט, מיכל . . . — האָט באַראַש געזאָגט.

איך ווייס, פאָ — האָט מיכל געענטפערט. — אָבער וואו ליגט די וויכטיקייט פון דעם שריט, אויב איך וועל אים נעמען מעסטן צי ער איז געפערלעך צי ניט? דער ציל איז דאָך די הויפט זאַך. דאָס איבעריקע איז שוין בלויז . . . דער וועג צום ציל.

— די מאַמע וועט ליידן.

— איך ווייס, אָבער איך קאָן ניט העלפן — האָט ער שטילער גע־ענטפערט. — דו, פאַ, וועסט מיך פאַרשטיין. איך האָב ניט געלייענט אַלע דיינע ווערק, אָבער פון די וואָס איך האָב געלייענט און פון די פּיעסי דיינע וואָס איך האָב געזען, ווייס איך, אַז דו דענקסט ווי איך, אָדער ריכטיקער: איך דענק ווי דו — האָט ער זיך צעשמייכלט. — דו ביזט, זאָגן אַלע, אַ סאָציאַלער שרייבער און אַ ראַדיקאַלער מענטש, וועסטו זיכער באַגריסן מיין באַשלוס און מיין שריט.

— מ׳קאָן באַגריסן אַ שריט און דאָך ליידן — האָט באַראַש געענט־פערט.

— אָבער דו וועסט דאָך ניט נעמען אָפּרעדן מיך פון מיין באַשלוס....

— איך ווייס ניט . . . איך בין זיך מודה . . . אַז איך ווייס ניט וואָס איך וויל. די פראַגע האַלט מיך ווי אויף אַ שיידוועג . . .

— טאַ שטיי אויף דעם פונקט, פאַ. איך פאַרשטיי דיין צושטאַנד. לאָז מיך אויסקלייבן דעם ריכטיקן וועג.

— כ׳האָב מורא, אַז אַזוי וועט עס מוזן זיין.

פון יענעם טאָג אָן האָבן זיי מער ניט גערעדט וועגן דעם. זיי האָבן, אין אַלגעמיין, געהאַט ווייניק געלעגנהייטן צו רעדן. אַ גאַנצן טאָג איז באַראַש געווען באַ דער אַרבעט און אין אָוונט פלעגט מיכל קומען שפּעט און פאַרנעמען זיך מיט זיינע ביכער און מיט זיינע כעמישע עקספּערי־מענטן. און זייערע וועגן, האָט באַראַש געוואוסט, זענען איצט צווי באַ־זונדערע וועגן, כאָטש די קערנדלעך אין די הערצער זענען דיזעלבע. ער, באַראַש, אין זיין אייגענער יידיש־קולטורעלער וועלט, און ער, מיכל, אין זיין יוגנטלעך־אַמעריקאַנער קולטורעלער וועלט — דערזעלבער ציל אויף באַזונדערע שפּראַכן און אויף באַזונדערע וועגן.

און איצט — שפּאַניע. דער פּאַראַדאָקסאַלער וועג פון יידישער געשיכטע, וואָס איז אים, באַראַשן, געווען אַזוי גוט באַקאַנט און וואָס איז אים, מיכלען, געווען אַזוי ווייניק באַקאַנט. און אויב באַקאַנט — איז ווי אַ געשיכטלעכער עפּיזאָד, ווי הונדערטער אַנדערע עפּיזאָדן, וועלכע ער האָט אויסגעלייענט פון ביכער. באַ באַראַשן איז דאָס געפיל פון אי־ראָניע און פון שטאָלץ, וואָס זיין זון, אַ ייד, גייט באַפרייען שפּאַניע, געווען אַ טיפער, עכט יידישער; און באַ מיכלען — אַ חוב פון אַ יונגן רעוואָ־לוציאָנער, וואָס קוקט ניט צוריק אויף דער געשיכטע פון אַמאָל, נאָר בלויז פאָרווערטס, פאַראויס . . . אויף די צילן פון דער צוקונפט . . . אָבער, כאָטש די יאָרן האָבן איינגעשטילט און אויסגעלייטערט אין אים דעם ברויז פון רעוואָלוציאָנערן אידעאַליזם און געלאָזט אים אַ דענקענדן און פילאָזאָפירנדן, האָט ער אָבער פאַרשטאַנען און באַגריסט און געפרייט זיך

אפילו מיט מיכלס יוגנטלעכן פייער, מיט מיכלס שפּאַן און דראַנג — אפילו ווען עס איז געווען טרויעריק, זייער טרויעריק אויף דער נשמה.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

„. . . . אין שפּאַניע, אויף די פעלדער צווישן טאַלעדאָ און אַלקאַזאַר, ליגט מיט אַ צעשאָסענער ברוסט דער יונגער אידעאַליסט און קעמפער, מיכל באַראַש . . .“

עס זענען שוין אַוועק חדשים, זינט דערדאָזיקער בריוו איז אָנגעקומען. דאָס לעבן האָט ווי מיט אַ ריזיקער, אייזערנער קאַטשעלקע געפּירט איבער די טעג און נעכט, איבער די גרויסע און קליינע פּאַסירונגען, איבער ווענן און סטעזשקעס און אויסגעגלייכט, אויסגעפּרעסט דאָס געשעענע. עס האָבן זיך אָבער ניט געלאָזט אויספּרעסן טיפע וואונדן. עס האָבן זיך ניט געלאָזט צעדריקט ווערן שוואַרצפליגלדיקע געדאַנקען, ווען יעדער נייער טאָג און יעדע נאַכט האָבן געזען דעם ווידערגעבורט פון נייע טאָטן און פון נייע ליידן.

באַראַש איז אָנגעגאַנגען מיט זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט; אַדאַ איז אָנגעגאַנגען מיט איר טאָג־טעגלעכער אַרבעט; אָבער בײַ זײַנע שלייפן האָבן זיך גענומען זילבערן די האָר און אונטער אַדאַס אויגן האָבן זיך גענומען לייגן שוואַרצע פּאַסן. די גאַנצע מוטערלעכע ליבע און אויפמערקזאַמקייט און מורא פאַר עפּעס האָט זיך איצט קאָנצענטרירט אויף דער שוואַרצאויגיקער טעכטערל עוואַ, אויף דעם קינד, וואָס האָט מיט איר דינקייט און מיט איר טריבן שמייכל געטראָגן אַ ניט־אַרויסגעזאָגטע, פלאַטערנדיקע סענסיוויטעט פון געדאַנק און געפיל. די טאָג־טעגלעכע אינטערעסן האָבן ווי שקלאַפנטרייבער געטריבן צו טאָג־טעגלעכע פליכטן, צו טאָג־טעגלעכע רייד, צו טאָג־טעגלעכע מענטשן און אַן אומבאַקאַנטער, מיסטעריעזער הערשער האָט געפאָדערט: לעב און טו דאָס מענטשלעכע, ווייל בלויז אין דעם ליגט די שטאַרקייט און דער קיום פון מיין קיניגרייך. און סיי באַראַש און סיי אַדאַ האָבן יסורימפולע געפאָלגט, און בלויז אַדאַס אויסגעשרייען אין דער נאַכט, און איר געוויין, און אירע ווערטער, ווערטער ווי קלאַפּנדיקער רעגן, זענען געפאַלן בײַ די פיס פון דעם מיסטעריעזן הערשער פון לעבן און געמאָנט, געפאָדערט אַן ענטפער וועגן גערעכטיקייט און וועגן דעם זין פון לעבן און מענטשהייט.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

ביולא איז אַ פּאָר מאָל געקומען. די באַקן אירע, אָפּגעצערטע און מאַטע, האָבן געטראָגן אויף זיך די ליכטיקייט און שאַטנקייט פון געלייטערטקייט און פון ליידן. אין אירע ווערטער איז געלעגן טרייסט און

אַ טיפער גלויבן, אַז מיכלס טאַט איז געווען אַ הייליקער און גערעכטער טאַט, וואָס דאַרף דערמאָנען די איבערגעבליבענע, די לעבעדיקע, אַז דער קאַמף איז ניט פאַרענדיקט. זי האָט ניט גערעדט קיין סך און בּאַראַש האָט געזען, ווי אין אירע אויגן ליגט אַ שטילע פאַרטראַכטקייט און ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז ווען זי בלייבט אַליין, שוויגט זי און מעדי־טירט, און זוכט ערגעץ אַן ענטפער, אַ ליכט, אַ קלאַנג, אַ רוף . . .

און איינמאָל, ווען אַדאַ איז גראָד ניט געווען אינעדרהיים, האָט זי געבראַכט מיט זיך מיכלס בריוו — בריוו פון שפּאַניע — צו איר. מיט ציטערדיקע הענט האָט זי איבערגעגעבן בּאַראַשן די בריוו און זי האָט געזאָגט: — די בריוו זענען מיינע, בלויז מיינע . . . בריוו צו מיר . . . אָבער אין די בריוו איז דאָ זיין נשמה און איעדער טייל פון דעם איז אויך אייערס . . . מעגט איר זיי לייענען, די בריוו. איך ווייס, אַז ס׳וואָלט אים ניט געאַרט, ווייל מיט בריוו פון האַרצן דאַרף מען זיך ניט שעמען.

בּאַראַש האָט גענומען די בריוו און געבעטן זי, אַז זי זאָל זיי לאָזן מיט אים. ער וויל זיי לייענען, ווען ער וועט זיין אַליין. איז זי אַוועקגע־גאַנגען און האָט אים געלאָזט אַליין. אין יענעם אָוונט, האָט ער געלייענט דעם זונס בריוו — בריוו צו אַ געליבטער. און ווען ער האָט זיי אי־בערגעלייענט, איז ער לאַנג געזעסן אַ פאַרטראַכטער. געזען אים, מיכ־לען, אין צימער, און דאָרט . . . אויף די פעלדער, צווישן טאַלעדאָ און אַלקאַזאַר, געזען אים שוועבן מיטן געדאַנק צו איר, צו דער דינער, עקזאַטישער ביולאַן.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

טעג אין אַרבעט — נעכט אין געשפּרעכן. אַמאָל האָט עס דער־הויבן, אָבער אָפטער האָט עס געשלעפּט צום גרונט. ווען ער פלעגט אָבער בלייבן אַליין אויף אַ ראָג, אַליין אין דער נאַכט, אונטער דער קרייצונג פון ליכט און שאָטן, פלעגט אים אַרומכאַפּן אַ מיסטיש געפיל און דער געדאַנק האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קלעטערן אין די הויכן פון אומ־באַגרייפלעכן געניוס פון מענטש.

ניו־יאָרק — געשאַפן פון מענטשן, אָט אַזעלכע מענטשן ווי ער, אַ מענטש, וואָס שטייט אין דער טונקלקייט . . . ניו־יאָרק — דער טויזנט־מאָל געכפלטער בבל — און ער, וואָס שטייט אין שאָטן פון הימלקראַ־צערס, — ער איז דער באַשאַפער, דער אויבערמענטש און דער פיגמי. ער, מענטש, דאַרף זיין שטאָלץ מיט זיך, ער פילט אָבער ניט דעם שטאָלץ, ער פילט זיך ניט שטאַרק און ריזיק, ווי די בערג פון שטאָל, ווי די גיגאַנטן־הימלקראַצערס, וואָס קוקן אַראָפּ אויף די וואָלקנס.

ניו־יאָרק — געשאַפן פון מענטש, מענטשן ווי ער, אָדער אַנדערע, גאָר אַנדערע מין מענטשן. זענען אפשר יענע מענטשן — די אמתע מענטשן? ליגט אפשר דער סוד פון זייער גבורה אין דער באַלאַנסירונג פון גייסט און קערפער, צי אפשר בלויז אין קערפער? און אפשר פילט ער, באַראַש, דעם דרוק פון לעבן און ער קאָן זיך ניט דערהייבן צו די מאַטעריעלע הויכן, ווייל ער באַלאַנסירט זיין לעבן בלויז אויף די וואָג־שאָלן פון געדאַנק און עמאָציע?

די געדאַנקען פלעגן לויפן אין די נעכט אַריין און די נעכט האָבן ניט געענטפערט. פון אונטער דעם אַראָפּגעבויגענעם הוט האָבן זיינע אויגן געקוקט מיד און טרויעריק, געקוקט אין דער מיסטיש־צויבערלע־כער און ציוויליזירטער נאַכט אַריין און געמאָסטן אין געדאַנק דעם וועג אַהיים, די היים פון וועלכער ער איז אַרויס, ווייל דאָרט, אינדערהיים, האָט זי, אַדאַ, געוויינט. ער האָט גערעדט, ער האָט געטרייסט, ער האָט פילאָזאָפירט און רעזאָנירט — דער געוויין אירער איז אָבער געווען שטאַר־קער. דער געוויין אירער, ווי אַ גרויער, אומאויפהערלעכער רעגן אין דער קאַלטער, האַרבסטיקער נאַכט.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

אין אייראָפּע, אין אַזיע, אין אַפריקע און אפילו אין אַמעריקע האָבן שוואַרצע שאָטנס, מיט ברענענדיקע פאַקלען אין די הענט, געשאַרט זיך אין די רעגירונגס־לאַבירינטן, געפלאָכטן דיפּלאָמאַטישע נעצן, געשאַרפּט קינזשאַלן, געמישט גיפטן, אונטערגעלייגט פאַרבאָרגענע מינעס, אונטער־צוצינדן און אויפצורייסן די וועלט. באַראַש האָט געזען אין יעדן ווינקל דעם שאָטן, דעם אונטערצינדער; געהערט זיין שטימע פון יעדער ראַדיאָ, געשפּירט דעם פאַרראַט און פּראָוואָקאַציע אין יעדן וואָרט. און כאָטש אויסערלעך רואיק, האָט אָבער אַ געפיל פון נקמה געטליעט אין די ווינק־לען פון זיין האַרץ און ווינטן פון האַס און פון כאַאָס האָבן געבלאָזן און פונאַנדערגעבלאָזן די פונקען און געצונדן זיין מח מיט פאַנטאַסטישע, סטי־כישע און פאַרצערנדע פייערן.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

די טאָג־טעגלעכע אינטערעסן האָבן גערופן צו טאָג־טעגלעכע פליכטן, צו טאָג־טעגלעכע רייד, צו טאָג־טעגלעכע מענטשן; און דער גייסט פון קונסט, וואָס האָט זיך פאַרשטופּט אין אַ ווייטן ווינקל פון באַ־ראַשעס נשמה, האָט גענומען לאַנגזאַם אַרויסקוקן פון זיינע פאַרטראַכטע אויגן און האָט גענומען רופן אים, ציען אים מיט איידעלע פינגער און מיט האַרבסטיקע ניגונים, ציען אים צום שטול, וואו ער פלעגט שאַפן

זיינע חלומות, אילוזיעס און וויזיעס, פאַרקערפּערן זיי דורך ווערטער אין געדאַנקען, בילדער, און געשטאַלטן.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

אין שאָפּ, ווען באַראַש האָט געאַרבעט, איז געלעגן די גרעניץ פון זיין עקאָנאָמישן מצב. ווי אַריבערצוטרעטן די גרעניץ, האָט ער ניט געוואוסט. עס זענען שוין פאַרביי עטלעכע יאָר אין דעם ווינקל פון שאָפּ, וואו ס׳זענען געלעגן זיינע פאַרבן, זיינע בערשטלעך, זיין פאַרטוך — און דאָס ווינקל האָט שוין פאַרכאַפּט אַ שטיק פון זיין לעבן.

ער פלעגט דאָרטן שטיין אַ שווייגנדיקער, מאָלן אויף סאַמעט אָדער אויף זייד, ביליקע, פּרימיטיווע פּייזאַזשן, וואַזעס מיט בלומען און טאַנצנ־דיקע קאַוואַליערן און דאַמען, די געדאַנקען זיינע פלעגן אָבער וואַנדערן איבער די פאַרבאָרגנסטע ווינקלען פון לעבן.

דער באַלעבאָס זיינער, אַ קליין כיטרע מענטשל, פלעגט אָפט בלייבן שטיין נעבן אים און ווען עס פלעגט זיך אים אויסוויזן, אַז באַראַש איז לאַנגזאַם אין זיין אַרבעט, פלעגט ער אָפּטרעטן אַ פּאָר שפּאַן פון אים, באַ־טראַכטן אים פון אַלע זייטן, מעסטן מיטן בליק באַראַשעס הויכע, דינע פיגור, דאָס מאַט־טונקעלע פּנים און די לאַנגע האָר; און באַראַש האָט געפילט אויף זיך זיין חוזק־בליק, די איראָניע און ביטול, וואָס ער, דער אינטעליגענט, שטייט דאָ אין שאָפּ און אַרבעט פאַר אים, פאַר דעם דער־פאָלגרייכן ביזנעסמאַן, וואָס האָט אַלץ, וואָס געלט קאָן קויפן. און באַ־ראַש האָט עס אפילו אָפט געהערט פון אים און עס האָבן באַליידיקט די גראָבע רייד און דער חוזק און ביטול־טאָן.

פלעגט באַראַש אַ קוק טאָן אויף אים פון אונטער זיינע ברעמען, בלייבן שטיין מיטן פּינדזל אין האַנט, ווי מ׳בלייבט שטיין מיט אַ מעסער און עס פלעגט זיך אים גלוסטן אַ כאַפּ צו טאָן דעם קאָנטראַקטאָרל פון הינטן, באַם האַלדז, אויפהייבן אים און טראָגן אים אַזוי צו זיך אַהיים, אַנידערשטעלן אים צווישן די שאַפעס מיט ביכער און, אָנווייזנדיק אויף זיי, זאָגן: זעסט, דאָ, צווישן די מיליאָנען ערנסטע, לעבעדיקע און צאַפּל־דיקע געדאַנקען און ווערטער, ליגן אויך מיינע געדאַנקען, מיינע וויזיעס, מיין פּיין, מיין פרייד און מיין גייסט. אָט דאָ שטייען זיי, זעסט — זעקס בענדער מיט דעם אינהאַלט פון מיין מח און פון מיין נשמה. דאָס בין איך און דאָ בין איך און איצט — מאַרש! אויפעפענען די טיר און אַרויס־וואַרפן אים ווי אַ דערשראָקענעם האָז.

אַזוי, פלעגט ער טראַכטן, וואָלט ער באַדאַרפט טאָן, ווען עס וואָלט מעגלעך געווען דאָס צו טאָן. אָבער צו וואָס דערציילן אים וועגן זיך, צו וואָס רעדן וועגן זיך, ווען אפילו אין דער אייגענער, אין דער נאָענטער

סביבה באַטראַכט מען זיין שרייבן ווי אַ לוקסוס־זאַך, ווי עפּעס אַ צייט־פאַרטרייב, וואָס רייסט אים אָפּ פון מער ניצלעכע מעגלעכע דערגרייכונ־גען. און אפילו באַ אַדאַן, וואָס האָט רעספּעקטירט און ליב געהאַט דאָס אידישע וואָרט און דעם אידישן שאַפער, אפילו באַ איר פלעגט זיך אַמאָל אַרויסרייסן דער געשריי, דער געשריי פון אמת: ווער דאַרף דיינע בי־כער ?! ווער לייענט דיינע ביכער ? ווער גיט אַרויס דיינע ביכער ? . . . די ווערטער האָבן געשטאָכן מיט אמת. אָבער ערגעץ טיף אין האַרצן צי אין מח, איז געלעגן אַ ליכטיק אויג און אַ קלוגער, מענטשלעכער שמייכל, וואָס האָט געטרייסט און געטראָגן צו עפּעס אַ גלויבן.

עס פלעגן זיין מאָמענטן, ווען ער האָט געפילט אַ מין אינפעריאָ־ריטעט אין דעם גייעג נאָך דערפאָלג. ער האָט געוואוסט, אַז ער איז ניט דער איינציקער, וואָס ווייסט ניט ווי אַרויפצוכאַפּן זיך אויף דעם פייַ־ערדיקן פערד, אָנכאַפּן אים באַ דער גריווע און טראָגן זיך אין לעבן ווי אַ זיגער. ער האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז דאָס פערד איז גראָדע אַ שטאָלן פערד, אַ פערד, וואָס מ׳רופט אַטאָמאָביל. אָט דאָס שטאָלענע פערד איז באַ דעם ציוויליזירטן מענטשן געוואָרן דער סימבאָל פון דער־פאָלג. און אַזוי האָט אויך אַדאַ געמאָסטן אָפּט דעם דערפאָלג פון אירע פריינט. איר שטרעבן צו דעם גלאַריפיצירטן לעבנס־שטאַנדאַרד איז אָבער געווען ניט בלויז צוליב דער מעגלעכקייט צו לעבן אין לוקסוס מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, וואָס רייכטום ברענגט, נאָר הויפּטזעכלעך צו האָבן די מעגלעכקייטן צו עקספּלואַטירן אַלע מיטלען פאַר גייסטיקער דערהיי־בונג, וואו ס׳זאָל הערשן די אַטמאָספערע פון אַ מין קינסטלערישן אַריסטאָ־קראַטיזם.

און כאָטש זי האָט ליב געהאַט די אָרעם־באָהעמישע אַטמאָספערע פון באַראַשעס קאָלעגן, און זי האָט געוואוסט, אַז בלומען און מוזיק און די לידער פון די באַקאַנטע און נאָענטע דיכטער זענען אמתער, ממשות־דיקער, ווי די אויסגעטרוימטע באַגערן, האָט זי דאָך ליב געהאַט צו טרוי־מען וועגן דעם און דערצו נאָך געבענקט נאָך אינדיווידועלן אויסדרוק, נאָך זעלבסטשטענדיק קינסטלערישע דערגרייכונגען. און ווען די אומ־צעשטערבאַרע באַריערן פון לעבן האָבן ניט דערלאָזט אירע אַספּיראַ־ציעס פאַרווירקלעכט צו ווערן, איז דער פלאַם פון די טעג און נעכט גע־וואָרן אַ בלויער, אַ ציטערנדיקער, אַ מעלאַנכאָלישער.

זי איז געווען נאָך זייער יונג, אַדאַ, ווען באַראַש האָט זי צום ערשטן מאָל באַגעגנט. דערזען האָט ער זי דעמאָלט אויף די טרעפּ פון דעם קונסט מוזעאום. זי איז געזעסן, מיט איר פאַרטפעל אויף די קני, און האָט דורכגעקוקט צייכענונגען. דעמאָלט האָט זי נאָך געשטרעבט צו ווערן אַ דעזיינערין פון פרויען־קליידער ; געטרוימט אפילו צו פאָרן קיין פּאַריז

און פֿאַרפֿולקאָמען אירע קינסטלערישע פֿיאיקייטן; געהאָפֿט, אַז זי
וועט קריגן אַן ערשטקלאַסיקע שטעלע אין אַ גרויסער קליידער־פֿירמע,
אָדער אין האָליוואָוד אַלס דעזייענירן אין דער מאָווי פּראָדוקציע.

און ער, באַראַש, האָט זיך דעמאָלט אויך אַרומגעטראָגן מיט פּראָ־
יעקטן. דער לאָקנדער טרוים איז געווען אָט דער, צו וועלכן ער האָט
דערגרייכט. און מאַלעריי איז געווען בלויז דער פֿאַך, דורך וועלכן ער
האָט געשאַפֿן מיטלען פֿאַר עקזיסטענץ. ער האָט קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן
דעם פֿרימאָרגן אויף די טרעפּ. זי איז געווען געקליידט אין אַ גרינער
טוניק — איר אייגענע קרעאַציע. און איר הויך געשטאַלט, און די רויט־
פֿלאַמיקע, צעשויבערטע האָר און אירע גרינע אויגן, האָבן אין דעם ווינ־
טיקן פֿרימאָרגן דערמאָנט אים אַן אַ פֿייער אויף דעם גרינעם ים. און,
באַמערקנדיק זיין בליק און הנאָה האָבנדיק פֿון זיין פֿאַרגאַפֿטקייט, האָט
זי אים אַ פֿרעג געטאָן, פֿאַרוואָס ער קוקט אַזוי אויף איר. — ס׳איז דער
פֿלאַם אַרום אייך און אפֿשר אויך אין אייך, וואָס האָט מיך פֿאַרכאַפּט. —
האָט ער איר געענטפֿערט מיט אַ פּאָעטישער פֿראַזע.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן און אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ שועל־
מיש־דורכגעטריבענעם בליק, וואָס האָט אים איבערראַשט אין איר —
איבערראַשט מיט פּרוויענשער רייפֿקייט. און אַזוי אַרום האָבן זיי זיך
צוזעדט וועגן מאַלעריי און וועגן קונסט אין אַלגעמיין. און אַזוי אַרום
האָבן זיי אָנגעהויבן צו באַגעגענען זיך כמעט יעדן אָוונט. און עס איז
אים געפֿעלן געוואָרן אין איר, איר רייפֿער בליק און כאַראַקטער, וואָס
האָט אין דערזעלבער צייט געוואָרפֿן אַ מין גרין־בלויע ליכט פֿון סענטי־
מענטאַליטעט. עס האָט אים געריירט צו זען אירע אַ טרער אין שטראָם
פֿון מוזיק און עס איז געווען אנגענעם צו זען איר שמייכל איבער זיינע
בלומען, וועלכע זי האָט שטענדיק ליב געהאַט. די סענטימענטאַלע שטריכן
און די ליבע צו קונסט האָט זי געטראָגן ווי גאָלדענע און בלויע פֿעדים,
איינגעוועבט אין דעם גרויען געוואַנט פֿון לעבן.

זיי האָבן אָפֿט גערעדט וועגן זיך זעלבסט, געפֿירט זיך דורך פֿראַזן
צו אינטימיטעט פֿון געפֿילן און סיי אים און סיי איר האָט זיך אויסגעוויזן,
אַז זיי קאָנען שוין איינער דעם צווייטן דורך און דורך. באַראַש האָט אויך
אָפֿט פֿאַרפֿירט געשפּרעכן וועגן אירע עלטערן און דערציילט איר אַסך
וועגן זיינע עלטערן. עס האָט אים אינטערעסירט צו וויסן מער וועגן
איר משפּחה, ווייל ער האָט געגלייבט, אַז אין דעם ליכט פֿון אָפּשטאַם דער־
זעט מען און מ׳דערקאָנט אַ מענטשן בעסער און טיפֿער.

און ווען ער האָט צום ערשטן מאָל באַזוכט איר הויז און דערזען
אירע עלטערן און איר שוועסטער, האָבן זיי אים אנגענעם איבערראַשט
מיט זייער אינטעליגענטן אויסזען, כאָטש זייער האַלטונג, האָט זיך אים

אויסגעוויזן, איז געווען צו רעזערווירט און אָנגעשטרענגט. דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך אים געוואָרפן אין די אויגן, זענען געווען די שאַפּעס מיט ענגלישע און יידישע ביכער. און ווען ער האָט שפּעטער אויסגעפונען, אַז איר פאָטער איז אַ פּאַרוואַלטער אין אַ גרויסן בוך־געשעפט און איז אַ ליידנשאַפטלעכער קאָלעקציאָנער פון ביכער, האָט ער זיך שוין ניט געוואונדערט איבער דער גרויסער הויז־ביבליאָטעק און עס האָט אים שוין אויך ניט געוואונדערט, וואָס אַדאַ רעדט און לייענט אַזוי גוט יידיש. אין יענעם אָוונט האָט ער זיך איבערגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט צו דער צוקונפט, צו וועלכער ס'האָבן אים געפירט אַדאָס אויגן.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

באַראַש איז געגאַנגען צו דער קאַפע „טעאַליט", וואו אַלע יידישע קינסטלער פלעגן זיך פאַרזאַמלען און פאַרברענגען. ער האָט ליב געהאַט צו זיצן דאָרט, טרינקען קאַווע און שמועסן מיט די קאָלעגן. כאַטש אָפט, אַהיים קומענדיק, פלעגט ער ליגן אין בעט און טראַכטן וועגן דעם גע־הערטן און וועגן דעם געזאָגטן און עס האָבן געעקלט די רכילותן, די בייזע אייפערזוכט, דער סאַרקאַסטישער קיבעץ און ציניזם פון אייניקע פון די קאָלעגן. אין דידאַזיקע מינוטן האָט ער געפילט, אַז עפּעס פעלט, עפּעס פאַדריסט, עפּעס באַאומרואיקט. אויך די אייגענע רייד און פאַראַדאָקסן פלעגן אַרויסשווימען ווי פּעטע פלעקן אויף ריינעם וואַסער און די אומ־צופרידנהייט מיט זיך אַליין האָט געביסן און געברענט און דער שטאָלץ מיט דעם עסטעטישן און שעפערישן פלעגט אָפט צעברעקלט ווערן און רעדוצירט ווערן צו אַ גלויבן, אַז דער איינציקער זין פון לעבן איז צו שפּילן און פאַרשפּילן זיך אָן אונטערשייד מיט וואָס ס'זאָל ניט זיין.

עס האָט ביז וויטיק פאַרדראָסן און געפייניקט דער אייביקער שטרייט צווישן רעכטס און לינקס, דער קריג צווישן די אַרבעטער און דער קריג צווישן די שרייבער, וואָס האָבן ניט געקאָנט און ניט געוואָלט זוכן אַ קאָמפּראָמיס־וועג און האָבן עקשנותדיק געשפּאַנט אין דעם טיפן זומפּ אונטער די שימפּערייען און זידלערייען פון דער פּרעסע. גרויסע שרייבער האָבן ניט געזען זייער גרויסקייט אין דער וואַקכאַנאַליע פון צע־ברויזטע ליידנשאַפטן און קלענערע און קלייניקע שרייבערלעך האָבן אין דער וואַקכאַנאַליע דראַפּירט זיך אין די צעריסענע מאַנטלען פון די פאַר־וואונדעטע און געפאַלענע פירער און לערער, און האָבן אויך געשימפּט און געזידלט און געפּאַטשט מיט פאַפּירענע שווערדלעך אין דעם כאַאָס פון אויסגעלאַשענעם יושר און פון צעטראַטענער טאָלעראַנץ. און שווער איז אים געווען, באַראַשן, צו האַלטן דעם באַלאַנס אין דעם שטורעם פון אָנגעצונדענע עמאָציעס; און שווער איז אים געווען צו האַלטן הויך,

קרישטאַל־ריין און אמתדיק דאָס קינסטלערישע וואָרט אין דעם שטורעם פון האַס און הפקרות. און שטייענדיק אינדערמיט פון די אייגענע צע־רודערטע געדאַנקען און געפילן, האָבן פראַגן, ווי באַהאַלטענע שונאים אין מח, געלאָקט אויף אים און פאַרפאַלגט. וואָס איז פאָרט דער זין פון דעם אַלעמען? וואו ליגט פאָרט דער וועג צו שלום, צו מענטשלעכער פאַרשטענדעניש, צו ברידערלעכקייט און צו קינסטלערישן אמת און אויפ־ריכטיקייט? ער האָט געוואוסט, אַז די פראַגן זיינע וועלן ניט פאַרענט־פערט ווערן, ער האָט אָבער ניט געוואוסט וואוהין און ווי אַזוי צו אַנט־לויפן פון זיי. און דאָס, וואָס מ'האָט גערופן „די יידישע גאַס", האָט גע־שראָקן מיט עם־הארצישקייט, מיט אומבאַוואוסטזיניקער גרויזאַמקייט, מיט פרעכהייט און מיט פוסטקייט. און דאָס געפיל פון רחמנות צום אייגענעם צעשפליטערטן, צעשפּענערטן פאָלק, וואָס האָט געשפריצט מיט פונקען, גרייט פאַרברענט צו ווערן אין אייגענעם פייער, דאָס געפיל האָט געטריבן אין ווינקלען, וואו עס האָט זיך געדוכט, אַז עס רוט נאָך די שכינה פון העכערן, פון עסטעטישן און פון אייביק־אמתן. אָבער די ווינקלען זענען געווען ערגעץ פון יענער זייט פון סמבטיון און דער וועג צו זיי האָט געפירט דורך דעם „טעאַליט".

אַמאָל אָבער פלעגט ער זיך אין געדאַנק אויפהייבן איבער ניו־יאָרק און זוכן צווישן די מויערן און אין די גאַסן דעם סוד, די נשמה, דעם זין פון דעם ריזיקן מענטשלעכן קיבוץ און, אָפּשטעלנדיק זיך אויף דעם „טעאַליט" פלעגט אים קומען אויף דעם געדאַנק, אַז ער און די קאָלעגן זיינע, די שרייבער און די איבעריקע קינסטלער דאָרט, קוקן אויס און זענען טאַקע אפשר עפּעס אַ מאָדנע סעקטע, וואָס זיצט און רויכערט, און טרינקט קאַווע און אַרגומענטירט און קריגט זיך, און טראָגט דעם עול פון דער גאַנצער וועלט אויף די שוואַכע יידישע פּלייצעס.

און עס האָט אים געצויגן צו אָט דער סעקטע, וועמעס טעמפּל עס איז געווען דער ענגער, פאַררויכערטער, טומלענדיקער „טעאַליט".

אין דעם אָוונט האָט ער געטראָפן אין „טעאַליט" דעם אַלטן שריפט־שטעלער בענדער.

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס, קאָלעגע בענדער? — האָט אים באַראָשט אַ פרעג געטאָן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן אים און האָט באַשטעלט קאַווע.

— וואָס זאָל זיך הערן? — האָט בענדער געענטפערט. — ס'איז דיזעלבע וועלט און דיזעלבע מענטשן ווי אין אַלע אַנדערע צייטן, מיין פריינט. די מענטשהייט איז דערצויגן אויף פאַרראַט און אויף נידער־טרעכטיקייט און איך ווייס ניט אפילו וועמען צו באַשולדיקן אין דעם. מיך? איך? די פירער?

— אוודאי איז די געשיכטע פון דער מענטשהייט אַ קאַוואַלקאַדע פון בלוטיקע עפּאָכעס — האָט באַראַש געזאָגט. — אָבער אונדזער עפּאָכע, אונדזערע טעג זענען דאָך די נאָענטסטע צו אונדז. יעדער טאָג און יעדער טאַט איז דאָך ווי אַן אייגן העמד אויף דעם לייב, טאָ ווי קען מען ניט רעאַגירן און ניט רעדן וועגן דעם, ווען דו פילסט, ווי דיין העמד ווערט נאַס און רויט פון בלוט.

— נו, אוודאי איז דאָס אַזוי — האָט בענדער צוגעגעבן אַ פאַרטראַכטער. — און ווי עס ווייזט אויס, ליגט טאַקע די טראַגעדיע פון דער מענטשהייט אין איר אומפייאיקייט צו אָריענטירן זיך, אין איר אומפייאיקייט אַרויסצוגעבן פון זיך אַזעלכע פירער, וואָס זאָלן קאָנען אויפנעמען אַיעדער איינער באַזונדער און אַלע צוזאַמען די אַלגעמיינע נויט; און פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט, אויפנעמען און לייזן זיי אַזוי, ווי עס ווערן געלייזט וויסנשאַפטלעכע אָדער אינזשענירישע פּראָבלעמען. ערשט היינט האָב איך אונטערגעהערט אַ כאַראַקטעריסטישן געשפּרעך צווישן צוויי אַרבעטער. ווי איך פאַרשטיי, האָבן זיי גערעדט וועגן אָט דער וואונדערבאַרער זאַך, וואָס הייסט גליק און פרייהייט. —ווער בעט זיי, די פירער, אַז זיי זאָלן אונדז פירן אין קאַמף ?! — האָט איינער פון זיי אַרגומענטירט. — ווער בעט זיי, זיי זאָלן זיך שטעלן אין דער שפּיץ פון באַוועגונגען און פירן אונדז אין קאַמף פאַר פרייהייט ?! ווער ? דאָס פאָלק ? דאָס פאָלק בעט זיך: קומט, פירט אונדז אויף דעם מזבח — אונדזערע העלדזער זענען גרייט . . . פירט אונדז, פירער פון אַלע באַוועגונגען און פון אַלע צייטן און פון אַלע פרייהייטן ! טינקט די פאָנען אין אונדזער בלוט, אַז אונדזערע קינדער זאָלן האָבן מיט וואָס צו פאַראַדירן אין די קומענדיקע קאַמפן מיט נייע קומענדיקע פירער ! ווער בעט זיי, די פירער, צו פירן אונדז צו די גרויסע דערלייזונגען ?!

— אָט אַזוי טאַקע האָט גערעדט דער אַרבעטער ? — האָט זיך באַראַש פאַראינטערעסירט.

— נו, אויב ניט מיט דידאָזיקע ווערטער, איז אין דעמדאָזיקן זין.

— און וואָס דענקט איר וועגן דעם אַרבעטערס רייד ?

— איך האָב געשפּירט אין זיינע רייד די קלוגשאַפט, וואָס ליגט אין די סקאַלעס, אין דיביימער, אין די גרעזעלעך און אין יעדער שטום־באַשאַפענער חיה, וואָס ווייסט אינסטינקטיוו בלויז פון יענער פרייהייט, וואָס די נאַטור אַליין באַוויליקט.

— עס איז אַ זייער פּרימיטיווער באַגריף און צוגאַנג — האָט באַראַש באַמערקט.

— יאָ, אַ פּרימיטיווער — האָט בענדער צוגעשטימט — אָבער אָט טאַקע אין אָט דער פּרימיטיווקייט ליגט דער אמתער צוגאַנג צו אמתער

פרייהייט. גלויבט מיר, באַראַש, ווען מענטשן וואָלט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די דאגות פאַר דער וועלט, ווען זיי וואָלטן ניט געטראָגן דעם וועלט־שמערץ ווי אַ הייליקייט צו וועלכער מ׳דאַרף ברענגען קרבנות, ווען יעדער מענטש וואָלט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די משא, דעם פּאַק, וואָס די ציוויליזאַציע און די פּאַרמעלע קולטור וואַרפט אויף אים אַרויף, ווען דער מענטש בלייבט בלויז מענטש אין דער משפחה פון אייגענע און פריינט, און ווען ער הערט אויף צו זאָרגן זיך פאַר דעם קיום און מאָראַל פון דער מענטשהייט, וואָלט ער, דער מענטש, דערלייזט געוואָרן.

— אויב אַזוי, צוליב וואָס שרייבט איר? צוליב וואָס שאַפט איר? און פאַרוואָס פרייט איר זיך און איר זענט שטאָלץ, ווען אייערער אַן אַרטיקל אָדער בוך דערגרייכט צו די מאַסן און דערוועקט זיי געדאַנקלעך און גייסטיק? — האָט באַראַש געפרעגט.

— אָט־אָ־דאָ ליגט טאַקע, צו אַלדע שוואַרצע יאָר, דער פּאַראַדאָקס פון דער אומפאַרשטענדלעכער קראַפט, וואָס דאָס לעבן האָט אויף אונדז. מיר זענען אין דער מיט פון אַ פאַרכישופטן קרייז און גייט זייט אַ חכם און רייסט זיך אַרויס. גלייבט מיר, באַראַש, אַז ווען איך האָב מוט און וויס, אַז איך וועל אויסהאַלטן דעם באַשלוס פון דעם שריט, און ווען איך האָב עמיצן, אָדער עפּעס אַ סיבה, וואָס זאָל מיר אַ זעץ טאָן אין בעט אייך איבער און אַרויסשיסן מיך פון דעם פאַרכישופטן קרייז, זאָל זיין צום טייוול אפילו, וואָלט איך ערשט דעמאָלט פּרובירט צו ווערן אַן אמתער מענטש און וואָלט אָנגעהויבן צו לעבן אַ ניי לעבן, וואָס האַלט זיך בלויז אויף דעם פּרימיטיוון, אינסטינקטיוון, וואָס איז דאָס אמתע און דאָס גערעכטע. נו, בין איך אָבער אַ שקלאַף גלייך מיט די איבעריקע און עס גלוסט זיך ניט צו פאַרלאָזן דאָס אייגנגעזעסענע אָרט און די ווייב און די קינדער און אָט דאָס . . . דעם „טעאַליט". אָבער איך זאָג אייך — עס וועט אַמאָל אַנלויפן אויף מיר אַזאַ מינוט און איך וועל עס טאָן. ווי כ׳בין אַ ייד, כ׳וועל עס טאָן! אָט ווי טאָלסטאָי האָט עס געטאָן אויף דער טיפער עלטער.

באַראַש האָט געשמייכלט און געטראַכט, אַז וויפל מאָל האָט ער אַליין שוין אויך געטרוימט וועגן אַזאַ מין ראַטעווען זיך פון דער ציוויליזאַציע, קולטור און מאָראַל; וויפל מאָל האָט ער אַליין שוין געטרוימט ווי אַ ייִנגל וועגן אַן איינזאַמען אינדזל און וועגן אַ ניי לעבן אין אַ פרעמדן לאַנד, צווישן פרעמדע מענטשן . . .

דער אָוונט מיט בענדערן איז געווען ווי אַנדערע אָוונטן אין „טעאַליט". מ׳האָט גערעדט, מ׳האָט פאַנטאַזירט, מ׳האָט געטרונקען קאַווע און געריכערט איין פילאָזאָפישן טרויער — מער איז אָבער גאָרניט בישט געשען. אָבער באַם אַוועקגיין האָט בענדער אַ פרעג געטאָן:

— און וואָס הערט זיך מיט אייער נייעם בוך, באַראַש? ווען דער־שיינט ער שוין?

די פראַגע האָט אַ וואַרעם געטאָן באַראַשעס האַרץ:

— אינגיכן, גאַר אינגיכן... — האָט ער געענטפערט און דער „טעאַליט״ האָט אויף אַ רגע אויפגעלויכטן מיט נשמהדיקייט.

דער וועג אַהיים איז אין דערדאָזיקער נאַכט געווען אַ קורצער, אַ שנעלער.

................

................

ווען באַראַש איז אַרויסגעגאַנגען אינדערפרי צו דער אַרבעט, האָט ער אין בריווקעסטל געפונען אַ בריוו פון דעם אַרויסגעבער און רעדאַק־טאָר פון דער „יידישער פאָסט״. דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, ביר־מאַן, האָט אים געשריבן, אַז ער זאָל גלייך, אין דעמזעלבן טאָג, אַריינקומען אין דער רעדאַקציע, ווייל ער וויל זיך דורכשמועסן מיט אים וועגן דעם ענין, וועלכן זיי האָבן שוין אַמאָל באַרירט, דאָס הייסט — וועגן אַ שטעלע אין דער „יידישער פאָסט״.

באַראַש האָט זיך מיט אַ געפיל פון פרייד געלאָזט גיין צום סאָבוויי. ער האָט געטראָפן בירמאַנען אַ שיינענדיקן און אַן אויפגעלייגטן. דער־זעענדיק באַראַשן, האָט ער גלייך אַ זאָג געטאָן:

— באַראַש, מיר דאַכט זיך, איך האָב פאַר אייך אַ שטעלע.

— אדרבה... — האָט באַראַש געענטפערט.

— די מעשה דערפון איז אַזאַ — האָט בירמאַן אָנגעהויבן, זוכנ־דיק ווערטער ווי בעסער אויסצודריקן, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. — מיר דאַרפן דאָ אַ האַנט. סילווער, ווי איר האָט אפשר געהערט, איז ווי־דער קראַנק געוואָרן און די געשיכטע מיט זיין קראַנקהייט קאָן זיך ציען און פאַרציען שיינע עטלעכע חדשים. האָב איך זיך דערמאָנט אָן אייך. איך ווייס, אַז איר האָט שטענדיק געוואָלט אַריין אין אַ צייטונג, נו, איז איצט, דאַכט זיך, געקומען די צייט. ס׳איז אפילו אַ צייטווייליקער דזשאָב, און די שכירות וועלן אויך זיין אַביסל געשניטן, ביז איר וועט אָנשלאָגן אַ האַנט, דערפאַר וועט איר ניט דאַרפן ברעכן אייער קאָפּ מיט שרייבעריי.

— ניט דאַרפן ברעכן מיין קאָפּ מיט שרייבעריי? — האָט באַראַש אַ קוק געטאָן אויף אים אַ פאַרוואונדערטער. — וואָס דען וועל איך דאַרפן טאָן?

— איר וועט לייענען קאָרעקטורן, ווי סילווער און... אַנדערע קלייניקייטן אַרום און... אַמאָל אָנשרייבן אויך אַן אַרטיקעלע.

— דאָס אַלעס? — האָט באַראַש געפרעגט און געפילט ווי דאָס פנים נעמט אים פלאַמען.

— ליידער, דאָס אַלעס, באַראַש. איך ווייס, אַז איר זענט אַ פיינער שריפטשטעלער, אַ צייטונג פאַדערט אָבער אַן אַנדער מין שרייבן. איר זענט מער . . . אַ קינסטלעריש . . . מעדיטאַטיווער שרייבער און דאָ דאַרפן מיר בלויז געניטע הענט פאַר טאָג־טעגלעכן רעפּאָרטאַזש און פאַר קורצע קאָמענטאַרן. אַ ראָמאַן, ווייסט איר, האָבן מיר שוין. פּובליציסטן האָבן מיר צוויי און אַז מ׳וויל, דריי. איך שרייב אויך אַמאָל. מיט לידער און לידלעך זענען מיר פאַרוואָרפן, און חוץ דעם שרייבט לאַזאַרין יעדן פרייטיק אַ ליד — האָבן מיר דאָס אויך. וואָס זשע בלייבט פאַר אייך? שרייבן באָבע־מעשיות? האָבן מיר שוין אַ קרענק אויף דעם אויך. גלויב איך, אַז פאַר אייך וועט זיין געזינטער צו זיצן באַם טיש און בלויז כאַפּן די גנבים — כ׳מיין די גרייזן און דרוקפעלערן. כאָטש מיט די גנבים און אַן די גנבים איז אַלץ איינס. וואָס זשע זאָגט איר?

— וואָס זאָל איך זאָגן, אַז . . . איר דאַרפט ניט קיין שרייבער? די דאָזיקע טאַלאַנטלאָזיקייטן, וואָס פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון שרייבער און שטעלן אייך צו די סחורה, האָט איר דאָך, און מיט לידער פאַרוואָרפט מען אייך אומזיסט, מסתמא, און אַ קרענק פאַר באָבע־מעשיות האָט איר אויך — דאַרפט איר דאָך בלויז אַ האַנט, ניט אַ שרייבער — טאָ וואָס האָב איך צו זאָגן?

—כ׳האָב געוואוסט, אַז ס׳וועט ניט גיין — האָט בירמאַן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— ניין, ס׳וועט ניט גיין, בירמאַן — האָט באַראַש געענטפערט.

— וואָרן אויב זיין בלויז אַ האַנט, בין איך אַ האַנט באַ אַ מאַלער און איך פאַרדין מער אָדער ווייניקער און ער ווייסט ניט אפילו, אַז איך בין אַ שרייבער. דאָ, אָבער, דאָ באַ אייך אין דער „פאָסט", וואָלט איך געוואָלט, אַז מיין טרוים זאָל ענדלעך געפינען אַ תיקון. איך בין אַ שרייבער, האָב איך געוואָלט, אַז מיין טאָג־טעגלעכע באַשעפטיקונג זאָל באַרעכטיקן מיין קינסטלערישן באַרוף, און מיין קינסטלערישער באַרוף זאָל זיך באַרעכטיקן מיט טאָג־טעגלעכער אַרבעט, זאָל זיין אין אַ צייטונג אפילו. אָבער זיין גלאַט אַזוי אַ שטומע האַנט, לייענען טאָג־איין טאָג־אויס ביליקע סעקסועלע, גראַפאָמאַנישע שטיק, זיצן באַם טיש און זען ווי די פּרעסע, דאָס גרויס מויל, רעדט און רעדט און רעדט יעדן טאָג אומגעלומפּערטע, דעמאַגאָגישע און פאַרפּירערישע רייד און דערצו נאָך אויף אַ שלעכטן יידיש און איך זאָל זיצן און מוזן שוויגן בלויז צוליב עטלעכע טאָלער, — ניין, אַ דאַנק . . .

— כ׳האָב געוואוסט, אַז ס׳וועט ניט גיין — האָט בירמאַן ווידעראַמאָל געזאָגט.

— איר האָט באַדאַרפט וויסן — האָט באַראַש גערעדט שטיל, אָבער

מיט טיפן ציטער — איר האָט באַדאַרפט וויסן. אָבער ס'איז ניט אייער שולד. דאָס איז די שולד פון דעם אחריותלאָזן צושטאַנד פון אונדזער קולטור און אפשר ניט נאָר פון אונדזערער. עס איז אין בלוט פון גרויס־שטאָטישן לעבן: ס'איז האַנט, געניטקייט, דזשאַב, סענסאַציע, און „האַרי־אַפּ" און עקסטראַ! עקסטראַ! פאַר צוויי סענט די אַרבעט פון הענט, אָבער ניט פון קעפּ. ניין, ס'ווייזט אויס, אַז איך וועל שוין קיין שרייבער ניט ווערן . . . .

— סע גרימט אינעווייניק פון אייער איראָניע — האָט זיך בירמאַן פאַרקרימט — ס'איז אָבער אמת, אמת . . . איר, דער שרייבער, דאַרפט ווערן אַן אַרבעטער באַ אַ מאַלער אַ שמירער און דער וואָס איז אַ שמירער, ווערט אַ שרייבער און רעדט צו דער וועלט. אָבער גלייבט מיר, עס איז ניט מיין שולד . . .

— איך האָב דאָך געזאָגט, איך באַשולדיק אייך ניט. און אַ דאַנק אייך סיי ווי פאַר אייער . . . מי — ער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין.

— אַ גוטן טאָג, בירמאַן.

— אַ גוטן טאָג, באַראַש, האָט ניט קיין פאַראיבל.

דער טאָג איז שוין געווען פאַר באַראַשן אַ צעשטערטער. די האָפענונג, וואָס האָט אינדערפרי אַ שיין געטאָן אויף אַ ווײַלע, איז פאַרשוואונדן און געבליבן איז בלויז אַ גרויע און פאַסיווע שטימונג. עס האָט זיך שוין ניט געוואָלט גיין צו דער אַרבעט. אַ האַלבער טאָג איז שוין אַוועק און דער שאַפּ דאַרטן, האָט ער געוואוסט, וועט אים נאָך צום איבעריקן דערשלאָגן. איז ער אַוועק איבער די גאַסן און סקווערן, אַרומגעדרייט זיך אָן ציל און אָן גראַדליניקן געדאַנק; אַריינגעגאַנגען אין אַ קאַפעטעריע, גענומען קאַווע און צובייסן; געקוקט אויף די מענטשן און ניט געקאָנט קאָנצענטרירן די געדאַנקען אויף עפּעס, עפּעס, וואָס זאָל אים אַרויספירן פון דער כאַאָטיש־גרויער שטימונג. פאַרנאַכט איז ער אַהיים געקומען און האָט דערציילט אַדאַן וועגן בירמאַנס בריוו און וועגן דעם געשפּרעך.

— אַט איצט, גלויב איך, וועסטו זען דעם אומזין פון דיין שאַפן אין יידיש — האָט זי געזאָגט.

— שאַפן איז ניט אומזין אין וואָס פאַר אַ שפּראַך עס זאָל ניט זיין — האָט ער געענטפערט.

— איך זאָג ניט, אַז שאַפן איז אומזין — האָט זי פּרובירט צו דעפינירן איר געדאַנק — איך זאָג אָבער, אַז די קאָמפּענסאַציע פאַר דעם יידישן שאַפן איז נול און דאָס יידישע בוך און דאָס יידישע וואָרט איז באַנקראָט.

— אַז מיר האָבן ניט קיין מאַרק פאַר אונדזערע ביכער און אַז מיר

האָבן ניט קיין לייענער, הייסט עס נאָך ניט, אַז דאָס וואָרט, דער אמת און דער גייסט, וואָס דאָס וואָרט דריקט אויס, איז באַנקראָט.

— ניין, דער אמת און דער גייסט איז אפשר ניט באַנקראָט, אָבער אויב דו לעבסט זיך ניט אויס אַלס שרייבער, אויב דו ביזט שרייבער און דיכטער בלויז אין די מאָמענטן פון אינספּיראַציע, פון שרייבן, ביזטו ניט דורכגענומען מיט דעם ביז דעם מאַרך פון די ביינער.

דאָס האָט אים אָנגעצונדן און אויפגערעגט. ער האָט גענומען שפּאַנען איבערן צימער הין און צוריק און גערעדט:

— אַך, ווי קאָנסטו אַזוי רעדן, ווען דו קאָנסט מיך אַזוי גוט. איך בין ניט אַ שרייבער דורך און דורך ביז דעם מאַרך פון מיינע ביינער? פאַרוואָס? ווייל איך זיץ ניט אין אַ רעדאַקציע, ווייל איך שרייב ניט טאָג־טעגלעך פּאָליטישע און היפּאָקריטישע אַרטיקלען? צי ווייל איך מאַך ניט געוויגע געלט מיט מיין שרייבן? ווייסטו דען ניט, אַז פון מיין יוגנט אָן איז דאָס קינסטלערישע וואָרט די ענערגיע, דער גייסט, וואָס פילט אָן מיין לעבן? און מיינע ביכער, און מיינע שאַפונגען אין צענדליקער זשור־נאַלן און צייטונגען, און אָט־אָ־דאָס — האָט ער אַ כאַפּ געטאָן פון טיש אַ שווערן, פילזייטיקן באַנד — דו זעסט אָט דעם בוך? אָט דאָ זענען פאַר־זאַמלט די שענסטע שאַפונגען פון די בעסטע מייסטער פון יידישן וואָרט און געדאַנק, און אין אָט דעם בוך איז דאָ פּלאַץ אויך פאַר מיר, פאַר מיין נאָמען, פאַר מיין וואָרט און געדאַנק. איז דאָס ניט דערפאַר, ווייל איך בין אַ טייל, אַ גליד פון דער שרייבער־משפחה, אַ שרייבער צווישן שריי־בער, וועמעס גורל עס איז פאַרבונדן און פאַרקנופּט מיטן גורל פון דער יידישער ליטעראַטור? ניין, דיין באַציאונג איז פּונקט אַזאַ איבערפלעכ־לעכע ווי די באַציאונג פון מענטשן, וואָס מעסטן דעם גייסט און די קאַר־יערע פון אַ שרייבער ניט מיט זיין אינהאַלט און קינסטלערישקייט, נאָר מיט דעם דזשאַב און מיט די דאָלאַרן, וואָס ער מאַכט מיט זיין פען. און עס פאַרדריסט, עס טוט וויי, וואָס דו רעדסט אַזוי. דו, וואָס שטייסט אַזוי נאָענט צו דעם...

זי האָט ניט געענטפערט און ער האָט ניט געוואוסט וועגן וואָס זי טראַכט. איז ער אויך אַנטשוויגן געוואָרן. דער ביטערער טעם איז אָבער געבליבן.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

אין שאָפּ, וואו באַראַש האָט געאַרבעט, איז פאַר די לעצטע עטלעכע וואָכן צוגעקומען נאָך אַ מאַלעריך, אַן איטאַליענערין אין די דרייסיקער, מיט סימנים פון שענקייט אויף איר טונקעלן פּנים. זי פלעגט אָפט אָפּ־שטעלן זיך בײַ זיין מאַלבערט, זאָגן אַ פּאָר ווערטער, מאַכן אַ פּאָר באַ־

מערקונגען און צוריקגיין צו איר פּלאַץ, ווי מיטטראַגנדיק מיט זיך אַ ניט־אַרויסגעזאָגטן געדאַנק, אַ ניט־אויסגעשעפּט געפיל. ער האָט אפילו אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז זי קוקט אָפט אויף אים פון איר ווינקל, גלייך ווי זי וואָלט אים געוואָלט איבערגעבן עפּעס מיט איר בליק.

איינמאָל, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער אַרבעט, האָט זי אים אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, מיסטער באַראַש, אָבער . . . איך וואָלט אייך געוואָלט עפּעס פרעגן.

— פרעגט, פאַרוואָס ניט, מיס באַרנאַרדאָ.

— זענט איר פאַרהייראַט?

— יאָ — האָט ער געענטפערט — צו וואָס ווילט איר דאָס וויסן?

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת . . . איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן . . . אָבער דער פּלאַן, ווייזט אויס, וועט ניט קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן.

— עס אינטערעסירט מיך זייער — האָט באַראַש געזאָגט.

— איר איילט זיך, מסתמא, אַהיימצוגיין? — האָט זי געפרעגט.

— ניין, איך איל זיך ניט.

— אַמאָל עס איך אָט־דאָ — האָט זי אָנגעוויזן אויף דעם רעסטאָראַן אַנטקעגן. — וואָלט איר געוואָלט אַריינגיין מיט מיר?

— מיט פאַרגעניגן — איז ער באַשטאַנען.

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין רעסטאָראַן, פאַרנומען אַ טישל אין אַ ווינקל.

— עס איז אפשר געווען אַביסל צו דרייסט, אָדער נאַריש פון מיין זייט, אָפּצושטעלן אייך מיט אַזאַ פראַגע, ווי איך האָב עס געטאָן — האָט זי געזאָגט.

— דירעקטקייט און אָפנהאַרציקייט זענען די קורצסטע וועגן צו אַ מענטשנס צוטרוי — האָט באַראַש געענטפערט.

— איר געפעלט מיר, מיסטער באַראַש, און דערפאַר קוק איך אויף אייך אַזוי אָפט אין שאַפּ.

— זייער אנגענעם — האָט באַראַש אַ שמייכל געטאָן — איך האָב עס באַמערקט. און אויף אייך איז אויך זייער אנגענעם צו קוקן. איר באַרואיקט מיט אייער שטילקייט און רואיקייט.

— איר קוקט אויס צו זיין וואָס איר זענט. איך מיין אַן אַרטיסט.

— יאָ?

— מיין מאַן איז געווען זייער אַ פראַזאַאישער מענטש. און ווי פראַזאַאיש ער איז געווען, אַזוי פראַזאַאיש האָט ער אויסגעקוקט. ער איז

געוועז אַן אימפּאָרטער פון איטאַליענישע דעליקאַטעסן, ער האָט אָבער געוואוסט ווי צו שפּאָרן געלט.

באַראַש האָט געקוקט אויף איר, ניט ווייסנדיק וואָס צו זאָגן. דער־ווײלע איז צוגעקומען דער קעלנער און זיי האָבן באַשטעלט זייער מאָל־צײַט. ווען דער קעלנער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זי פאָרטגעזעצט:

— מיין מאַן איז געשטאָרבן און ער האָט מיר איבערגעלאָזט אַ קליין פאַרמעגן. איך האָב זיך אָבער אויסגעלערנט פון אים שפּאָרן געלט און לעבן עקאָנאָמיש, האָב איך דאָס געלט, וואָס ער האָט מיר געלאָזט, ניט אויסגעבראַכט. איך בין, ווי איר זעט, אַוועק אַרבעטן. איך אַרבעט און איך מאַך גענוג פאַר זיך. עס איז אָבער אַ לאַנגווייליק לעבן צו זיין אַליין.

— האָט איר דען ניט קיין פריינט? — האָט זיך באַראַש צוגעאיילט אַ פרעג צו טאָן.

— יאָ, אייניקע פון זיין משפּחה. איר פאַרשטייט . . . ער האָט מיך מיטגענומען מיט זיך פון איטאַליע, ווען איך בין נאָך געווען זייער יונג. און דאָ האָבן מיר געפירט אַ פאַרשלאָסן לעבן. פון געשעפט — אַהיים און פון דער היים — צום געשעפט. אַזוי, יעדן טאָג. נאָר, אַז ס׳פלעגט קומען אַ יום־טוב, פלעגן מיר גיין באַזוכן זיינע קרובים, אָדער זיי פלעגן קומען צו אונדז. פלעגט מען זיצן און עסן און טרינקען, און אַמאָל זינגען און . . . דאָס אַלץ. צום אומגליק, איז ער נאָך געווען זייער אַן אייפערזיכטיקער און ער פלעגט מיך היטן, ווי מ׳היט אַן אוצר. אין איטאַליע האָב איך זיך געלערנט מאָלעריי. איך האָב געטרוימט צו ווערן אַ קינסטלערין. דאָ אָבער, האָב איך געמוזט אויפגעבן מיינע אַמבי־ציעס. איך פלעג בלויז מאָלן אינדערהיים און דאָס אויסגעמאָלענע אוועק־שענקען צו זיינע קרובים.

— און איצט — האָט באַראַש געפרעגט — טראַכט איר ניט פון הייראַטן?

— איך וואָלט, מסתמא, געקאָנט געפינען אַ מאַן — האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים באַדייטנד — עס ווילט זיך אָבער ניט גלאַט אַ מאַן. גלאַט אַ מאַן האָב איך שוין געהאַט. עס ווילט זיך מיר האָבן אַ מאַן, מיט וועמען איך זאָל קאָנען טיילן מיין לעבן און מיינע טרוימען.

— אַזוי דאַרף זיין — האָט באַראַש געענטפערט.

עס איז צוגעקומען דער קעלנער און זייער געשפּרעך איז אויף אַ ווײלע איבערגעריסן געוואָרן. ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זי גע־זאָגט:

— איך האָב געטרוימט פון אַזאַ מאַן ווי איר. אייער אויסזען און אייער פּראָפעסיע.

— עס איז זייער אַנגענעם.

— אָבער . . . ווען איך האָב געפֿרעגט צי איר זענט פֿאַרהייראַט האָב איך געהאַט עפּעס אַנדערש אינזינען. איך וויל אייך גלייך זאָגן, אַז איר זאָלט מיך ניט פֿאַרשטיין שלעכט און איר זאָלט ניט מיינען, אַז איך האָב זיך געקליבן צו מאַכן אַ הייראַטס־פֿאַרשלאַג, אָדער אַ ליבע־דער־קלערונג צו אייך.

— אַ, איך פֿאַרשטיי, אַז עפּעס האָט איר געהאַט אינזינען, וואָס האָט ניט אַ שייכות מיט הייראַט — האָט באַראַש אַ שמייכל געטאָן.

— יאָ, מיט אַ ניט־פֿאַרהייראַטן מאַן, וואָלט מיין פּלאַן אפֿשר לייכ־טער פֿאַרווירקלעכט געוואָרן.

— וואָס איז דער פּלאַן? — האָט זיך באַראַש פֿאַראינטערעסירט.

— איך האָב געהאָפֿט, אַז איר זענט ניט פֿאַרהייראַט; און ווער איר וואָלט ניט געווען פֿאַרהייראַט, וואָלט איך אייך פֿאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן ביידע עפּענען אַ סטודיאָ, מאָלן און פֿאַרקויפֿן די בילדער. וואָס דאַרפֿן מיר אַרבעטן בײַ אַ פֿרעמדן, ווען איך האָב גענוג געלט פֿאַר אַזאַ מין סטו־דיאָ? אָבער איצט . . . אַזוי . . . ווען איר זענט פֿאַרהייראַט . . . די סיטואַציע וואָלט אפֿשר געוואָרן צו קאָמפּליצירט. ערשטנס, וואָלט עס אפֿשר ניט געפֿעלן געוואָרן אייער פֿרוי און זי וואָלט געווען אייפֿערזיכטיק; צווייטנס, צו זיין אָפֿנהאַרציק, וואָלט עס מיר אפֿשר בלויז געשטערט . . .

— געשטערט אין וואָס? — האָט באַראַש געפֿרעגט.

— ס'איז אפֿשר בעסער און שענער פֿאַר מיר, ניט צו רעדן צו־פֿיל. אַמווייניקסטנס . . . דעם ערשטן אָוונט . . . . — האָט זי אַראָפּ־געלאָזט די אויגן.

— איך בין זיכער, אַז איר וועט זיין דערפֿאָלגרייך, ווייל איר האָט אַ פּראַקטישן קוק אויף דעם לעבן — האָט באַראַש געזאָגט.

— אַ פּראַקטישן קוק און אַ טרוימערישע נשמה — האָט זי צוגעגעבן.

און אַן אַנגענעמענעם, צוציענדן שמייכל — האָט ער שוין צוגע־געבן. — אָבער זאָגט מיר, מיס באַרנאַרדאָ, ווען איר האָט געהאַט אינזינען אייער פּלאַן, האָט אייך ניט געאַרט, וואָס איך בין אַ ייד?

— איז וואָס?! — האָט זי געענטפֿערט — עס איז דאָך אַזוי נאַריש פֿון מענטשן צו אַנטלויפֿן און אָפּשיידן זיך איינער פֿון צווייטן בלויז דער־פֿאַר, ווייל מ'איז פֿון באַזונדערע רעליגיעס. אָט, לאָמיר זאָגן, גלויבט איינער אין מאָלעריי און דער צווייטער אין מוזיק, מוז מען אַנטלויפֿן דער־פֿאַר איינער פֿון צווייטן?

— און ס'איז ניט ווייניקער נאַריש פֿון מענטשן צו אַנטלויפֿן איינער פֿון צווייטן בלויז דערפֿאַר, ווייל ער אָדער זי איז פֿאַרהייראַט — האָט באַראַש געזאָגט און אַ קוק געטאָן אויף איר צו זען ווי עס ווירקן אויף איר זיינע ווערטער.

— אה . . . — האָט זי געזאָגט פאַרוואונדערט און באַראַש האָט ניט געוואוסט, צי די פאַרוואונדערטקייט איז אַ נאַטירלעכע, אָדער אַ געמאַכטע.

— דער ציל איז דאָך דערזעלבער — האָט ער פאָרטגעזעצט — צו דערנענטערן זיך צום געליבטן מענטשן און טיילן מיט אים אַ טייל פון אייגן לעבן, פון געמיינשאַפטלעכע טרוימען. פאַרוואָס זשע מוז די הייראַט שטערן? אויב באַזונדערע גלויבנס אין באַזונדערע קונסטן אָדער אידייען דאַרפן ניט שטערן, טאָ וואָרום מוז הייראַט שטערן?

— איר מיינט עס? — האָט זי נאָך אַלץ פאַרוואונדערט געפרעגט.

— זיכער מיין איך עס.

— איך בין ניט פון דעם טיפ פרויען, מיסטער באַראַש . . . — האָט זי שטיל געזאָגט.

— אַ, אַנטשולדיקט, מיס באַרנאַרדאַ! — האָט ער זיך געוואָלט צעלאַכן — איך האָב ניט געמיינט מיט מיינע ווערטער צו אינסינואירן און פאַרבינדן מיט זיי אייך, אָדער זיך. דאָס איז געווען בלויז אַן אַבסטראַקטער געדאַנק, אַן אמת, וועלכן מ׳דאַרף ניט אַפּלייקענען און פאַרצוימען, ווען ער בעט זיך אַרויסגעזאָגט צו ווערן.

— איך האָב ניט געוואוסט, אַז איר זענט אַזוי . . . פריי געניגט

— האָט זי שוין אויך אַ שמייכל געטאָן און באַראַשן איז געפעלן געוואָרן איר חנעוודיקע שעמעוודיקייט.

— איך האָף אַז מיין . . . פריי־געדאַנקלעכקייט שרעקט אייך ניט אָפּ פון מיר? — האָט ער געזאָגט אין אַ שפּאַסיקן טאָן.

— ניין, עס שרעקט מיך ניט. איך בין אָבער דערצויגן געוואָרן אַנדערש.

— און מעג איך אייך פרעגן, מיס באַרנאַרדאַ, צי וואָלט אייך אייער דערציאונג ניט געשטערט צו הייראַטן מיט אַ מענטשן פון אַ פרעמדער רעליגיע . . . ווען עס טרעפט זיך אַזאַ מענטש?

— יעדע רעליגיע איז מאָראַליש — האָט זי אומדירעקט געענטפערט.

— אויך פרייהייט פון געדאַנק און פון ליבע קאָן זיך שטיצן אויף גלויבן און זיין מאָראַליש, אפשר נאָך מיט מער באַרעכטיקונג ווי רעליגיע, ווייל עס האָט ניט צו טאָן מיט מיסטיציזם און מיט אָבערגלויבן. עס האָט צו טאָן מיט קלאָרן זין, מיט שכל און מיט די געזעצן פון דער נאַטור.

— אפשר . . . אָבער הייראַטס מאָראַל איז אַ העכערע מאָראַל.

— איך צווייפל — האָט באַראַש געזאָגט.

— איר צווייפלט? — האָט זי געפרעגט פאַרוואונדערט.

— דענקט איר דען, אַז די הייראַט מיט אייער מאַן און אייער לעבן

מיט אים, פון הויז צום געשעפט און פון געשעפט צום הויז, אַ לעבן, פאַר־שקלאַפט מיט אייפערזיכט, איז געווען „העכערע מאָראַל״ . . . ?

— איך . . . ווייס ניט . . . — האָט זי, טראַכטנדיק אַ ווײַלע, געענטפערט.

— איר זעט, אַזוי זענען מיליאָנען מענטשן פאַרבונדן אין דעם בונד, וואָס איר מיינט, אַז ס׳איז העכערע מאָראַל. און גלייבט מיר — די בענקעניש פון פרוי צו מאַן און פון מאַן צו פרוי, מעג זיין אפילו ניט פאַרבונדענע דורך רעליגיע און געזעץ, אָבער פאַרבונדענע אין נאָענטע, אינטימע און מענטשלעכע באַציאונגען, איז אַסך מאָראַלישער ווי די הי־פּאָקריטסטוואָ פון לעגאַלער היראַט.

— איר זענט אַנטוישט אין אייער היראַט ? — האָט זי געשטעלט די פראַגע מיט אַ טאָן פון מיטלייד.

— ניין, איך בין ניט אַנטוישט, ניט אַנטוישט אינדיווידועל. כ׳האָב אָבער דאָ אינזינען געהאַט אַרויסצוברענגען, אַז אפילו אין פאַרהייראַטן לעבן, צי עס איז גליקפול צי ניט, איז נאַטירלעך און אויך מאָראַליש פאַר־כאַפּט צו ווערן פון געוויסע מאָמענטן אין אינטימקייטן אין לעבן, וואָס קומען צו אונדז ווי חלומות.

— איך פאַרשטיי אייך, מיסטער באַראַש, און איך האָב אַסך צוטרוי צו אייך. ווען איר רעדט, ווייזט זיך מיר אויס, אַז איר זענט עפּעס מער ווי גלאַט אַ מאָלער בײַ בערמאַנען. איר קוקט אויס און איר רעדט, ווי אַן אמתער קינסטלער.

—חוץ מאָלער בין איך אויך אַ שרייבער, מיס באַרנאַרדאָ. אָדער אפשר פאַרקערט: חוץ שרייבער, בין איך אויך אַ מאָלער.

— איר זענט אַ שרייבער ? וואָס פאַר אַ שרייבער ? — האָט זי זיך פאַרוואונדערט.

— איך שרייב ביכער און איך דרוק זיך אין זשורנאַלן און אין צייטונגען.

— טאָ פאַרוואָס אַרבעט איר אין שאַפּ ?

— מיס באַרנאַרדאָ . . . — האָט באַראַש פּרובירט צו געפינען אַן ענטפער — עס וואָלט גענומען צו לאַנג צו דערקלערן אייך די באַזונדערע לאַגע פון אַ יידישן קינסטלער־שרייבער. עס איז אַ ספּעציפישער באַרוף און קאַריערע, אָן לוין כמעט. דערווײַלע האָב איך אויפגעדעקט פאַר אייך אַ סעקרעט, וואָס קיינער אין שאַפּ ווייסט ניט און דאַרף ניט וויסן.

— פאַרוואָס ניט ?

— ווייל, ווען איך בין בלויז מאָלער אין שאַפּ, בין איך אַ גאַנצער מענטש, אַ נאָרמאַלער מענטש, כמעט — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל — און דאָס איז געזונטער פאַר מיר.

— איך פֿאַרשטיי . . . — האָט זי געזאָגט און אָנגעשטעלט אויף אים אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן.

זיי האָבן געגעסן זייער מאָלצייט און, טרינקענדיק שוין די קאַווע, געפֿירט פֿאַרזיכטיק דעם געשפּרעך איבער דעמזעלבן צירקל, וואָס זיי זענען שוין דורכגעגאַנגען. און פֿראַזן, ווידערהאָלונגען פֿון פֿריער, זענען אַלץ נענטער און נענטער געקומען צו אַ ברעג — ווי אַ נאָדל פֿון אַ גראַ־מאָפֿאָן קומט צום ברעג און צו אַן ענדע איבער די צירקלען פֿון אַ פּלאַס־טינקע. און איינדרויסן שוין, באַם געזעגענען זיך, האָט זי געדריקט זיין האַנט און געקוקט אויף אים טריב.

— ביז מאָרגן — האָט ער געזאָגט.

— ביז מאָרגן — האָט זי אויך געזאָגט און דערנאָך שטיל צוגעגעבן: — איך וועל האָבן אַ גאַנצע נאַכט צו טראַכטן וועגן אייערע רייד. נאָך אַלעמען . . . מיר זענען אַלע מענטשלעך . . .

ער האָט איר נאָכגעקוקט און געטראַכט, ווי שיין עס זענען די פֿליגל פֿון באַגער און פֿון טרוים, ווי שווער אָבער עס איז די לאַסט, וואָס זיי דאַרפֿן אויפֿהייבן אין זייער פֿלי . . . צו דערפֿליִען . . .

ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט ער דערציילט אַדאַן וועגן דעם געשפּרעך. און כאָטש אַדאַ האָט געשמייכלט, האָט ער אָבער אין איר בליק געזען דעם שאָטן פֿון פֿאַרדאַכט, פֿון ניט־צוטרוי און אומצופֿרידנקייט.

— איך בין זיכער, אַז ניט אַלץ וועגן וואָס איר האָט גערעדט, האָסטו מיר איבערגעגעבן — האָט זי געזאָגט.

— מעגלעך, אַז ניט אַלץ — האָט ער געענטפֿערט. און ער האָט געוואוסט, אַז ס׳איז אַזוי. אין אונטערבאַוואוסטזיין און אפֿילו אין דעם באַוואוסטזיין, האָט עפּעס קאָנטראָלירט און געוואָרנט: גיי פֿאַרביי די טיפֿע, אינטימע, פֿאַרבאָרגענע קנייטשן און ניואַנסן פֿון דעם געשפּרעך . . . גיי פֿאַרביי און פֿאַרגעס, און דערמאָן ניט אפֿילו די פּלאַטערדיקע שטימונגען אין ריטם פֿון בענקענדיקן האַרץ פֿון אַ פֿרוי . . . גיי פֿאַר־ביי . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

אין אַ זונטיק אינדערפֿרי, ווען באַראַש איז אויפֿגעשטאַנען און ער האָט דערזען, אַז דער האַרבסטיקער פֿרימאָרגן איז ליכטיק און אין דער קלאָרער דורכזיכטיקייט זעען זיך אינדערווייטנס די קאָנטורן פֿון די הימלקראַצערס, איז ער צוגעגאַנגען צו עוואַס געלעגער און ער האָט זי אויפֿגעוועקט.

— שטיי אויף, מיר פֿאָרן דאָך היינט צו דער „סטעטשו אָף ליי־בערטי״, עוואַטשקאַ.

זי האָט גלייך גענומען אָנטאָן זיך. דאָס אַרויספאָרן מיטן פאָטער איז פאַר איר געווען אַ יום־טוב, ווייל עס פלעגט ניט פּאַסירן אָפט. אָבער מיט אַ פּאָר אַוונטן פריער, ווען זיי האָבן געהערט אויף דער ראַדיאָ אַ מוזיקאַלישע רעציטאַציע וועגן דער „סטאַטוע פון פרייהייט", האָט באַראַש געטראַכט, אַז ס'איז אַן אומפאַרגעבלעכע שולד פון זיין זייט, וואָס ער נעמט ניט עוואן אָפטער צו זען און צו באַקאַנען זי מיט די היסטאָרישע און אפילו בלויז קאָנסטרוקטיווע מאָנומענטן פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע און ציוויליזאַציע. זי לייענט, זי פאַרשטייט, און זי שטעלט אָפט פראַגן, אויף וועלכע ער אַליין קאָן ניט ענטפערן אָפט. אָבער איר גאַנצע יוגנטלעכע לעבנס־פעריפעריע איז באַגרענעצט מיט ביכער, מיט קינאָס, מיט דער שול און מיט דעם פּאַרק נעבן הויז. און דאָס, וואָס זי ווייסט וועגן ניו־יאָרק און וועגן אַמעריקע, קומט פון די לערנביכער און אָט דער אַבסטראַקטער וויסן ווערט מיט דער צייט אויסגעוועפּט און פאַרגעסן. באַראַש האָט אויך געטראַכט, אַז אפילו ער אַליין און די גרעסטע צאָל פון דער יידישער און ניט־יידישער עמיגראַנטישער באַפעלקערונג, ווייסן זייער ווייניק וועגן זייער נייער היים אַמעריקע, ווייניקער אפילו, ווי עס ווייסן זייערע יונגע קינדער.

האָט ער באַשלאָסן, אַז אויב ער קאָן ניט אויספירן צו באַקאַנען זיך אַליין מיט די אינטערעסאַנטע מאָנומענטן און רעליקוויעס פון דעם אַמעריקאַנעם לאַנד און געשיכטע, וועט ער, אַמווייניקסטנס, באַקאַנען עוואן כאָטש מיט דעם, וואָס איז אַזוי נאָענט, אין דער סאַמע שטאָט, וואו זי לעבט איר לעבן.

אַדאַ איז געבליבן איינדערהיים און ער מיט עוואן זענען אַוועקגעפאָרן. און דער אַרויספאָר מיט איר האָט געמאַכט אויף אים אַ באַזונדערן איינדרוק. ער האָט שטענדיק ליב געהאַט צו קוקן אויף איר, באַאָבאַכטן זי, ווי זי זיצט, ווי זי לייענט, ווי זי שפּילט פּיאַנאָ, ווי זי טאַנצט; און צו דעם פאַרטעלעכן געפיל פון ליבע, פלעגן זיך צוזאַמענפליען געדאַנקען, וואָס האָבן דערמאָנט, אַז זי וועט טראָגן דעם שטראָם פון זיין בלוט ווייטער, וויטער אין דער צוקונפט אַריין. ער האָט געוואָלט גלייבן, אַז בלויז אין דער איבערגעבונג פון יעדן כאַראַקטעריסטישן ניואַנס פון זיין יעדן אַטאָם פון קערפּער, ווערט אויך זיין גייסט, זיין נשמה איבערגעגעבן אין דער צוקונפט אַריין און ווערט אומשטערבלעך. דער ציניקער־פילאָזאָף אין אים האָט אָבער געלאַכט און געשפּאָט: נו און דו? האָסטו אויך מיטגעבראַכט אין דיין לעבן אַריין די כאַראַקטער־שטריכן פון דיינע עלטערזיידעס? און אויב דו האָסט עס יאָ מיטגעבראַכט מיט זיך, איז מיט וואָס ווערט זייער אומשטערבלעכקייט רעאַלער, טרייסטפולער און זינפולער פאַר זיי, די אַוועקגעגאַנגענע אין דער אייביקייט?

ווייסן זיי וועגן זייער עקזיסטענץ אין דיר? ווערטו וויסן, אַז דו לעבסט אין דיין אוראייניקל, ווען פון דיין געביין וועט שוין גאָרניט, גאָרניט ניט בלייבן?

באַראַש האָט אָבער ניט געוואָלט צוגעבן, אַז עס בלייבט גאָרניט, אַבסאָלוט גאָרניט און ער איז געווען איבערצייגט, אַז ער טראָגט אין זיך פּאַרט שפּורן און כאַראַקטער־שטריכן פון זיינע זיידעס און אַז אַ טייל פון אים, פון זיין בלוט און פון זיין גייסט וועט דורך עוואַן געטראָגן ווערן ווייטער אין לעבן אַריין.

דידאַזיקע געדאַנקען האָבן אים צוגעבונדן צו איר און, אַז עס פלעגט אַמאָל טרעפן און זי איז קראַנק געוואָרן, פלעגן אים באַפאַלן טונקעלע געדאַנקען און יעדער קלאַפּ פון פולס, און יעדער ציטער פון אירע ליפּן האָט אים אָנגעפילט מיט טיפער צערטלעכקייט און מיט גרייטקייט אַוועקצוגעבן דאָס לעבן פאַר איר. אָבער אין די טעג פון איר נאָטירלעכער און געזונטער אַנטוויקלונג, ווען איר געלעכטער האָט אָפּגעהילכט אין די צימערן, און אירע ווערטער און לידער אין דער שפּראַך פון לאַנד האָבן זיך געגאָסן אין אַ פרייען און פריידיקן שטראָם, גראַדע אין דידאָזיקע מאָמענטן פלעגט אים אַרומנעמען אַן אומהיימלעך געפיל און ער האָט געטראַכט, אַז ניין, ניט זי, די טאָכטער זיינע, וועט טראָגן מיט זיך אין די דורות אַריין זיין וואָרט — דאָס יידישע וואָרט, זיין ליד — דאָס יידישע ליד. ניט זי. ער האָט עס געזען און ער האָט עס געוואוסט. ווען ער פלעגט אַמאָל פאַרלייענען עפּעס פאַר אַדאַן, אָדער פאַר אַ גאַסט, אַ קאָלעגע, פלעגט ער שפּירן אין איר קינדערישן בליק אַ פרעמדקייט און עפּעס אַ פאַרשעמטקייט, עפּעס אַן אומגעדולד און נערוועזיטעט.

און שטייענדיק שוין מיט איר אין דעם טאָג באַ דער „סטאַטוע פון פרייהייט" האָט ער געטראַכט: און וואָס וואָלט געווען, ווען זי גייט שוין דורך דאָס לעבן מיט דעם יידישן וואָרט, אָט אַזוי ווי ער? וואָלט דאָס יידישע וואָרט אירס געהאַט מער וואָג, ווי איר וואָרט אין ענגליש, וואָס פאַראייניקט און פאַרשמעלצט מיליאָנען מענטשן? וואָלט איר ווירדיקייט געשטיגן העכער און איר גליק וואָלט געווען פולקאָמענער? ער האָט ניט געוואוסט וואו עס ליגט דער אמתער זין פון זיינע צווייפלונגען.

דער טאָג מיט איר האָט אים אָבער אָנגעפילט מיט אַ געפיל פון חוב, מיט דעם אומבאַגרייפלעכן זיך, וואָס פאַרבינדט פאָטער און קינד, מיט דעם זין וואָס ציט זיך פון בראשית אין דער אומענדלעכער איביקייט אַריין. ער האָט געקוקט אויף איר, געקוקט אויף דעם סימבאָל פון פרייהייט און אויף דעם ווייטן האָריזאָנט, וואו עס האָט זיך פאַראייניקט הימל און אָקעאַן און אין מוח האָבן זיך געצויגן די ווערטער:

„. . . אין שפּאַניע, אויף די פעלדער צווישן טאָלעדאָ און אַלקאַזאַר, ליגט מיט אַ צעשאָסענער ברוסט דער יונגער אידעאַליסט און קעמפער, מיכל באַראַש . . .״

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

באַראַש איז נאָך דער אַרבעט געפאָרן צום בוכבינדער נעמען עט־לעכע קאָפּיעס פון זיין ערשט־דערשינענעם בוך „לבנה־ליכט אין בלוט״. ווען ער איז געפאָרן אַהיים, האָט ער געהאַלטן די ביכער אויף די קני, געקוקט אויף זיי און געפרייט זיך, וואָס ענדלעך איז דערשינען דאָס בוך, וואָס האָט געטראָגן מיט זיך דעם לעצטן סך־הכל פון זיין וועלט־אנשויאונג. טונקעלע געדאַנקען האָבן אָבער געפלאַטערט איבער אים ווי שוואַרצע פליגל און ער האָט געהערט זיך אַליין רעדן: נו, אָט, אַ ניי בוך, אַ בוך, וואָס פירט דורך דערנער צום נאָרס גן־עדן. נו, נאָך אַ בוך! . . . אָבער . . . איז דאָס בוך, ווירקלעך, וויכטיקער פון אַ קאָנקרעטן פאַרזיכערטן עקאָנאָמישן באַדן? איז ניט די קונסט דיינע, און קונסט בכלל, דער מיקראָב, וואָס פאַראורזאַכט גלייכגילטיקייט און אַפּאַטיע צו דעם מאַטעריעלן וואוילזיין פון לעבן? אַזוי האָט ער גע־רעדט צו זיך און געוואוסט, אַז דער ענטפער ליגט ערגעץ אין זיין הינ־טערבאַוואוסטזיין און שווייגט. און נאָך טיפער אין אים האָבן באַאומ־רואיקט געפילן, וואָס זענען געווען די וואָרצלען צו די געדאַנקען; גע־פילן, וואָס זענען געווען ענג פאַרבונדן מיט אַדאַס באַציאונג און צוגאַנג צו זיין פערזענלעכן, אינדיווידועלן אַרט שאַפן. איר צוגאַנג איז געווען אַ פשוטער, אָן פּראָפעסיאָנאַל־קינסטלערישע פּרעטענזיעס, אָבער טריי צום אינטואיטיוון אמת. און, ווי ער האָט ניט געשעצט אירע טרעפלעכע באַמערקונגען וועגן זיין שאַפן, פלעגט אים אָבער פאַרדריסן איר איינ־זייטיקער און צו־פערזענלעכער צוגאַנג צו די העלדן פון זיינע ווערק. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז אין דעם איז שולדיק די נאַענטקייט, וואָס האָט געשטערט דער פּערספּעקטיווע און אויך די כאַראַקטערן און פאַ־סירונגען אין וועלכע זי האָט שטענדיק געפונען אים אַליין און זיינע פער־זענלעכע איבערלעבונגען. און שולדיק אין דעם איז אויך געווען דער אונטערשייד צווישן איר און זיין אויפנעמען פון דער מאָראַל און עטיק פון מענטשן בכלל און פון שרייבער איבערהויפּט. און דער אונטערשייד איז געלעגן ניט אין דעם אַבסטראַקטן בליק, נאָר אין איר ספּעציפישן צוגאַנג צו אים, צו באַראַשן, און צו זיין אַרט דענקען און שאַפן, וואָס איז אַפּט אַוועק ווייט פון די אָנגעצייכנטע סטעזשקעס, אויף וועלכע די אָפי־ציעלע, טראַדיציאָנעלע מאָראַל האָט געפירט. און גראָד אין זיין דרייסט־קייט און אין דער אויפריכטיקייט פון געדאַנק, האָט זי געזען די ווילנ־

לאַזיקייט פון אַ מאַן, וואָס קאָן ניט און וויל ניט ביישטיין די נסיונות פון געדאַנק און פון טאַט.

— עס איז בלויז די עסטעטישקייט דיינע אין דיין שרייבן, וואָס איז ווערטפול. ניט די עטישקייט — האָט זי אים איינמאָל געזאָגט. — דיינע געדאַנקען און דיינע טאַטן גייען אפשר האַנט אין האַנט, זיי דינען אָבער דיר זעלבסט, ניט דער מענטשהייט, ניט דער וועלט.

ער האָט געלאַכט מיט ווייטיק:

— אָבער אַ שרייבער טאָר ניט און דאַרף ניט שרייבן לויט דעם פּלאַן פון אַ מאָראַל. אַ שרייבער איז אויך מענטש און ער דאַרף ניט ווערן מאָראַל־פּרעדיקער און מאַרטירער און ער טאָר ניט גלייבן, אַז בלויז יענע מאָראַל, די אָנגענומענע מאָראַל, איז די עכטע, די אמתע מאָראַל.

— אַ קינסטלער דאַרף אינספּירירן מיט זיין אייגענעם אַרט לעבן, דעמאָלט גלייבט מען אים — האָט זי אַרגומענטירט.

— אַ קינסטלער און אַ פּירער און יעדער מענטש קאָן אַמאָל איבּ־ספּירירן מיט זיין אייגענעם אַרט לעבן און מיט זיינע טאַטן — האָט ער איר געענטפערט — און ס׳איז אודאי גוט, ווען דאָס לעבן פון אַ קינסטלער לייגט זיך אויס אַזוי, אַז די עפּיזאָדן און די טאַטן פון זיין לעבן ווערן מוס־טערן פון העכערן גייסט. ווי אָפט טרעפט אָבער, אַז דו לייענסט אַ קינ־סטלעריש בוך און דו ווייסט אַבסאָלוט גאָרניט וועגן דעם שרייבער, דו ווייסט ניט ווי אַלט ער איז, דו ווייסט ניט אפילו צי ער לעבט צי ער איז טויט. ווערט שוין דאָס בוך אויס קינסטלעריש און אויס ווערטפול, ווייל דו ווייסט גאָרניט, אַבסאָלוט גאָרניט וועגן דעם דיכטער? ניין, קונסט האָט איר אייגענע שפּראַך און זי רעדט פאַר זיך. ווייל אַלס מענטש, איז דער קינסטלער אונטערגעוואָרפן צו אַלע געזעצן פון דער נאַטור און אין דער קונסט דאַרפן עקזיסטירן דיזעלבע געזעצן, דע־מאָלט איז די קונסט עכט און אמתדיק.

אַזוי פלעגט ער אָפט רעדן צו איר, ווייל זייער אָפט פלעגן זיי באַ־רירן דידאַקטישע פראַגן. און אויף דעם פאָרוואורף, אַז אין דעם שאַפן איז ער באַאיינפלוסט מער פון עסטעטישקייט ווי פון עטישקייט, פלעגט ער איר ענטפערן, אַז אין דער דערהייבונג פון עסטעטישקייט קומט אויך עטישקייט.

און אין דער זכעניש און אין דער אַנרעגונג פון פראַגן און פון ענטפערס, פלעגן זיך זיינע שטימונגען טראָגן ווי וואָלקנס אונטער אַ שיי־נענדיקער זון — טונקעלער און שווערער פעסימיזם אונטער אַ ליכטיקן אָפּטימיזם. און איצט, טראַגנדיק מיט זיך דעם ערשט־דערשינענעם בוך, איז ער אַריינגעקומען אין הויז ווי אַ שולדיקער, צוגעגאַנגען צו אַדאַן

און דערנאָך צו עוואַן, געקושט זייביידן און, אַנטוויינדיק אויף די ביכער, געזאָגט:

— אָט זענען זיי. איך בין געפאָרן צום בוכבינדער נעמען אַ פּאָר קאַפּיטעס... אָט...

ער האָט צוגעטראָגן אַ בוך צו אַדאַן. האָט זי גענומען דאָס בוך, געבלעטערט עס און דערנאָך, ווי דערמאָנענדיק זיך, האָט זי אים אַרומ־גענומען און האָט אים אַ קוש געטאָן.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, געקוקט אויף איר, ווי זי מישט ווידער די בלעטלעך אָבער די שטימונג זיינע איז שוין געווען אַ צערודערטע, כאָטש אירע ליפּן האָבן געשמייכלט און אירע ווערטער, בייטראַלע און רואיקע, האָבן זיך געמיט צו אָטעמען מיט וואַרעמקייט.

ער פלעגט אָפט פאַרלייענען פאַר איר זיינע שאַפונגען, איידער ער האָט זיי אַריינגעגעבן אין דרוק, אָבער די נאָוועלע „לבנה ליכט אין בלוט" האָט ער פאַר איר ניט פאַרגעלייענט. און אינדערפרי, איידער ער איז אַוועקגעגאַנגען צו דער אַרבעט, האָט זי אים געזאָגט, אַז אין דעם טאָג וועט זי לייענען דאָס בוך. און, שטייענדיק שוין בא דער אַרבעט, האָט ער געטראַכט, אַז געוויסע קאַפּיטלען פון דער נאָוועלע וועלן זיכער אויפשטור־רעמען איר נשמה מיט פאַרדאַכט, מיט אייפער און מיט ווייטיק. ער האָט זיך שוין ניט איינמאָל איבערציינגט, אַז זיין פאַרגעפיל האָט אים אין אַזעלכע פאַלן ניט אָפּגענאַרט. און אויך אין דעם טאָג, ווען ער איז אַהיים געקו־מען, האָט ער, ווי דערוואַרט, געטראָפן זי אין אַ גרויער שטימונג און ער האָט שוין געוואוסט, אַז זי האָט אין דעם טאָג איבערגעלייענט די נאָוועלע.

דער אָוונט איז פאַרבייגעגאַנגען אין גלייכגילטיקע רייד. אָבער ווען זיי זענען שוין געווען אין בעט און בלויז די ליכט פון עלעקטרישן לאַמטערן האָט אַריינגעשיינט אין צימער, האָט זי פלוצים אַ פרעג געטאָן:

— ווער איז שעליא?

— דו מיינסט שעליא פון דער נאָוועלע? — האָט ער זי געפרעגט, פאַרשטייענדיק שוין וואוהין זי צילט מיט איר פראַגע.

— דו וואָלסט ניט געקאָנט באַשרייבן זי און די סיטואַציעס אַזוי גוט, ווען דו וואָלסט זי ניט געקאָנט אַזוי נאָענט און אינטים אין לעבן.

— דו האָסט מיר שוין ניט איינמאָל ענלעכעס געזאָגט. יעדעס מאָל, ווען איך באַשרייב אַ פרויען־כאַראַקטער, האָסטו דעם פאַרדאַכט, אַז איך האָב עס קאָפּירט פון לעבן. קאָפּירונג איז אָפט אַ שטערונג צו קינסטלערישער אָריגינאַליטעט.

— מיינסט דאָך ניט צו זאָגן, אַז זי איז אַן אַבסאָלוט פיקטיווע גע־שטאַלט און מ'קאָן ניט דערקענען אין איר שטריכן פון אַ געוויסער פערזאָן?

— אודאי קאָנסטו געפינען אין איר שטריכן, וואָס דערמאָנען אָן געוויסע פּערזאָנען — האָט ער געענטפערט.

— יאָ — האָט זי פּרובירט צו רעדן רואיק — מ׳געפינט אין יעדן בוך שטריכן פון העלדן, וואָס דערמאָנען אָן מענטשן, וועלכע מיר קאָנען, אין דעם פאַל אָבער איז די ענלעכקייט אַ ספּעציפישע. דו ווייסט עס גוט, דו האָסט אָבער ניט קיין מוט צוצוגעבן עס.

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע. זייער אָפט, ווען עס פלעגט זיי אויסקומען צו אַרגומענטירן, פלעגט זי זיך באַנוצן מיט דער פראַזע: „דו האָסט אָבער ניט קיין מוט צוצוגעבן עס״, און דאָס פלעגט אים שנײַדן ווי מיט אַ בײַטש.

— איך האָב מוט — האָט ער ענדלעך געענטפערט. — אָבער ניט שטענדיק דאַרפן מיר זיך באַנוצן מיט אונדזער מוט. אָט דאָס, וואָס דו רופסט אַזוי אָפט „מוט״, איז אין אַסך פאַלן בלויז ברוטאַליטעט און סאַדיזם.

— אָ, כאָטש גוט וואָס דו גיסט עס צו. ווילסט ניט, הייסט עס, זײַן ברוטאַל צו מיר, ברוטאַל מיטן אמת.

— זאָל זײַן אַזוי, אויב דו ווילסט עס אַזוי.

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן איר עלנבויגן, געקוקט אויף אים אַ ווײַלע און געזאָגט:

— האָסט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז אָפט דערקאָנען מיר זיך, אונדזער אמתן כאַראַקטער, דורך דעם, ווי מיר האַנדלען אין חלום. אַזוי איז אויך מיט דיר, מיטן שרײַבער. ס׳איז אפשר אַ חלום, אַ פאַנטאַזיע די גאַנצע באַוועלע דײַנע, זי דערציילט אָבער זייער אַסך וועגן וואָס און וועגן וועמען דו טראַכסט. די פאַנטאַזיע, ווי דער חלום, פאַרראַט דײַנע אמתע געדאַנקען און . . . בענקשאַפטן.

— יאָ אין דעם ביזטו גערעכט און עס איז אפילו אַ זייער טרעפלעכע באַמערקונג.

— איך ווייס, אַז איך בין גערעכט — האָט זי זיך דערפילט שטאַרקער אין איר אַרגומענטאַציע — דערפאַר זאָג איך, אַז די פּערזאָן, וועלכע דו האָסט באַשריבן, ליגט דיר טיף אין דײַן נשמה.

— איך לעבן פון מענטשן טרעפן אָפט אַזעלכע פּאַסירונגען, שולדיקע און אומשולדיקע, ווי דו וואָלסט זיי אָנגערופן, וואָס ווערן אָפט פאַרפיקסירט אין זכרון ווי אַ פילם. און פון זיך אַליין וויקלען זיי זיך פאַנאַנדער אַמאָל און עס גייען פאַרבײַ בילד נאָך בילד; און אין דער אַסאָסיאַציע פון די בילדער, פון כאַראַקטערן פון באַקאַנטע און פון אויסגעטראַכטע, הייבט זיך אָן צו פאַרמירן אַ חלום, אַ ניט־געשטויגענע, ניט־געפלויגענע מעשה, אַ ניט־געשטויגענער, ניט־געפלויגענער כאַראַקטער, וואָס ווערט אָן אמת, וואָס מיר קאָנען און וואָס מיר קאָנען ניט. אַ שרײַ־

בער ווייסט, ווי דאָס פּאַסירט, פּונקט ווי מיר פאַרשטייען ווי עס פּאַסירט אַ חלום.

— ניט שטענדיק ווייסן מיר.

— נו אַט, ניט שטענדיק ווייסן מיר — גערעכט. און ניט שטענדיק ווייסט דער שרייבער, ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט דער כאַראַקטער אין דער נאָוועלע אָדער אין דער דראַמע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן.

— מיין אינטואיציע נאַרט מיך אָבער ניט אָפּ.

— און וואָס זאָגט דיר דיין אינטואיציע?

— אפילו מיט דיין תירוץ פון אַסאָסיאַציע, בין איך דאָך איבערצייגט, אַז דיין העלדין איז דיר זייער נאָענט.

— יעדער כאַראַקטער און פּאַסירונג, וואָס איך באַשרייב, איז מיר נאָענט, ווייל עס איז אין מיר.

— איך דערמאָן זיך אָבער אין זאַכן, וועלכע דערציילן מיר איצט אַסך.

— אַשטייגער?

— אָפּט פלעגסטו אַהיים קומען שפּעט און אָנגעבן ניט־איבערצייגנדיקע תירוצים. און אַמאָל פלעגסטו אַהיים קומען אַן אומנאַטירלעך פרייլעכער און איך האָב געזען און געפילט, ווי דיינע בליקן און געדאַנקען שוועבן ערגעץ . . . ווער ווייסט וואו . . . אָפּט פלעגן זיך צעשפּילן אין דיינע אויגן פייערלעך און זיי צעשפּילן זיך אויך איצט אַמאָל, און איך בין זיכער, אַז די פייערלעך ווערן ניט אָנגעצונדן דאָרטן אין שאַפּ באַ דער אַרבעט און אויך ניט באַ די מיטינגען. פאַרקערט — פון שאַפּ און פון די מיטינגען און פון די לעקציעס קומסטו אַהיים אַן אויסגעשעפּטער, אַ מידער און נערוועזער. און נאָך אַנדערע קלייניקייטן באַמערק איך, קלייניקייטן, וואָס דערציילן אַסך.

— דענקסטו ניט, אַז די אַלע אויסגערעכנטע שטימונגען קאָנען קומען און קומען טאַקע צו אַ שרייבער, ווען ער ווערט אינספּירירט פון אַ גוטער טעמע, אָדער פון אַ גוטן געדאַנק, וואָס דערפרייט אים און פאַרוואַנדלט אים אין אַ גליקלעכן מענטשן?

— יאָ, אודאי קאָנען זיי קומען און איך ווייס ווען זיי קומען. דו אַליין רעדסט און דערציילסט וועגן דידאָזיקע אינספּיראַציעס. וועגן די רעאַלע רעדסטו ניט — דו שוויגסט.

באַראַש האָט געקוקט אויף איר און געזען איר פּנים באַשיינט פון פּאַס־ליכט, וואָס איז געפאַלן פון לאָמטערן. ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר, אַ גלעט געטאָן מיט די ליפּן איר נאַקעטן אַקסל. געבליבן ליגן, ווי אָפּגעבנדיק דעם קערפּער צו דער נאַכט, וואָס דאַרף אים נעמען און פאַרזינקען אין רו. די געדאַנקען זענען אָבער געבליבן וואַך. ער האָט גע־

וואוסט, אַז אויב ער וועט ענטפערן אַדאַן, וועט זי ווידער האָבן וואָס צו זאָגן, מיט וואָס צו רעאַגירן און זייער געשפּרעך קאָן זיך פאַרציען אַזוי ביז פאַרטאָג און ער קאָן זיך נאָך ענדיקן מיט טרערן און מיט פאַרדריסלעכער בייזקייט. איז ער געלעגן אַ שווייגנדיקער. און אַדאַ האָט אויך מער גאָרניט געפרעגט. אויך זי האָט געפילט, אַז ס'איז אפשר בעסער ניט צו פאַרציען דעם געשפּרעך טיף אין דער נאַכט אַריין, כאָטש די געדאַנקען האָבן זיך געריסן, ווי פונקען אין ווינט. זי האָט אַבער געוואוסט: עס וועט נאָך אויסקומען ניט איינמאָל צוריקצוקערן זיך צו דעמדאָזיקן געשפּרעך און די רעזולטאַטן וועלן סייווי בלייבן דיזעלבע. אין איר וועט רעדן אינטואיציע און פאַרדאַכט און אין אים — די פילאָזאָפיע פון קונסט און שאַפונג; איז בעסער רוען און שלאָפן.

באַראַש איז אָבער ניט געשלאָפן. ער האָט גערעדט מיט זיך אַליין און געפאָדערט פון זיך דעם ענטפער צו אַדאַן — דעם אמתן ענטפער. ער האָט געוואוסט, אַז זי איז ניט אינגאַנצן אומגערעכט, ער האָט אויך געוואוסט, אַז די העלדין פון דער נאָוועלע איז ווירקלעך געשאַפן געוואָרן אונטער שטימונגען, אינספּירירטע פון אַ באַגעגעניש, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אינטימער פריינטשאַפט. עס האָט מיט אים פּאַסירט: באַגעגענישן, לייכטע און ערנסטע געשפּרעכן, בליקן, ווי גאָלדענע בריקן און ווערטער, ווי פייערדיקע ראַקעטן. עס האָט פּאַסירט מיט אים, ווי עס האָט פּאַסירט מיט מיליאָנען פון זיין מין — די אייביקע, אומפאַרשטענדלעכע און אומבאַגרייפלעכע קראַפט, וואָס האָט מיט זין און מיט אומזין געטריבן דעם וואונדערלעכן קערפּער און גייסט צו ווייטע הויכקייטן און צו טיפע תהומען. און עס וואָלט ניט געהאָלפן דאָס אָפּפרעגן און דער רעוואָלט פון געדאַנק קעגן דער נאַטור — עס וואָלט געווען בלויז אַ קניסטלעכע און היפּאָקריטישע פאַרבלענדונג פון אַ מענטשן, וואָס פּרעטענדירט, אַז ער זעט ניט די העלע פלאַמען און הערט ניט דאָס געזאַנג פון בלוט. וואָרן אפילו אַ בלינדער זעט דעם שמייכל פון דער נאַטור און אפילו דער טויבער הערט די שטימע פון דעם אַלמעכטיקן עראָס.

און די, וואָס איז געוואָרן די העלדין פון זיין נאָוועלע, איז גראָדע געווען די צוגעשיקטע פון צופאַל צו פירן אים צו עסטעטישן אויסדרוק דורך דעם שטורעם פון בלוט. ער וואָלט קיינמאָל פאַר קיינעם ניט פאַרלייקנט די דאָזיקע מאָמענטן און עפּיזאָדן פון זיין לעבן — ער האָט אָבער ניט געהאַט דעם מוט צו קומען צו אַדאַן און דערציילן איר וועגן דעם. אין דעם איז זי געווען גערעכט. די מוטלאָזיקייט בא אים איז אָבער געקומען ניט דערפאַר, ווייל זיינע אייגענע געדאַנקען האָבן ניט באַרעכטיקט די טאַטן זיינע, נאָר דערפאַר, ווייל די טאַטן און די געזעלשאַפטלעכע מיינונג וועגן די טאַטן, האָבן נאָך ניט דורכגעשלאָגן פאַר זיך אַ

פרייען וועג צו אַ רואיקער פאַרשטענדעניש און זיי וואָלטן, דעריבער, אויפגענומען געוואָרן ווי הפקרדיקע, אומפאַראַנטוואָרטלעכע אַקטן פון אַ מאַן, וואָס טראָגט דעם אמת, ווי אַ באַנדיט טראָגט דאָס מעסער. און דער אמת וואָלט, ווי דאָס מעסער, אויסגעשניטן דאָס האַרץ.

שעליאַ — אַזוי האָט ער זי גערופן און אַזוי איז זי פאַרבליבן. אין בוך — שעליאַ און אין לעבן, פאַר אים אַליין בלויז, אויך שעליאַ. שעליאַ, מיט קלוגע, טיפע אויגן, אונטער וועלכע עס זענען געלעגן טונקעלע שאָטנס; מיט דעם שמייכל, ווי דער רויטער שיין פון אַ לאָמטערן אין אַ ווינטערדיקער נאַכט; מיט איר אַריסטאָקראַטישער האַלטונג און מיט באַהאַלטענע פונקען אין אירע עקזאָטיש־מיסטישע בלוט־פּאַלירטע נעגל.

שעליאַ, מיט פאַרטראַכטער שטאָלצקייט, מיט איר איינגעצוימטקייט און אומצוטרוי, וואָס האָט ווי מיט גרויע זילבערנע רייפן געהאַלטן זי איינגעפאַסט אַ שווייגנדיקע, אַ טרוימענדיקע. זי איז דערשינען פאַר אים אין אַ שטורעמדיק־סענטימענטאַלער נאַכט, מיט אַן אָנגעצונדענעם לאָמטערן — איר טרוים, צו זוכן רגעס פון מענטשלעכן גליק. דערשי־נען אין איינעם פון די רוסישע קלובן, וואוהין ער איז צופעליק פאַר־פאָרן מיט אַ כאָפּטע מאָלער און אַקטיאָרן. און עפּעס אינטימעס און פאַרשטענדלעכעס אין איר זוכעניש האָט אים גלייך צוגעבונדן צו איר. און פאַרבונדענע זענען זיי שוין געגאַנגען . . . שטילע טעג אין די מור־זייען; ליכטיקע און טונקעלע אָוונטן אין די פּאַרקן; אַמאָל רוישיקע, מיט מוזיק פאַרשכורטע נעכט אין די נאַכט־קלובן און זיסע, ביז פּיין, ביז טרויער אינטימקייט אין שאָטנדיקן צימער אויף דער אָטאָמאַנע צווישן ביכער, צווישן בלומען . . . בלומען אין זומער, בלומען אין האַרבסט, בלומען אויף דעם ווייסן שניי אין די וויכערדיקע נעכט פון ווינטער . . . שעליאַ — מיט איר אָנגעצונדענעם לאָמטערן — איר טרוים, וואָס האָט געלויכטן מיט בענקשאַפט. און די בענקשאַפט אירע האָט גערעדט אַמאָל מיט רוסישן פּאַטאָס און אַמאָל מיט מאַמע־יידיש ווערטער, ווערטער וואָס זענען פאַרפלאָנצט געוואָרן אין איר אין דער ווייטער אוקראַינע, ווערטער וואָס זענען דערהויבן געוואָרן און געלייטערט געוואָרן אין יידישן טע־אַטער, אין „טעאַליט" און אין די טרוים־אָוונטן מיט באַראַשן.

און דערנאָך — — —

די טירן פון פריינדשאַפט האָבן זיך אָנגעהויבן אַליין, פון זיך אַליין, לאַנגזאַם, לאַנגזאַם צו פאַרמאַכן זיך. און די ווינטן פון לעבן האָבן צעריסן די פאַרקניפּטע געפילן. און די לאַנג געשנירלטע, אויף דעם האַרץ געטראָגענע פּראָזן און ווערטער האָבן פאַראייבזאַמטע געטראָגן זיך ווי בלעטער אין האַרבסט און ערגעץ אין דער לופטן איז געבליבן הענגען

אַ הויִדענדיקער, צאַנקענדיקער לאַמטערן — דער טרוים. זיין טרוים — איר טרוים. אַזוי איז געשען. אַזוי געשעט שטענדיק.

שטענדיק ?

באַראַש איז געלעגן און האָט געטראַכט. און דער מורמל פון דער נאַכט האָט פאַרוויגט, פאַרוויגט . . .

שטענדיק ?

ניין, ניט שטענדיק. ווייל שוין ניט איינמאָל איז ער און אַדאַ גע־שטאַנען באַם שיידוועג און דער שטורעם איז פאַראיבער. דער שיידוועג איז געווען אפילו מער אין געדאַנק, ווי אין דער אַקטועלער ווירקלעכ־קייט — דער געדאַנק האָט אָפט רעוואָלטירט סיי באַ אים און סיי באַ איר און געשלעפט צום שיידוועג — די הערצער זענען אָבער געווען ווי צוויי פאַריאָגטע, פאַרוואונדעטע און צוזאַמענגעבונדענע פייגל אין אַ שטייג און דער שיידוועג איז פאַרבליבן ערגעץ ווייט . . . אין נעפל.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

עס האָט גענומען עטלעכע וואָכן, ביז עס איז דערשינען די ערשטע קריטיק וועגן באַראַשעס בוך. באַראַש האָט שוין געוואוסט: עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיינס אַ בוך דערשיינט און אויך ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיינע ביכער ווערן פון אייניקע געלויבט און פון אַנ־דערע אַרונטערגעריסן. דאָס מאָל איז אָבער זיין אינטערעס צו זיין אייגענעם בוך געווען אַנגעצויגן אין דערוואַרטונג. עפּעס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס וועט זיין לעצט בוך, ווייל ווי אָפּטימיסטיש און פילאָזאָפיש ער האָט זיך באַצויגן צום בוך, איבערהויפּט צום קיום פון יידישן בוך, האָט ער אָבער סוף כל סוף ניט געקאָנט באַקעמפן אין זיך זיינע אייגענע אַרגומענטן, די אַרגומענטן פון אייניקע אַנטוישטע קאָלעגן, און איבערהויפּט אַדאַס אַרגומענט — דעם שטאַרקסטן אַרגומענט. זי האָט אים שוין ניט איינמאָל צוגעפירט צום קאַסטן, וואו עס זענען געלעגן זיינע אייגענע ביכער און, אַנווייזנדיק אויף זיי, האָט זי געזאָגט: דאָס יידישע פאָלק וואַרט אויף זיי און דו האַלטסט זיי דאָ פאַרשפּאַרט אין אַ תפיסה. עס טוט מיר וויי דאָס האַרץ, ווען איך קוק אויף זיי . . .

יאָ, אים האָט אויך וויי געטאָן דאָס האַרץ, קוקנדיק אויף זיי, ער האָט זיך אָבער געטרייסט, אַז דאָס איז דער שיקזאַל ניט נאָר פון יידישן בוך. די מאָדערנע ציוויליזאַציע האָט אַוועקגעריבט פון מענטשן די בענקשאַפט נאָך טרוימען, פאַרשלאָסענע אין ביכער. עס האָט זיך אָבער געוואָלט גלייבן, אַז יעדעס בוך געפינט זיין תיקון און עס איז ניט וויכטיק ווען און וואו. און אויב דאָס בוך געפינט ניט זיין תיקון, געפינט אָבער דער

דיכטער די פרייד און דעם לעבנס־אינטערעס, שאַפנדיק דאָס בוך — און דאָס אַליין איז אויך גענוג.

דער קריטיקער, אויף וועמעס וואָרט און מיינונג ער האָט געוואַרט, האָט אונטערגעצויגן אַ סך־הכל צו באַראַשעס שאַפן און באַראַש האָט דערפילט דערפרייענדע און אויך פיינלעכע אמתן. אמתן, מיט וועלכע ער אַליין האָט געקעמפט.

דער קריטיקער ווערשין האָט צווישן אַנדערעס געשריבן:

„. . . ער (באַראַש) איז אין תוך אַ פעסימיסט. ער שטייט באַ דער גרענעץ פון אָפּטימיזם, וועלכע ער גייט קיינמאָל ניט אַריבער. ער ווייסט, אַז אויף דער צווייטער זייט גרענעץ דערוואַרט אים אַנטוישונג, אַנטוישונג, וואָס דאָס לעבן אַליין שאַפט. באַראַש האָט ליב צו שפּאַנען קעגן שטורעם. ער איז שטענדיק אין געראַנגל. ער נעמט אויף דאָס נייע, דאָס פאַר־געשריטענע, דאָס רעוואָלוציאָנערע — ער נעמט עס אָבער אויף אויף זיין אייגענעם שטייגער. ער גלייבט ניט אין דאָגמעס. און דער אמת זיינער איז באַ אים שענער און אויפריכטיקער, ווען ער איז אַ ווילדער, אַ נאַקעטער, אפילו ווען ער איז אָפּט אַן אויסגעטרוימטער, אַן אויסגע־חלומטער . . .״

און פונקט מיט אַ וואָך שפּעטער האָט דער שרייבער־קלוב אראַנ־זשירט פאַר באַראַשן אַ באַנקעט. באַראַש האָט שוין ניט איינמאָל פאַר־זוכט פון דער אַנטוישונג, וואָס קומט נאָך אַלעמען — דאָך האָט ער זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דעם כבוד און ער האָט ניט געשטערט די אָראַנזשי־רער. ווייל דער מענטש אין אים, האָט ער געטראַכט, וויל אויך אויפ־מערקזאַמקייט, זאָל זיין דאָס ביסל אויפריכטיקע אויפמערקזאַמקייט. ווייל די מענטשן, די אידישע לייענער מעסטן די ווערט און די וויכטיקייט פון אַ דיכטער און פון דעם בוך, מערסטנס, דורך דעם טאַראַראַם אַרום אים. און די ווינקלען פון דער יידישער ליטעראַטור ווערן אַזוי און בלויז אַזוי פאַרוואַנדלט אין יום־טובדיקע אַאַזיסן, וואו עס שלאָגן אַרויס קוואַלן, אָפּט פאַרסמטע קוואַלן, פון וועלכע די דורשטיקע דיכטער טרינקען.

און די קוואַלן, אין דעם אָוונט פון באַנקעט, האָבן געשלאָגן, ווי גע־טריבענע דורך אויפגעריסענע, שטיינערנע שפּיציקע סקאַלעס. מ׳האָט, ווי ס׳איז געווען צו דערוואַרטן, געלויבט דאָס בוך „לבנה־ליכט אין בלוט״; מ׳האָט אָבער אויך, מיט איבערטריבענער אָפנהאַרציקער בראַוואַדאַ, ווי ריטער, וואָס נעמען זיך אָן פאַר דעם אומבאַשטרייטן סאָציאַלן אמת אין דער ליטעראַטור, געריסן דעם פאַרהאַנג איבער באַראַשעס לעבן, וואָס איז געווען ענג פאַרבונדן מיט זיין קונסט און מיט זיין וועלטאַנשויאונג. האָט איינער גערעדט:

„. . . אין וועג פון מאָדערנעם דיכטער שטייט די סאָציאַלע צע־

ריסנקייט. און סאָציאַלע צעריסנקייט איז קאַמף. און דאָרט, וואו ס׳איז קאַמף, דאָרט טרעט מען אויף סענטימענטן. און דיכטער זענען, לײדער, ענג פאַרבונדן מיט זיי, מיט די סענטימענטן. דיכטער זענען ניט קיין בויער — דיכטער זענען אונטערצינדער; זיי צינדן אונטער מיט געדאַנ־קען, זיי קלאַפּן אין די טירן פון האַרץ און פון קאָפּ; זיי וועקן, זיי רע־אַגירן און פּראָטעסטירן; זיי זענען די בונטאַרן פון גייסט און בונטאַרן ווילן ניט און קאָנען ניט זיין פאַרשקלאַפט. דערפאַר שוועבט דאָס באַ־פליגלטע וואָרט פון דיכטער איבער דער צעריסנקייט, איבער דעם כאַאָס און מ׳טאָר ניט, מ׳טאָר ניט אַראָפּציען אים ווי אַ געפאַנגענעם פויגל און צובינדן אים צו דער אָדער צו יענער טענדענץ. לאָזט אים פריי, דעם דיכטער, וועט ער אייך ברענגען דאָס אויפריכטיקע, דאָס שיינע, וואָס באַרייכערט און פאַרשענערט אונדזער לעבן. באַראַש געהערט צו אָט דידאַזיקע דיכטער בונטאַרן און . . .״

אַ צווייטער האָט גערעדט:

„. . . עס וואונדערט מיך, וואָס באַ היינטיקע צייטן געפינען זיך נאָך דיכטער, וואָס גייען אויף קדוש־השם צוליב דעם אויסגעבלאָזע־נעם קרעדאָ „קונסט לשם קונסט״. באַראַש האָט דורך דעם העלד פון זיין נאָוועלע געוואָלט פאַראייביקן די אינטעליגענטישע אידעאָלאָגיע, די טיף־איינגעוואָרצלטע סענטימענטן פון דעם באַנקראָטירן יידישן אַריסטאָ־קראַטיזם. אַמאָל איז דאָס געווען אַ טראַדיציע צו זוכן אין דער ליטע־ראַטור רעליגיעזע מאָראַל, צו פילאָזאָפירן וועגן די אייביקע אַבסטראַק־ציעס: טויט, ליבע, געוויסן . . . און זי איז געווען, די ליטעראַטור, ווי אַ נאַרקאָטישער מיטל צו פאַרשלעפּערן זיך, צו פאַרגעסן זיך, צו פאַר־שכורן זיך מיט זיסער ראָמאַנטישקייט; אויך אונדזער אָרעמע יידישע ליטעראַטור האָט פּרובירט צו גיין אויף דידאָזיקע וועגן. אין דער פאַר־שימלטקייט האָט מען געזוכט די וואָרצלען פון יידישן גייסט; מ׳האָט אים געטובלט, דעם אָרעמען יידן, אין טויזנטער מקוות, מ׳האָט אים אָנגעטאָן אַ קאַפּאָטע און אַ שטריימל, געצויגן אַ גאָלדענע קייט אויף זיין מאָגערן בויך, ניט זעענדיק, אַז ער איז אַ פאַרהונגערטער, אַ ראַכיטישער, אָן זון, אָן לופט, אָן מוסקולן. נו, אפשר איז די צייט געווען אַזאַ — מ׳האָט ניט געזען, ס׳איז געווען פינצטער. אָבער איצט? איצט, ווען אַ שרייבער ווי באַראַש, אַ שרייבער, אונטער וועמעס פיס עס קרעכצט די ערד, אַ שרייבער, וועמעס אויגן עס זענען צעריסענע, פאַרבלוטיקטע גלידער פון דער מענטשהייט, אַ שרייבער, וועלכער האָט דורכגעלעבט דעם וועלט־שגעון — די פאַרניכטונג פון צוואַנציק מיליאָן מענטשן, אַ שרייבער, וואָס שטייט היינט צו טאָג באַם איבערברוך פון דער וועלט, פון דער מענטש־הייט און פון אַלע ווערטן — אַזאַ שרייבער האָט ניט געטאָרט לאָזן זיך

אין כאַאָס פון אייביקע אַבסטראַקציעס און נעמען גריבלען זיך אין די נשמות פון יחידים, צאַצקען זיך מיט די האָר, ווען דער גאַנצער קאָפּ איז אין געפאַר. ניין, שרייבן דאַרף מען, ניט אום צו פאַרזיסן די ביטערקייט מיט שיינער קונסט, נאָר צו מונטערן און צו וועקן צו פּראָטעסט און קאַמף. צוליב דעם דאַרף מען די ליטעראַטור און נאָר צוליב דעם דאַרף מען איצט די שרייבער. מיר ווייסן — באַראַש האָט געבראַכט זיינע קרבנות און אַ הייליקן טראַגישן קרבן — דעם זון זיינעם — אין דעם קאַמף פאַר גערעכטיקייט און פרייהייט. מיר האָפן אָבער, אַז די אַנטוישונג זיינע און דער פּעסימיזם זיינער וועט פאַרשווינדן, ווען עס וועט אויפגיין די זון פון פרייהייט און ער וועט אונדז נאָך געבן שטאַרקע, מוטיקע ווערק, וואָס וועלן דערהייבן דעם גייסט און דערפירן צו אַ ציל . . .״

עס זענען געווען נאָך רעדעס, איי־ניקע אין דעמזעלבן טאָן, אַנדערע, צו רעאַביליטירן באַראַשן און די קונסט בכלל — ביז ס׳איז, ענדלעך, געקומען די צייט פאַר באַראַשן אַליין צו רעדן.

האָט ער זיך אויפגעהויבן, געשטאַנען אַ ווײַלע, שווייגנדיק, און אָנגעהויבן שטיל און לאַנגזאַם, גלייך ווי ער וואָלט גערעדט ניט בײַ אַ באַנקעט, נאָר בײַ זיך אין צימער אין דער אָנוועזנהייט פון זיינע נאָענטסטע קאָלעגן.

„פון אַלע רעדעס — האָט ער אָנגעהייבן — שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז איך בין, אַזוי צו זאָגן, אַ דואַליסטישע פּערזאָן. פון איין זייט אידענטיפיציר איך זיך מיט דעם אַרבעטער קלאַס, אויף אַזוי פיל אויף וויפל ס׳איז נייטיק צו שאַפן די אילוזיע, אַז איך בין אַ סאָציאַלער שרייבער; פון דער צווייטער זייט האָב איך גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו פאַראייביקן דעם אַלאַ־באַראַש טיפּ, דעם ראָמאַנטיש־סענטימענטאַלן עסטעט, וואָס ציט אַבסטראַקציעס פון דעם הימל און פון דער ערד.

„ניין, מיינע פריינט, פּראָלעטאַרישע טעמעס זענען ניט גענוג צו סטימולירן דעם געדאַנק, דעם פּראָטעסט אָדער דעם קאַמף. אַ שרייבער טאָר ניט מאַכן פון דער ליטעראַטור אַ מין פּראָקרוסטוסעס בעט און, אָדער אויסציען אירע פיס, ווי עס פאָדערט, לאָמיר זאָגן, די בורזשואַזע ליטעראַטור, אָדער אָפּהאַקן אירע פיס, ווי עס פאָדערט, לאָמיר זאָגן, די פּראָלעטאַרישע קולטור. איך בין מודה (אָן אַפּאָלאָגיעס) אַז איך האָב אייבגעזאַפּט אין זיך די זאַפט פון דער אוניווערסאַלער ליטעראַטור און אַז די זאַפט איז אַריין אין מיין בלוט און זי האַלט מיך נאָך ביז היינטיקן טאָג אַ פאַרשכורטן, ווי פון אַלטן זיסן וויין. איך בין מודה, אַז די אַלטע ליטעראַטור האָט געהאָלפן אויספורעמען מיין כאַראַקטער אָט אַזוי, ווי איר קאָנט מיך. און איך בין אויך זיכער, אַז די אַלטע מייסטער פון די פאַרגאַנגענע עפּאָכעס, די ניט־פּראָלעטאַריער, זענען געווען דידאַקטיקע, וואָס

האָבן אין מיר, אויך דעם ניט־פּראָלעטאַריער, אויפגעוועקט געדאַנקען און באַלויכטן סאָציאַלע דערשיינונגען און פּראָבלעמען, וועלכע איך וואָלט אפשר אַנדערש ניט געזען. ליטעראַטור דאַרף זיין דער דערציִענדער און וועקנדער גייסט, זי האָט אָבער ליב צו קומען אַן עמאָציאָנעלע, אַ פריי־געדאַנקלעכע און טיף־קינסטלערישע דורך אַלע טירן, אָפט טירן, וואָס זענען ווי פאַנטאַסטישע, אויפגעריסענע שפּאַלטן אין די סקאַלעס פון לעבן. אַזוי וויל איך גיין, ווי איך בין געגאַנגען — דורך אַלע טירן, וואָס האָבן מיך געלאָקט. דורך אָפענע טירן און דורך פאַרשלאָסענע טירן. און דעם אמת זאָגנדיק, און ס׳איז אפשר גאַנץ נאַטירלעך, האָבן מיך די פאַרשלאָסענע טירן געלאָקט מער ווי די אָפענע; ווייל הינטער די פאַרשלאָסענע טירן איז געלעגן אַ סוד — דער סוד פון שאַפן. דער סוד, וואָס דערהייבט דעם גייסט פון שאַפער, וואָס פאַרטראָגט אים, ווי מ׳זאָגט עס, אויף די פליגל פון אינספּיראַציע, צו די הויכקייטן, וואו עס שוועבט דאָס עטישע און עסטעטישע און צו די טיפקייטן, וואו עס קריכט דאָס מיאוסע, דאָס היפּאָקריטישע, דאָס אַבנאָרמאַלע און דאָס בעסטיאַלע. איך בין ניט אַזוי נאַאיוו צו גלייבן, אַז ליטעראַטור דאַרף זיך דערהייבן בלויז אויף די פליגל פון אינספּיראַציע און איר ווייסט אויך זייער גוט, אַז אין מיין שרייבן בין איך ניט דער צעקראָכענער סענטימענטאַליסט, וואָס אַפּעלירט און אָפּערירט בלויז מיט עמאָציאָנעלע ענג־אינדיווידועלע ניואַנסן און כאַראַקטעריזאַציעס און סיטואַציעס; איך ווייס אָבער, אַז מענטשן, צו וואָס פאַר אַ קלאַס זיי זאָלן ניט געהערן, האָבן פיינט זאַמד צווישן די ציין און איעדער פון אונדז האָט ליב בלומען און ראָמאַנטישקייט, סיי אין דער ליטעראַטור און סיי אין לעבן. עס איז אומעטיק צו שרייבן אייביק וועגן שאַפּ; ווייל דער שאַפּ איז גרוי און די פּיקעט־לייַן איז גרוי, און אפילו דאָס לעבן איז גרוי, גרוי, ניט קוקנדיק אויף דעם איבערטריוולישן ספּעקטאַקל פון עקספּלאָדירטע שטעט און פון מיליאָנען צעריסענע לעבעדיקע וועזנס. אונדז פעלט, מיינע פריינט, עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז אין אמתדיקן וואָרט און אין דער ראָמאַנטישקייט פון טאַט. זוכן בלויז רעוואָלט און טאַט אין דער ליטעראַטור — איז אַ טעות. אַ לעבעדיקער געראַנגי, אַ באַטווין, אַ לעקערט האָבן געפאַנגען די פאָלקס פאַנטאַזיע מער, ווי טויזנטער פּראָלעטאַרישע ווערק. און די מאַרסעליעזע האָט געצונדן מיט טויזנטער פייערן דורות נאָך דורות און ניט מיט די ווערטער, נאָר מיט דער שענקייט, מיט דער מוטיקייט פון קלאַנג, פון דער מעלאָדיע. און זאָלן מיינע ווערטער ניט אויסגעטייטשט ווערן, אַז איך האַלט, אַז ליטעראַטור דאַרף ווערן אַ מין נאַרקאָטישער מיטל, צו פאַרשלעפערן מיט ראָמאַנטישקייט, כדי צו פאַרגעסן, אַז עס עקזיסטירט אַ גרויסע, אומגערעכטע וועלט. יאָ, מיינע פריינט, איך האָב ליב די ראָמאַנטישקייט און

די עלעגאַנץ פון געדאַנק און פון טאַט, צי דאָס איז אין דער ליטעראַטור, צי דאָס איז אין דער מוזיק, אין טאַנץ, אָדער אין מאַלעריי. ווייל זי איז שיין, ווי עס זענען אָפט שיין די אויגן פון אַ פרוי הינטער אַ האַלב־דורכזיכטיקן וואוואַל. דאַרף מען אַזאַ ליטעראַטור און דאַרף מען אַזעלכע שרייבער ווי איך? איך נעם זיך ניט אונטער צו ענטפערן אויף דעם. ווייל ניט מיין ענטפער און אויך ניט אייער ענטפער וועט זיין און פאַרבלייבן דער אַנטשיידנסטער און דער סאַמע אמתדיקער אין דער אייביקער דעבאַטע וועגן קונסט. איך ווייס אָבער, און איך זאָג צו זיך: איך בין אַ שרייבער, ווייל איך האָב די פעיִקייטן אויפצונעמען און אויסצודריקן אַלגעמיין־סאָציאַלע און אינדיווידועל־מענטשלעכע פּראָבלעמען און דורך מיין וואָרט אָנרעגן דעם מוח און אָנווייען וויזיעס, וואָס פירן אפשר צו עפּעס אַ וועג, צו עפּעס אַ ליכט; איך בין אַ שרייבער, ווייל איך וויל, אַז דורך מיינע אייגענע ראַנגלענישן זאָל דער מענטש, דער לייענער דערקאָנען זיך אַליין און ער זאָל פּרובירן גלייך מיט מיר צו זוכן און צו געפינען אַן ענטפער צו די פּראָבלעמען פון אונדזער רעאַלן און מיסטישן לעבן; איך בין אַ שרייבער, ווייל עס ווילט זיך מיר זיין דער טרובאַדור און טריבון, דער דיכטער און דער קעמפער פאַר גערעכטיקייט, פאַר פרייהייט און פאַר שענקייט אין לעבן, ווייל דאָס וואָרט איז געוואָרן מיין וואָפן און שאַפן איז געוואָרן דער אינהאַלט און דער זין פון מיין לעבן . . .״

ווען ער האָט פאַרענדיקט און ער האָט אַרומגעקוקט דעם עולם פון באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, האָט ער אין אייניקע אויגן געלייענט פריינטלעכקייט און פאַרשטענדעניש, אין אַנדערע — קריטישן פאַרוואורף און אַנטוישונג און אין דער מערהייט — גלייכגילטיקייט און מידקייט. קיין סך ביכער האָט מען ניט פאַרקויפט און שאַפיר, אַ יונגער דיכטער און איינער פון זיינע פאַרעהרער, האָט זיך אונטערגענומען אַהיימצופירן אים און אַדאַן און אויך דאָס פעקל ניט־פאַרקויפטע ביכער.

און ווען ער איז אַהיימגעקומען מיט אַדאַן, איז שוין געווען גאַנץ שפּעט, זיי האָבן אָבער נאָך לאַנג גערעדט און דיסקוטירט די באַגריסונגען און די רעדעס פון די שרייבער. אין אַדאַס ווערטער האָט אָבער באַראַש געפילט ביטערקייט. זי האָט ווי מיט אַ שאַרפן לאַנצעט אָפּגערירט און געשניטן יעדן געדאַנק זיינעם און אַן אויסגעשעפּטער און מידער האָט ער נאָכגעפאָלגט איר געשיקטקייט צו אינטערפּרעטירן די פראַזן פון זיינע קאָלעגן און אַזוי אַרום שאַפן אַ בילד פון אים, אַ קאַריקאַטורע פון אַ סענטימענטאַלן, צעקראַכענעם פאַרשוין, וואָס האָט זיך דורך דער נאָוועלע, דורך זיינע געדאַנקען וועגן זיך, וועגן לעבן, וועגן ליבע און וועגן פרויען, אין דעם ליכט פון ראָמאַנטישקייט, אַנטבלויזט זיין נשמה

און געוויזן זי פֿאַר דער וועלט אַ נאַקעטע. אָ, ניט אומזיסט האָט ער דערמאָנט די שיינע פּרויען־אויגן הינטער אַ וואואַל. זי ווייסט זייער גוט וועמען ער האָט געמיינט און זיי אַלע ווייסן אויך זייער גוט, ווער זי, די העלדין פֿון זיין בוך איז. און דערפֿאַר האָבן זיי ניט גערעדט וועגן איר, ניט באַרירט זי אפילו מיט אַ וואָרט. נו, זאָל זיין אַזוי. פֿאַר איר זעלבסט ליגט זיין בוך און זיין לעבן אָפֿן, אָן אַ וואואַל און זי זעט אַלץ קלאָר. זי . . .

ווי אין אַגאָניע האָט ער פּרובירט איבערצייגן זי, אַז אַ שרייבער קאָן ניט שאַפֿן דאָס לעבן און זיך זעלבסט, אָדער זיך זעלבסט אין אַ וואַקואום, וואו עס איז ניט פֿאַראַן קיין לעבן, מעג עס זיין אפילו אַן אויסגעטראַכט לעבן; אַז ס'איז שווער אָפּצוטיילן רעאַלע עפּיזאָדן און כאַרעקטעריזאַציעס פֿון פיקטיווע, ווי עס איז אוממעגלעך אָפּצוטיילן דעם גערוך פֿון דער פּרוכט, אָדער פֿון דער רויז. טיילט מען עס אָפּ — ווערט די רויז פֿאַרוועלקט, די פּרוכט צעריבן אָדער פֿאַרפֿוילט; ער האָט פּרובירט איבערצייגן זי, אַז קונסט האָט שטענדיק גענערט זיך און וועט אייביק נערן זיך מיט דער מיסטישער קראַפֿט פֿון ליבע. און ניט נאָר די קונסט, נאָר אויך די רעליגיע, דער גאַנצער וועזן פֿון דער מענטשהייט אויף דעם אומבאַגרייפֿלעכן, סעקסואַלן. און ווי גוט און אָפֿן טאָלסטאָי האָט דאָס אויסגעדריקט אין זיין „קרייצער סאָנאַטאָ". און ניט נאָר טאָלסטאָי — אויך האַמסון, אויך שעקספּיר און צענדליקער אַנדערע גרויסע קינסטלער האָבן ניט געקאָנט און ניט געפֿונען פֿאַר נייטיק צו פֿאַרלייקענען דאָס אין זייערע ווערק.

דאָס רעדן זייערס האָט געברענט ווי צוויי פֿייערן, געבלאָזן פֿון צוויי קעגנזייטיקע ווינטן. געברענט . . . און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם אויסגעלאָשן געוואָרן, לאָזנדיק טליענדיקע, רויכיקע, שוואַרצע, אָפּגעברענטע האַלאָוועשקעס — געדאַנקען און געפֿילן.

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

דער „טעאַליט" האָט עטלעכע נעכט וויברירט מיט באַראַשעס „לבנה ליכט אין בלוט" . . . ביז נייע, וועלט־צעטרייסלענדיקע פּאַסירונגען האָבן ווי טאָרנאַדאָס פֿאַרטראָגן די „טעאַליט" שטימונגען — פֿאַרטראָגן ווי בלעטער אין וויכער . . . צייטונגס־קעפּ האָבן געשריגן העכער: נאָך אַ לאַנד צעטראָטן, צעריבן, פֿאַרברענט . . . נאָך אַ פֿאָלק פֿאַרגוואַלטיקט, פֿאַרשקלאַפֿט פֿון דער נאַצי־בעסטיע . . .

דער „טעאַליט" האָט געפֿיבערט מיטן פֿיבער פֿון דער וועלט . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

מיט אַ וואָך שפּעטער, נאָך דעם באַנקעט, האָט אַדאַ דערהאַלטן אַ בריוו פֿון איר מוטער. די מוטער אירע, וועלכע האָט נאָך דעם פּאַטערס טויט געוואוינט בײַ איר אינגערער טאָכטער אין לאָס אַנגעלעס, האָט גע־שריבן, אַז זי האָט זיך צופֿעליק געטראָפֿן מיט אירער אַ קוזינע און זי, די קוזינע איז אַ באַרימטע דעזיינערין פֿון קליידער אין אַ האָליוואָודער סטודיאָ און ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז אויך זי, אַדאַ, האָט פּיאָ־קייטן אַלס דעזיינערין, האָט זי געזאָגט, אַז איצט איז אַדאַס שאַנס צו קריגן אַ שטעלע, ווײַל גראָדע איצט זוכט זי אַ פּייאיקע אַרויסהעלפֿערין. איז אויב באַראַש וועט ניט זײַן קעגן (און פֿאַרוואָס זאָל ער זײַן קעגן?) קאָן זי, אַדאַ, אַרויספֿאָרן דערווײַלע אַליין מיט דעם קינד און מיט דער צייט, ווען זי וועט זיך אַרויפֿאַרבעטן, וועט זי אויך באַראַשן אַרויסנעמען קיין האָליוואָוד.

אין איר גאַנצער אַפּאַטיע און טרויער, האָט אַדאַ אין איר מוטערס בריוו דאָך דערזען אַ שטראַל, וואָס האָט זיך דורכגעריסן אין דער פֿינצ־טערניש פֿון איר געמיט. זי האָט נאָך ניט פֿאָרמולירט און קאָנצענטרירט עפּעס אַ באַשלוס. ס'האָבן זיך שוין אָבער געריסן פּראַזן פֿון אירע ליפּן, פּראַזן, וואָס זענען געווען ווי אויסשפּירער, אויסטאַפּער אין איר טרוים, וואָס האָט ווידער דערוואַכט.

עווא האָט אויך אָנגעהויבן רעדן און טרוימען וועגן האָליוואָוד. באַראַש האָט ניט געוואָלט רעדן, ניט געוואָלט זאָגן זײַן מיינונג און שטערן איר אין אירע פֿאַרהאַנדלונגען, — געוואוסט, אַז אויב ער וועט זײַן קעגן, וועט ער צערײַסן אירן אַ טרוים, וואָס מוז זיך אויסלייזן, מיט דער־פֿאָלג צי אָן דערפֿאָלג — עס וועט קיין אונטערשייד ניט מאַכן. איז בע־סער וואַרטן, און שווייגן, און ניט מישן זיך. וואָרן דער בריוו, קאָן זײַן, איז געווען בלויז אַ צוזאָג, אַ דערמוטיקונג אין אַ מינוט פֿון מיטלייד; אַ צוזאָג, וואָס וועט מיט דער צייט אויסגעוועפּט ווערן, פֿאַרגעסן ווערן, און דאָס געמיט וועט זיך דערווײַלע באַרואיקן.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

אין אַ שבת אינדערפֿרי, ווען באַראַש איז געשטאַנען בײַ דער אַר־בעט, איז צוגעקומען צו אים מיס באַרנאַרדאַ.

— מיסטער באַראַש — האָט זי שטיל געזאָגט — איר האָט אפֿשר געלייענט, אַז מאָרגן איז די דערעפֿענונג פֿון דער אויסשטעלונג פֿון מאָ־דערנער קונסט . . . וואָלט איר אפֿשר געוואָלט גיין מיט מיר . . .

אויף אַ מאָמענט האָט באַראַש ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן אויף איר אײַנלאַדונג, ווען ער האָט אָבער דערזען אין אירע אויגן אַ געבעט, האָט ער געזאָגט:

— אויב איר ווילט, וועל איך גיין מיט אייך.

אירע אויגן האָבן אַ שטראַל געטאָן מיט פרייד און די פרייד אירע האָט אים גראָדע ניט דערפרייט. עס איז אים ניט געפעלן געוואָרן, וואָס ניט־ווילנדיק ווערט ער פון דער פרוי אַרויסגעפירט אויף איר וועג, אויף אַ וועג פון פּריינטשאַפט, וואָס קאָן נאָך סוף כל סוף פאַרשלעפּן צו נאָענט־קייט, צו סודות, צו ליגנס, וואָס וואָלטן צעשטערט די רו — זיין רו און אַדאַס רו. דאָך האָט דער פרייער געדאַנק, דער פרייער גייסט אין אים ניט געוואָלט פאַרשטופּן זיך אין אַ ווינקל און ווערן אַ געהאַרכזאַמער שקלאַף און פייגלינג.

— לאָמיר זיך טרעפן דאָרט דריי אַזייגער נאָכמיטאָק — האָט זי געזאָגט.

— גוט. איך וועל וואַרטן אויף אייך.

זי איז צוריקגעגאַנגען צו איר פּלאַץ און ער האָט געהערט, ווי זי זינגט זיך אונטער אַ פריילעכע איטאַליענישע פאָלקס־ליד.

זונטיק איז באַראַש געשלאָפן שפּעט. ווען ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער געטראַכט וועגן זיין צוזאָג צו מיס באַרנאַרדאָ צו טרעפן זיך מיט איר אין דער קונסט־גאַלעריי. געטראַכט, אַז ס׳וואָלט געווען אַסך לייכ־טער פאַר אים צו אַנטוישן מיס באַרנאַרדאָ, ווי צו זאָגן אַדאַן אַ ליגן, דעם ליגן, וואָס איז שוין ניט איינמאָל אַרויסגעקראָכן פון זיין מויל, ווי אַ דערשלאָגענער הונט און געלייגט זיך באַ אַדאַס פיס. אויך דאָס מאָל האָט ער לאַנגזאַם, ווי בעטנדיק און מיט עקל צו זיך אַליין, אַ זאָג געטאָן:

— איך פאָר „דאַון טאַון". כ׳האָב צוגעזאָגט בענדערן צו טרעפן זיך מיט אים.

— וואָס עפּעס? — האָט אַדאַ געפרעגט.

— ווידער וועגן אַ זשורנאַל. עס לאָזט ניט רוען.

— וועל איך נעמען עוואַן צו אַ מואווי — האָט אַדאַ באַשלאָסן.

ער האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַרויסגעגאַנגען פון הויז. געפאָרן אין סאָבוויי און געטראַכט, אַז ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען מענטשן וואָלטן ניט באַדאַרפט זאָגן ליגן. אויך ער וואָלט אין דעם פאַל ניט באַדאַרפט זאָגן אַ ליגן. מענטשן זענען אָבער נאָך ניט אַזוי טאָלעראַנט און גרויס־מוטיק צו קאָנען באַקעמפן אין זיך דאָס געפיל פון אייפערזוכט. און אויך אַדאַ איז מענטשלעך מיט איר אייפערזוכט און אויך ער איז מענטשלעך מיט דעם ליגן.

כאָטש דער ליגן — האָט ער געטראַכט — איז בלויז אַ האַלבער ליגן. ער האָט זיך טאַקע באַדאַרפט טרעפן מיט בענדערן און זיי האָבן טאַקע באַדאַרפט דורכשמועסן זיך וועגן אַ זשורנאַל. זיי האָבן שוין פון לאַנג פּלאַנירט אַ זשורנאַל — פּלאַנירט אַ ווינקל וואו דאָס געשאַפענע זאָל

אַוועקגעשטעלט ווערן ווי קונסטווערק אין אַ קונסט־גאַלעריע, וואו דאָס וואָרט זאָל זיך דערפילן היימיש, אינטים, אמתדיק, שיין און קינסטלעריש; וואו בלויז אויסדערוויילטע זאָלן קאָנען אַריינקומען און זאָלן זיך באַהעפטן אין דער תפילה פון שאַפן ווי אין אַ טעמפּל פון קונסט. פון אַזאַ מין זשורנאַל האָט ער און בנעדער געטרוימט. ווייל סיי ער און סיי בענדער האָבן פיינט געהאַט דעם ליטעראַרישן טאַראַראַם, דאָס גרויסע מויל פון ליטעראַרישע נגידות, ווי אויך די קליינשטעטלדיקייט און עם הארצות פון האַלב־ליטעראַרישן קאַבצאַנסק. זיי האָבן ניט געמיינט צו איבעראַשן דאָס ליטעראַרישע ניו־יאָרק מיט עפּעס אַ מין נייעם רענעסאַנס־גייסט, מיט עפּעס אַ מין נייער ריכטונג און מיט אַן אויבערליטעראַרישן אַריסטאָקראַטיזם. זיי, סיי באַראַש און סיי בענדער, האָבן בלויז געזוכט אַ ווינקל וואו ליטעראַטור זאָל קאָנען אָטעמען מיט עכטקייט און מיט אויפריכטיקייט. עס איז זיי נמאס געוואָרן דער האַנדל־וואַנדל פון די זשורנאַל־רעדאַקטאָרן, דער אייביקער קריג פון פּאַרטיי ליטעראַטן, דער כמעט דילעטאַנטישער, פון איין זייט, און דער עכט סנאָבישער צוגאַנג צו ליטעראַטור און צו דיכטער, פון דער צווייטער זייט. דער ווּאונטש צו שאַפן דעם זשורנאַל פון זייער טרוים איז אָבער, דערווייל, געבליבן בלויז אַ טרוים. און בענדער האָט ניט איינמאָל געשפּאָסט: אַך, באַראַש, מיר זענען עגאָאיסטן. וואָרן, וואָלטן מיר אַרויסגעגעבן אַזאַ מין זשורנאַל וואו בלויז די שרייבער וואָלטן געלעבט און געאָטעמט ווי דיכטער, וואָלטן די קריטיקער געהאַט עפּעס וואָס צו זאָגן. איינער וואָלט געזאָגט, אַז ס׳איז אַ זשורנאַל אָן אַ ריכטונג, דער צווייטער וואָלט געזאָגט — עס איז אַ זשורנאַל אָן אַ פּנים, דער דריטער וואָלט געזאָגט, אַז עס איז בלויז אַ נעסט, דער פערטער — אַז אַזעלכע זשורנאַלן דאַרף מען אינגאַנצן ניט, צו וואָס נאָך אַ זשורנאַל? זענען דען ניט גענוג צוויי, צי דריי זשורנאַלן פאַר דעם יידישן פאָלק? אַך, באַראַש, ס׳איז ניט גוט . . .

ווען באַראַש איז געקומען צו דער אויסשטעלונג, האָט ער דערזען מיס באַרנאַרדאָן וואַרטן אין אַ ווינקל באַ אַ בילד. ער איז צוגעגאַנגען צו איר און, געבנדיק די האַנט, דערפילט דעם דרוק פון אירע קאַלטע פינגער און עפּעס אַ פאָרגעפיל איז דורכגעלאָפן אין זיין מח ווי אַ וואָרנונג: ניט באַדאַרפט צוזאָגן און קומען. ער איז שוין אָבער געווען דאָ נעבן איר. און לאַנגזאַם, שפּאַן נאָך שפּאַן, זענען זיי געגאַנגען פון בילד צו בילד, פון צימער צו צימער, טרעפּ אַרויף און טרעפּ אַראָפּ; שטילע זאַלן מיט אַלטע מייסטערס, יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט אין דער אייביקער מלוכה פון קונסט . . . ביז זיי זענען געקומען צום צימער פון די מאָדערנע קינסטלער. זיי האָבן גערעדט שטיל און איינגעהאַלטן וועגן די מאָלער און וועגן קונסט. גערעדט, ניט־געוואַגטע, טראָפּאַרעטע, ווי

אויסגעלייענטע פון ביכער, געדאַנקען — אַזוי ער, אַזוי זי. זי האָט אָבער געטראָגן אין אירע ווערטער אַ גלויבן פון עפּעס אייגענעם, פון עפּעס רע־ליגיעזן, וואָס איז געווען פאַרבונדן אין איר דורך דער אַסאָציאַציע פון די הייליקע בילדער, געמאָלן פון די אַלטע מייסטער. ער אָבער האָט געחוזקט אין זיך. עס האָט זיך מיטאַמאָל פאַרגלוסט צו רעדן צו איר מיט ציניזם און מיט ביטול וועגן די מאָדערנע מאָלער, ער האָט אָבער ניט געוואַגט. ניט געוואַגט, ווייל ער איז ניט געווען זיכער, אַז זיין ביטול און ציניזם איז אַ באַרעכטיקטער; ניט געוואַגט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז אין זיין בליק אויף קונסט שטייט ער אַן איינזאַמער צווישן די טויזנ־טער, ברייט צעעפנטע אויגן, וואָס האָבן בלינדע געזען עפּעס אַן אַנט־פּלעקונג פון געניאַליטעט אין דער מאָדערנער סופּער־סורעאַליסטישער קונסט. טיף אָבער, אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין, האָט ער געוואָגט און גערעדט: דו! דו ביזט דאָך ניט גלאַט אַזוי אַ באַזוכער פון אַן אויס־שטעלונג. דו ביזט דאָך אויך אַ שאַפער מיט וואָרט און אַ שאַפער מיט פאַרב, דו ווייסט דאָך יאָ ווי אַ בילד ווערט באַשאַפן, דו ווייסט דאָך יאָ די שפּראַך און די פרייד פון פאַרבן, דו ווייסט דאָך יאָ דעם געדולד פון לייוונט, דעם סוד, דעם גרויסן סוד, ווי אַזוי קאָמפּאָזיציע, האַרמאָניע און פּערספּעקטיווע שפּילן אויס אין ליכט און שאָטן די סימפאָניע פון אי־לוזיע, פון אימפּרעסיע . . . טאָ וואָס שווייגסטו? פאַרוואָס פּראָטעס־טירסטו ניט? פאַרוואָס שרייסטו ניט אויס צו איר, אַז דער גרעסטער טייל פון דער אולטראַ־מאָדערנער קונסט, וואָס פאַרבלענדט מיט קוביזם, פוטוריזם און סורעאַליזם, איז בלאָף, בלאָף, קאָלאָסאַלער בלאָף! דו וואָגסט ניט. ווייל ווי טרעט מען אַרויס קעגן אַ וועלט? ווי צעלאַכט מען זיך אין פּנים פון די געטער, וואָס די מענטשהייט האָט געשאַפן פאַר זיך — געטער, צוליב קונסט־געצנדינערייַ? . . . און אפשר . . . אפשר בין איך גאָר דער אינגאָראַמוס, דער . . .

— מיסטער באַראַש . . . איר הערט ניט וואָס איך רעד צו אייך, מיסטער באַראַש — האָט מיס באַרנאַרדאַ אָנגענומען זיין אָרעם.

— אָ, אַנטשולדיקט, כ׳האָב זיך פאַטראַכט — האָט ער אויפגעוואַכט פון זיינע געדאַנקען.

— איך פאַרגיב אייך — האָט זי געזאָגט — קונסט פאַרטראָגט יעדן איינעם צו אַנדערע וועלטן.

— לאָמיר ערגעץ גיין פון דאַנען — האָט ער זי אָנגענומען באַם אָרעם — מיר האָבן שוין אַלץ געזען און וויפל מ״זאָל ניט זיין דאָ, וועט עס דאָך סיווי ניט זיין גענוג.

— אָלרייט — איז זי באַשטאַנען.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער קונסט־גאַלערייע. עס איז שוין

געווען טונקל. טויזנטער פייערן אויף די גאַסן און אין די געביידעס האָבן שוין געשפּילט די באַנאַכטיקע סימפאָניע פון ליכט.

זיי האָבן שפּאַצירט אַ ווײַלע, דערנאָך זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין אַ רעסטאָראַן און האָבן זיך אַוועקגעזעצט בײַ אַ זײַטיקן טישל. אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, אַ פּראַזע נאָך אַ פּראַזע און עס האָט זיך פאַרבונדן אַ גע־שפּרעך און אין מיס באַרנאַרדאַס ווערטער און פּראַזן האָבן זיך גענומען אַריינגעבענען פאַרשטיקטע טענער פון בענקעניש, פון עפּעס אַ חרטה, פון אַ גרייטקייט צו גיין אויף דעם קרייצוועג פון געוויסן צוליב עפּעס אַ געשאַנק פון לעבן — — —

באַראַש האָט געשוויגן. ער האָט אָנגענומען אירע קאַלטע פינגער, געהאַלטן זיי אין זײַן האַנט, ווי מ׳האַלט די האַנט פון אַ קינד און ענד־לעך האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— מיס באַרנאַרדאַ, ווי שטעלט איר זיך פאָר אַ פריינטשאַפט צווישן מיר און אײַך? ווי אַזוי זאָל איך אָנרופן דאָס געפיל, אָדער דעם געדאַנק, לאָמיר זאָגן, וואָס האָט אײַך דערנענטערט צו מיר.

— איך בין, דאַכט זיך, בראַוו גענוג און אָפנהאַרציק . . . און איך האָב עס ניט באַהאַלטן. ווי אַזוי וואָלט איר עס אָנגערופן?

— ס׳איז די עלנטקייט אײַערע, מיס באַרנאַרדאַ, וואָס בענקט און רעדט. עס איז עפּעס אַ פאַרצווייפלונג, וואָס מאַכט אײַך בראַוו, און עס איז אפשר די שרעק, אַז איר קאָנט נאָך פאַרשלאָפן און אָנווערן דעם צוג פון גליק, וואָס פליט אַזוי שנעל פאַרביי. איך וויל זײַן אָפנהאַרציק מיט אײַך, מיס באַרנאַרדאַ. איר זענט מיר זייער סימפּאַטיש, איך בין אָבער איבערפולט . . . ניט איבערזעטיקט . . . איך בעט אײַך צו פאַר־שטיין מיך — איך בין איבערפולט מיט געדאַנקען, מיט פּאַסירונגען, מיט עמאָציעס, מיט פליכט און, מערסטנס, מיט זאָרגן, מיט וועלכע דאָס לעבן איז פול. איך וויל זיך ניט איבערגעבן צו פריינטשאַפט בלויז מיט אַ שאָטן פון מײַן האַרץ — איבערהויפּט צו אײַך.

זי האָט געקוקט אַ טרויעריקע אין זײַנע אויגן, אַ זיפץ געטאָן און פאַרביסן די ליפּן, ווי וועלנדיק אײַנהאַלטן דעם אויסברוך פון געוויין.

דער קעלנער איז צוגעקומען צו זיי און זי האָט זיך באַהערשט. זי האָט שוין מער ניט גערעדט וועגן זיך. זיי האָבן געגעסן דעם מאָל־צייט און ווידער גערעדט וועגן די בילדער. און דערנאָך זענען זיי גע־גאַנגען אויף דער פאַרנאַכטיקער עוועניו, געשפּאַצירט און ווי פאַרגעסן וועגן דעם אינטימען געשפּרעך.

ער האָט זי אַהיים געפירט און איז געשטאַנען אַ ווײַלע מיט איר אין דעם האַלב־טונקעלן קאָרידאָר. און בײַם געזעגענען זיך, האָט ער ווידער דערפילט אירע קאַלטע פינגער און נאָענט, נאָענט צום פּנים.

דעם אַראָמאַט פון אירע פּאַרפיומירטע האָר. און מיטאַמאָל האָט איר האַנט מיט קינדערישער צאַרטקייט אַרומגענומען זייַן האַלדז און ער האָט דערפילט אויף דעם מויל דעם קוש פון אירע וואַרעמע, ציטערדיקע ליפּן. און ווען זי איז אַוועק, האָט אַ געפיל, ווי צאַרטער פלאַם באַם בילד פון אַ הייליקער, אויפגעלויכטן אין אים און געהאַלטן אים דעם גאַנצן אָוונט אין אַ בלויער שטימונג.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

ער איז געפאָרן פון דער אַרבעט. דער וואַגאָן אין סאָבווי איז געווען געפּאַקט. זייַנע בליקן זענען, מידע און גלייַכגילטיקע, געפאַלן אויף די פנימער פון די מענטשן אַרום. די הענט זייַנע, כאָטש רייַן־אָפּגעוואַשענע, האָבן זיך געפילט מיט פאַרב און טערפּענטין; די געדאַנקען האָבן געשוועבט צווישן די פאַרשיידענע רעקלאַמע־שילדן, וואָס האָבן דערמאָנט אין אַרבעט און אין שאַפּ. מיטאַמאָל האָבן זייַנע בליקן אויפגעוואַכט: ווען די טיר האָט זיך צעעפנט אַרויסצולאָזן די מענטשן פון וואַגאָן, האָט ער דערזען שעליאַן — די העלדין פון זייַן נאָוועלע. זי איז אויך אַרויס פון דעמזעלבן וואַגאָן און איז געגאַנגען מיט די טרעפּ אַרויף צו דער עוועניו. ער איז איר נאָכגעגאַנגען מיט אַ געמישט געפיל. שוין אַ לאַנגע צייַט, אַז ער האָט זי ניט געזען, האָט ער געוואָלט רעדן צו איר, זען איר בליק און קלוגן שמייכל . . . אָבער דער אויסזען זייַנער און דער גערוך פון פאַרב און טערפּענטין, וואָס האָט געטראָגן פון אים, האָט אים געצוימט מיט אומבאַקוועמלעכקייט. דאָך האָט ער פאַרשנעלערט די טריט און, צוקומענדיק צו איר, אָנגענומען זי באַם אָרעם.

— אָ, האַללאָ . . . — האָט זי זיך דערפרייט, דערזעענדיק אים.

— האַללאָ . . . — האָט ער געזאָגט.

— פון וואַנען? — האָט זי געפרעגט.

— פון דער אַרבעט.

— אַך, די אַרבעט . . . . — האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ בליק אין וועלכן עס האָט אַ שוועב געטאָן אַ טרויער. און, שווייַגנדיק אַ ווײַלע, געזאָגט: — מיר האָבן זיך שוין אַ לאַנגע צייַט ניט געזען.

— אַ לאַנגע צייַט . . . כ'האָב געמיינט, וועסט קומען צום באַנקעט.

— אָ, יע . . . דו האָסט אַ נייעם בוך אַרויסגעגעבן און, ווי מ'גיט מיר איבער, האָסטו אַ געוויסע באַקאַנטע . . . דייַנע געמאַכט פאַר דער העלדין פון בוך.

— צו וואָס פרעטענדירסטו?

— ניין, באַראַש, איך פרעטענדיר ניט, איך ווייס . . . — האָט

זי אים אָנגענומען באַ דער האַנט — איך זאָג עס בלויז מיט די ווער־טער ווי מ'האָט עס מיר געזאָגט. דו ווייסט ווער?

— ער?

— ער.

— פון וואַנען ווייסט ער עס?

— גוטע פריינט האָבן אָפּט אַ טבע צו קיבעצן אין אַ זייער נאַ־איווון, אומשולדיקן וועג . . .

— יאָ, איך קאָן דעמדאָזיקן מיין פריינט.

— איך האָף, אַז דו האָסט מיך געשילדערט שיין און אויפריכטיק . . .

— איך האָף אויך אַזוי.

— פאַרוואָס האָסטו מיר ניט צוגעשיקט קיין בוך?

— איך וועל צושיקן.

— און פאַרוואָס האָסטו מיך ניט אָפּגערופן די גאַנצע צייט?

— צוליב וואָס? . . . ס'טוט דיר באַנג?

— עס איז געבליבן אַ געפיל פון עפּעס . . . אַ בענקעניש. אַ בענקעניש נאָך ווערטער, וואָס זענען געוועזן אַנגענעם . . .

זיי זענען געגאַנגען דורך דעם פּאַרק. געגאַנגען אין דער טונקע־לער אַלייע האַנט באַ האַנט און געשוויגן, געפילט די אַנגענעמע נאָענט־קייט בלויז אין דעם באַריר פון די פינגער.

— דו ווייסט — האָט באַראַש געזאָגט — מיר דאַכט זיך, אַז טאַקע בלויז נאָך די ווערטער איז באַ דיר געבליבן אַ בענקעניש. בלויז נאָך די אַנגענעמע ווערטער . . .

— און באַ דיר? — האָט זי געפרעגט.

— איך בענק נאָך אונזערע געמיינזאַמע געדאַנקען, וואָס האָבן אונדז געטראָגן ווי ווילדע געצן מיט צעשפּרייטע פליגל צו דיזעלבע פאַרלאַנגען.

— דו רעדסט, ווי דו האָסט שטענדיק גערעדט. דו ווייסט אָבער אַליין, אַז ווען ס'איז שוין ניט געבליבן קיין ווינקל אין מיין נשמה אויס־צושפּירן, האָסטו אָנגעוואוירן די אינספּיראַציע . . . צו זען מיך און צו רעדן צו מיר.

— מענטשן הייראַטן, ווערן צוגעוואוינט איינער צום צווייטן און דאָך געפינען זיי עפּעס געמיינשאַפטלעכעס, וואָס האַלט זיי פאַראינטע־רעסירט און צוגעבונדן.

— אַ, באַראַש . . . דו ווייסט ווי עס איז . . . אַט־אָ־די צוגע־בונדנקייט. אַט־אָ־די צוגעבונדנקייט אין פאַרהייראַטן לעבן האָט אונדז טאַקע אפשר געבראַכט איינער צום צווייטן. ווייס איך דען ניט, וואָס עס הייסט צוגעבונדנקייט און אינטערעס צו מיין מאַן און צו מיין היים? און דו, ווייסטו דען ניט? מיר זענען ביידע צוגעבונדן מיט לייב און

לעבן, איעדער צו זיין היים. פריינדשאַפט איז אַבער ווי אַ בוך. מיר לייענען איבער דאָס בוך, מיר וואַרפן עס אָבער ניט אַוועק, אויב דאָס בוך איז אונדז ליב.

— עס בלייבט ליגן צווישן אַנדערע ביכער? — האָט באַראַש אַ קיבעץ געטאָן.

— דו ביזט געוואָרן אַ ציניקער.

— ניין, גלאַט אַ קיבעצער.

— דו אַ קיבעצער . . . כאַ! דו ביזט קיינמאָל ניט געווען קיין קיבעצער. אַ קיבעצער שטעכט אָפט און דו קאָנסט ניט שטעכן.

— דו זעסט מיך נאָך אין דעם ליכט פון אונזערע ערשטע טעג. איך גלייב, אַז איך בין יאָ געוואָרן אַ שטעכיקער.

— פאַרוואָס האָסטו ניט אָפגערופן אַמאָל?

— איך האָב געטראַכט וועגן דיר. און איך האָב אָפט געפילט אַ בענקשאַפט נאָך יענע, נאָך אונדזערע טעג.

— טאָ, פאַרוואָס ביזטו ניט געקומען?

— געוואַרט, אַז . . . די שווערקייט פון די טעג זאָל ווערן אומ־דערטרעגלעך. ווען איך וועל פילן אַזוי, ווען איך וועל אויפהערן צו שפירן אין זיך דעם כח צו פליען, צו וואָגן, צו טרוימען . . . דעמאָלט . . . דעמאָלט . . .

— דעמאָלט וועסטו קומען צו מיר?

— יאָ . . .

— ווען דו וועסט ווערן אַלט? . . .

— דער סוף, שעליא, איז ניט שטענדיק אין דער עלטער. ווען אַלץ אין מיר וועט אויסגעשעפּט ווערן, ווען די עסענץ פון מיין לעבן, וואָס האַלט מיך אויף, וועט אויסגעוועפּט ווערן, דעמאָלט וועל איך אפשר וועלן פּרואוון ווידער אַ פלי צו טאָן . . . צום לעצטן מאָל.

— עס דערמאָנט מיר אָן גאָרקיס אַ פּאָעמע, וואָס דו האָסט אַמאָל פאַרגעלייענט פאַר מיר.

— אָ, יאָ, „דער שטורעמפויגל" . . . ביזט גערעכט. דער פאַר־גלייך איז אַ גוטער. אויב איך וועל ניט קאָנען פאַנאַנדערנעמען מיינע פליגל אַ פלי צו טאָן, וועל איך זיך אַראָפּקייקלען פון דער סקאַלע אין תהום אַריין, אום ווידער צו שפירן דעם גענוס פון פליען — און אפשר גאָר פון פאַלן. וואָרן, עס ווייזט אויס, אַז טאַקע בלויז אין דעם מאָמענט, וואָס פאַרשליסט, בלויז אין דעם מאָמענט ליגט דער גאַנצער סוד פון לעבן.

— ס'איז אַביסל אַ צינישער בליק אויף דעם לעבן.

— ציניזם, נאָך אַלעמען, איז בלויז אַ פילאָזאָפישער און ניכטער־

רער בליק אויף דעם לעבן, אויסגעדריקט אין אַן אָפּענעם, נאַקעטן שטייגער, און אַזוי פיל איך, לעצטנס, צו זיין און צו לעבן.

— לעבסטו אַזוי?

— ניטאָ קיין מוט.

— טאָ צו וואָס די גאַנצע פילאָזאָפיע?

— עס העלפט. עס מאַכט לייכטער דעם יאָך און נעמט די אילוזיע.

— פאָדערט זיך דען אַזוי פיל מוט צו זיין, וואָס עס ווילט זיך, אָדער ווי עס ווילט זיך זיין?

— אָ, וויפל מוט דאָס פאָדערט . . . וויפל מוט, ווען דו נעמסט באַגרייפן!

— און וואָס וועגן אונזער . . . אָפּקילונג? האָט זיך געפאָדערט מוט אויך פאַר דעם?

— ניין. עס איז געקומען אפשר אַלס רעזולטאַט פון . . . מורא.

— מורא פאַר וואָס?

— מורא פאַרן סוף. ווייל ניט דיר און ניט מיר האָט זיך געוואָלט טרינקען דעם געטראַנק ביזן גרונט; ווייל אויף דעם גרונט בלייבט אָפט דער פּרעסיפּיטאַט, וואָס איז ווי זאַמד צווישן די ציין. און ניט דיר און ניט מיר האָט זיך געוואָלט הערן דעם לעצטן „גוד־ביי" — האָבן מיר אונטערגעצונדן אונדזער בריק פון בײדע זייטן. דו פון דיין זייט — איך פון מיין זייט . . .

— גלייבסטו, אַז דער בריק איז אינגאַנצן פאַרברענט?

— אָ, ניין, ניט אינגאַנצן. עס זענען נאָך געבליבן אונדזערע טרוימערישע לופט־בריקן, וועלכע ווערן קיינמאָל ניט פאַרברענט. און אָט אויף אַזאַ בריק, ווייזט אויס, וועל איך נאָך אַמאָל קומען צו דיר.

— ווייזט אויס, אַז פאַרברענט געוואָרן זענען בלויז די פיזישע בריקן — האָט זי זיך צוגעטוליעט צו אים און איינגעגראָבן זיך מיט די נעגל אין זיין האַנט.

דער סעפּטעמבערדיקער אָוונט האָט פאַרדעקט דעם פּאַרק. ס'איז געוועזן שטיל אַרום. זיי האָבן געשוויגן. ער האָט געוואַרט אויף אירע ווערטער און אויף אירע פראַגן וועגן זיין נאָוועלע און זי האָט ניט געפרעגט און ניט געטראַכט וועגן דעם. איר בליק האָט זיך געצויגן צום ווייט־ווייט פייערדיקן נעאָן־שילד, וואָס האָט געבליצט מיט דעם וואָרט „האָטעל . . . האָטעל . . . האָטעל . . ." און זי האָט זיך געזען אין אַ צימער, אין אַ פרעמדן, אומבאַקאַנטן צימער און אים, באַראַשן, נעבן זיך.

ער האָט אָבער ניט געקוקט אויף דעם שילד און ניט געקאַנט

לייענען אירע געדאַנקען. באַם אַרויסגאַנג פון פּאַרק זענען זיי ווידער צוגעקומען צו אַ סאָבוויי סטאַנציע און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— נו, איך מוז שוין גיין — האָט ער געזאָגט.

— דו מוזט ?

— איך מוז.

— אַמאָל פלעג איך זאָגן „איך מוז שוין גיין״ און איצט זאָגסטו. נו, אַז מ׳מוז — מוז מען. איך האָף אָבער, אַז מיר וועלן זיך נאָך זען . . . דו וועסט קומען פאַרלייענען פאַר מיר דיין נאָוועלע. דערווייל — אַ גוטע נאַכט.

ער האָט גענומען איר האַנט און געקוקט אין אירע אויגן; געזען ווי עס שלענגלט זיך אויף אירע ליפּן אַ שמייכל פון אַנטוישונג. האָט ער אַ קוש געטאָן אירע פינגער, געלאָזט זיי לאַנגזאַם אַרויסגליטשן זיך פון זיינע הענט:

— אַ גוטע נאַכט.

ער איז געשטאַנען און נאָכגעקוקט איר, ווי זי גייט אַוועק פון אים אַ שטאָלצע און עלעגאַנטע. און דער באַגער נאָך איר האָט גענומען נאָכלויפן אין זיינע בליקן, און די בליקן האָבן טריב און וואַרעם אַרומגענומען איר קאָפּ, אירע רונדע אַקסלען, אירע שלאַנקע היפטן, ביז דעם קנאָכל פון אירע פיס . . . .שעליא . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

באַראַש איז געגאַנגען צום „טעאַליט״. עס איז שוין געווען שפּעט־לעך און די גאַס איז געווען פּוסט. געזען ווי עס קומען אים אַנטקעגן אַ מאַן און אַ פרוי, ביידע רעדן וועגן עפּעס און קוקן אויף אים. פאַר־בייגייענדיק, האָט אים דער מאַן אַ שטופּ געטאָן פון ראַג און איז געגאַנ־גען ווייטער. דאָס וואָרט „דזשו״ האָט זיך ווי דער שיפע פון אַ שלאַנג דערטראָגן צו באַראַשן. ער איז געבליבן שטיין און נאָכגעקוקט זיי און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט מיט ווייטיק. אַ געפיל פון נקמה האָט זיך ווי אויף הייסע כוואַליעס בלוט געטראָגן אין אים און געזוכט עפּעס אַ וועג, עפּעס אַ דורכברוך. די נאַכט האָט געדרישט אין די אויערן מיט דזשאַנגל־טענער און דאָס האַרץ האָט שוואַך געבעטן זיך: באַפריי מיך . . . באַפריי מיך פון דעם אייביקן פּאַמפּען פון בלוט, פון בלוט, וואָס איז פאַרהאַסט, וואָס צינדט זיך אָן אויף אַ ווילדע און ווערט גלייך אויס־געלאָשן — באַפריי מיך . . .

ווען ער איז אַריינגעקומען אין דעם „טעאַליט״, האָט ער זיך ווי

אַן אונטערגעהאַקטער אָראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקל באַ אַ זייטיקן טישל און געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער און מידער.

בענדער, וואָס איז געזעסן ניט ווייט, האָט אים דערזען און, מיט־נעמענדיק מיט זיך דאָס גלעזל קאַווע, איז ער צוגעקומען צו באַראַשעס טישל און אַנידערגעזעצט זיך לעבן אים. עס האָט זיך פאַרבונדן דער געוויינלעכער, ווי אַ רעקאָרדירטער, געשפּרעך: די פּרעסע, די שרייבער, די מלחמה און דער רשע, דער שטייגנדיקער מאַניאַק היטלער. באַראַש האָט דערציילט וועגן זיין באַגעגעניש אויף דעם ראַג און בענדער האָט דערציילט וועגן אַ רעדע פון אַ סענאַטאָר, וואָס ער האָט אין דעם אָוונט געהערט — אַ רעדע פול מיט אַנטיסעמיטישן האַס, אַ רעדע, וואָס האָט געגליוועט דאָס בלוט און פאַראַליזירט דעם מח מיט שרעק און מיט אויפרעגונג.

— ווי דערלאָזט מען דאָס ?! ווי דערלאָזט מען דאָס ?! — האָט בענדער געשריגן — ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד זאָל דאָס פרייע וואָרט פאַרשאַפן אַזוי פיל צער, אַזוי פיל האַס, אַזוי פיל אומגערעכטיקייט. און נאָך דעם אַלעמען זאָל מען זיך צאַצקען מיט אָט דעם וואָרט און קעמפן פאַר דעם, פאַר דעם וואָרט, וואָס קאָן טראָגן מיט זיך אַזוי פיל סם, אַזוי פיל האַס . . . דעמאָקראַטיע ! „פרי ספּיטש”, בע !

— עס איז גענוג טרויעריק, ווען דו זעסט ווי דאָס פרייע וואָרט ווערט הפקרדיק און אַ געצייג פון מערדער — האָט באַראַש געענט־פערט — טרויעריקער איז אָבער דער פאַקט, וואָס איר און איך דאַרפן רעדן אָט אַזוי, מיט אָט אַזעלכע ווערטער וועגן דעמאָקראַטיע און וועגן דעם פרייען וואָרט. וואָס פאַר אַ פּאַראַדאָקס דאָס איז, כאָטש דער פּאַראַדאָקס ליגט ניט אין דער דעמאָקראַטיע, ניט אין פרייען וואָרט, נאָר אין דעם מענטשן, וואָס ווייסט ניט ווי צו האַלטן עס ריין פון בלוט און פון סם.

— לאָמיר זיך ניט נאַרן, באַראַש . . . די דעמאָקראַטישע אי־דייע, וואָס איז נאָך אַלץ בלויז אַן אידייע און דאָס פרייע וואָרט, וואָס איז נאָך אַלץ בלויז פאַר פריווילעגירטע, געפינט דעם תיקון דערוויילע בלויז אין דעם כאַראַקטער און אין די טאַטן פון איינציקע, אינדיווידועלע מענטשן. אויב עס איז אין זייער כאַראַקטער צו זיין דעמאָקראַטיש, וועלן זיי זיין דעמאָקראַטיש אפילו אונטער אַ דיקטאַטור. דער אומגליק מיט דעם מענטשן איז, וואָס ער איז נאָך ניט דערוואַקסן צו דעם, מיר האָבן זיך נאָך ניט אויסגעטשוכעט פון דעם אוראַנג־אוטאַנגישן קאַשמאַר. מיר זענען נאָך אַלץ ווילד, אפילו ווען די ציוויליזאַציע אונדזערע דערהייבט אונדז צו די הימלען. פאַרוואָס דענקט איר, האָט איך דער כוליגאַן אַ

שטופּ געטאָן און דערלאַנגט אַ זעץ אין דער ברוסט? און פאַרוואָס דענקט איר, האָט דער סענאַטאָר געגאָסן פּעך און שוועבל אויף אונדז? ווייל די חיה לעבט נאָך אין זיי. די חיה האָסט אינסטינקטיוו, ניט ווייסנדיק פאַרוואָס און צוליב וואָס . . .

— פאַרוואָס, אויב אַזוי, בין איך ניט אַזוי, זענט איר ניט אַזוי? — האָט באַראַש אַ שמייכל געטאָן.

— האָט איר קיינמאָל ניט געזען אין די קינאָס, ווי מאַלפּעלעך, באַבונען שפּרינגען אויפגערעגטע און דערשראָקענע, ווען זיי דערהערן דעם ברום פון דעם טיגער? יאָ, אפילו צווישן די חיות זענען פאַראַן בלוטדורשטיקע טיגערס און שוואַכע לעמעלעך. די געשיכטע האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיין די פאַרפאָלגטע און די שוואַכע — וואָלטן מיר אָבער אַריינגעקראָגן אַ מאַכט, ווי די גרויסע מעכטע, וואָלט איר געזען ווי מיר וואָלטן זיך אויסגעמענטשלט, ווי עס וואָלט אַ ברום געטאָן פון אונדז דער אוראַנג־אוטאַנג.

— אויב אַזוי, איז דאָך ניטאָ וועמען צו באַשולדיקן, אַחוץ דער נאַטור . . .

— איז טאַקע ניטאָ . . . — האָט בענדער געטרונקען די קאַווע און פלוצים אַ כאַפּ געטאָן זיך בײַ דער ברוסט.

— איר פילט ניט גוט? — האָט זיך באַראַש צוגעבויגן צו אים.

— צו אַלדע שוואַרצע יאָר . . . אָט אַזוי טוט עס מיך אַ כאַפּ, לעצטנס, אַז ס׳ווייזט זיך מיר אויס — אָט, שוין — קאַפּוט! דער מאָטאָר בלייבט שטיין און גענוג געפאָרן . . . ס׳לאָזט מיך אָבער גלייך אָפּ און איך בין ווידער אַ מענטש . . .

— פאַרוואָס גייט איר ניט אַריין צו אַ דאָקטאָר?

— עט! — האָט בענדער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — אַ דאָקטאָר, מיינט איר, איז עפּעס אַ גאָווערנאָר, וואָס קאָן אָפּלייגן דעם טויט־אורטייל? ניין, באַראַש, אַז די צייט קומט, העלפט ניט קיין דאָקטאָר.

— אַזוי אַלט זענט איר שוין?

— זעכציק יאָר בײַ אַזאַ יידן ווי איך, איז אַ גאַנץ אַלטע מדרגה — האָט ער זיך אויפגעהויבן. — איך דענק, איך וועל זיך לאָזן אַהיימגיין. איר הערט, באַראַש, ווען ניט דער „טעאַליט״, וואָלט איך שוין, מסתמא, פון לאַנג געווען אַ טויטער. מיר שטאַרבן אָבער אַוועק . . . איינער נאָכן צווייטן און דער סוף וועט זיין, אַז ס׳וועט ווערן אויס „טעאַליט״. ס׳עט אַוועקשטאַרבן אויך די אינסטיטוציע, וואָס וועט זיכער אַריין אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. דער „טעאַליט״ — די שוויץ־באָד פון דער יידישער קונסט . . . וואו אַזויפיל דיכטער האָבן זיך געפּייניקט מיט קונסט־שמערץ. בע! אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, בענדער . . . — האָט אים באַראַש נאָכגעקוקט מיט אַ טריבן שמייכל.

דער דיכטער שאַפּיר איז צוגעקומען צו באַראַשעס טיש.

— זיצט — האָט זיך באַראַש דערפרייט מיט אים. — אַן עלטערער שרייבער וואַרפט אָן אַ טרויער . . . מיט אייך, אינגערע, פילט מען זיך מוטיקער.

— עס וואָלט באַדאַרפט צו זיין אַזוי, פריינט באַראַש — האָט שאַפּיר געענטפערט — עס איז אָבער, דאַכט זיך מיר, פונקט פאַרקערט. מיר יונגע וואַרפן אָן מער טרויער ווי די אַלטע . . . מיר זענען, דאַכט זיך, אַלע זיבעלעך — ניט־דערטראָגענע.

— וואָס עפּעס אַזאַ פּעסימיזם, שאַפּיר?

— וואו נעמט מען דעם אָפּטימיזם, פריינט באַראַש? ציען אים פון דעם הימל? איך האָב דען מיט וועמען אַ יידיש וואָרט אַרויסצורעדן, אַחוץ . . . מיט די אַלטע? ניטאָ קיין יוגנט, ניטאָ קיין יונגע שאַפער, ניטאָ די בלימעלעך, די ביימעלעך, וואָס זאָלן וואַקסן מיט דעם נאַטיר־לעכן וואוקס, ווי . . . ווי . . . ווי . . . און ניט נאָר דאָס אַליין . . . ליטעראַטור שרייבט מען איצט ניט אויף ריינעם, ווייסן פּאַפּיר, נאָר אויף אַסיגנאַציעס . . . ליטעראַטור איז געוואָרן אַ „רעקעט". און יעדער שרייבער, צי ער וויל, צי ער וויל ניט, איז אַ געשטעמפּלטער פון דעם עולם־גולם. איינער טראָגט אַ געלע לאַטע, דער צווייטער אַ רויטע לאַטע, דער דריטער אַ בלויע לאַטע. שרייב איך אָן אַ ליד און דרוק זי אָפּ אין אַ ראַדיקאַלער שריפט — איז אויס, בין איך אַ קאָמוניסט, אַ משומד און די איבעריקע יידישע וועלט וויל פון מיר ניט וויסן. און פאַרקערט. קאָן דען אמתע קונסט, אמתע דיכטונג זיין לינק אָדער רעכט? קאָן דען אמתע קונסט ווערן אַ . . . אַ . . .

— איך פאַרשטיי אייך, שאַפּיר — האָט אים באַראַש אָנגענומען באַם אָרעם — אָבער ניט איך און ניט איר וועלן שוין ענדערן די לאַגע. איר אפשר יאָ, איר זענט אינגער פון מיר און איר וועט נאָך אפשר האָבן דעם כוח און דעם מוט אַ קלאַפּ צו טאָן אין טיש און זאָגן דעם אמת, דעם גאַנצן אמת וועגן אונדזער ליטעראַטור, וועגן אונדזערע שרייבער און וועגן אונדזערע לייענער . . . אויב מיר וועלן זיי האָבן. אָבער פאַרצווייפלט דאַרף מען ניט זיין. דער גייסט פון שאַפונג שטייט נאָך אַלץ איבער דעם אַלעמען . . . און עס וועלן נאָך קומען עהרלעכע צייטן, שאַפּיר. זיי וועלן קומען.

— עס ווילט זיך גלייבן אין דעם.

— טאָ גלייבט און שאַפט.

זיי האָבן געטרונקען קאַווע, געדרויכערט און גערעדט און ווען זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אַהיימצוגיין, איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט.

און ווען באַראַש איז ווידער פאַרבייגעגאַנגען דעם סקווער, וואו הימלקראַצערס האָבן אונטערגעשפּאַרט די טונקעלע וואָלקנס מיט זייערע שטיינערנע קעפּ, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אין דער פינצ־טערער הויכקייט און גערעדט צו זיך: זיי וועלן שטיין שטאַרקע, מעכ־טיקע און שטומע און זיי וועלן קוקן אַרויף צו די שטערן און אַראָפּ צו די אָרעמע, בענקענדיקע מענטשן . . . זיי וועלן שטיין אַ דור, און צוויי און דריי . . . און איך וועל ליגן אין דער ערד און איך וועל גאָרנישט ניט זען און פון גאָרנישט ניט וויסן . . . און קיינער וועט מיין נאָמען ניט דערמאָנען. און אויב מ׳וועט אים יאָ דערמאָנען, וועט ער שוין זיין בלויז ווי אַ סימבאָל, ווי אַן אַבסטראַקציע, ווי אַ מעשה פון עמיצן, וואָס איז געווען — ווי ניט געווען . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען באַראַש איז אינדערפרי אַרויסגע־גאַנגען צו דער אַרבעט, האָט ער דערזען אין דער צייטונג אַ נאָטיץ, אַז בענדער איז פּלוצים געשטאָרבן.

ער איז געבליבן שטיין אַ דערשלאָגענער און צעטומלטער.

און דעם טאָג איז ער שוין צו דער אַרבעט ניט געגאַנגען.

דער טויט האָט דערמאָנט, און דער טויט איז געגאַנגען נעבן אים און האָט פילאָזאָפירט. פון הינטן איז נאָכגעלאָפן אַ טריבקייט, ווי די קאַלטקייט פון ווייטן צפון — אין פאַראויס ערגעץ אין דער ווייטקייט זענען געלעגן ווי מיראַזשן, ווייסע באַשנייטע פעלדער איבער וועלכע עס האָבן געשוועבט און געפּאַכעט מיט פליגלען שוואַרצע מיסטישע קראָען.

אָפּט, גאַנץ אָפּט פלעגט אין סדומיקן ניו־יאָרק אַוועקגיין פון לעבן אַ נאָענטער פריינט, אַ באַקאַנטער שרייבער, אַ באַרימטער מענטש. דער־מאָלט, אין דעם שאָטן פון טויט, פלעגט באַראַש אַוועקלאָזן זיך אין דער קאַלטער איינזאַמקייט פון זיין שטימונג און פירן זיך אַליין, דורך דעם לעבן זיינעם, צום ברעג, צום אייגענעם סוף, וואָס איז ענדלאָזער, אומ־באַקאַנטער, טונקעלער תהום. אַזוי אויך איצט.

אויך איצט האָט ער זיך געפירט דורך דעם פאַרגאַנגענעם לעבן, אויפגעקליבן דאָ און דאָרט פאַרגעסענע טראָפּייען און גרעזן, ווי זיי ליגן אין זיינע הענט ווי שטויב, נישטיקער שטויב, וואָס ווערט פאַנאַנדערגע־טראָגן פון ווינט. און אַלעס, אַלעס, וואָס האָט געפרייט די נשמה, וואָס האָט געפּייניקט די נשמה, וואָס האָט צעצונדן דעם טרוים און געטריבן אין געיעג נאָך גענוס, נאָך רום — אַלעס איז געוואָרן שטויב און ווינט.

דעריבער — האָט דער מוח רעזאָנירט — לאָז די פייערן און די שטורעמס פון לעבן בלאָזן און פאַרצערן. וואָרן דיין פרייד און דיין טריבקייט איז אומזיסט. דאָס בלוט דיינס איז פונקט אַזוי הייליק און פונקט אַזוי ווערטלאָז, ווי דאָס בלוט פון אַ וואָרעם. און אויב דיין געדאַנק און דיין וואָרט און דיין געלעכטער דערהייבט דיך צו אים, צו דעם אומפאַרגלייכלעכן זשעני פון באַשאַף, איז אָבער דיין פאַל, דיין סוף — אַ ביטערע איראָניע, אַ זינלאָזער פאַראַדאָקס אין דיינע אייגענע אויגן, אין דיינע אויגן, מענטש.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

עס איז ווידער אָנגעקומען אַ בריוו פון אַדאַס מוטער. זי האָט געשריבן, אַז די קוזינע האָט טאַקע באמת אַ שטעלע פאַר אַדאַן — אַ שטעלע אין סאַמע האָליוואָוד. און אויב זי, אַדאַ, דענקט, אַז ער, באַראַש, וועט ניט זיין קעגן, קאָן זי גלייך קומען און נעמען דעם דזשאַב. עס איז אַ גן עדן אין האָליוואָוד און מיט דער צייט וועט ער אַליין אויך קאָנען קומען צו איר און . . . ווער ווייסט . . .

באַראַש האָט איבערגעלייענט דעם בריוו און געפילט אויף זיך אַדאַס בליקן און געוואָוסט, אַז זי דערוואַרט פון אים אַן ענטפער — אַ פּאָזיטיוון ענטפער. ווען ער האָט אָבער גאָרניט געזאָגט, האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס דענקסטו וועגן דעם?

— איך ווייס ניט וואָס צו דענקען. דו ווילסט איך זאָל אַרויסזאָגן מיין מיינונג קאַטעגאָריש, אַזוי צו זאָגן — יאָ, אָדער ניין. נו, איך קאָן דיר ניט זאָגן יאָ און איך קאָן דיר ניט זאָגן ניין. טו ווי דו פאַרשטייסט.

— דו האָסט מיך קיינמאָל ניט דערמוטיקט.

— עס איז ניט אַ פראַגע פון דערמוטיקונג, אָדער אַנטמוטיקונג. עס איז בלויז שווער פאַר מיר צו זען דעם זין אָדער דעם אומזין, די פראַקטישקייט אָדער אומפראַקטישקייט פון דעם. טו ווי דו פאַרשטייסט, און ווי דו דענקסט עס וועט זיין בעסער פאַר דיר.

— ווען עס לוינט זיך דיר ניט, האָסטו אַ טבע אָפּצואוואַשן די הענט און איבערלאָזן צו מיר דעם גאַנצן יאָך פון באַשלוס.

— פאַרוואָס דענקסטו, אַז עס לוינט זיך ניט פאַר מיר?

— ווייל דו ווייסט, אַז מיט מיינע פייאיקייטן און מיט מיין ענערגיע קאָן איך זיך דערשלאָגן צו עפּעס און דאָס וואָלט אָנגערירט דיין שטאָלץ.

— נו, און איך, דענקסטו, האָב ניט גענוג ענערגיע און פיאיקייטן צו דערשלאָגן זיך צו עפּעס? זענען מיינע דערגרייכונגען — נול?

— זיי זענען אָבער ניט קיין ממשותדיקע דערגרייכונגען.

— איך וועל זיך אָנשטרענגען און קויפן אַן אָטאָמאָביל, אויב דו ווילסט און איך וועל דיך שיקן זומער אין די בערג, אויב דו ווילסט...

— אָ, וואָס פאַר אַ . . . סאַדיסט דו ביזט! — איז זי בייז געוואָרן.

— איך בין אַ סאַדיסט? — האָט אויך אין אים געגומען זידן אַ באַליידיקונג.

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען און אַדאַ איז געגאַנגען ענטפערן. און מיט דעם האָט זיך אין דעם אָונט געענדיקט דער עפּיזאָד מיטן צווייטן בריוו פון דער מוטער.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

ווינטיקע און רעגנדיקע אָונטן פלעגן אָנווייען באַזונדערע שטימונגען אויף באַראַשן. אין אַזעלכע אָונטן פלעגט ער ליב האָבן אַרויסצוגיין שפּאַצירן, אויפהויבן דעם קאָלנער פון ראָק, אַראָפּבייגן דעם הוט און שפּאַנען מיט פעסטע און ברייטע טריט איבער די נאַסע, שיינענדיקע אַספאַלטענע ראָגן. אין אַזעלכע אָונטן פלעגן געדאַנקען קומען צו אים ווי רויטע פייערלעך און זיי פלעגן רופן אים און ציען אים צו שטילע, אינטימע ווינקלען, גראָדע צו ווינקלען, וואו עס האָבן געוואַרט וואַרעמע שמייכלען און וואַרעמע פינגער פון אַ פרוי. עס איז געווען גוט צו שפּאַנען און צו טראַכטן וועגן דעם און פאַרגעסן, אַז אין דער וועלט שטורעמען שוואַרצע ווינטערס און מיליאָנען קאַלטע, גוססדיקע ליפּן הויכן אויס דעם לעצטן אָטעם. מערסטנס פלעגן אים אָבער די געדאַנקען, די שטימונגספולע וואָגאַבונדן, פאַרטראָגן אין אַ קינאָ־טעאַטער און דאָרט, אין אַ ווינקל, צווישן הונדערטער פרעמדע טרוימער, פלעגט ער אויך פאַרטראָגן ווערן צו אויסגעטראַכטע ליידנשאַפטלעכע וועלטן.

אין דעם אָונט האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט. דורך די פענצטער האָט באַראַש געקאָנט זען, ווי אין פאַרק טראָגן זיך פאַרבליבענע, פאַרטריקנטע און פאַרגעלטע בלעטער. און סיי דער ווינט און סיי די בלעטער האָבן אַ צי געטאָן אַרויסצוגיין — באַהעפטן זיך מיטן האַרבסטיקן גייסט.

אַדאַ האָט עפּעס געגייט און עווא האָט געלייענט.

— איך פאָר דאַון־טאַון — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— פאָר, אויב עס גלוסט זיך דיר — האָט אַדאַ געענטפערט, אַ פאַרנומענע מיט איר אַרבעט.

ער איז אַרויסגעגאַנגען. געלאָזט זיך גיין צום סאָבווי און, זיצנ־דיק שוין אין באַן און האַלטנדיק אין דער האַנט דאָס בוך „לבנה ליכט אין בלוט”, וועלכעס ער האָט מיטגענומען (אין „טעאַליט”, האָט ער גע־טראַכט, וועט ער זיכער טרעפן אַ קאַלעגע, וועמען ער האָט נאָך דאָס בוך ניט געגעבן) האָט ער זיך פּלוצים דערמאָנט אָן שעליאַן. אין אַזאַ אָוונט וואָלט גוט געווען פאַרצולייענען פאַר איר די נאָוועלע. און בילדער, ווי פאַרהאַנגענע מיט וואואַלן, האָבן אַ שוועב געטאָן אין מח און דערמאָנט אָן טרוימען, וואָס זענען געוואָרן רעאַל און פון רעאַל ווידער טרוימען. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער פלעגט אָנקלינגען: איינמאָל — קורץ; און זי האָט שוין געוואוסט, זי פלעגט שוין דערקאָנען, אַז דאָס איז ער און זי פלעגט שטיין בײַ דער טיר און וואַרטן, און באַגעגענען אים מיט איר קלוגן שמייכל.

דער באַן איז געפלויגן און באַראַש האָט דערפילט, אַז באַלד, אָט באַלד איז די סטאַנציע, וואו ער פלעגט אַרויסגיין אויף דעם וועג צו איר. און ווען דער באַן איז צוגעקומען צו דער סטאַנציע, האָט עס אים אַ צי געטאָן פון דער באַנק און ער איז אַרויס.

ער איז געגאַנגען מיט די אַלייען פון פּאַרק. צוגעהערט זיך צום שאָרשקען פון די בלעטער. געקוקט אויף די הימלקראַצער־האָטעלן, וואָס האָבן זיך געצויגן מיט דער לענג פון דער עוועניו און, צוקומענדיק צום אַפּאַרטמענט־האָטעל וואו זי האָט געוואוינט, איז ער געבליבן שטיין. געטראַכט: אָט ערשט ניט לאַנג צוריק איז ער דאָך געשטאַנען אַזוי נאָ־ענט לעבן איר און אין אירע ווערטער האָט ער געזען אַזוי פיל צעפּראַלטע טירן; און ער האָט געוואוסט און געפילט איר וואונטש און באַגער און דאָך האָט ער ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל. אָבער איצט, שטייענדיק בײַ דער ברייטער, מאַסיווער און פאַרמאַכטער טיר, האָט זיך די האַנט אַ צי געטאָן צום עלעקטרישן קנעפּל און דער פינגער האָט אַ דריק גע־טאָן — איינמאָל — קורץ . . . אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען אין דער־וואַרטונג, האָפנדיק, אַז זי איז אַליין. ער איז געווען כמעט זיכער אין דעם. ער האָט געוואוסט, אַז אין דידאַזיקע אָוונטן איז איר מאַן, דאָק־טאָר שוביק, קיינמאָל ניט אין דער היים. אָבער אויב ער איז יאָ אין דער היים — וואָס וועט ער זאָגן? ער האָט דערהערט דעם בזזזז . . . פון עלעקטרישן גלעקל און, אַרײַנגייענדיק אין אָטאָמאַטישן עלעווייטאָר, האָט ער זיך געלאָזט פירן צום פינפטן שטאָק.

זי איז, ווי אַמאָל, געשטאַנען אויף דער שוועל פון דער אָפענער טיר און געקוקט אויף אים אַ פאַרוואונדערטע און דערפרייטע.

— איך האָב דערקאָנט דײַן קלונג, איך בין אָבער ניט געווען זיכער, אַז ס'איז ווירקלעך דו . . . — האָט זי געזאָגט.

— עס ווייזט אויס, אַז דאָס בין איך — האָט ער געענטפערט. — און אפשר ניט איך. אפשר האָט עפּעס אַן אַנדערער, אַ צווייטער אין מיר אַנגעקלונגען.

זי האָט אים געגעבן די האַנט און, ניט אָפּלאָזנדיק אים, אַריינגעפירט אין צימער. דאָסזעלבע צימער ווי אַמאָל; דיזעלבע טעפּיכער אויף דעם דיל; דיזעלבע בילדער אויף די ווענט; דיזעלבע טישלעך מיט ביכער און דיזעלבע לאָמפּן באַ די טישלעך.

— ס׳איז ווי אַמאָל — האָט ער געזאָגט.

— יאָ, ווי אַמאָל. אַלעס, ווי געווען. אפילו מיר זענען, דאַכט זיך, ווי געווען.

— איך ווייס ניט.

— איך ווייס עס — האָט זי אַן ערנסטע געזאָגט. — אפשר מיינען מיר, אַז מיר ווערן אַנדערש, אַז מיר טראַכטן און פילן אַנדערש, ס׳איז אָבער דערזעלבער מענטש. זיך, שפּאַציר ניט אַרום. נאָך אַלץ דער נערוועזער שפּאַנער.

— יאָ. — ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און פאַרויכערט.

— איך זע . . . האָסטו געהאַלטן דיין צוזאָג . . . אָבער אַזוי גיך ?

— וואָס וואונדערט דיך אַזוי ?

— איך גלייב ניט, אַז ביזט שוין באַם סוף, באַם ברעג און ביזט געקומען אַ בליאַסק טאָן מיטן לעצטן פלאַם, צי אפשר אַ פאַל טאָן מיטן לעצטן פאַל . . .

— דו געדענקסט אַזוי גוט דעם אויסדרוק — האָט ער אַ שמייכל געטאָן.

— איז דאָס אַזוי ? — האָט זי געפרעגט.

— ניין, עס איז ניט אַזוי. דערמאָנט זיך אָן דיר און געקומען.

—אָבי דו ביזט דאָ — האָט זי אויך פאַררויכערט. — איך האָב גראָדע היינט געטראַכט וועגן דיר. אַזוי פיל אָונטן, ווי דער היינטיקער, פלעג איך וואַרטן אויף דיר. און ס׳איז מיר געווען לאַנגווייליק היינט. כ׳בין, ווי דו זעסט, אַליין, האָב איך געטראַכט פון דיר.

— פון דיין פענצטער זעט מען נאָך אַלץ דעם ליכט־טורעם — האָט ער אַרויסגעקוקט פון דער הויכקייט פון איר צימער.

— יאָ, מ׳זעט נאָך אַלץ. וואָס האָסטו געוואָלט, אַז דער ליכט־טורעם זאָל אויך ווערן אַ שפּאַנער ?

— און זומער, באַנאַכט, ווען מ׳עפנט דאָס פענצטער, הערט מען נאָך אַלץ דעם רויש פון די כוואַליעס ?

— מ׳הערט נאָך אַלץ דעם רויש פון די כוואַליעס — האָט זי נאָכ־געזאָגט, לאַכנדיק.

— און שיפן אויף דעם האָריזאָנט גייען און קומען, קומען און גייען . . .

— וואָס פאַר אַ שטימונג האָסטו מיר געבראַכט — האָט זי אַ פיר געטאָן מיט איר האַנט איבער זיין קאָפּ.

— איך האָב זי ניט געבראַכט — האָט ער געלאָזט וואַלקנס רויך.

— זי שאַפט זיך ערשט איצט.

— האָסט ליב, ווייזט אויס, דידאַזיקע שטימונגען.

— צי איך האָב זיי ליב? ווי זאָל איך דיר זאָגן . . . מיין „איך", עפּעס איינער אין מיר פלעגט דאָך זיצן דאָ אין דעמדאָזיקן שטול און זען, און פילן, און הערן אָט־אָט־די אַלע זאַכן אַרום און ער פלעגט ליב האָבן די שטימונגען, וואָס דאָס אַרומיקע האָט געשאַפן. יענער „איך" מיינער, איז אויף אַ ווײַלע אַוועק ערגעץ — אָט ווי די שיפלעך אויף דעם האָריזאָנט. זיי גייען אַוועק און קומען צוריק — דיזעלבע שיפלעך. און אַמאָל גייט אַ שיפל אונטער און קומט מער קיינמאָל ניט צוריק. אָבער אַז מיין „איך", יענער „איך" איז איצט צוריקגעקומען, ווילט זיך מיר, אַז ער זאָל זיך פילן אַ היימישער. כאָטש . . . ווען איך זאָל גלייבן אין פאַרגעפיל, וואָלט איך זיך באַדאַרפט צוהערן וואָס דאָס ווינקענדיקע אויג פון ליכט־טורעם זאָגט צו מיר. עס זאָגט מיר: זיי פאַרזיכטיק. אַרום לויערט אַ געפאַר, סקאַלעס, טיפעניש, שטורעם און בליצן . . . זיי פאַרזיכטיק . . .

— אַ גליק איך קאָן דיך מיט דיין שפּראַך, באַראַש, אַנדערש וואָלט איך געמיינט, אַז עפּעס פעלט דאָרט באַ דיר . . . אַ קלעפּקע — —

— ווער ווייסט, אפשר פעלט מיר . . . — האָט ער אָנגענומען איר האַנט און האָט אַ קוש געטאָן אירע פינגער — זי האָט זיך אַנידער־געזעצט באַ זיינע פיס, געקוקט אויף די טיפע ווינקלען פון זיין שטערן, אויף זיין פאַרשפּיצטער נאָז, אויף דעם טונקעלן מאַטן פּנים און געזוכט דעם סוד פון זיין שטימונג, פון זיין פּלוצימדיקן קומען צו איר נאָך יאָרן פון אָפּגעריסנקייט און אָפּגעזונדערטקייט.

און מיטאַמאָל האָבן אַ קלונג געטאָן שליסל אין דעם שלאָס און אין דער אָפענער טיר האָט זיך באַוויזן דאָקטאָר שובין. ער איז געבליבן שטיין אויף אַ רגע ווי פאַרוואונדערט, אַ קוק געטאָן אויף שעליאַן און איז צוגעגאַנגען בענטער.

— מיסטער באַראַש, אויב איך מאַך ניט קיין טעות — האָט ער געזאָגט.

באַראַש און שעליא האָבן זיך ביידע אויפגעהויבן.

— יאָ, דאָס איז מיסטער באַראַש — האָט שעליא געזאָגט און דאָס בלוט איז ווי אַ כוואַליע אַנגעלאָפן און אָפּגעלאָפן אויף איר פּנים.

שובין האָט קאַלט אַ דריק געטאָן באַראַשעס האַנט, אויסגעדרייט זיך און איז אַריינגעגאַנגען אין צווייטן צימער אויסטאָן דעם מאַנטל. שעליא האָט אַ קוק געטאָן אויף באַראַשן און האָט פּרובירט שמייכלען. האָט ער איר געענטפערט מיט אַ שמייכל, אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט אויף דעם פענצטער און געזאָגט:

— דער ליכט־טורעם האָט געוואָרנט.

שובין איז צוריקגעקומען, געווישט מיט דער פּאַטשיילע די ברילן, געשוויגן, טראַכטנדיק וועגן עפּעס און ענדלעך אַ זאָג געטאָן:

— דענקט איר ניט, מיסטער באַראַש, אַז דער געדאַנק איז אָפּט דער גרעסטער שונא פון דעם מענטשן?

— פאַרוואָס דענקט איר אַזוי? — האָט באַראַש געפרעגט.

— אָט האָט ער מיך געטריבן, דער געדאַנק אַהיימצוגיין . . .

— אַ . . . — האָט באַראַש אַ שמייכל געטאָן. — אין דער הינ־זיכט זענט איר גערעכט. ווייל ערשט ניט לאַנג, בלויז מיט אַ שטונדע צוריק, האָט מיט מיר ענלעכעס פּאַסירט. אַ געדאַנק האָט אַ יאָג געטאָן צו פאָרן, בין איך געפאָרן. און ווען איך בין צוגעקומען צו אייער הויז, האָט אַ געדאַנק, אפשר דערזעלבער טייוול, אַנגערייצט אַ קלונג צו טאָן, האָב איך אָנגעקלונגען. נו, עס איז, דאַכט זיך, אין דעם קיין שום אומ־נאַטירלעכעס ניט פאַראַן — דאָך . . . ווען מ׳זאָל נעמען אַנאַליזירן דעם געדאַנק וועגן געדאַנק, מוז מען קומען צום שלוס, אַז . . . דער געדאַנק איז שולדיק אין דעם און דער געדאַנק איז דער־דאָזיקער, וואָס האָט געבראַכט צו אַ סיטואַציע, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַזוי פיל . . . סוביעקטיווע אינטערעסן.

— און איך זע, אַז איר ווייסט ווי צו באַהאַנדלען אַזאַ סיטואַציע, מיסטער באַראַש.

— עס פאָדערט זיך ניט קיין באַזונדערע פייאיקייטן צו זיין מענטש־לעך און אָפנהאַרציק. אָט זענט איר, זע איך, אויך אַזוי.

— איך פּרעטענדיר אפשר צו זיין אַזוי. אָבער לאָמיר זיך אומ־קערן צום געדאַנק. איך בין אַ דאָקטאָר, האָב איך ליב צו אַנאַליזירן זאַכן טיפער, ווייטער אין דער פאַרגאַנגענהייט אַריין. אָט בין איך, אַשטייגער, איבערצייגט, אַז דער געדאַנק, וואָס האָט אייך אַ יאָג געטאָן פאָרן, און דערזעלבער געדאַנק — דער טייוול, ווי איר רופט אים, האָט אייך אַנגערייצט אַ קלונג צו טאָן — דער געדאַנק איז ניט געקומען צו אייך פּלוצים. ער איז געלעגן אין אייך שוין אַ לאַנגע צייט און בלויז געוואַרט, אַז איר זאָלט אים לאָזן פריי, אַז ער זאָל קאָנען אַ שלעפּ טאָן,

אַ יאָג טאָן . . . נו, זענט איר ווידער געקומען. אָבער, ווען איך וואָלט איך געפרעגט ווי לאַנג וועט אייך דער געדאַנק, דער טיוול, יאָגן און שלעפּן צו מיין טיר — וואָס וואָלט איר געענטפערט? ווי דענקט איר דאַרפן מיר, צוויי ציוויליזירטע מענטשן, באַהאַנדלען אַזאַ מין סיטואַציע. וואָס איז פאַרבונדן, ווי איר אַליין זאָגט, מיט ריין־סוביעקטיווע אינטערעסן?

— עס וואָלט געווען פּראַקטישער אַרומצוגייך אַזאַ סיטואַציע און לאָזן עס צו דער צייט — האָט באַראַש געענטפערט רואיק.

— איר זעט דאָך אָבער, אַז די צייט האָט נאָך ביז איצט גאָרניט אויסגעגלייכט.

— פון אויבערפלאַך אפשר גאָרניט, אָבער טיפער . . . איז דאָס פאַרגאַנגענע . . . אָפּגעקילט.

— אָ, איך ווייס, די צייט קילט אַלצדינג אָפּ, עס בלייבן דאָך אי־בער די געדאַנקען. וואָס טוט מען מיט זיי? וואָס טוט מען מיט אָט די־דאָזיקע אַבסטראַקטע טייוואָלים, וואָס שלעפּן צו פרעמדע טירן?

באַראַש האָט זיך צושמייכלט, ווייל אפילו אין שובינס איראָניע האָט ער דערשפּירט דעם טאָן פון אַ מאַן, וואָס ווייסט און פילט אַליין זייער גוט די מאַכט און די שפּיצלעך פון דע געדאַנקען־טייוואָלים.

— איך בין אַ שרייבער, דאָקטאָר שובין, און לאַכט ניט, ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז איך נעם אָפּט מיינע געדאַנקען, מיינע אַבסטראַקטע קאָנספּיראַטאָרס און אינספּיראַטאָרס און, אַנשטאָט צו לאָזן זיך פירן פון זיי, רייץ איך זיי אָן אויף מיינע אומשולדיקע, אויסגעטראַכטע, פיקטיווע מענטשן. און אָפט טראַכט איך אַפילו, אַז ווען מיינע פיקטיווע העלדן וואָלטן געקאָנט, וואָלטן זיי רעוואָלטירט, ווי די זעקס כאַראַקטערן אין פּיראַנדעלאָס דראַמע. מיינע געדאַנקען געפינען שוין די קרבנות און די קרבנות זענען, צום גליק, מערסטנס, פיקטיווע.

— אָבער אייערע . . . טאַטן, מיסטער באַראַש — אייערע טאַטן אילוסטרירן אייך און זיי פאַרבינדן מיט זיך אויך אַנדערע פּערזאָנען, וואָס וואָלטן אפשר ניט געוואָלט זיין פאַרבונדן מיט אייערע, ווי זאָל איך עס אָנרופן . . .

— איר זענט גערעכט, ווען איר זאָגט, אַז מיינע טאַטן אילוסטרירן מיך. זיי זענען אָבער, גלייב איך, מענטשלעכע טאַטן.

— מענטשלעכע טאַטן זענען אָפט ספּעציפיש מענטשלעך, און דאָס איז ניט קיין דערגרייכונג. מענטשלעכע טאַטן זענען אָפט ניט די זוי־בערסטע טאַטן.

— איינשטימיק — האָט באַראַש אויסגעהאַלטן זיין בליק.

— און . . . אויב אַזוי . . . — האָט שובין אַ קוק געטאָן אויף אים מיט פאַרזשמורעטע אויגן און דערנאָך איבערגעפירט זיין בליק

אויף שעליאן, וואָס איז די גאַנצע צייט פון געשפּרעך געזעסן אויף דער סאָפע און פּאָלירט איר נעגל. — אויב אַזוי . . . — האָט ער ווי־דעראָלט — קומען ניט אייערע ספּעציפיש מענטשלעכע טאָטן אין קאָנ־פליקט מיט דעם באַרוף פון . . . דעם שרייבער, וואָס דאַרף, אַזוי צו זאָגן, וויזן אַ ביישפּיל פון העכערער מאָראַל און קולטור?

— איך פאַרשטיי, וואָס איר מיינט, דאָקטאָר שובין. טויזנטער מענטשן שטעלן די פראַגע, וואָס דער שרייבער אַליין שטעלט זיך זעלבסט זייער אָפט. מיין פרוי האָט שוין אויך ניט איינמאָל געשטעלט מיר די־דאָזיקע פראַגע. איך קאָן אויף דעם ענטפערן, אַז ניט אַלץ אין לעבן איז נאָך קלאָר און ניט שטענדיק ווייסן מיר, וואָס עס איז קולטור און מאָראַל. און די צעטיילונג אויף מאָראַליש און אוממאָראַליש און קול־טורעל און אומקולטורעל בלויז דערפאַר, וואָס עס מישט זיך אַריין אַן עמאָציאָנעלער און אינספּירירנדער געפיל צווישן צוויי מענטשן, וואָס האָבן חוץ זייערע געזעצלעכע פליכטן אויך פליכטן צו זייער אינדיווי־דועלן אויסדרוק, צו זייער אינערלעכער גייסטיקער וועלט — אַזאַ צעטיי־לונג איז פּונקט אַזוי שעדלעך ווי די קלאַסן־צעטיילונג און שעדלעכער אפילו, ווייל קיין מענטש טאָר ניט און וויל ניט זיין דער שקלאַפן־טרייבער איבער זיינע אייגענע געדאַנקען און עמאָציעס. איך ווייס מיין ענטפער וועט אייך ניט באַפרידיקן, ווייל עס איז שווער צו צעבּרעכן מיט ווער־טער וועגט, וואָס די מענטשהייט האָט געבויט אַרום זיך יאָרן טויזנטער. אָבער אַזוי איז דאָס. ניט יעדער מענטש איז אַ שרייבער, אָבער יעדער שרייבער איז אַ מענטש, אפילו ווען ער זוכט און דעקט אויף דאָס לעבן און די פּראָבלעמען אין לעבן, וועלכע ער און קיינער קאָן ניט לייזן. און איצט — האָט באַראַש גענומען זוכן מיט די אויגן זיין מאַנטל — איצט גלייב איך, איז צייט צו פאַרענדיקן מיין פאַרענטפערונג, אַזוי צו זאָגן, און לאָזן זיך גיין צוריק אַהיים.

— נאָך איין פראַגע, מיסטער באַראַש — האָט אים שובין אָפּגע־שטעלט. — ווייסט אייער פרוי, אַז איר און . . . שעליא זענט אַזוי . . . נאָענט באַפריינדעט?

— זי ווייסט, אַז מיר זענען געווען באַפריינדעט, אָבער איך ווייס ניט צי זי ווייסט ווי נאָענט, אָדער ווי וויט . . .

— אָ, זי ווייסט . . . — האָט שובין גענומען שפּאַנען — זי ווייסט. און ווייסט זי — איז ער געבליבן שטיין קעגן באַראַשן — אַז אין אייער נייעם בוך האָט איר באַשריבן, ווי מ׳זאָגט, שעליאן און זיך?

— זי ווייסט, ווי מ׳זאָגט.

— דאָס אַלעס וואָס איך האָב געוואָלט וויסן.

— אויב אַזוי, וועל איך זאָגן אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, מיסטער באַראַש.

— אַ גוטע נאַכט, שעליא.

— אַ גוטע נאַכט — האָט זי זייער שטיל געענטפערט. — איר וועט מיר אַנטשולדיקן פאַר מיין . . . שווייגעניש.

— שווייגעניש רעדט אָפט העכער פון ווערטער — האָט באַראַש געענפערט די טיר.

— איך האָף צו באַקאַנען זיך אינגיכן מיט מאַדאַם באַראַש — האָט שובין פלוצים אַ זאָג געטאָן.

— דאָס וועט זיין זייער אַנגענעם, גלייב איך — האָט באַראַש אַ שמייכל געטאָן.

—איך זאָג עס אייך, ווייל כ'האָב שוין פון לאַנג אינזינען געהאַט דאָס צו טאָן. עס אינטערעסירט מיך צו קאָנען די פרוי פון . . . אַ שריי־בער. מיינט אָבער ניט, אַז איך קלייב זיך אָפּצוצאָלן אייך מיט דערזעל־בער מטבע, אויב אפילו עס וועט מיר אויסקומען צו רעדן מיט איר וועגן אייער פריינדשאַפט מיט שעליאן.

— עס איז אייער פּריווילעגיע, דאָקטאָר שובין. אַ גוטע נאַכט.

ער איז אַרויסגעגאַנגען. אַ דינער רעגן האָט געקילט דאָס פּנים, ווי אין אַ קאָנספּעקט איז דורכגעלאָפן אין מח דער געשפּרעך צווישן אים און שובינען.

און די נאַכט, און דאָס לעבן האָט אויסגעקוקט פאַרנעפּלטער, אומ־פאַרשטענדלעך, קאַלטער . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

אין דעם טאָג האָט אין ניו־יאָרק גאָרנישט ניט פּאַסירט, חוץ די געוויינלעכע, טאָג־טעגלעכע, גרויע אינצידענטן, וואָס האָבן פּאַסירט טאָג איין, טאָג אויס, יאָר איין, יאָר אויס. די צייטונגען האָבן אין דעם טאָג דערציילט, ווי געוויינלעך, וועגן גנבות, רויבערייען, זעלבסטמאָרדן, תּתונות, קאָרופּציע, פייערן, באַנקראָטן, אַקטיאָרן, באַלשפּילער . . .

— אין ניו־יאָרק האָט אין דעם טאָג גאָרנישט ניט פּאַסירט.

— די וויכטיקע, די גרויסע, די היסטאָרישע נייעסן זענען געקו־מען פון איבער דעם אָקעאַן, פון אַנדערע לענדער, פון אַלע לענדער, פאַר־וויקלטע אין שוואַרצע וואָלקנס פון מלחמה און טויט.

באָמבאַרדירטע שטעט, געזונקענע שיפן, צעשמעטערטע עראָפּלאַנען און טויזנטער און טויזנטער פאַרפּייניקטע און דערמאָרדעטע — דאָס איז שוין אויך געוואָרן רוטין. דער געדאַנק האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, אויפ־געשוידערט און גלייך פאַרשלאָסן זיך אין אַפּאַטיע — ווייל מאָרגן וועט

דאָסזעלביקע ווידערהאָלן זיך, ווייל אַזוי איז דאָס געווען און אַזוי וועט עס זיין, און דער מענטש איז ניט אומשטאַנד אָפּצושטעלן עס.

אין דעם טאָג האָט אין ניו־יאָרק גאַרנישט־ניט פּאַסירט, אָבער אין אַנדערע לענדער האָט זיך געשאַפֿן געשיכטע. באַראַש האָט געטראַכט וועגן דעם און דער גרויסער אַפּאַטיע־וואָלקן פון מיליאָנען האָט זיך גע־צויגן אויך איבער אים.

ער האָט ווייניק גערעדט און ווייניק געשריבן און באַ דער אַרבעט אָפּגעשטעלט זיך אָפט מיטן פּענזל אין דער האַנט, געשטאַנען אַ פּאָרטראַכ־טער און וועגן גאָרנישט ניט געטראַכט.

מיס באַרנאַרדא פלעגט קוקן אויף אים פונדערווייטנס און דער באַלעבאָס פון שאַפּ האָט געוואָרפן אויף אים בייזע, שטעכיקע בליקן פון די קליינע אויגן . . .

אין דעם טאָג — — —

ער איז געשטאַנען מיטן פּענזל אין דער האַנט אַ פאַרטראַכטער. דער בוכשטאַב, וועלכן ער האָט געמאָלן אויף דעם שילד, האָט זיך אים אויסגעוויזן, לויפט. אַ לויפט אַ בוכשטאַב, ווי אַן אַלטער ייד מיט צע־בראָכענע פיס, לויפט אין שרעק, ווי ער אַליין איז אַמאָל געלאָפן, אָדער ריכטיקער געקראָכן אויף אַלע פיר, ווען אַ קאָזאַק האָט זיך געיאָגט נאָך אים אויף אַ פערד. אַזוי בולט האָט ער ווידער דורכגעלעבט דעם פּאַראַ־ליזירנדיקן שרעק פון יענעם טאָג, אַז שטייענדיק באַם שילד, איז יעדער גליד באַ אים ווי פּאַראַליזירט געוואָרן און דער געדאַנק איז געבליבן הענגען ווי אין חלל.

און ווען ער האָט דערפילט דעם באַלעבאָס׳ פינגער אויף זיין פּלייצע, האָט ער אַ שוידער געטאָן.

— גודביי, מיסטער באַראַש — האָט ער דערהערט — איך קאָן זיך ניט פאַרגינען דעם לוקסוס און צאָלן פאַר טראַכטן. איך וועל שוין פרי־בירן טראַכטן אַליין . . . אָן אייער הילף. ס׳קאָן זיין, אַז איך וועל זיך אויך צו עפּעס דערטראַכטן. קומט . . .

באַראַש איז אים נאָכגעגאַנגען און אין שמאָלן, שמוציקן אָפיס האָט דער באַלעבאָס גענומען לאַנגזאַם און פאַרזיכטיק שרייבן אַ טשעק, און ווען ער האָט אים אָנגעשריבן, האָט ער אים ווידעראַמאָל באַטראַכט, דערלאַנגט צו באַראַשן און געזאָגט.

— גוד־ביי און איך מיין ניט אויף ווידערזען.

ניט אָפּוואַשנדיק די הענט אפילו און ניט געזעגענענדיק זיך מיט קיינעם, איז באַראַש אַרויסגעגאַנגען פון שאַפּ. געשטאַנען אינדרויסן, געקוקט אויף די פרעמדע, פאַרבייגייענדיקע מענטשן און ניט געוואוסט צי זאָל ער זיך לאָזן פאָרן אַהיים, צי זאָל ער אַרומגיין איבער די גאַסן

מיט זיין פּוסטן געמיט. אויף דעם געדאַנק איז געקומען אַדאַ און ער האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי זי קוקט אויף אים, ווען ער דערציילט איר: אַז ער איז געבליבן אָן אַ דזשאָב. — צו וואָס זאָגן איר? — האָט ער געטראַכט. — בעסער זוכן אַ נייעם דזשאָב און דערציילן איר, ווען ער וועט ווידער אַרבעטן. ניט נייטיק צו באַאומרואיקן זי און צו פאַרשאַפן איר יסורים . . .

די געדאַנקען האָבן זיך געדרייט ווי פאַרפּלאָנטערטע פעדים אויף אַ קנויל . . . געדרייט, דענערווירט און געמוטשעט . . . און אפשר גיין שוין, אַט די מינוט, זוכן אַ דזשאָב. צו וואָס לאָזן זיך שלעפּן פון שטימונגען אַראָפּ אַראָפּ . . . ניין. ער וועט ניט גיין. גיין — הייסט רייסן זיך אין קאַמף מיט די הימלקראַצערס — געלט־קאַסטנס קעגן וועלכע ער איז מאַכטלאָז; גיין — הייסט ווידער קאַפּיטולירן, ווידער צוגעבן, אַז ער מוז, מוז קלאַפּן אין די טירן, אין די ווענט פון דער וועלט, פון דער שטאָט און ניט בעטן און אויך ניט פאָדערן, נאָר לאָזן זיך שטומערהייד פאַרקאָווען מיט אומזעבאַרע קייטן, — פאַרקאָווען זיינע שעהן, זיינע טעג, זיינע געפילן און געדאַנקען, לאָזן זיי, ווי אין סיינט וויטאָס טאַנץ, אין שנעל, שנעל נערוועזן, פיבערדיקן אַרבעט־יאָג און דערנאָך, אָן אויסגעשעפּטער, אַהיים טראָגן אין די ציטערדיקע הענט די מיזערנע פאַרשווייסיקטע דאָלאַרן. ניין, היינט איז דער טאָג זיינער. בלויז זיינער און מער קיינעמס ניט. דער טאָג איז זיינער — — —

אין דעם טאָג האָט אין ניו־יאָרק גאָרנישט ניט פּאַסירט.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

ווען ער איז אַהיים געקומען איז קיינער ניט געווען אין דער היים. אין הויז איז געווען פינצטער. ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס אַדאַ און עווא זענען ניטאָ. עס פלעגט טרעפן אַמאָל, אַז זיי פלעגן אַראָפּפאָרן „דאַון־טאַון“, פלעגט אַדאַ איבערלאָזן אַ צעטעלע וואוהין זיי פאָרן. דאָס מאָל האָט ער קיין צעטעלע ניט געפונען. האָט עס אים געוואונדערט. ענדלעך, נאָך אַ שעה פון נערוועזן וואַרטן, האָט ער דערזען דורכן פענצטער עווא — איינע אַליין.

ווען זי איז אַריינגעקומען, האָט זי דערציילט, אַז די מוטער איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן, איז זי, עווא, געגאַנגען דערווייל מיט אַ חברטע צו אַ מואווי.

— וואוהין איז זי געפאָרן, די מאַמע? — האָט באָראַש געפרעגט.

— איך ווייס ניט — האָט עווא געענטפערט און געזוכט אין דעם „פרידזשידער“ עפּעס צום עסן.

— איז זי געגאַנגען אַליין, צי מיט עמיצן? — האָט ער ווידער געפֿרעגט.

— אַליין — האָט עווא געענטפֿערט און האָט זיך דערמאָנט: — יאָ, עמיצער האָט אָפּגערופֿן אויף דעם טעלעפֿאָן, איז זי אַוועקגעגאַנגען. זי האָט מיר אָבער ניט געזאָגט וואוהין זי גייט.

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט און די שטונדן האָבן זיך געדרוקט לאַנגזאַם און לאַנגווייליק. בּאַראַש האָט יעדע ווײַלע געקוקט אויף דעם זייגער; אַרומגעשפּאַנט, געקוקט אין פֿענצטער, געמאַכט טיי, גע־לייענט די צייטונג און ווידער געקוקט אין פֿענצטער. געוואונדערט זיך ווער עס האָט גערופֿן אויף דעם טעלעפֿאָן און וואוהין זי איז געגאַנגען אַזוי שפּעט, איבערלאָזנדיק עווען.

אַרום עלף אַזייגער איז עווא געגאַנגען שלאָפֿן און ער האָט זיך ווידער גענומען צום לייענען. עס איז אַוועק נאָך אַ שטונדע און נאָך אַ שטונדע. ענדלעך האָט ער דערהערט, ווי אַן אויטאָ איז צוגעפֿאָרן צום הויז. איז ער צו צום פֿענצטער און האָט אַרויסגעקוקט. דערזען ווי אַדאַ געזעגנט זיך מיט אַ מאַן, וואָס איז געזעסן אין מאַשין.

זי איז אַרײַנגעקומען אין הויז אַ שווײַגנדיקע און ניט אַ קוק גע־טאָן אויף אים אפילו. אַרײַנגעגאַנגען אין שלאָפֿצימער און אָנגעהויבן אויסצוטאָן זיך.

— וואו ביזטו געווען? — איז ער איר נאָכגעגאַנגען.

— בּאַ אַ פֿאָרשטעלונג — האָט זי געענטפֿערט קאַלט ווי אייז.

— מיט וועמען? — האָט ער געפֿרעגט, אויסערלעך רואיק און קאַלטבלוטיק.

— מיט דאָקטאָר שובין — האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ שטאָלענעם בליק.

— דאָקטאָר שובין? — האָט ער געמאַכט אַ פֿאַרוואונדערט פּנים.

— דאָס האָט ער, הייסט עס, אָפּגערופֿן אויף דעם טעלעפֿאָן.

— ער.

— וואָס פּלוצים?

— דאָס ערשטע מאָל איז אַלעמאָל פּלוצים.

— דאָס ערשטע מאָל? זייער אינטערעסאַנט.

— פֿאַרוואָס ניט? — איז זי געבליבן שטיין קעגן אים אַ האַלב־נאַקעטע. — האָט עס זיך בּאַ דיר און בּאַ שעליאַן אָנגעהויבן פֿון דעם צווייטן מאָל, ניט פֿון דעם ערשטן מאָל?

— פֿאַרוואָס ענטפֿערסטו מיר מיט אַזאַ קריגערישקייט? כ׳האָב דען טענות צו דיר?

— דו זאָלסט נאָך האָבן טענות? ער דאַרף נאָך האָבן טענות!

— האָט זי פּלוצים אויסגעשריגן, פאַרשטיקט און אויפגערעגט. — שעליא האָט אויך ניט קיין טענות צו שובינען . . . איז גוט, איז גוט . . . מיר וועלן אויך קיין טענות ניט האָבן צו אייך . . מיר וועלן אויך ניט.

— מיר וואָלטן געקאָנט רעדן וועגן דעם רואיקער און ניט אויפגערעגט.

— מיר וועלן אינגאַנצן ניט דאַרפן רעדן וועגן דעם. עס איז גענוג פאַר מיר, וואָס כ'האָב געהערט פון דאָקטאָר שובינען.

— וואָס האָסטו געהערט פון דאָקטאָר שובינען? — האָט באַראַש געפרעגט און געפילט ווי די פראַגע זיינע אָטעמט מיט היפּאָקריטישקייט.

— דאָקטאָר שובין איז אַ דזשענטעלמען. שוין צופיל דזשענטעלמען — האָט זי געענטפערט. — אָבער איך בין קלוג גענוג צו פאַרשטיין די דינסטע ניואַנסן פון זיינע ווערטער. און ער פאַרשטייט אויך די טיפסטע ניואַנסן פון מיין נשמה.

— איז דאָך גוט, וואָס איר פאַרשטייטביידע אַזוי גוט די דינסטע ניואַנסן — האָט באַראַש פּרובירט אַ שפּאַס צו טאָן, כאָטש אין די ווערטער זיינע האָט ער אַליין אויך געפילט סאַרקאַזם און איראָניע.

אַדאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ שפּיזיקן בליק און איז אַריין אין שלאָפצימער. זי האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט, אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט און ניט געזאָגט קיין וואָרט. באַראַש האָט שוין געוואוסט, אַז אין אַזעלכע מינוטן איז בעסער ניט צו רעדן. שפּעטער אָבער, ווען ער איז קוים אַנטשלאָפן געוואָרן, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון איר כליפּען און אַ צערודערטער, אַ צעשרויפטער, האָט ער שוין געוואוסט, אַז פון דער נאַכט אָן הייבט זיך ווידער אָן באַ אים און באַ איר דער פּעריאָד פון צעווייטיקטע, צעבלוטיקטע וואונדן, דער פּעריאָד פון גרויזאַמע אויסברוכן, געבוירן אין פּיין און אין טרערן . . .

אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַנען, פרעטענדירנדיק, אַז ער גייט צו דער אַרבעט. און דער גאַנצער טאָג האָט אים געהאַלטן אין אַ פאַרפלאָנטערטער נעץ פון כאַאָטישע געדאַנקען אָזוועז עס איז ענדלעך צעפאַלן דער אָוונט, האָט עס אויך קיין פאַרלייכטערונג ניט געבראַכט. ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז ער אַרבעט ניט און האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי דאָס צו זאָגן איר. אין דעם אָוונט האָבן זיי כמעט ניט גערעדט. און ווען ער האָט זיך ענדלעך אַנידערגעלייגט אויף דעם געלעגער, איז ער גלייך פאַרזונקען געוואָרן אין שלאָף. און באַנאַכט, ווי שפּעט עס איז געווען, האָט ער ניט געוואוסט, האָט ער זיך ווידער אויפגעכאַפּט פון אַדאַס געוויין און אַ פיזישער און גייסטיקער פּיין האָט אים געוואָרפן ווי אויף הייסע, שטורעמדיקע כוואַליעס און ניט געלאָזט ווידער אַנטשלאָפן ווערן. געדאַנקען האָבן ווידער אָנגעהויבן פראַווען אַ וואַקכאַנאַליע אין זיין מח

און האָבן גערעדט צו אים מיט פאַרשידענע שטימען: . . . אַדאָ . . . אַדאָ . . . אַדאָ . . . זי איז דאָך גערעכט . . . אירע ווערטער זע־נען דאָך פּאַרט אַרויסגעריסן פון אונטער דעם יאָך פון יסורים . . . ווער ביזטו? און וואָס ביזטו? און וואָס זענען דיינע פליכטען? און וואו זוכסטו דיין גליק, דיין געניוס, דיין טרוים, דיין ציל, דיין זין פון לעבן? . . .

. . . אַדאָ . . . אַדאָ . . . אַדאָ . . . זי וויל נעמען דיך, דעם מענטשן, זי וויל נעמען דאָס אינדיווידועלע אין דיר, דאָס וואָס געהערט בלויז צו דיר, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר דיר . . . וויל זי דאָס נעמען, פאַרשפּאַרן עס אין ראַמען, אויפהענגען עס אין הויז ווי אויף אַ טשוואָק — זאָל עס הענגען, דאָס געפאַנגענע, זאָל עס הענגען, ווי אַ סימבאָל פון מאַן, פון פאָטער, פון מענטש . . . און די בליצן אין דיין מח, און די פייערן אין דיין נשמה, און די טרוימען, די אילוּ־זיעס און דער געניוס וואָס וויל זיין, ווי אַ בין אויף בלומען, און דער זין פון לעבן, וואָס איז ניט אין אויסגעבאַקענער, אויסגעפורעמטער באַלע־באַטישקייט — דער זין פון לעבן, וואָס איז לעבן — דאָס אַלעס דאַרפ־סטו האַלטן אין די קעלערס פון דיין נשמה, אַנטפּלעקן עס בלויז אין ביכער . . . ניין! אין ביכער אויך ניט. — ווייל מענטשן ווילן ליי־ענען די ביכער און מענטשן וועלן זען און וועלן זאָגן: וואָס פאַר אַ וואַגאַבונדישע, באַפליגלטע און ניט־געזעצטע נשמה פון גייסט . . . ניין, אין ביכער אויך ניט . . . אין ביכער אויך ניט לעבן . . . כאַ־כאַ־כאַ־כאַ . . .

. . . אַדאָ . . . אַדאָ . . . ס'איז דאָך אָבער אַ רחמנות אויף איר . . . זי טראָגט דאָך אויך טרוימען אין זיך . . . זי קאָן אפשר ניט זען אין דער פּערספּעקטיוו פון דיין בליק, פון דיין וועלטבאַנעם . . . זי איז דאָך פּאָרט אַ פרוי, וואָס טראָגט מיט זיך די ספּעציפיש־פרויענשע געפילן און דאָס געפיל פון אַ מאַמען, וואָס אדאַפּטירט איר מאַן ווי אַ זון און וויל אים ניט אַוועקגעבן קיינעם, קיינעם, קיינעם . . .

. . . אַדאָ . . . אַדאָ . . . אַדאָ . . . און זי, זי אַליין? גיט זי דען ניט אַוועק דער וועלט אירע פאַרבאָרגנסטע באַגערן דורך וואָרט, דורך בליק, דורך באַריר, דורך טאַנץ, דורך קוש, דורך דער שטילקייט פון נאַכט, ווען זי איז אַליין און ווען זי איז מיט דיר אפילו . . . אין קאָן זי דען ניט זען דאָסזעלביקע אין זיך און מודה זיין, און צוגעבן, און פאַרשטיין, אַז אַזוי, אַזוי, אַזוי . . . איז דער „ער", און אַזוי איז די „זי", אַזוי זענען ביידע באַשאַפן געוואָרן צו וועלן זיין פריי און צו לעבן דאָס לעבן ווי עס איז געגעבן געוואָרן צו דער נשמה . . .

. . . אַדאָ . . . אַדאָ . . . אַדאָ . . .

ער האָט ניט געוואוסט ווען און ווי אַזוי ער איז אַנטשלאָפן גע־וואָרן; אָבער ווען דער זייגער האָט זיך פאַרטאָג צעקלונגען, איז ער, אַ צעבראָכענער, אַרויס פון בעט און איז ווידער אַוועק פון הויז. און אויך אין דעם טאָג האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין די גאַסן, געזעסן אין די קאַפעטעריעס און געטרונקען קאַווע; און אויך אין דעם טאָג, האָט גע־דריקט אַ שווערע מידקייט, די אויגן האָבן זיך געקלעפּט און די שטונדן האָבן געצויגן די נערוון. ער האָט געוואוסט, אַז אין אַזאַ שטימונג און צושטאַנד, קאָן ער ניט גיין זוכן אַרבעט. און ווען ס'איז ענדלעך צוגע־פאַלן דער אָוונט און ס'איז שוין געווען צייט אַהיימצוגיין, האָט ער זיך מיט לאַנגזאַמע טריט געלאָזט צום סאָבווי און געגאַרט אַנידערצולייגן זיך, פאַרזונקען ווערן אין אַ דערלייזנדער נירוואַנאַ.

ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט דאָס הויז אויפגענומען אים מיט טויטער שטילקייט. יעדע זאַך איז געווען אויפן פלאַץ און דאָך האָט זיך אים געדאַכט, אַז עפּעס פעלט. ער איז אַריינגעגאַנגען אין שלאָף־צימער, געמאַכט ליכטיק און דערזען אַ בריוו אויף דעם בעט. ער איז שוין געוואוינט געווען צו זען און צו לייענען. דידאַזיקע בריוו אַדאָס . . . ווען ער האָט אָבער גענומען לייענען, האָט דאָס האַרץ זיינס, דאָס מאָל, גענומען קלאַפּן שטילער און שוואַכער. ער איז צוגעגאַנגען נעענטער צום לאָמפּ און, ווי ניט גלייבנדיק זיינע אויגן, ווידער איבערגעלייענט: „. . . איך לאָז איבער דאָס גאַנצע הויז פאַר דיר. איך פאָר אַוועק צו דער מאַמען. אויב דו וועסט אונדז דאַרפן, ווייסטו וואו צו געפינען אונדז. איך ווינטש דיר גליק אויף דעם אַלטן, אויסגעטראָטענעם וועג פון דיין לעבן . . .״ אונטן האָט ער איבערגעלייענט דעם אַדרעס פון איר מו־טער אין לאָס אַנגעלעס.

ער האָט געקוקט אויף דעם בריוו, אויף דעם שטיקל ווייס פאַפּיר, וואָס איז, ווי אַ לעצט זייטל פון אַ בוך, געוואָרן דער סימבאָל פון דער ענדע פון אַ גרויסן טייל פון זיין לעבן. אַ קאַלטע רואיקייט האָט לאַנג־זאַם גענומען קילן זיינע בלוטן און עפּעס אַן עמבריאָ פון אַ באַשלוס (וואָס פאַר אַ באַשלוס, האָט ער נאָך אַליין ניט געוואוסט) האָט זיך פאַר־מירט אין זיין מח און דאָס בריוול איז לאַנגזאַם, ווי אַ האַרבסט־בלאַט געפאַלן צו דעם דיל און איז געבליבן ליגן אָן געפיל און אָן וויסן, אַז עס אַנטהאַלט אין זיך די לעצטע ווערטער פון אַ פרוי צו איר מאַן . . . ווערטער, וואָס האָבן געשאַפן אַ טיפן, זינלאָזן תהום . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

אינדערפרי האָט אים אויפגעוועקט דער טעלעפאָן. ער איז אַראָפּ

פון בעט אַ דערשראָקענער און אין דערזעלבער צייט אַ דערפרייטער. אַ טראַכט געטאָן, אַז אפשר איז דאָס אָדאָ . . .

עס איז אָבער געווען בירמאַן. בּאַראַש האָט קוים דערקענט זיין שטימע. ער האָט אָפּגערופן אַזוי פרי . . . — האָט בירמאַן געזאָגט — צו זיין זיכער, אַז ער וועט אים נאָך טרעפן אינדערהיים און צו זאָגן אים אַ גוטע בשורה. ער איז גרייט אַריינצונעמען אים, בּאַראַשן, אין דער רעדאַקציע פון דער „יידישער פאָסט״ אַט אַזוי ווי ער, בּאַראַש וויל — אַ שרייבער מיט אַלע שרייבער גלייך.

— וואָס פלוצים . . . אַזאַ פריווילעגיע? — האָט בּאַראַש געפרעגט.

— פרעגט ניט קיין שאלות און קומט גלייך צו. אויף דעם טע־לעפאָן דערציילט מען ניט קיין מעשׂיות. קומט גלייך . . . — האָט ער אַ זאָג געטאָן און אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל.

בּאַראַשן האָט אַרומגעכאַפּט אַ פיבערישע פרייד. דער געדאַנק וועגן אַ שטעלע אין דער „יידישער פאָסט״ האָט זיך גלייך פאַרבונדן מיטן געדאַנק וועגן אָדאָן. ווען זי וועט זיך דערוויסן וועגן דעם, וועט זי זיכער גלייך קומען צוריק. ענדלעך . . . אָן אָנהייב — כמעט בּאָם סוף . . .

אָבער מיטאַמאָל האָט אים ווידער אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון פוסט־קייט און פון טרויער. ווי נאַריש ער פרייט זיך, ווי אַ נאַרישער ייִנגל, ווי אַן אָנפאַנגער . . . וואָס פרייט ער זיך אַזוי, וואָס? איז טאַקע אין דעם און בלויז אין דעם די דערגרייכונג, און די דערהייבונג און דער זין פון זיין לעבן און שאַפן?

ער האָט זיך אָנגעטאָן, אַרומגעקוקט די צימערן און געלאָזט זיך גיין צום סאָבוויי. ווען ער איז אָנגעקומען צו דער „יידישער פאָסט״, האָט ער אין אַ רעסטאָראַנדל אָפּגעגעסן פרישטיק און מיט אַ געפיל פון אָנגענעמער דערוואַרטונג געלאָזט זיך גיין אין דער רעדאַקציע. אַריינ־קומענדיק, האָט ער אין ערשטן צימער דערזען אַ פּאָר באַקאַנטע און אַ פּאָר אומבאַקאַנטע שרייבער. זיי האָבן אָבער ניט געקוקט אויף אים, פּרעטענדירט, אַז זיי זעען אים ניט. האָט ער זיך געוואונדערט. און ווען ער איז אַריינגעקומען אין בירמאַנס קאַבינעט, האָט אים בירמאַן באַגעגנט מיט אַ סימולירטער פרייד, צוגערוקט אַ בענקל און געבעטן זיצן. בּאַראַשן איז עפּעס ניט געפעלן געוואָרן בירמאַנס איבערטריבענע פריינט־לעכקייט און ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ערגעץ ליגט דאָ אַ הונט באַגראָבן . . . עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. און ווען ער האָט דערהערט בירמאַנס ערשטע פראַזע, האָט ער שוין ניט געצווייפלט, אַז זיין פאַר־דאַכט איז אַ באַרעכטיקטער.

— איך וויל אייך בעטן אַז איר זאָלט נאָך קיינעם ניט זאָגן, אַז

איר האָט באַ מיר אַ שטעלע. אַבסאָלוט קיינעם . . . ביז מאָרגן אינ־דערפרי.

— פאַרוואָס . . . מעג איך וויסן ?

— איר וועט זיך, מסתמא, דערוויסן . . . אפשר נאָך היינט באַ־נאַכט.

— פאַרוואָס עפּעס אַזאַ . . . סודותדיקייט ?

— פרעגט ניט קיין שאלות, באַראַש. איר ווילט דעם דזשאָב — האָט איר אים. איר הייבט אָן מאָרגן און דאָס איז אַלץ, וואָס איך קאָן אייך איצט זאָגן.

— ווּעמעס פּלאַץ וועל איך דאָ דאַרפן פאַרנעמען, בירמאַן ?

— עס וועט אייך זיין לייכטער אויף דער נשמה, אַז איר וועט וויסן ? וואָס איז דער אונטערשייד ? אויב ניט דעמס איז יענעמס און אויב ניט איר, וועט זיין אַן אַנדערער.

— אויבערפלעכלעך איז טאַקע ניטאָ קיין אונטערשייד, דאָך . . . וואָלט איך זיך געפילט . . . באַקוועמער.

— איר רעדט ווי אַ נאַר. מ׳גיט אייך אַ דזשאָב, איר דאַרפט אַ דזשאָב, נעמט.

— אייער צוגאַנג איז אַן עכט קאַפּיטאַליסטישער.

— און וואָס האָט איר געפועלט מיט אייער קאַפּצאַנסקן צוגאַנג ? איך מיין אייער טובה, באַראַש. אָבער, אַז איר ווילט ניט — דאַרף מען ניט.

— כ׳האָב אייך ניט געזאָגט, אַז איך וויל ניט.

— און אַז איר ווילט יאָ, טאָ וואָס האַקט איר אַ טשייניק. גייט אַהיים, רוט זיך אויס און קומט מאָרגן צו דער אַרבעט. גוט ?

— גוט . . . — האָט באַראַש געענטפערט, טראַכטנדיק אַ ווײַלע.

— וועגן שכירות זאָרגט זיך ניט. מיר וועלן נאָך רעדן. ס׳וועט זיין גוט. מיר וועלן נאָך רעדן וועגן דעם.

— לאָמיר האָפן, אַז ס׳וועט זיין גוט אַרום און אַרום.

— אַרום און אַרום ווילט זיך אים נאַר — האָט בירמאַן נערוועז איבערגעשטעלט די זאַכן אויף דעם שרייבטיש. — אַרום און אַרום . . . אַנדערש ניט. די גאַנצע וועלט ווילט זיך אים פאַרזאָרגן.

באַראַש האָט ניט געוואוסט ווי צו רעאַגירן אויף בירמאַנס ווערטער. עפּעס אין אים האָט געפאָדערט רעספּעקט צו זיך, געפאָדערט אַ בייז, שטעכיק וואָרט, געפאָדערט אַ זעץ אין טיש און אַ קלאַפּ מיט דער טיר . . . אָבער אַ צווייטער אין אים האָט איינגעהאַלטן, באַרויִקט, גע־שמייכלט פילאָזאָפיש און געבעטן געדולד . . . געדולד . . .

ער האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען דעם הוט און, קוקנדיק אויף די נעגל, געזאָגט:

— אַלזאָ, מאָרגן.
— מאָרגן אָן תירוצים.
— אַ גוטן טאָג, בירמאַן.
— אַ גוטן . . .

ווען ער איז ווידער דורכגעגאַנגען דאָס צימער וואו עס זענען געזעסן די מיטאַרבעטער, האָט ער דאָס מאָל באַמערקט ווי זיי וואַרפן זיך איבער מיט חוזק־בליקן. ער האָט זיך געוואָלט אָפּשטעלן בײַ אַ טיש, וואו עס איז געזעסן זײַנער אַ באַקאַנטער, דער שרײַבער שייפער, האָט ער אָבער דערזען, ווי יענער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, פּרעטענדירנדיק, אַז ער איז זייער פאַרטיפט אין דער אַרבעט; איז ער מיט אַ דערדריקט געפיל אַרויסגעגאַנגען פון דער רעדאַקציע און געלאָזט זיך גיין מיט דער לאַנגער גאַס אַראָפּ, ניט טראַכטנדיק וואוהין און צו וואָס ער גייט. און ווען ער האָט פּלוצים דערזען אַ קינאָ־טעאַטער, האָט זיך די האַנט אַ ציִ געטאָן צו דער קעשענע און די פּיס האָבן געפירט צום אַרײַנגאַנג.

דער טאָג איז אַוועק אונטער גרויע וואָלקנס, דורך וועלכע עס טוט אַ בליאַסק אַמאָל די זון. און ווען דער אָוונט איז געקומען, איז באַראַש אַוועק אין „טעאַליט". און ווי נאָר ער איז אַרײַנגעקומען, האָט ער גלייך דערפילט, אַז עפּעס טומלט זיך, עפּעס היצט זיך אַרום די טישלעך, וואו עס זענען געזעסן אַלטע און יונגע שרײַבער. און צוקומענדיק נענטער, האָט ער צווישן די שרײַבער דערזען אויך שייפערן. שייפער האָט געקוקט אויף אים און פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— אַ שאָד, באַראַש . . . אַ שאָד . . . ווען בירמאַן וואָלט ניט צוגעשימט צו אונדזערע באַדינגונגען און ווען עס וואָלט אויסגעבראָכן אַ סטרייק, וואָלט איר ענדלעך געקראָגן אַ דזשאָב . . . אַלס סטרייק־ברעכער . . .

— וואָס מיינט איר? — איז באַראַש געוואָרן בלייך.

— וואָס מאַכט איר זיך . . . געפּגרט . . . איר ווילט מיר זאָגן, אַז איר האָט ניט געוואוסט, אַז מיר גייען סטרייקן . . .

— איך האָב ניט געוואוסט . . . — האָט באַראַש געפילט ווי ער ציטערט און ווי עס נעמט אים טרוקענען אין מויל און אין האַלדז . . .

— עט! — האָט שייפער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און באַראַש האָט דערזען אין זײַן בליק חוזק און אפילו האַס . . .

די אַרומיקע האָבן אויך געקוקט אויף אים מיט איראָניש־שמייכלענדיקע בליקן, האָט ער זיך אויסגעדרייט און, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, אַרויס פון „טעאַליט".

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט ער זיך געוואָרפן אויף דעם געלעגער, ניט קאָנענדיק אַנטשלאָפן ווערן. געדאַנקען ווי שווערע, שוואַרצע

כוואַליעס האָבן אים געטראָגן אַראָפּ און אַרויף . . . און בירמאַנס אויגן, און שייפּערס אויגן, און אויגן — אויגן — אויגן פון מענטשן אַרום האָבן געיאָגט און געיאָגט ביז מענטאַלער היסטעריקע, ביז פאַרזונקענהייט . . .

אינדערפרי האָט אים ווידער אויפגעוועקט דער קלונג פון טעלעפאָן. ער איז אַראָפּ מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, געכאַפּט דאָס טרייבל און דער־הערט בירמאַנס שטימע:

— . . . עס טוט מיר לייד, באַראַש . . . אָבער . . .

באַראַש האָט אַ זעץ געטאָן מיטן טרייבל און איז, אַן אַנגעצונדענער, אַ שוועראָטעמדיקער, אַריין אין וואַש־צימער און גענומען באַגיסן זיך מיט קאַלטן וואַסער.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

אין אָוונט איז ער געזעסן באַם פענצטער און האָט אַרויסגעקוקט. צווישן די ביימער אין פּאַרק האָבן אין דער נעפּלדיקער נאַסקייט, ווי דורך אַ דורכזיכטיקן וואוּאַל, געטראָגן זיך אויטאָס איינע נאָך דער צווייטער, געשיפּט זיך ווי אויף אַ שוואַרצן שפּיגל אויף דעם נאַסן אַספאַלט.

— וואוהין . . וואוהין . . וואוהין . . וואוהין . . . — האָבן באַ־ראַשעס אויגן געפרעגט. — וואוהין און צו וואָס . . . ער האָט אָנ־געשטעלט די ראַדיאָ. אַ מענערישע שטים האָט מיט אַ רעטשיטאַטיוו געיאָגט מלחמה־נייעסן, אָבער די ווערטער זיינע האָבן ניט געטראָגן מיט זיך דעם גרויל און דעם שוידער פון טויט און פאַרניכטונג. ס'איז געווען אַזוי פּשוט, אויטאָמאַטיש, געפּילדאַז און טרוקן . . . באַראַש האָט מיט בייזקייט פאַרדרייט די ראַדיאָ. די שטים האָט ניט האַרמאָנירט מיט זיין שטימונג, ניט צונויפגעגאָסן זיך מיט זיין געמיט, וואָס האָט ווי אַ בלוי ריטשקעלע געפלאָסן אַראָפּ, אַראָפּ צו באַהעפטן זיך מיטן טרויער.

אפשר איז דאָס מיין עגאָאיזם — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — מיין עגאָאיזם, וואָס זוכט, אַז די וועלט זאָל ענטפערן ווי אַן עכאָ צו מיין שטימונג. אַ שטימונג, וואָס וואָלט באַדאַרפט צעגאַנגען ווערן ווי סי־גאַרעטן־רויך אונטער די שווערע, טונקעלע וואָלקנס, וואָס קריכן איבער דער צעריסענער און פאַרבלוטיקטער וועלט. נו, איז זי אַוועקגעפאָרן. האָט ער אַליין דאָך אויך ניט איינמאָל געפילט ווי צו אַנטלויפן, אַנטלויפן ערגעץ ווייט אין דער וועלט אַריין . . . צו קיינעם ניט, נאָר צו זיך אַליין און ווערן אַליין — גאָרניט און אַלעס . . . לעבן ערגעץ אַ ניי, פרעמד לעבן און זען פאַר זיך אַן אַנדערע וועלט און אַנדערע, פרעמדע מענטשן. יאָ, דער געדאַנק פלעגט קומען צו אים אָפט, זייער אָפט און עס איז געווען אַנגענעם דער געדאַנק, וואָס איז געווען און איז פאַרבליבן אַ פאַנטאַזיע, אַ טרוים. ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט ניט געהאַט דעם

מוט און די קראַפט אָפּצערייסן זיך פון דעם לעבן, ווי אַ הונט רייסט זיך אָפּ פון אַ שטריק און לאָזט זיך לויפן וואוהין די פיס טראָגן אים.

אָט איצט איז ער אַליין. אָט איצט וואָלט געווען לייכטער אָפּצע־רייסן זיך, ווייל קיינער וואָלט עס ניט באַמערקט און ער וואָלט קיינעם ניט געפעלט. איצט וואָלט געווען גוט איבערצולאָזן אָט דאָס אַלץ, אי־בערלאָזן, ווי מ׳לאָזט אַלץ איבער ווען מ׳שטאַרבט. אפשר בלויז אַ קורץ בריוועלע לאָזן און אפשר דאָס אויך ניט.

ער האָט זיך טרויעריק צעשמייכלט. ניט געוואוסט אפילו, אַז ער שמייכלט. געלאָזט די געדאַנקען מאָלן אַ בילד נאָך אַ בילד:

ער גייט אַרויס צום לעצטן מאָל אָנקוקן די שטאָט, הערן צום לעצטן מאָל די געדאַנקען פון זיינע פריינט און באַקאַנטע און זאָגן צו זיך: זיי ווייסן ניט, אַז איך בין שוין ניט מיט זיי, אַז איך בין שוין פריי, אַז זייער לעבן איז שוין ניט מיין לעבן און מיין לעבן איז ניט זייערס; אַז וואָס איך זאָל ניט טאָן, וועל איך מער ניט דאַרפן טראַכטן, וואָס זיי טראַכטן וועגן דעם; אַז איך וועל מער ניט דאַרפן לעבן צוליב זייער מיינונג און זיי וועלן מער ניט לעבן צוליב מיין מיינונג. איך קוק זיי אָן צום לעצטן מאָל — — —

אַן אַנדער בילד:

וואוהין וועל איך אַוועק, וואוהין? וואָס איז דער אונטערשייד וואוהין? אַהין — וואו מ׳קאָן מיך ניט. נעמען אַ באַן־בילעט צום ווייטן מעריב, אָדער צום קאַלטן צפון — אַרויסגיין אין אַ ליכטיקן טאָג, אָדער אין אַ פינצטערער נאַכט, אין אַ שטעטל, אין אַ פרעמד שטעטל. וואָס וועט ווערן אַ נייע וועלט פאַר אַ ניי לעבן. און אין דעם שטעטל . . . וואָס וועט אין דעם שטעטל ווערן פון דעם שרייבער באַראַש? וועט ער ניט שרייבן מער? וועט ער אַרויסרייסן מיטן וואָרצל יעדער שעפערישן און קינסטלערישן געדאַנק? וועט ער אַוועקלייגן זיין פען און וועט אויס־לעשן דעם פלאַם אין האַרצן? וועט דער שרייבער באַראַש קאָנען אויס־האַלטן די שטומעניש, אָדער ער וועט זיך צעשרייען אין זיך און ניט־דערהערנדיק דעם ווידערקול און ניט־דער׳זעענדיק קיין אָפּשפּיגלונג, וועט ער צופאַלן אין גרויסער פאַרצווייפלונג צו דער ערד און וועט וויינען און וועט באַנעצן זי מיט טרערן. וואָס וועט ווערן פון דעם דיכטער באַראַש? קאָן אַ דיכטער ווערן אויס דיכטער?

און ווייטער:

און דאָ אין מיין הויז וואָלט אויף דעם טיש געבליבן ליגן מיין בריוו; און די צימערן וואָלטן געשטאַנען שטיל, אומבאַוואוינט און פאַר־שטויבט. אַ טאָג, אַ וואָך און אפשר אַ חודש . . . און דערנאָך וואָלטן פריינט און באַקאַנטע אָנגעהייבן וואונדערן זיך וואו באַראַש איז, וואוהין

ער איז פאַרשוואונדן . . . און אַדאַ, דאָרט אין איר מוטערס היים, וואָלט זיך געערגערט, וואָס איך שווייג. ניט זיין טבע — וואָלט זי געטראַכט — צו פאַרציען אַ ברוגז אויף אַזאַ לאַנגער צייט. עפּעס האָט געמוזט פּאַסירן מיט אים . . . וועט זי שרייבען און קיינער וועט ניט ענטפערן. און אַזוי אַרום וועט מען אַמאָל עפענען די טיר פון הויז און מ׳וועט קיינעם ניט טרעפן — בלויז שטילקייט און שטויב . . .

און די געדאַנקען פלעכטן זיך ווייטער . . . עס איז כאַאָטיש אַרום . . . עס איז נעפלדיק באַ די ברעגן . . . אָבער אין דער מיט, ווי אין אַ בלויער ליכטיקייט, זעט זיך אַ ווייס פּנים . . . ווי אַ מאַרבל־מאַסקע. דאָס איז טויט. נו, אודאי וועט דער דיכטער׳ישער, דער וויזיאָנערישער גייסט ניט פאַרגעסן אין דעם פינאַל, וואָס מוז זיין טויט . . .
— כאַ! אודאי ענדיקט זיך אַלץ מיט טויט. אַך, כאַ־כאַ־כאַ־כאַ . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . .

די געוואוינהייט האָט אים אין דער פרי אויפגעוועקט פּונקט צו דער מינוט, ווען ער פלעגט אויפשטיין צו דער אַרבעט. אַ קוק געטאָן אין פענצטער — די אַטאָמאָבילן לויפן נאָך אַלץ. ער האָט געעפנט די שאַפע, אַ קוק געטאָן אויף די העמדער, וואָס זענען געלעגן ריינע און אויסגעפּרעסטע און ווי הינטער זיך האָט ער דערהערט אירע, אַדאַס ווערטער: אויב דו ווילסט אונדז — באַוויז עס . . . די העמדער, די גלעזער, די בילדער, יעדע קלייניקייט אין הויז וועט דיר דערמאָנען אָן אונדז . . . ביזט שוין מער ווי אַ האַלב לעבן אַריבער און מיר וואַרטן נאָך אַלץ זאָלסט זיין אונדזערער, אונדזערער, אונדזערער און מער קיינעמס ניט . . .

דאָס מאַרשירן די געדאַנקען — ראַבאָטן — אומגעבעטענערהייט . . . גלייך פון מח אין האַרצן אַריין — זיי וויסן שוין דעם וועג.

ער האָט געמאַכט קאַווע, איז זי געווען ביטער. דאָס ברויט איז געווען דאַר. די בילדער, אַזעלכע באַקאַנטע־אומבאַקאַנטע און ווי פאַרגעסענע, האָבן אָן עפּעס דערמאָנט . . . אָט הענגט זיין אייגן בילד — אַן אַלט בילד, פון די אַמאָליקע, יינגלשע יאָרן. טאַקע ער? טאַקע זיין בילד? טאַקע פון אַמאָל? איז טאַקע געווען אַן אַמאָל? דאָס בחור׳ל איז ערנסט. ער טראָגט אַ רוסישע בלוזע מיט אַ שנור און דאָס טשופּרינקעלע רייסט זיך אַרויף . . . די ליפּן סענסיטיווע, מיט אַ לייכט־טרויעריקן שמייכעלע . . . דעמאָלט . . . דעמאָלט, אין יענע יאָרן האָט ער מסתמא אַזוי געשמייכלט אין די פינצטערע נעכט צווישן די ביימער; אַזוי האָט ער מסתמא געשמייכלט אונטער דער שיין פון קעראָסין־לעמפּל, צווישן די בלעטער, צווישן די געשטאַלטן פון ביכער;

אַזוי האָט ער מסתמא געשמייכלט, אַ געפאַנגענער צווישן שוואַרצע צעפּ . . . אין ריטם פון וואַלץ, אין די לידער, אין די טרוימען און אפשר אויך אין געוויין . . . ווער ווייסט אים, דעם בחורל, ווער ווייסט אים, דעם אַזאַ ווייטן, אַזאַ פרעמדן יאָט . . .

באַראַש איז געשטאַנען באַם פענצטער. געקוקט אַן ציל, אַן גע־דאַנק. איבערגעציילט דאָס געלט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, עטלעכע און פערציק דאָלאַר און עטלעכע סענט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם ראָק פון שטול און איז געבליבן שטיין מיט איין האַנט אין אַרבל. ער האָט פלוצים דערפילט, אַז ער האָט ניט וואוהין צו גיין און ווייסט ניט וואוהין צו גיין. דער טאָג האָט אויסגעוויזן צו זיין אַ שיינער, אַביסל אַ ווינטיקער. די צווייטע האַנט איז אַריין אין צווייטן אַרבל פון ראָק און די פיס האָבן גענומען טראָגן דעם גוף. דער ווינט האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס פוסטע געפיל און די אויגן האָבן געזוכט עפּעס אין הימל. לאַנגע, בלייענע עסקאַדרעס פון וואָלקנס זענען געשוואומען פאַרביי דער מאָ־יעסטעטישער זון; טויטע עסקאַדרעס אין אייביקער שטילקייט — גע־שוואומען פאַרביי פון ערגעץ צו ערגעץ . . . און אַזוי מיט די כמאַרעס האָט ער געוואַנדערט אַ גאַנצן טאָג; פון גאַס צו גאַס, פון קאַפעטעריע צו קאַפעטעריע . . . און ווידער דער סאַבוויי, און ווידער דאָס הויז, די שטול, דאָס בעט, און עס איז אַוועק אַ טאָג און אַ האַלבע נאַכט.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

אינדערפרי איז ער ווידער געזעסן באַם פענצטער. נאָך דעם גלעזל טיי וואָס ער האָט אויסגעטרונקען, האָט זיך ניט געגלוסט אַרויס־גיין וואַנדערן. ער האָט געוואוסט, אַז עס שטייט אים פאָר אַ לאַנגער טאָג.

די בליקן האָבן געוואַנדערט איק פאַרק און פלוצים אויפגעכאַפּט אַ געשטאַלט — אַ יונגע מיידל אין אַ ברוין־געקעסטלטן קאָסטיום, מיט אַ מענערישן הוט אויף דעם געלאָקטן קאָפּ. עס איז ביולא — מיכלס ביולא. זי קומט אַנטקעגן . . . נענטער, נענטער . . . פון אונטער דעם אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ קוקן גרויסע אויגן און זעען אים ניט. קוקן און ווייסן ניט, אַז זיינע בליקן מעסטן יעדן שפּאַן אירן . . . מיט ליבע. זאָל ער זאָגן מיט ליבע? יאָ, עס איז די ליבע פון מיכלען אין אים, וואָס זוכט די וואַרימע רואיקייט באַ די פיס פון אַ פרוי .. . מיכל, וואָס האָט געהאַט ביולאַן און ניט געהאַט; ווען ער האָט פאַרלוירן, ווען ער האָט זי ערשט געפונען; מיכל . . . וואָלט אפשר מיכל דורך אים, דעם פאָטער, ווידער געוואָלט קוקן אויף איר, אַרומנעמען זי, קושן זי און זאָגן איר טיפע ווערטער פון ליבע . . . אָט איז זי אַזוי נאָענט

— ער דאַרף בלויז עפֿענען דאָס פֿענצטער און אַ רוף טאָן: ביולא . . . און זי וועט אַרויפֿקומען, און זי וועט זיך פֿאַרוואונדערן, וואָס ער איז אַליין, און ער וועט איר אַלץ דערציילן — ניין, ער וועט ניט דערציילן. אָבער זי וועט קוקן אויף אים, און טראַכטן און רעדן וועגן מיכלען; און זי וועט שמייכלען טריבלעך און זי וועט אפשר וואַרטן אויף ווערטער, וואָס ליגן ערגעץ פֿאַרשפּאַרטע, סיי בײַ אים און סיי בײַ איר, אונטער גראַטעס פֿון אַ מיסטישער קרובהשאַפֿט . . . אפשר האָט אויך מיכל געפֿילט אַזוי, ווען ער האָט זי דערזען צום ערשטן מאָל, אפשר האָט ער אָט פּונקט אַזוי געגלוסט צוזאַמענצופֿלעכטן זײַנע פֿינגער מיט די פֿינגער פֿון דער עקזאָטישער ביולאַן און פֿילן דעם פּולס פֿון איר ברוסט און . . . מיכל — דאָס איז אפשר מיכל אין אים — — —

נו, נו, נו — עפֿן דאָס פֿענצטער, שריי אַרויס — ביולאַ! אָט גייט זי פֿאַרבײַ, אַ שפּאַן פֿאַרבײַ, נאָך אַ שפּאַן, נאָך אַ שפּאַן . . . נו, עפֿן דאָס פֿענצטער, שריי אַרויס — ביולאַ! ביולאַ! מיכל וויל דיך — מיכל — — —

די ציטערדיקע הענט האָבן געשלעפּט דאָס פֿאַרמאַכט פֿענצטער און טרוקענע ליפּן האָבן געשריגן פֿון אַן אויסגעטריקנטן אָפּגרונט — ביולאַ . . .

זי האָט אָבער ניט געהערט. זי איז שוין פֿאַרבײַגעגאַנגען, די גראַציעזע ליבע פֿון מיכלען — פֿאַרוואָס איז זי ניט אַרײַנגעקומען, פֿאַר־וואָס? . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

עס איז שוין צוגעפֿאַלן דער אָוונט. די טעאַטערס האָבן געלאָקט מיט אויסגעטראַכטע, פֿאַרכאַפּנדיקע אַוואַנטוריסטישע, שטורעמדיקע לעבנס. לעבנס פֿון טיפֿן זין און לעבנס פֿון ציניִשן בורלעסק. טיפֿער זין פֿון ראַפֿינירטקייט, פֿון בענקעניש נאָך עטישקייט און שענקייט; און פֿון דער צווייטער זײַט — דער ציניִשער הבל־הבלימדיקער מאַך פֿון האַנט, די גראָבע רעליעפֿע און הונגעריקע נאַקעטקייט, נאַקעטקייט און געזעטיקטקייט, געקויפֿטע פֿאַר גאָלד — פֿון לעבן, פֿון געליבטער, פֿון ווײַב . . .

עס וויגן זיך די באַלויכטענע מויערן, די כישופֿדיקע טעאַטערס, די ראַגן, אָנגעפּאַקטע מיט מענטשן — וויגן זיך, ווי וואַגשאָלן אין באַ־ראַשעס בליקן, אין זײַן מח, אין זײַן האַרץ. ער איז אַרײַן אין אַ קינאָ־טעאַטער, אין שענק פֿון פֿאַרשיכורונג מיט מעשׂיות און אונטער די טע־נער פֿון מוזיק איבערגעגעבן זיך דער מעלאַנכאָליש־איינזאַמער מעדיטאַ־ציע, צווישן הונדערטער פֿרעמדע טרוימער ווי ער.

ער איז ווידער אַרויס אין דער נאַכט אַריין. עס איז געווען ווינטיק און דער ווינט האָט דערפרישט, דערמוטיקט און געטרייסט. ער האָט זיך געלאָזט פאָרן אַהיים.

די צימערן האָבן געאָטעמט קאַלט און שטיל; דערפרייט זיך און דערוואָרעמט זיך אין עלעקטרישן ליכט. די געשטאַלטן פון קינאָ־מענטשן האָבן פאַרנומען די ווינקלען און גערעדט צו אים. איין געשטאַלט, אַ־בערהויפּט, האָט ניט אָפּגעטראָטן פון אים, ווי פון טייוול אַליין צוגעשיקט צו שאַפן די שטימונג און שפּיל פון דעם לעבן, וואָס איז געווען אַנאַלאָ־גיש צו זיינעם. די פאַבולע — אַן אַנדערע, אָבער אַזאַ נאָענטע, אַזאַ ענלעכע . . . איז דאָס געווען אַ חלום, צי האָט ער דאָס לעבן זיינס דערזען ווי אין אַשפּיגל? וואָס האָט ער געטאָן, דער העלד פון בילד? — ער איז אַוועק פון זיין איינגעפונדעוועטן לעבן, אַוועק — געפלויגן אין וויטן ים אַריין, צו דער אויפגייענדיקער זון, אַוועק צו בויען אַ ניי לעבן; בויען — ווייל ער איז געווען יונג, אָנגעלאָדן מיט האָפענונג; ווייל אויף דעם האָריזאָנט האָבן זיך אין נעפל געפורעמט הימלקראַצערס, פאַבריקן, ווי אַ סימבאָל פון ציוויליזאַציע און פּראָגרעס. אָבער אויף זיין, אויף זיין אייגענעם האָריזאָנט, פאַרגייט דאָך די זון און ער טרוימט ניט מער פון בויען, און עס איז ניטאָ מער די האָפענונג און די הימל־קראַצערס, און די פאַבריקן, און די אונטערערדישע באַנען, און די בריקן וויל ער איבערלאָזן הינטער זיך . . . און אַראָפּגיין וועט ער . . . אַראָפּגיין וועט ער . . . אַראָפּגיין וועט ער . . . ערגעץ . . .

דער זייגער האָט געוויזן צוועלף. אַ רויטלעך, זיס און וואַרעם גלעזל טיי האָט געריצט דעם גומען, איז ער אַריינגעגאַנגען אין קיך מאַכן טיי; און ווען דאָס וואַסער אין טשייניק האָט גענומען זידן, און די הייסע פאַרע האָט גענומען זעצן, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט אַ לאָקאָ־מאָטיוו, און דעם לויפנדיקן באַן, און די פאַרביילויפנדיקע פעלדער אין דער פינצטערער, ווינטיקער נאַכט.

די זיסע טיי האָט דערקוויקט און די געדאַנקען האָבן גענומען גיין רואיקער. דערמאָנט זיך אַן ביולאַן, ווי ער האָט זי געזען אינדערפרי דורכן פענצטער און עפּעס האָט גענאָגט און באַנג געטאָן: פאַרוואָס איז זי ניט אַריינגעקומען, פאַרוואָס?

ער האָט זיך אויפגעהייבן און גענומען גיין איבער די צימערן. פיר צימערלעך. און אין יעדן צימערל שטייען זאַכן. וויפל מי און אויפ־מערקזאַמקייט די אַלע זאַכן האָבן צוגענומען בײַ אַדאַן און בײַ אים. איצט ווייזן זיי אויס איבעריק און פרעמד און זיי דערוואָרעמען ניט און זיי פרייען ניט מער דאָס האַרץ.

דאָס בעט האָט גערופן — האָט ער זיך אַנידערגעלייגט. צום קישן,

באַ דער זייט, וואו זי פלעגט שלאָפן, האָט ער זיך ניט צוגערירט. איז דאָס קישן געלעגן ווייס, אומבאַרירט. אָבער עפּעס אַ שווערקייט האָט געגומען דריקן אים, האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז געבליבן זיצן אויפן בעט, אָפּגעבנדיק זיך דעם גערדאַנקלאָזן אומרו . . . און טרערן האָבן ווי רעגן און פייער געמישט זיך און געזאָטן אין אים . . . בירמאַנס שטים האָט געברומט אין מח און שייפערס אויגן האָבן געשטאָכן פון דער פינצטערניש . . . — האָט עס אָפּגעריסן פון בעט און ווידער אַ טראָג געטאָן איבער די צימערן.

לעבן פענצטער האָט דער עלעקטרישער לאָמטערן געהוידעט זיך אין ווינט און אַן איין און איינציק געשטאַלט אין פּאַרק האָט געשוועבט ווי אַ שטן מיט שוואַרצע פליגל. באַראַש האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דאָס שפּאַנט ער דאַרט איינער אַליין אין פּאַרק, שפּאַנט אַוועק ערגעץ אין דער נאַכט אַריין צו אַ פרעמדער, פּנימלאָזער צוקונפט; שפּאַנט אַוועק און לאָזט איבער אַלעס, אַלעס . . . ניין, ניט אַלעס וועט ער דאָ לאָזן. ער וועט מיטנעמען מיט זיך די ליבע צו זיי — צו עוואַן און צו אדאַן, און צו מיכלען; ער וועט מיטנעמען דאָס פייער, וואָס ער טראָגט אין זיך: ער וועט מיטנעמען די געדאַנקען, די אויגן, די טרערן, די מעלאָדיע און דאָס וואָרט — ביזן לעצטן אָטעם. Omnia Mea Mecum Porto.

איז אַרויסגעשוואומען אין זיין זכרון די פראַזע אין לאַטיין, וואָס ער האָט אין זיין יוגנט געלערנט. אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג, טראָג איך מיט זיך . . .

ער האָט זיך ווידער פאָרגעשטעלט, אַז ער איז דער שטן אין פּאַרק און דער שמייכל זיינער איז אַ קרומער, אַ מעפיסטאָפעלישער. דער אַראָפּ־געבויגענער הוט, דער אויפגעשטעלטער קאָלנער און די פּאַנאַנדערגע־בלאָזענע פּאָלעס פון ראָק, האָבן אַ הייב געטאָן, אַ טראָג געטאָן צו ווינ־טיקע וויזיעס . . . און בענדערס שמייכלענדיקע אויגן און ווערטער זענען פלוצים געקומען אויף דעם זכרון און ער האָט דערהערט אין זיך: ווען עפּעס טוט מיך אַ שטויס אַרויס פון פאַרכישופטן קרייז, זאָל זיין צום טיִיול אפילו, וואָלט איך אפשר דעמאָלט געוואָרן אַ מענטש, אַן אמתער מענטש . . .

ער האָט אויפגעפּראַלט דאָס פענצטער און געלאָזט דעם ווינט יאָגן זיך איבער זיין נערוועזן לייב . . . און די געדאַנקען און דער ווינט האָבן געטריבן: . . . אַרויס, אַרויס, אַרויס . . . פון דעם פאַרכישופטן רינג — — — אַרויס — — — וואוהין די אויגן וועלן טראָגן.

און מיטאַמאָל, מיט שנעלע טריט, איז ער צו צו דער שאַפע, אויפ־געפּראַלט די טירלעך, אַ כאַפּ געטאָן מיטביידע הענט עטלעכע ווייסע, אויסגעפּרעסטע העמדער און אַ שליידער געטאָן זיי אויף דעם בעט. אַ קוק געטאָן אויף די פּאָר אַלטע גאַרניטאָרן און איבערגעפירט דעם בליק

אויף די ביכער, וואָס זענען געלעגן באַם ווענטל. ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאָר פון זיי, אַ גלעט געטאָן די טאָוולען און אַנידערגעלייגט זיי נעבן די העמדער. און ווען די העמדער און די ביכער און די עטלעכע נאָז־טיכלעך און זאָקן זענען שוין געלעגן איינגעפּאַקט אין אַ פּעקל, האָט ער אַ מידער און אויסגעשעפּטער, מיט געווייַן אין דער ברוסט, אויסגעלאָשן די ליכט און אַרייַנגעלייגט זיך אין בעט.

אין דערדאָזיקער נאַכט איז ער ניט געשלאָפן. עס האָט געפעלט רו און נאָענטקייט, אָדאָס נאָענטקייט. ערשט פאַרטאָג איז דער שלאָף געקומען ווי אַ דערלייזונג.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז זיין בליק געפאַלן אויף דעם פּעקל אין ווינקל. און דערנאָך, ווען ער איז אַרויס פון בעט און ער האָט זיך אָפּגעוואַשן און אָפּגעראַזירט, איז ער ווידער געבליבן שטיין נעבן פּעקל געוועש און געהערט ווי די שטילקייט מורמלט לאַנגזאַם און נודנע: וואָס נאָך? . . .

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, אַרויסגענומען אַ בויגן פּאַפּיר און אַנידערגעזעצט זיך. ער האָט געהאַלטן די פּען אין דער האַנט און האָט געטראַכט. זאָל ער שרייבן ווי איינער, וואָס גייט אַוועק פון דעמדאָזיקן לעבן צו אַן אַנדער לעבן, צי ווי איינער, וואָס גייט אַוועק פון דעמדאָזיקן לעבן אויף אייביק — צום טויט.

די האַנט האָט זיך אַ צי געטאָן צום פּאַפּיר און לאַנגזאַם, לאַנג־זאַם האָט ער אָנגעשריבן:

Finita La Comedia.

אַדיע — — —

באַנאַל, באַראַש . . . באַנאַל . . . . — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. עס דריקט אָבער אויס אַלץ, וואָס ער וויל און וואָס ער קאָן זאָגן איצט. אַלץ איז איין פּראָזע. זאָלן זיי אויסטייטשן עס, ווי זיי ווילן . . .

אויפגעהייבן זיך. אַרומגעגאַנגען אַלע צימערן. אַראָפּגעצויגן די שטאָרן פון די פענצטער. די שטילקייט האָט זיך באַהעפט מיט דער טונקלקייט.

אָנגעטאָן דעם מאַנטל און הוט, גענומען דאָס פּעקל. געשטאַנען אַ ווײַלע, ווי באַטראַכטנדיק דעם לעצטן שריט . . . אַריבערגעטראָטן די שוועל און לאַנגזאַם צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך.

## II

דאָס שטעטל ניו־פּאָרט איז געלעגן אין אַ טאָל, צווישן בערג, באַם סאַמע ברעג פון אַ רוישיקן טייך. די וועלדער אויף די בערג האָבן אויסגעזען טונקל־בלוי, און די שטיבעלעך, קאָלירפול און בילדעריש צעוואָרפן, האָבן געפּאַנגען דאָס אויג מיט אינטימער רואיקייט. באַם עק פון שטעטל, באַם סאַמע ברעג פון טייך איז געלעגן די גרויסע מעטאַ־לורגישע פאַבריק, וואו עס האָבן זיך באַשעפטיקט אַרום אַ טויזנט אַר־בעטער. באַטאָג האָבן זיך פון די קוימענס געצויגן וואָלקנס רויך און באַנאַכט האָבן פלאַמען אין דעם רויך געגרויטלט דעם הימל און די שפּיצן פון די בערג.

אויף דער הויפּטגאַס, וואָס איז געווען ברייט און ברוקירט, האָבן זיך אויסגעטיילט די שטיינערנע קירכע, אַ סינעמאַ־טעאַטער און אַ פּאָר צענדליק קראָמען, וועלכע האָבן אין די אָוונטן, באַלויכטענע מיט נעאָן־שילדן, צוגעגעבן דעם ווינקל פון גאַס אַ גרויסשטאָטישן חן און געצויגן צו זיך די יוגנט, ווי פליגעלעך צו אַ וואַרעמען, ליכטיקן פלאַם.

אָבער ניט בלויז די גאַס איז געווען דער צענטער פון אַקטיוויטעט און פון לעבן אין שטעטל. אויך דער בריק, וואָס איז געלעגן איבער דעם טייך, באַ די סאַמע פּיס פון דער הויפּטגאַס, אַחוץ אויך די טונקל־ברוינע באַן־ און אָמניבוס־סטאַנציע, וואָס איז געשטאַנען באַ דעם בריק. האָבן געצויגן צו זיך די איינוואוינער פון שטעטל, סיי אַלט, סיי יונג, צו באַגעגענען די אָנקומענדיקע צוגן און בוסעס און צו שפּאַצירן דאָרט אויף דעם אַספאַלטענעם ראַג, צווישן דער אַלייע פוןביימער.

דאָס שטעטל איז געווען שטיל און רואיק און בלויז דאָס ווייטע פּולסירן פון די מאַטאָרן אין דער עלעקטרישער סטאַנציע פון דער פאַב־ריק, האָט געשטערט דער שטילקייט, וואָס איז געפאַלן פון די הויכע בערג אין טאָל אַריין.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

ס'איז שוין געווען ווינטער, קיין שניי האָט מען אָבער ניט געזען. בלויז דער באַן פלעגט אַמאָל אָנלויפן מיט שניי־באַדעקטע וואַגאָנען און די שפּיצן פון די בערג האָבן דערמאָנט אָן פאַרשטיינערטע גיגאַנטן מיט גרייז־גרויע קעפּ פון ווייטן צפון.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

עס איז געווען אַ זונטיק פאַרנאַכט. אַ זונטיק, ווי אַלע זונטיקס אין ניו־פּאָרט. די מענטשן באַ דער באַן־סטאַנציע האָבן שפּאַצירט אין

זייערע זונטיקדיקע קליידער ; די יונגוואַרג האָט געזונגען, געשטיפּט און געלאַכט. דער טייך איז געלעגן אַ פאַרפּרוויר'ענער, ווי אַ בלויע לענטע.

באַראַש איז געשטאַנען באַם בריק, אַנגעשפּאַרט אָן פּאַרענטש און געקוקט אויף דעם געמיטלעך־רואיקן אַרבעטער עולם, וואָס האָט פאַר־געסן, אָדער ניט געוואָלט טראַכטן, אַז ערגעץ הינטער די בערג ליגט אַ וועלט, וואָס קאָרטשעט זיך אין יסורים פון אַגאָניע. עס איז געווען טרוי־עריק אין דער טונקלקייט פון אָוונט, האָט ער זיך געלאָזט גיין אַהיים. און ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער זיך, ווי אַן אויסגעשעפּטער, אַריינ־געוואָרפן אין שטול. געזעסן אַזוי אַ לאַנגע צייט אין דעם טונקעלן צי־מער, דערנאָך אָנגעצונדן די ליכט און דערפילט זיך וואַרעמער און איינ־טימער. „אַ גוטן אָוונט" — האָט ער אַ זאָג געטאָן צום לאָמפּ און צע־שמייכלט זיך. דאָס שמייכלען זיינס איז אָבער געווען פול מיט חוזק און מיט איראָניע. וויפל מאָל האָט ער שוין אַזוי פאַרבראַכט מיטן לאָמפּ און גערעדט צו אים, גערעדט אויך צו דעם באַראַש אין שפּיגל, און צו די שטערן, און צו דער לבנה, און צו די בערג און וועלדער. אָבער איינ־טימער האָט ער גערעדט צום נאָטיץ־ביכל, צום ביכל מיט די שוואַרצע, לעדערנע טאָוולען, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ביבל, וואָס איז געלעגן און געוואַרט אויף אים אין דעם פאַרשלאָסענעם שופלאָד פון טישל. אויך דאָס מאָל האָט ער דערפילט דעם דראַנג אַריינצונעמען עס אין זיינע הענט און גלעטן די שוואַרצע טאָוולען און די באַגילדעטע זייטלעך און רעדן אויף די זייטלעך צו זיך, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אויף די ווייטע, פאַרשנייטע און איינזאַמע פעלדער פון ווייטן צפון. די האַנט האָט זיך אַ צי געטאָן צום שופלאָד און צום ביכל. און ווי יעדעס מאָל, האָט ער אויך דאָס מאָל אַ קוק געטאָן אויף דעם ערשטן בלעטל, איבערגעלייענט עס, ווי וועלנדיק מיט דעם לייענען, אונטערשטרייכן און איבערצייגן זיך, אַז דאָס ביכל, דער שטומער פריינט זיינער, מעג עס זיין ווי באַליבט בײַ אים, איז אָבער זיין באַציאונג צו דער גאַנצער אינטימקייט און צו זיין רעדן צו די ווייסע בלעטלעך מיט דער פען — פול מיט חוזק און מיט פילאָזאָפישן ציניזם. און די שורות אויף דעם ערשטן בלעטל האָבן זיך געלייענט :

„. . . איך, באַראַש, וואָס רופט זיך איצט ראַש — איך, וועלכער האָט שטענדיק אָפּגעלאַכט פון דידאָזיקע, וואָס האָבן אָנפאַרטרויט צו ווייסע בלעטלעך זייערע אינטימסטע געדאַנקען, איך נעם זיך שרייבן אַ טאָג־בוך. איך זאָג : אינטימסטע געדאַנקען — וועלן זיי טאַקע זיין די אינטימסטע ? פאַר באַראַשן — ניין, פאַר ראַשן — יאָ. אָבער צו וואָס פאַרשרייבן ? צו וואָס אַ טאָג־בוך, ראַש ? נו, זאָל דער תירוץ זיין : צו באַהעפטן זיך מיט די טיפסטע געפילן און געדאַנקען אין דער בלויער

און אין דער שוואַרצער איינזאַמקייט. זאָל איך, ראָש, זיין ווי אַ קאַ־פּיטאַן, וואָס פאַרשרייבט יעדן טאָג אין זיין טאָג־בוך דעם מאַרשרוט לויט די מערידיאַנען, דעם וועטער און די טאָג־טעגלעכע פּאַסירונגען, וואָס פּאַרלויפן זיך אין דעם איינזאַמען וועלטל אויף דעם אָקעאַן. צוליב וואָס טוט ער עס? וויל עס די וועלט וויסן? . . . אפשר יאָ, און אפשר ניין. אָבער פאַר מיר איז דאָס אַ תירוץ. עס איז אַ שמועס, אַן אינ־טימער שמועס מיט זיך אַליין און . . .״

אַ פּאָר בלעטלעך ווייטער:

„ . . . ווי אוימגלייבלעך עס איז פאַר מיר אַליין. האָב איך אָט־אָ־די עטלעכע טעג פון מיין לעבן פון אַ בוך אַרויסגעלייענט? אָט בין איך דאָ. דאָ, אין דעם פרעמדן שטעטל, וואָס מ׳רופט ניו־פּאָרט. ניו־פּאָרט — — — דער נאָמען אויף דעם שילד פון דער באַן־סטאַנציע האָט מיך געפאַנגען. דער נאָמען האָט אַ רוף געטאָן צו מיר מיט אַ באַ־האַלטענעם סימבאָלישן אינהאַלט. . . . ניו־פּאָרט. אָט דאָ איז אפשר דער נייער פּאָרט פאַר מיין צעשמעטערטער שיף. אָט דאָ וועל איך אפשר קאָנען פאַרקלאַפּן, פאַרהאַקן די לעכער און אַרויפציען נייע זעגלען און לאָזן זיך צום אייביקן האָריזאָנט, צו מיין פאַרגייענדיקער זון, מיט אַ רויטן שמייכל און מיט אַ לויב־ליד צום לעבן און צום טויט. ניו־פּאָרט . . .״

און ווייטער:

עס איז גוט צו ליגן אויף דעם געבלימלטן צודעק פון בעטל, דאָ אין דעם קליינעם שטיבל פון דעם אַלטן איירישן פּאַרפאַלק. עס איז גוט, נאָך צוואַנציק שעה פון פאָרן, אָפּשטעלן זיך ענדלעך און זאָגן צו זיך: דאָס איז דאָס פּלאַץ. נאָך איידער איך האָב דערזען דעם נאָמען ניו־פּאָרט, האָב איך דערפילט, אַז עס ציט מיך . . . זענען דאָס געווען די קעפּ פון די בערג, צי אפשר אַ פרעמדער, באַהאַלטענער גייסט אָדער דיבוק, וואָס האָט דאָ געוואַרט אויף מיר, אַריינצודרינגען אין מיר און אָנפאַנגען אין מיר און דורך מיר אַ ניי לעבן? . . . ווער ווייסט? עס ווילט זיך מיר לאָזן פון מיינע אסטראַלע און ספּיריטואַליסטישע פאַנ־טאַזיעס — אָבער, אַז עס שרייבט זיך אַזוי, אַז די פען מיינע לויפט אַזוי ווילנדיק און נערוועז, ווי אַ שוואַרצער רייטער אויף מיינע בלויע פערד — געדאַנקען, טאָ זאָל זי זיך יאָגן . . .

„עס איז גוט דאָ איך צימערל. עס איז רואיק דאָ און עס באַרו־איקט מיך. אַ באַזונדערע וועלט הינטער אַ פאַרמאַכטער טיר. די צווייטע וועלט פון דער צווייטער זייט טיר, די וועלט פון די צוויי אַלטיטשקעס, איז אַ שטילע וועלט. זיי שוויגן און וואַרטן. זיי וואַרטן, אַז די זעגל־שיף זאָל קומען צו זיי, און דער אומבאַקאַנטער זאָל זיי אַ רוף טאָן און זיי וועלן אַוועקשווימען מיט אים אין גן־עדן אַריין, מסתמא. זענען זיי

רואיק און זיי וואַרטן. דער שמייכל אויף זייערע ליפּן איז אַ בלייכער און די בליקן — האַלב־פאַרגלעזערטע אין דערוואַרטונג.

— גוד־מאָרנינג . . . — גוד־מאָרנינג . . .

— גוד־איוועניגג . . . — גוד־איווענינג . . .

„דאָס אַלעס.

„געשפּאַנט מיטן פּעקל און צוגעשפּאַנט אַהער, וואו אין פּענצטערל איז געשטאַנען אַ שילדל מיט דעם אויפשריפט: אַ צימער צו פאַר־דינגען. אפשר האָבן זיי דערוואַרט אַן אויסגעמאַטערטן, אויסגעדאַרטן און פאַרשמירטן אַרבעטער פון דער שטאָל־פאַבריק, אָדער אפשר אַן אַל־טע מויד, אַ לערערין אין דער שול — זיכער ניט אַזאַ פאַרשוין ווי איך. ווייל, ווען איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָבן זיי געקוקט אויף מיר פאַרוואונדערט און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן און וואָס צו טראַכטן: בין איך אַ שקלאַף, צי בין איך אַ האַר; בין איך אַן אָרעמאַן, צי בין איך אַ גביר . . . כאַ! — זיי וואונדערן זיך נאָך אַלץ און זיי ווייסן נאָך אַלץ ניט — צי בין איך אַ ייד, צי בין איך אַ גוי . . .״

באַראַש האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן, געמישט די בלעטלעך, גע־קוקט אויף די דינע, געדיכטע שורות און דערפילט, אַז די וויטערדיקע ריינע בלעטלעך רופן, רופן ווי אַ רייַן, ווייס ליילעך אויף דעם געלעגער, אַנדערצולייגן זיך, אָפּצורוען זיך און פאַרטראַגן זיך אין חלומות. און אַ וואָרט, ווי אַן עכאָ פון דעם איבערגעלייענטן, האָט זיך שוין אַנידער־געלייגט באַם אויבערשטן ווינקל פון ריינעם בלעטל — אַן איינאונאיינ־ציק וואָרט: איינזאַמקייט — — —

עס האָט זיך אַנידערגעלייגט ווי אין אַ טראַנס און עס האָט געוואָרט....

„ . . . איינזאַמקייט . . .״

און די פּען האָט גענומען יאָגן:

„פאַרוואָס איינזאַמקייט? איז „אַליין זיין״ איינזאַמקייט? צי אפשר ליגט דער זין פון דעם וואָרט, ניט נאָר אין פאַקט, וואָס מ׳איז אַליין, נאָר ערגעץ טיפער . . . טיפער . . . אָט קאָן דאָך אַ מענטש זיין צווישן מענטשן, צווישן פריינט, צווישן אייגענע, צווישן די נאָענטסטע פון זיין פאַמיליע און דאָך זיין איינזאַם. וואָס זשע מיינסטו, באַראַש־ראָש, מיט דיין איינזאַמקייט? איז דאָס דיזעלבע איינזאַמקייט, וואָס האָט דיך אָפּט געפּייניקט דאָרט, פון וואַנען דו ביזט אַוועק, צי אפשר איז אָט די־דאָזיקע נייע איינזאַמקייט בלויז צוליב דעם בייטן פון אָרט? און האָסטו דען געמיינט, אַז אַ „ניי לעבן״ מיינט אָפּשיידן זיך פון מענטשן, פון דעם שאַפן און פון דעם אַלעמען, וואָס מאַכט דאָס לעבן אינהאַלטסרייך? . . . ניין, איך האָב דאָס ניט געמיינט און איך האָב דאָס יאָ געמיינט. איצט ווייס איך, אַשטייגער, אַז אַן אינהאַלטסרייך לעבן מוז ניט דווקא זיין פאַר־

בונדן מיט כלל. עס קאָן געשאַפן ווערן ביחידות. איך מוז אָבער צו־געבן, אַז מיין לעבן איז איצט ניט אינהאַלטסרייך. וואָרן אין וואָס באַ־שטייט דער גאַנצער אינהאַלט פון מיין איצטיקן לעבן? אין טראַכטן, אין לייענען, אין הערן מוזיק, אין באַוואונדערן די נאַטור און אין מאָלן. איך האָב ניט געזאָגט: אין טרוימען, ווייל איך ווייס ניט וועגן וואָס צו טרוימען. וואָלט איך געוואָלט זאָגן און איך וואָלט געוואָלט גלייבן, אַז בלויז אָט דערדאָזיקער, איצטיקער לעבנס־אינהאַלט מיינער איז דער אמת־נאַטירלעכער, אמת־מענטשלעכער; אַז בלויז אָט אַזאַ מין סאָרט לעבן האָט דער וועלטבאַשאַפער געהאַט אין זינען, ווען ער האָט באַשאַפן דעם האָמאָ־סאַפּיענס. טיף אין מיר ליגט אָבער דער פּרעסיפּיטאַט פון אָט דעם מין לעבן, ליגט ווי אַ נאַסער, רואיקער ליים אויף דעם גרונט פון ים און עס קומען ניט פון דער טיפעניש אַרויף צו מיין מח קיינע פרייד־בלעזלעך, עס קומען ניט קיין פונקען, קיין קלאַנגען, קיין ווינטעלעך, שוין אָפּגערעדט פון בליצן און פון שטורעמס — שטורעמס פון שעפערישער אינספּיראַציע . . . און ס׳איז ניטאָ קיין באַגייסטערונג פאַר אַזאַ מין לעבן. ווייזט אויס, אַז ס׳איז ניט אינהאַלטסרייך, ווייזט אויס. אַז ס׳איז אינהאַלטסלאָז; ווייזט אויס, אַז דאָס, וואָס מיין אינטעלעקטואַלער אַפּאַ־ראַט אין מיר נעמט אויף, איז בלויז אַ מין מענטאַלער, נאַרקאָטישער געטראַנק, וואָס פאַרשלעפּערט, באַטריבט און אַטראָפירט.

„מיין ניי לעבן . . . וואָס הייסט אַ ניי לעבן? און איז פאַראַן אַ זאַך ווי ניי לעבן? די פאַרגאַנגענע טעג און יאָרן זענען טאַקע ווי אַ חלום, זיי וועלן זיך שוין מער קיינמאָל, קיינמאָל ניט אומקערן, אָבער . . . ווי טיף זיי האָבן איינגעקריצט אין מיר יעדע קלייניקייט, אפילו די קליי־ניקייטן, וועלכע איך געדענק ניט מער; אָט, ווי אַ גראַווירער קריצט אויס אויף שטאָל אָדער אויף קופּער אַ ריי בילדער, וואָס בלייבן רעלאַ־טיוו־אייביק. ווייס איך ניט, צי איך קאָן מיין לעבן איצט אָנרופן אַ ניי לעבן. דער נייער טאָג, וואָס באַגעגנט מיך, איז ווי מיט האַטשיקעס צוגעטשעפּעט צו די אַמאָליקע טעג; און די נאַכט, וואָס נעמט מיך אַרום און וועמען איך באַגריס מיט טריבקייט, איז אויך צוגעטשעפּעט צו די פאַרגאַנגענע נעכט; און איך זאָג: געבענטשט איז די נאַכט, וואָס פאַר־טראָגט אין חלומות — — — וואָס שאַפן, באמת, אַן אַנדער לעבן, אַן אַנדערע וועלט. אַדאַ חלומט זיך מיר אָפט. און אויך עווא האָט זיך מיר אַ פּאָר מאָל געחלומט — און ווי טרויעריק די פאַרטאָגן זענען גע־ווען פאַר מיר . . . זע איך דאָך: איך לעב אי דאָ, אי דאָרט — או־מעטום. איך קום אָבער ניט אין גייסטיקן קאָנטאַקט מיט מיינע מיט־מענטשן און איך שאַף ניט מער. און איך טראַכט: פייניקט עס מיך?

באַפרידיקט עס מיך? איז דאָס זעלבסטווירדע? פרייהייט? גליק אין איינזאַמקייט? — איך ווייס ניט. איך בין זיך מודה — איך ווייס ניט".

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

די טעג זענען אָנגעקומען ווי ווייסע, קאַלטע מתים. עס האָט זיך געדאַכט — זיי קומען אַראָפּ יעדן פאַרטאָג פון די ווייס־קעפּיקע בערג און גייען איבער די גאַסן פאַרטיפטע און ערנסטע.

דאָס מאָלן באַטאָג באַ דער בריק האָט געשלונגען די צייט. אַרום אים איז שטענדיק געשטאַנען אַ כאַפּטע יונגוואַרג און געקוקט. מ׳האָט אים שוין געקאַנט, כאָטש קיינער האָט זיין נאָמען ניט געוואוסט. זיי האָבן אָבער געוואוסט, אַז יעדן טאָג קומט ער צו דער בריק, שטעלט אַוועק דאָס מאָלבערט, עפנט דאָס קעסטל מיט פאַרבן און נעמט זיך מאָלן. ער מאָלט די קירכע, ער מאָלט די בערג, ער מאָלט דעם טייך און די בריק, ער מאָלט די שטיבעלעך, וואָס שטייען אין טאָל און אויפן באַרג. און אַזוי שטייען זיי און קוקן, ווי דער מאַן, דער אַרטיסט, מיט די לאַנגע האָר שטייט און מאָלט, און ווען אַ בילד ווערט פאַרטיק, שטעלט ער עס אַוועק באַ דער זייט מיט אַ שילדל אויף וועלכן עס שטייט דער פרייז און די פאַרבייגייענדיקע אַרבעטער און פרויען, וואָס שטעלן זיך אָפּ קוקן ווי ער אַרבעט, און קויפן אָפּט די בילדער, די אמתע, האַנט־געמאָלענע ביל־דער. קיינער האָט אים קיינמאָל ניט געטשעפּעט; און האָט עמיצער גערעדט צו אים און געשטעלט אים פראַגן, האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכל, אָבער קורץ און קאַרג, ניט אויפהייבנדיק די אויגן פון בילד.

און אַזוי איז ער געוואָרן באַקאַנט אין שטעטל אַלס דער אַרטיסט, וואָס שטייט באַם בריק און מאָלט, און שוויגט. עס איז אים אפילו גע־קומען אויף דעם געדאַנק, אַז ס׳וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן צו דינגען אַ צימערל אויף דער הויפּטגאַס, עפענען אַ סטודיאָ און נעמען מאָלן ערנסטער. ער האָט אָבער גלייך אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק. אָט דאָ באַם בריק, מאָלנדיק און פאַרקויפנדיק די בילדער פאַר ביליקע סענטן — דאָ איז ער דער מאָדנער, אומבאַקאַנטער מאָלער־בעטלער, וואָס איז אַזוי באַעצנט און איין דערזעלבער צייט אַזוי מיסטעריעז. און אַזוי דאַרף ער זיין און אַזוי דאַרף ער פאַרבלייבן.

אַהיימקומענדיק אין אָוונט, האָט ער ליב געהאַט אַ פרעג צו טאָן די אַלטינקע:

— קיינע בריוו פאַר מיר, מיסעס מעקגווייער?

— קיינע בריוו, מיסטער ראַש — פלעגט זי ענטפערן מיט מיטלייד.

ער האָט געוואוסט, אַז קיינע בריוו זענען ניט אָנגעקומען פאַר אים און ער האָט ניט דערוואַרט קיין בריוו, דאָך פלעגט ער ליב האָבן צו

פרעגן, ווייל דער געדאַנק האָט זיך ניט געוואָלט אָפּזאָגן פון דער אַמאָ־ליקער געוואוינהייט צו פרעגן אַדאַן אויף בריוו, ווייל דער אונטערבאַ־וואוסטזיין האָט נאָך אַלץ געזוכט די טיפע, ווייטע פאַרבינדונג מיט די מענטשן און מיט דער וועלט, וואָס איז געקומען דורך צענדליקער און הונדערטער בריוו. איצט — פלעגט ער טראַכטן — קיינע בריוו. און יענע וועלט, די יידישע וועלט — איז אַ וועלט פון אַמאָל. די יידישע וועלט . . . בלויז איין נאָמען האָט אים דאָ דערמאָנט אָן דעם. דער נאָמען „האַנדלמאַן" אויף דעם שילד פון דעם שטעטלשן שניידער. ער האָט אים אָבער קיינמאָל ניט באַגעגנט, כאָטש ער האָט שוין באַשלאָסן באַ זיך אַריינצוגיין אַמאָל צום שניידער און זען וואָס פאַר אַ מין ייד ער איז.

ער האָט געבענקט נאָך בריוו, געבענקט נאָך אַ יידישער צייטונג, נאָך אַ יידישן זשורנאַל; עס האָט זיך געבענקט נאָך דעם „טעאַליט"; נאָך דער שטאַרקער קאַווע, נאָך דעם סיגאַרעטן־רויך, נאָך די הייסע דע־באַטן, און נאָך די אויגן פון די פרויען — אויגן פון פרויען — יאָ, זיי האָבן שטענדיק געגאָסן אין אים וואַרעמע ליכט און געצויגן ווי וואַרעם פייער; עס האָט זיך געבענקט נאָך אַ שפּאַציר מיט די קאָלעגן, אַ שפּאַ־ציר אין דער ניו־יאָרקער נאַכט אין וועלכער הימלקראַצערס האָבן גע־שראָקן מיט מיסטישקייט און מיט מאַכט.

די בענקשאַפט נאָך אַדאַן און נאָך עוואַן און נאָך דער אינטימקייט פון זיין היים — די בענקשאַפט האָט ער זיך געשראָקן צו פאַרטיפן. ער האָט געוואוסט, אַז ווען דידאַזיקע בענקשאַפט כאַפּט זיך אויף אין אים, ווײנט זי, וויינט מיט יסורימדיקן געוויין און ס׳נעמט טעג און נעכט ביז ער שטילט זי איין, די בענקשאַפט — האָט ער זי ניט געוועקט.

אין די אָוונטן פלעגט ער זיצן באַ דער ראַדיאָ און הערן מוזיק און באַהעפטן זיך מיט דער וועלט: מיט ניו־יאָרק, לאָס אַנגעלעס, לאָנדאָן און אַלקעסאַנדריע . . . און אין דידאָזיקע מינוטן האָט ער געטראַכט, אַז די וועלט איז פאַרבליבן דיזעלבע און זיין אָפּשיידן זיך האָט אים דאָך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון לעבנס־לייב, פון לעבנס קאָנוואולסיעס, פון לעבנס טויט־אַגאָניעס, וואָס האָט זיך געטראָגן פון טאָג אין דער נאַכט אַריין און פון דער נאַכט אין טאָג אַריין. און יעדעס מאָל, ווען די נייעסן פון טאָג, די נייעסן פון שלאַכטפעלדער האָבן געשניטן די אויערן און דאָס האַרץ מיט זייער בלוטיקער וואַקכאַנאַליע און אומגלייבלעכן וואַנזין — איז ער געזעסן אַ דערדריקטער און געזען ווי צונגען פייער ציען זיך אין געדיכטן רויך צו די הימלען, און ער האָט געהערט די יללות פון פרויען און קינדער אין געקנאַל פון האַרמאַטן, אין ברומעריי פון עראָ־פּלאַנען און אין אויפרייס פון באָמבעס. און עס האָט ווידער דערמאָנט אָן מיכלען און אין דעם קרבן, וואָס מיכל האָט געבראַכט — דאָס יונגע

לעבן צו די פיס פון דער ברוטאַלער, סאַדיסטישער וועלט . . . און אין דידאָזיקע מינוטן פלעגט באַראַש פאַרשעמען זיך פאַר זיך אַליין, פאַר זיינע אייגענע יסורים, פאַר זיין זיצן אין דעם שטעטל — אַ קרבן פון זיין אייגענעם „עגאָ", וואָס רעוואָלטירט קעגן זיין אייגן לעבן, קעגן זיין קליין נישטיק וועלטל . . .

„ . . . איז דער אייגענער „עגאָ" ווירקלעך אַזוי מעכטיק און וויכטיק, אַז ער קאָן דיך אָפּרייסן פון דעם לעבן־לייב און לאָזן דיך דינען בלויז זיך, דעם איינאונאיינציקן?" — האָט באַראַש פאַרשריבן אין זיין טאָג־בוך. און ער האָט געענטפערט: „ . . . ניין. דאָס דינען זיך, דעם איינאונאיינציקן, איז בלויז אַ פראַזע אַזאַ. ווייל דער מענטש איז אַ שטויבעלע אין דעם אומענדלעכן אוניווערס . . . און דאָס, וואָס מ'רופט וועלט־געשעענישן, וועלט־געשיכטע, היסטאָרישער מאַטעריאַליזם און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער — דאָס איז בלויז דער אויפקום און אומקום פון מענטשן און פעלקער אין דער פאַרפלאָנטערטער נעץ פון לאָגישע און אומלאָגישע געשעענישן, וואָס ווערן פאַרלאָפּן אין לעבן מיט אַ פאַטאַלער און אומקאָנטראָלירבאַרער קראַפט, אַ קראַפט, וואָס איז וואַהנזין אין גאונות און גאונות אין וואַהנזין — פון דעם מענטש אין דער מענטשהייט אַריין, און פון דער מענטשהייט אין מענטש אַריין . . ."

און, פאַרשרייבנדיק דאָס, האָט ער געטראַכט, אַז פאַר אַזעלכע געדאַנקען וואָלט ער אַ צווייטן זיכער געשטעמפּלט ווי אַן אָפּגעשטאַנענעם, קאָנסערוואַטיוון מענטשן, וואָס האָט ניט קיין באַגריף אין דער אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציע און קולטור, און ניט אין דער אָפּשטאַמונג פון מענטש און חיה, און ניט אין דער גאונות פון באַשאַף, וואָס איז פול מיט מיסטישן און געטלעכן כח און מיט ראַציאָנאַלער פּערפעקציע. אָבער ווידער און ווידעראַמאָל האָט דער געדאַנק געשלעפּט און די פּען האָט פאַרשריבן: „ . . . ניין. איך דאַרף זיך ניט שעמען. ווייל איך, מיין „עגאָ" פילט דעם פיין פון דער וועלט אַסך טיפער, ווי די וועלט פילט דעם פיין, אָדער די פרייד, וואָס קומט צו מיר . . ."

און אָפט, זייער אָפט, אין דער איינזאַמקייט פון די קאַלטע און לאַנגע נעכט, האָבן דידאָזיקע געדאַנקען, ווי דער געוואַי פון אַ שניי־שטורעם געריסן זיינע געדאַנקען און געטריבן די עמאָציעס ביז ווייטיק, ביז פאַרצווייפלונג . . . פאַרצווייפלונג פון ניט וויסן, פון ניט קאָנען אָפּשטעלן די ראָד פון לעבן און באַטראַכטן, און זען, וואָס ס'איז רעכט און וואָס ס'איז אומרעכט, וואָס ס'איז אמת און וואָס ס'איז ליגן . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

דאָס שטעטל האָט ניט קאָמענטירט. יעדער איינער האָט זיך אַרומ־

געטראָגן מיט זיינע געדאַנקען און די געשעעענישן אין דער וועלט האָבן זיך ניט אָנגעקערט מיט קיינעם; די נייעסן קומען סיי ווי פון יענער זייט וועלט, איז צו וואָס טראַכטן וועגן דעם. עס איז דאָך ערגעץ ווייט, אַזוי ווייט — און די אייגענע קליינע און גרויסע דראַמעס און טראַגע־דיעס ליגן גלייך איבערן קאָפּ, און יעדער איינער איז מיד, און יעדן איינעם בענקט זיך נאָך פרייד, נאָך אמתער, ברויזנדער, פליסנדער פרייד; און די פרייד, אַז זי קומט, קומט זי שעמעוודיק, צו יעדן איינעם באַ־זונדער אין אַ ווינקל. ווי גרויע און בלויע שאָטנס גייט מען אין די פאַרטאָגן צו דער אַרבעט און ווי שוואַרצע שאָטנס קערט מען זיך אום פאַרנאַכט. און זונטיק ווערט נאָך קעלטער, טרויעריקער און שטילער; און דער קירכן־גלאָק שיקט וויינענדיקע קלאַנגען אין דער לופט אַריין און אַרום איז שטיל, שטיל . . .

באַם סוף שטעטל, ווייט אַרויף, הינטער דער פאַבריק, אויף דעם באַרג כמעט, ליגט דער בית עולם; און מצבות און צלמים שטייען ווי טרויעריקע וועכטער איבער דער טויטער וועלט.

באַראַש איז אַ פּאָר מאָל געגאַנגען צו דעם בית עולם און ער האָט זיך דערפרייט, ווען ער האָט אין אַ באַזונדערן, מיט שטאָלענע שטאַ־בעטן אָפּגעזונדערטן פּלאַץ, דערזען פינף יידישע מצבות. דערפרייט זיך און אויסגעלאַכט זיין אייגענע פרייד. איבערגעלייענט אַ פּאָר נעמען, וואָס האָבן גאַרניט געזאָגט און גאָרניט דערציילט; צוגעקוקט זיך צו די דאַטומס — אַלטע, פאַרגרינטע, וואָס האָבן מיט צוואַנציק און מיט דרייסיק יאָר צוריק געשיינט מיט בראָנז און קופּער. געטראַכט: אָט דאָ וועט ער אפשר אויכעט ליגן — ווער ווייסט? און זיין נאָמען ראָש וועט אויך גאָרניט זאָגן און גאָרניט דערציילן — ניט וועגן אים און ניט וועגן זיין אָפּשטאַם. און, אַהיימגייענדיק יענעם טאָג פון דעם בית עולם, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט באַ דעם שניידערס פענצטער, אַריינגע־קוקט, דערזען אַן אויסגעדאַרטן און טונקעלן מענטשן, וואָס האָט מיט גרויסעברילן אויף דער נאָז אויסגעזען פונקט ווי אַן אַלטער, היימישער שניידער פון דעם פאַרגעסענעם יידישן שטעטל. און עס האָט בלויז גע־פעלט דאָס געסל, מיט די אויסגעקרומטע שטיבער, מיט די גאַניקעס, מיט די אָרימע קליטלעך און מיט דער שול אויף דעם בערגל. האָט ער גע־קוקט אויף דעם שניידער און געוואונדערט זיך — וואָס האַלט אים דאָ אָט דעם מענטשן? וואָס פּאַר אַ גייסטיקע הנאה קאָמפּענסירט אים דאָ פאַר זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט צווישן פרעמדע מענטשן מיט וועמען ער האָט קיין פאַרבינדונג. און אפשר האָט ער יאָ עפּעס אַ פאַרבינדונג. אפשר זענען די מענטשן דאָ געוואָרן אויס פרעמדע און זייערע אינטע־רעסן זענען געוואָרן זיינע אינטערעסן און זיין מח און זיין האַרץ באַנוגנט

זיך מיט דעם ביסל, וואָס ער געפינט דאָ אונטער דעם הימל צווישן די הויכע בערג — — —

אין דעם טאָג האָט ער פאַרשריבן:

„. . . ווי פרעמד עס איז אַרום, — ווייל איך בין אַ פרעמדער. און האָט דען ניו־יאָרק ניט אויסגעזען אַזוי פיל מאָל אי פרעמד, אי גרויזאַם, אי מוראדיק? איז פאַרוואָס שטעל איך זיך אָפּ אויף דער פרעמדקייט דאָ? און פאַרוואָס דאַרף איך זיך וואונדערן ווי אַזוי אַן אָרימער יידישער שניידער לעבט אָפּ זיין לעבן דאָ? איז דען ניט גענוג אַמאָל בלויז אַ ווינקל, אויסצובויען אַ לופט־שלאָס פאַר זיך? די פרעמדקייט איז ניט אַרום — עס איז אין מיר. און אין זיך קאָן איך געפינען דאָס ווינקל, וואו אויפצובויען מיין טורעם פאַר דעם טרוים, וואָס איז אפשר דער איינציקער און דער אמת־אמתדיקער געַנוס פון לעבן . . .״״

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

באַראַש האָט אַוועקגעשטעלט דעם מאָלבערט, אויפגעעפנט דאָס קעסטל מיט פאַרבן, גענומען די פאַליטראַ און בערשטלעך אין דער האַנט און איז געבליבן שטיין. וואָס זאָל ער איצט מאָלן? ער האָט דאָס שוין אַזוי פיל מאָל געטאָן און אין אַזוי פיל צימערן הענגען שוין אַזוי פיל פון זיינע באַנאַלע פייזאַזשן, באַנאַלע, ווייל ער האָט ניט אַריינגעגעבן אין זיי זיין האַרץ און זיין נשמה. עס האָט זיך אים אָבער געוואָלט מאָלן, מאָלן, ווי ער וואָלט עס געטאָן שרייבנדיק מיט דער פען. אָבער אפילו די פען זיינע איז געווען שטום און דער דמיון איז געלעגן אַ געפּאַנגענער אויף דעם שפּיץ פון הויכן באַרג. ער האָט אָפט געקוקט אויף דעם באַרג און אַזוי פיל מאָל געמאָלן אים, אָבער קיינע אידייען האָבן ניט עלעקטריזירט ניט דעם מח און ניט דאָס בלוט, ווייל . . . — ער האָט ניט געוואָלט טראַכטן פאַרוואָס.

ער האָט גענומען אַ בערשטל און אַ שמיר געטאָן מיט פאַרב. און, קוקנדיק אויף דעם לייוונט, האָט ער צווישן די אומזעבאַרע און שאָטנדיקע ליניעס דערזען אַ פנים. ער האָט געוואוסט, אַז אויף דעם לייוונט איז קיין פנים ניטאָ און ער האָט געוואוסט, אַז דאָס אויג זעט צווישן ליניעס געשטאַלטן, וואָס זענען ווי מיראַזשן . . . אָט זענען זיי דאָ, אָט זענען זיי ניטאָ. ער האָט אָבער געוואָלט זען, וואָס עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער זעט — אַ פנים פון אַן אַלטן מאַן. אָט לויפט אַ ליניע, וואָס פאַרמירט די קאָנטורן פון אַ קאָפּ; און אָט נידעריקער, אַ ליניע, וואָס טיילט אויס די נאָז, אַ יידישע נאָז; און וויטער ליניעס — די אויגן, די ליפּן . . . די באָרד — אַן אַלטער מאַן, אַזוי ענלעך צום הויכן באַרג — — —

עס איז אים געפעלן געוואָרן די אַפּטישע אילוזיע און דאָס בערשטל האָט שוין גענומען נאָכלויפן דידאַזיקע ליניעס און אינגיכן האָט שוין אַן אַלט פּנים אַ קוק געטאָן אויף אים און די אַרומיקע צוקוקער האָבן זיך גענומען רוקן נעענטער, צו זען, ווי דאָס פּנים ווערט באַלעבט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער זעט דעם קאָפּ פון ווילנער גאון; די צוקו־קער אַרום אים האָבן אָבער באַשלאָסן, אַז ס'איז אַ בעטלער, אַ פּנים פון אַן אַלטן בעטלער.

עס איז אַוועק אַ שעה און צוויי און ער האָט נאָך אַלץ געמאָלן דעם אַלטן. מענטשן זענען געקומען און מענטשן זענען געגאַנגען. געבליבן שטיין, אַ קוק געטאָן — און ווייטער . . . בלויז איין פרוי האָט ניט אָפּגעטראָטן די גאַנצע צייט פון מאָלן. געקוקט מיט פאַרוואונדערטע אויגן און, מאָמענטנווייז, מיט אַ פאַרטראַכטן בליק אַרויף צום שפּיץ פון באַרג, וואוהין בעראַש האָט געקוקט אין די רגעס פון אָפּרו. און ווען בעראַש איז פאַרטיק געוואָרן און ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם הויכן שטערן פון דעם אויסגעמאָלטן זקן, האָט ער זיך געוואָלט דערמאָנען וואָס עס פעלט דעם פּנים. עפּעס אין זיין מח האָט געוועקט, גערופן צו דערמאָ־נען זיך אָן עפּעס; און, ענדלעך, איז דאָס, וואָס האָט געפעלט אין בילד, אַרויסגעשוואומען אַזוי קלאָר און דייטלעך. ער האָט דערזען אויף דעם הויכן שטערן די ניט־אויסגעמאָלענע תפילין און אַרום די אַקסלען אַ טלית. און די האַנט מיט דעם בערשטל האָט זיך אַ ציי געטאָן צום בילד. ער האָט אָבער אַ קוק געטאָן אויף די אַרומיקע — אײַרישע, שוועדישע, איטאַליענישע און פּוילישע אויגן — זאָל ער וואַגן פאַר אָט דידאָזיקע אויגן אויפצודעקן דעם סוד פון זיין בילד, פון זיין אַלטן יידן און פון זיין אייגענעם פּנים — זאָל ער? וועט דאָס ניט זיין אַן אָנהייב פון דער קאַפּיטולאַציע פון זיין נייעם לעבן צום סוד פון זיין אַלטן לעבן? און ווער פון זיי וועט קויפן אַזאַ בילד, אַ בילד פון אַ מיסטעריעזן יידן? זיינע אויגן האָבן זיך באַגעגענט מיט די אויגן פון דער פרוי, וואָס האָט ניט אָפּגעטראָטן פון מאָלבערט און דער פאַרטראַכטער טרויער אין אירע אויגן האָט אַ ציי געטאָן זיין גאַנצן וועזן — ווי נאָענט איר טרויער איז — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

— איר פאַרקויפט דאָס בילד? — האָט זי פלוצים אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, צוליב דעם מאָל איך — האָט ער געענטפערט.

— איך וועל קויפן בײַ אייך דאָס בילד — האָט זי געזאָגט. — עס געפעלט מיר און עס דערמאָנט מיר אָן עפּעס — — —

— מעג איך וויסן אָן וואָס? — האָט ער געפרעגט.

— אָ, ס'איז אַסך צו רעדן וועגן דעם און עס וועט אייך אפשר ניט

אינטערעסירן. כאָטש מיך אינטערעסירט זייער דאָס בילד — דאָס פּנים און . . .

— און? . . . — האָט ער געוואָלט וויסן מער, ווען זי האָט ניט פאַרענדיקט איר געדאַנק.

— אַ . . . גלאָט אַזוי אַ געדאַנק, אָדער אפשר אַ שטימונג גאָר . . . — האָט זי שטיל געזאָגט.

באַראַשן איז פּלוצים איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו געבן איר דאָס בילד אומזיסט און ער האָט עס אַראָפּגענומען פון מאָלבערט און געוואָלט זאָגן: אַ מתנה פאַר אייך — — —

— ווי אַזוי וועל איך דאָס אַהיים טראָגן . . . די פאַרב איז דאָך נאָך נאַס — האָט זי געפרעגט.

— איר זענט גערעכט — האָט ער געענטפערט. — אויב איר ווילט, וועל איך מאָרגן אָדער אין אַ פּאָר טעג אַרום ברענגען עס צו אייך. עס וועט דערווייל אויסטריקענען און עס וועט זיין בעסער אַזוי.

— גוט — איז זי באַשטאַנען און אירע אויגן האָבן אַ שיין געטאָן מיט פרייד — איך וועל אייך געבן מיין אַדרעס.

זי האָט אַרויסגענומען פון איר האַנט־בייטל אַ ביכעלע, אַרויסגעריסן אַ בלעטל און, אָנשרייבנדיק דעם אַדרעס, געגעבן עס צו באַראַשן.

— און אייער נאָמען? — האָט באַראַש געפרעגט, קוקנדיק אויף דעם בלעטל.

— אָ, יע — האָט זי זיך צעשמייכלט, און דער שמייכל האָט אַ צי געטאָן באַראַשן מיט אומאויסשעפּלעכן חן — מיין נאָמען איז סטעלאַ גערסאָן.

דער נאָמען גערסאָן האָט אַ קלונג געטאָן מיט היימישן קלאַנג און איז צעגאַנגען זיך אין אים מיט וואַרעמע כוואַליעס. עס האָט אים דער־מאָנט אָן זיין פאָטער גרשון און די אַסאָסיאַציע און די ענלעכקייט פון די נעמען האָט אַרויסגערופן נייגעריקע געדאַנקען. עס האָט זיך אים געוואָלט שטעלן פראַגן, אָבער די בליקן פון די מענטשן אַרום האָבן אים אָפּגעהאַלטן. האָט ער בלויז געזאָגט:

— אַזוי גיך ווי דאָס בילד וועט אויסטריקענען, וועל איך עס ברענגען.

— אַ דאַנק — האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ רואיקן בליק און איז אַוועקגעגאַנגען מיט לייכטע טריט.

באַראַש האָט אויסגעוואַשן די בערשטלעך אין טערפּענטין, פאַר־מאַכט דאָס קעסטל מיט פאַרבן, צונויפגעלייגט דעם מאָלבערט און גע־בליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער. אַרום אים איז שוין קיינער ניט געווען. דער אָוונט איז שוין געפאַלן אַ פראָסטיקער און די נעאָן־שילדן אין די

קראָמען האָבן געוואָרפן סודותפולן ליכט אין דער קלאָרער, דורכזיכ־טיקער בלוילעכקייט — — —

ער איז אַהיימגעקומען אין אַ באַזונדערער שטימונג. און זי האָט אים געהאַלטן אַ וואַרעמען און אַ צופרידענעם. פאַר די לעצטע אַכט וואָכן איז דאָס געמיט זיינס צום ערשטן מאָל געווען באַלאַנסירט און אָנ־געפילט מיט רואיקייט און מיט עפּעס אַ נעפּלהאַפטער האָפענונג. אפילו דאָס אַלטע פּאַרפּאַלק, די מעקגווייערס, האָבן דאָס מאָל אויסגעזען יום־טובדיקער און פריינטלעכער ווי אימער. דער יעזוס־צלם אין ווינקל האָט דערנענטערט מיט קרובהשאַפט און באַראַשן האָט זיך געוואָלט צו־גיין צו אים, אַ גלעט טאָן און זאָגן :: ברודער. ער האָט אָבער דערזען ווי די אַלטע שטייען נעבן זיין ערשט־אויסגעמאָלענעם בילד, שטייען פאַרוואונדערטע, מיט ניט־אַרויסגעזאָגטע פראַגן, וואָס זוכן אַן ענטפער.

ער איז אַריינגעגאַנגען צו זיך אין צימער, אַראָפּגענומען דעם מאַנטל און איז געגאַנגען אָפּוואַשן זיך. און ווען ער האָט אַ ריינער און דער־וואַרעמטער גענומען דאָס בילד אין האַנט, האָט ער דערהערט ווי מיסעס מעקגווייער פרעגט :

— איז דאָס אַ בילד פון אַ הייליקן, מיסטער ראַש ?

— ניין. אָבער, אַז מ׳וויל קאָן ער ווערן אַ הייליקער.

— איך האָב געמיינט, אַז ס׳איז פאַר דער קירכע — האָט זי גע־זאָגט און גלייך אַ פרעג געטאָן — פאַרוואָס קומט איר ניט אין דער קירכע, מיסטער ראַש ?

באַראַש האָט געשוויגן אַ ווײַלע. געטראַכט, אַז איצט איז די צייט צו זאָגן איר, אַז ער איז אַ ייד. אָט וואוינט ער שוין דאָ צוויי חדשים כמעט און ער ווייסט, ווי ער פייניקט די נייגעריקייט פון די אַלטיטשקע. ער ווייסט זייערע ניט־אַרויסגעזאָגטע פראַגן : ווער ביזטו ? פון וואַנען קומסטו ? פאַרוואָס ביזטו שטענדיק אַליין, אַ פאַרחלומטער, אַ פאַרטראַכ־טער, אַ שוויגנדיקער ? און אים אַליין האָט אויך געפייניקט דאָס געפיל פון דער אומפאַרשטענדלעכער און אָפט זעלבסטדערנידעריקנדיקער מאַס־קירונג. פאַרוואָס זאָל ער זיי ניט זאָגן, אַז ער גייט ניט אין דער קירכע, ווייל ער איז אַ ייד. און פאַרוואָס האָט ער ביז איצט אַזוי געשיקט, ווי אומדירעקט, באַהאַלטן פון זיי זיין אָפּשטאַם ? פאַרוואָס ? מוז ער דען ווערן אויס ייד, ווייל ער איז געוואָרן אויס באַראַש ? איז ער דען אַמאָל געווען און מוז ער דען איצט ווערן אַ פייגלינג ?

— איך גיי ניט אין קירכע, ווייל איך האָב דאָ ניט קיין קירכע — האָט ער אַ זאָג געטאָן — איך בין אַ ייד.

זי האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף אים אַ דערשטוינטע און דערנאָך אַ שמייכל געטאָן :

— איך וואָלט עס קיינמאָל ניט געגלויבט.

באַראַש האָט געוואָלט פרעגן: פאַרוואָס? ער האָט שוין אָבער געוואוסט, וואָס קריסטן ענטפערן אויף דער פראַגע. האָט ער אויך אַ שמייכל געטאָן, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און איז אַריין צו זיך אין צימער. און אין צימער האָט ער גענומען באַטראַכטן דאָס בילד און גלייך האָט ער דאָ און דאָרט באַמערקט דעפעקטן און גלייך געכאַפּט זיך פאַרריכטן זיי. און ווען ער האָט באַשלאָסן, אַז דאָס בילד איז פאַרענדיקט, האָט ער זיך אַנידערגעלייגט, פאַרמאַכט די אויגן און פּרובירט אַרויסרופן אין זיין זכרון די שטריכן פון דער פרוי סטעלא גערסאָן.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

באַראַש איז געשטאַנען באַ דער טיר פון מיס גערסאָנס הויז. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט אַביסל שנעלער. אונטערן אָרעם האָט ער געהאַלטן דאָס בילד, איינגעפּאַקט אין אַ טונקל־ברוינער ראַם. ער האָט אָנגעקלונגען.

זי האָט געעפנט די טיר און אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ פריידיקן בליק. אין איר ווייסן לאַנגן הויז־קלייד, האָט זי אויסגעקוקט העכער און שלאַנקער. דאָס פּנים דין און ווייס, די אויגן — גרויס; אַ צאָפּ האָר, ווי אַ ברוין־גאָלדענע שלאַנג, אַרומגעוויקלט אַרום איר קאָפּ.

זי האָט אים געבעטן אַריינקומען. ער האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל, אַרומגעכאַפּט מיטן בליק דריי צימערלעך. אין פראָנט־צימער אַ פּיאַנאָ, באַם פענצטער אַן בידעריקע אָטאָמאַנע, אַ פּאָר ווייכע שטולן, אַ טישל מיט ביכער, אַ קליינע ראַדיאָ, אַ פּאָר פּייזאַזשן אויף די ווענט; רעכטס — אַ שלאָפצימער, לינקס — אַ קליינע קיך.

— זיצט, מיסטער . . .

— ראַש . . . — האָט ער אונטערגעזאָגט.

— מיסטער ראַש . . . — האָט זי אַ שמייכל געטאָן און האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט צום בילד.

באַראַש האָט געקוקט אויף איר, ווי זי נעמט פאַנאַנדער דאָס פּאַפּיר פון בילד און מיט נייגעריקייט נאָכגעפאָלגט איר ערנסטן בליק און אויסדרוק. ענדלעך האָט זי אַוועקגעשטעלט דאָס בילד אויף דעם טיש צווישן די ביכער און האָט געזאָגט:

— ס׳איז זייער איינדרוקספול.

— איך בין צופרידן, וואָס עס געפעלט אייך. דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך אפילו אין זינען ניט געהאַט צו פאַרקויפן עס. די מענטשן דאָ וואָלטן מסתמא ניט געקויפט אַזאַ מין בילד, האָב איך זיך געוואונדערט, ווען איך האָב דערזען, אַז דאָס בילד האָט אייך פאַראינטערעסירט.

איך וויל אָבער צוגעבן — האָט ער זיך גלייך געכאַפּט — אַז איר אַליין האָט זיך גראָדע זייער אויסגעטיילט פון די מענטשן אַרום . . . און עס האָט מיך שוין דערנאָך ניט געוואונדערט.

— דאָס בילד האָט גראָדע אַזאַ מין אינהאַלט, וואָס האָט מיך פֿער־זענלעך פאַראינטערעסירט.

— מיט וואָס, אייגנטלעך, האָט אייך אַזוי פאַראינטערעסירט דער אינהאַלט פון דעם בילד? עס האָט דאַכט זיך קיין סוזשעט אין זיך . . .

— איך ווייס ניט וואָס עס האָט אייך אינספּירירט צו מאָלן דאָרט באַם בריק אַזאַ מין בילד — האָט זי גערעדט אַ פאַרטראַכטע — איך ווייס ניט. אָפט פיל איך אויך ווי פלוצימדיקע געדאַנקען און אַסאָסי־אַציעס פון בילדער און אפילו מעלאָדיעס נעמען מיך אַרום און איך דערזע עפּעס. עס איז מיר אַביסל שווער צו דערקלערן דאָס . . . איך ווייס אָבער, אַז ווען איך האָב דערזען דאָס בילד, האָב איך זיך דערפילט ווי אַ רייזנדע אין אַ פרעמד לאַנד, וואָס שטויסט זיך פלוצים אָן אָן אַ ווינקל, וואָס דערמאָנט אָן דער ווייטער היים. אייער בילד האָט מיר דער־מאָנט אָן אָן אַנדער בילד.

— אָן וואָס פאַר אַ בילד?

— אָן אַ פאַרגעסן בילד, וואָס איז ערגעץ אין מיין זכרון ווי אַ חלום. עס ווערט נאָענטער, ווייל . . . ס'איז איינציק, ווייל איך האָב דאָ מער אַזעלכע בילדער ניט געזען, איך מיין די בילדער, וואָס זאָלן דערמאָנען . . .

— וועט איר מיר דערלויבן צו שטעלן אייך אַ פראַגע, מיס גערסאָן?

— אַ, פאַרוואָס ניט?

— איר זענט אַ . . . יידין . . . מיס גערסאָן?

— יאָ. און איר, מיסטער ראָש, איר זענט אויך אַ ייד?

— יאָ.

— איך האָב דאָס גלייך געוואוסט, ווען איך האָב אייך דערזען מאָלן דאָס בילד. און ווען איך בין אַהיימגעקומען האָב איך געטראַכט, ווי מאָדנע אונדזער לעבן לייגט זיך אויס. איך מיין, אונדזער יידיש לעבן. אפשר איז דאָס דערפאַר, ווייל מיר זענען אַ מאָדנע פאָלק.

— פאַרוואָס דענקט איר, אַז מיר זענען אַ מאָדנע פאָלק?

— ווייל . . . אָט האָבן מיר זיך באַגעגנט, צוויי פרעמדע מענטשן, צוויי יידן אין אַ פרעמדער, קריסטלעכער אַטמאָספערע און . . . עפּעס האָט אונדז געהאַלטן אין אַ באַהאַלטנקייט . . . איז דאָס ניט אַזוי?

— ווייל איך האָב אָפט געפילט, אָדער געווען געצוואונגען צו פילן אַזוי, האָב איך געטראַכט, אַז אויך איר . . .

— איך וועל מודה זיין — האָט באַראַש אַ שמייכל געטאָן — אין

אַ געוויסן זין איז דאָס אַזוי. אָבער פאַרוואָס איז אַזאַ יונגע פרוי ווי איר געווען געצוואונגען צו פילן אַזוי?

— אָ, איך בין שוין ניט אַזוי יונג — האָט זי זיך צולאַכט.

— איך בין שוין צוויי און דרייסיק יאָר לאַט. אָבער ס'איז ניט די צאָל פון יאָרן וואָס צווינגט צו פילן און צו האַנדלען אַזוי.

— אַ שטעלע, מסתמא? איך האָב געקאָנט יידישע מיידלעך, וואָס פלעגן טראָגן אַ צלם צוליב אַ שטעלע.

— איך וועל אייך זאָגן — האָט זי דערפילט אַ באַגער צו רעדן און צו זיין אָפנהאַרציק. — עס האַנדלט זיך מער אין נאָכגיביקייט צו עפּעס, אָדער ריכטיקער צו עמיצן, איידער אין אייגענער איבערצייגונג. איר וועט מיך פאַרשטיין, ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז מיין מאַן איז געווען אַ קריסט און אַ דייטש דערצו. ער איז געווען אַ געבילדעטער מענטש, אַן אינזשינער. ער האָט געאַרבעט דאָ אין דער פאַבריק און מיר האָבן געלעבט אַ שטיל, רואיק לעבן. ער האָט אָבער געהאַט אַ מאָדנעם שטאָלץ. ווי טיף ער האָט מיך ליב געהאַט, האָט ער דאָך ניט געוואָלט, אַז זיינע עלטערן און פריינט זאָלן וויסן, אַז זיין פרוי איז אַ יידישע. נו, האָט ער געפּועלט בײַ מיר, אַז מיין אָפּשטאַם זאָל פאַרבלייבן אַ סוד. ער האָט ניט געפאָדערט, אַז איך זאָל זיך שמדן, אָבער דאָס מאַסקירטע לעבן מיינס, איז געווען פיינלעכער ווי דער שמד וואָלט געווען.

— איך פאַרשטיי . . . — האָט באַראַש געזאָגט אַ פאַראינטערעסירטער.

— איצט פאַרשטייט איר שוין, ווי אַזוי איך בין צוגעוואוינט געוואָרן צו טראָגן די מאַסקע. איך פלעג מיט אים גיין אין דער קירכע, איך פלעג אויפנעמען זיינע פריינט און פלעג אָפט מוזן אויסהערן זייערע נאַרישע און אָפּטמאָל בייזע רייד און וויצן וועגן יידן און איך האָב געמוזט שווייגן און איך האָב געמוזט הערן, ווי ער, מיין מאַן, פּרובירט פאַרטיידיקן די יידן, אַט אַזוי ווי אַ קריסט, אַ דייטש בלויז, קאָן פאַרטיידיקן אַ יידן — קאַלטבלוטיק, מיט געוויסע רעזערוואַציעס און מיט אַ פּאַטראָניזירנדיקן שמייכל — — —

— איר האָט קינדער? — האָט באַראַש געפרעגט.

— ניין, און עס פרייט מיך. איך וואוין דאָ מיט מיין פאָטער, זינט מיין מאַן איז געשטאָרבן.

— אַ . . .

— מיין פאָטער אַרבעט אויך דאָ אין דער פאַבריק. דאָס האָט אים נאָך מיין מאַן געגעבן דעם דזשאָב, אַלס קאָמפּענסאַציע, אַזוי צו זאָגן, פאַר דעם סוד, וואָס מיר האָבן געהאַלטן. מיין פאָטער האָט געליטן פון דעם, נאָך מער ווי איך, ער האָט אָבער געוואָלט זיין נענטער צו מיר.

ער איז געווען אַזוי עלנט. יעדן פֿאַרנאַכט פֿלעגט ער שפּאַצירן דאָ באַ די פֿענצטער אוּן אַמאָל, ווען מיין מאַן איז ניט געווען אינדערהיים, פֿלעגט ער אַריינקומען צו מיר און מיר זענען געזעסן אין דער פֿינצטער און איך פֿלעג פֿאַר אים שפּילן די פּיאַנאָ. ער האָט זייער ליב מוזיק.

— אַרבעט ער נאָך אַלץ אין דער פֿאַבריק?

— יאָ, עס גלוסט זיך אים ניט צו פֿאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק. דאָ האָט ער אַ לייכטן דזשאָב און איך אַליין בין דאָ אויך פֿאַרבונדן מיט מיין אַרבעט, וועלכע איך האָב ליב — זענען מיר שוין דאָ.

— איר אַרבעט? אויך אין דער פֿאַבריק? — האָט זיך באַראַש פֿאַרוואונדערט.

— איך בין אַ פּיאַנאָ־לערערין.

באַראַש האָט אַ קוק געטאָן אויף אירע לאַנגע ווייסע פֿינגער און דערנאָך איבערגעפֿירט דעם בליק צו דער פּיאַנאָ, און עס האָט זיך אים געגלוסט אַ בעט טאָן, אַז זי זאָל עפּעס שפּילן. ער האָט אָבער ניט גע־בעטן. כאָטש ער האָט געפֿילט, אַז אין זייער ערשטן געשפּרעך שוין וועבט זיך עפּעס אַ נאָענטקייט, וואָס פֿאַרבינדט מענטשן אין דער פֿרעמד, וואָס קומט אַזוי אָפֿנהאַרציק און כמעט נאַאיוו אין דער שטילקייט און פּשוטקייט פֿון דער קליינשטעטלדיקייט. ער אַליין האָט אויך דערפֿילט, ווי עפּעס רייסט זיך אין אים צו רעדן פּשוטע, אָפֿענע רייד, דער וואַכער געדאַנק האָט אָבער געוואָרנט: בעסער שווייגן . . . ווערטער פֿאַר־ראָטן אָפֿט . . .

ער האָט זיך אויפֿגעהויבן. אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'איז אפשר ניט טאַקטיש צו זיצן אַזוי לאַנג און צונעמען באַ איר די צייט.

— נו, איך וועל שוין גיין, מיס גערסאָן. אָ, יאָ . . . איר וועט מיר אַנטשולדיקן, נאָך אַ פֿראַגע . . . גערסאָן איז דאָך ניט אייער מאַנס נאָמען . . .

— אָ, ניין. גערסאָן איז מיין מיידלשער נאָמען, מיין פֿאָטערס נאָמען. און איך טראָג ניט מער דעם סוד. עס איז ניט נייטיק, כאָטש איך גיי ניט אַרום דערציילן וועגן דעם. מיינע אַמאָליקע פֿריינט און מיינע נייע ווייסן אָבער, אַז איך בין אַ יידישע טאָכטער. און איך בין ווידער אַ גאַנצער און פֿרייער מענטש.

— עס פֿרייט מיך זייער וואָס איך האָב זיך באַקאָנט מיט אייך — האָט באַראַש געקוקט טיף אין אירע אויגן — און, דעם אמת זאָגנדיק, וואָלט זיך מיר ניט געוואָלט איבעררייסן די באַקאַנטשאַפֿט און עס וואָלט זיך מיר אויך געוואָלט קאָנען אייער פֿאָטער.

— טאָ קומט אַריין אַמאָל אין אָוונט, מיסטער ראָש.

— איך וועל.

— אָ, איך האָב אייך נאָך ניט באַצאָלט פאַרן בילד — האָט זי זיך געלאָזט צום שופלאָד.

— דאָס איז אַ מתנה פאַר אייך, מיס גערסאָן. איר דאַרפט מיר ניט באַצאָלן.

— אָ, ניין . . .

— זאָל דאָס אייך ניט באַאומרואיקן. דאָס בילד האָב איך דאָך ניט געמאָלט צוליב פאַרקויפן. און עס האָט מיר מער ווי באַלוינט און קאָמפּענסירט פאַר דער אַרבעט.

— עס וועט זיכער פרייען מיין פאָטער צו באַקאַנען זיך מיט אייך. איך האָב אים דערציילט וועגן דעם בילד. ער האָט ליב קונסט. זיין פאָטער און זיין זיידע זענען געווען טאָקערס אין אַ קליין רומעניש שטעטל. זיין פאָטער, דערציילט ער, איז געווען אַן אמתער קינסטלער. אויך מיין פאָטער האָט ליב שניצעריי און מאַלעריי. איך בין זיכער, אַז איר וועט באַפריינדעט ווערן.

— און איר? — האָט באַראַש געפרעגט — איר זענט אַן אַמע־ריקאַנער געבוירענע?

— איך בין געקומען אַהער, ווען איך בין אַלט געווען צוועלף יאָר. איך געדענק נאָך גאַנץ גוט מיין קליין אָרעם שטעטל. עס שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן דער ארון־קודש אין שול און אָט דאָס פּנים — האָט זי אָנגעוויזן אויף באַראַשעס בילד — אָט דאָס פּנים דערמאָנט מיר אָן אַ בילד באַ מיין זיידן אין הויז און עס דערמאָנט מיר אָן מיין קינדהייט . . .

— און איר רעדט יידיש? — האָט ער געהאָפט, אַז זי וועט זאָגן יאָ.

— ניט נאָר איך רעד — האָבן אירע אויגן אַ שיין געטאָן — נאָר איך לייען און איך שרייב יידיש. מיין פאָטער האָט ניט פאַרנאַכלעסיקט מיין יידישע דערציאונג. מיין פאָטער האָט שטענדיק געלייענט און פאַר־געלייענט פאַר מיר יידישע אַרטיקלען און יידישע ביכער. ער איז אַ געבילדעטער מענטש, מיין פאָטער — האָט זי פאַרענדיקט מיט אַ שמייכל און שטאָלץ.

— איך בין שוין נייגעריק צו קאָנען אים — האָט באַראַש געזאָגט.

— עס וועט אים אויך פרייען צו קאָנען אייך.

— איך האָף אַזוי. איך וועל זען צו קומען, מיט אייער דערלויי־בעניש.

— קומט, קומט, מיסטער ראַש. מיר דאַרפן דאָ פריינט.

— יאָ, מיר דאַרפן פריינט, מיס גערסאָן. אַ גוטן טאָג.

— אַ גוטן טאָג, מיסטער ראַש.

ער איז אַרויסגעגאַנגען. געבליבן שטיין אויף אַ ווײַלע אויף די טרעפּ און געלאָזט זיך גיין צום בריק.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

עס איז געוואָרן אַ וואָך זינט באַראַש איז געווען בײַ סטעלאַ גערסאָן. אין דער צײַט האָט ער אָפֿט געטראַכט וועגן איר. געשטאַנען בײַם בריק, געמאָלן, געקוקט אויף די פֿאַרבײַגייענדיקע פֿרויען — געמיינט, אפשר וועט זי פֿאַרבײַגיין און וועט זיך ווידער אָפּשטעלן אַ קוק צו טאָן ווי ער מאָלט. זי איז אָבער ניט פֿאַרבײַגעגאַנגען און ער האָט ניט געוואָלט גלײַך אויסנוצן איר אײַנלאַדונג — האָט ער געוואַרט. דער באַגער אָבער צו קומען אין קאָנטאַקט מיט מענטשן, צו הערן נאָענטע מענטשלעכע רייד און, איבערהויפּט דער אונטערבאַוואוסטזיניקער וואונטש צו זען סטעלאַן — האָט געצויגן. האָט ער אין אַן אָוונט באַשלאָסן צו גיין צו איר.

זי האָט זיך דערפֿרייט, ווען זי האָט אים דערזען און איר פֿאָטער האָט מיט קלוגע, שמייכלענדיקע אויגן אָפּגעמאָסטן אים פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. הויך און ברייטפּלייציק, מיט אַ גרויען קאָפּ און מיט דיקע, גרויע וואָנצעס, האָט ער אין באַראַשעס אויגן אויסגעזען ווי אַן אוקראַינישער, דאָרפֿישער סטאַראָסטאַ. די האַנט, דעם שלום־עליכם האָט ער אָבער געגעבן ווי אַ ייד. און ער האָט טאַקע אַ זאָג געטאָן:

— שלום־עליכם אַ ייד!

באַראַש האָט געענטפֿערט וואַרעם אויף זײַן שלום־עליכם און האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם בילד, וואָס איז שוין געהאַנגען אויף דער וואַנט.

— אַ פֿיין בילד, מיסטער ראַש — האָט גערסאָן גענומען רעדן אין יידיש, באַמערקנדיק באַראַשעס בליק, — ווען ניט דאָס בילד, וואָלטן מיר זיך ניט באַקאַנט. אָט דאָס בילד אײַערס איז אַ סימבאָל פֿון יידישן גייסט. עס מעג זײַן אין עק וועלט — עס פֿאַראייניקט אָבער אַ יידן מיט אַ יידן.

— איך האָב אויך געטראַכט וועגן דעם, מיסטער גערסאָן. ווען אַ קריסט טרעפֿט זיך מיט אַ קריסט און זיי באַמערקן איינער בײַם צווייטן צלמלעך, רופֿט עס ניט אַרויס בײַ זיי קיין באַזונדערן אינטערעס, אָדער געפֿיל; אָבער ווען אַ ייד באַגעגנט זיך מיט אַ יידן און זיי באַמערקן איינער בײַם צווייטן, לאָמיר זאָגן, מגן־דודלעך — דערוועקט זיך גלײַך זייער אינטערעס און עפּעס אַ באַזונדער געפֿיל. נו, דאָס איז מסתמא דערפֿאַר, ווײַל אין אונדזער געצוואונגענער אָפּגעזונדערטקייט און צעשפּרייטקייט איבער דער וועלט, דערפֿרייען מיר זיך, ווען מיר באַגעגענען אַן

אייגנעם, איבערהויפט אין די פאַרוואָרפענע ווינקלען. פרעמדקייט איז דאָך כמעט ווי פוסטקייט און אַזאַ באַגעגעניש פילט אָן די פוסטקייט.

— יאָ, עס איז גאַנץ פרעמדלעך דאָ און היבשלעך פוסט — האָט גערסאָן געזאָגט — ס׳איז אָבער פאָרט גאָטס וועלט.

— יאָ, גאָטס וועלט. כאָטש אָפט צווייפל איך צי עס איז ווירקלעך גאָטס וועלט.

— איך בין אַן אָפּטימיסט, מיסטער ראָש. איך האָב אַסך געזען אין מיין לעבן. אין מיין יוגנט האָב איך אָפט גערעדט מיט גאָט. ס׳זאָגט זיך אַזוי . . . גערעדט — כ׳בין געווען אַ ישיבה־בחור, פאַרבראַכט טעג און נעכט אין בית־מדרש; דערנאָך, ווען איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך געוואָנדערט איבער שטעט און שטעטלעך און די פּאָגראָמען, און די מלחמות, און דער טויט פון מיין פרוי, און דערנאָך אַמעריקע . . . אַ מענטש באַגעגנט דאָך דאָס גאַנצע לעבן אַזוי פיל מענטשן — נו, איז . . . אַז מ׳לעבט אָפּ אַ זעכציק יאָר כמעט, דאַרף ער עפּעס לערנען. אָט האָב איך אייך שוין מיין גאַנצע ביאָגראַפיע דערציילט. אַז מ׳וואוינט אין אַ קליין שטעטל, ווערט מען גלייך נאָענט און אָפנהאַרציק — ס׳איז אפשר בעסער אַזוי.

— אַזוי דאַרפן מענטשן זיין איבעראַל — האָט סטעלאַ געזאָגט אין יידיש.

— עס וואָלט גוט געווען, ווען עס וואָלט מעגלעך געווען — האָט באַראַש באַמערקט.

סטעלאַ האָט דערווײַלע אָפּגעקאָכט קאַווע, געשטעלט געבעקס צום טיש און באַראַש האָט ניט געקאָנט אָפּרייסן די בליקן פון איר. זי האָט באַמערקט זיינע בליקן און געפילט אַביסל אומבאַקוועם, ס׳איז איר אָבער געווען אַנגענעם.

און ווען זיי האָבן אָפּגעטרונקען קאַווע און צוגעביסן, האָט זי זיך אַנידערגעזעצט בײַ דער פּיאַנאָ און, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, אַנגעהויבן שטיל און לאַנגזאַם אימפּראָוויזירן אַ מעלאָדיע און באַראַש האָט גלייך דערשפּירט די ראַפינירטקייט אין איר שטילער מוזיק. ער האָט געהערט מיט פאַרגעניגן, אָבער אין דערזעלבער צייט געטראַכט און אַנאַליזירט . . .

דער געשפּרעך האָט זיך דערנאָך געבונדן און געפלאָכטן שטיל און אַנגענעם. באַראַש האָט געלאָזט רעדן דעם אַלטן גערסאָנען און האָט אויפגעכאַפּט, ווי געוואָרפענע בלומען, סטעלאַס באַמערקונגען. ער האָט אָבער געפילט ווי ער אַליין זיצט ווי אַ געפאַנגענער פון זיך אַליין, זיצט מיט אַ פאַרבונדן מויל און בלויז די געדאַנקען זיינע קאָנען זיין פריי און וואַנדערן. און ער האָט געטראַכט: אָט זיצן מענטשן און רעדן וועגן זיך אַזוי פריי און אָפן, דעקן אויף שטיקער לעבן פון דער פאַרגאַנגענ־

הייט און ער, בלויז ער פילט ווי איבער זיין לעבן הענגט אַ פֿאַרהאַנג, וועלכן ער קאָן ניט אַרויפציען צו אַנטפּלעקן פֿאַר זיי דעם אמתן באַ־ראַש. אַנטפּלעקן, דערציילן וועגן זיך — וועט בלייבן אַן אַנטוישונג באַ זיי, וועט ער אין זייערע אויגן זיין דער געוויינלעכער, דער אַנטלאָפֿע־נער, דער פֿאַרשוואונדענער מאַן פֿון אַ פּרוי; און דער אַלטער גערסאָן וועט אים ניט באַגעגענען מער מיט דעם וואַרעמען שלום־עליכם, און סטעלא וועט מער ניט שמייכלען און וועט זיך ניט רויטלען ווי אַן אויפֿ־גייענדיקע זון אין בלויען ים. ער מוז, מוז שווייגן. ער מוז שוין טראָגן זיין אַלט לעבן, ווי אַן אַלטן, פֿאַרבונדענעם זאַק, וואו עס ליגן שטיינער און בריליאַנטן, לידער און פּיין, טרערן און הייסע ברענענדיקע ווערטער.

אין דערדאָזיקער נאַכט האָט באַראַש פֿאַרשריבן:

„. . . די וועלט איזווירקלעך גאָטס וועלט, ניט דעם טייוולס וועלט. און דער מענטש דינט ניט דעם טייוול, נאָר ער דינט גאָט. און דאָס דינען זיינס באַשטייט ניט אין דעם, וואָס ער שאַפֿט אַ רעליגיע און סימבאָלן — נאָר אין דעם, וואָס דורך דער וועלט, דורך דעם לעבן, דורך דעם קערפּער זיינעם, דורך די געדאַנקען און עמאָציעס זיינע, דורך וואָרט און מוזיק, דורך דעם שמייכל און דורך דער טרער, דורך דער עקזאַל־טאַציע און דורך דעם פּיין, גיסט ער זיך צונויף מיט דעם ספּאָנטאַנעם אומבאַגרייפֿלעכן און אייביקן, וואָס מענטשן רופֿן ליבע.

„דאָס וואָרט ליבע קלינגט אפשר איראָניש און היפּאָקריטיש. ליבע? — ווען עס ווערן אומרחמנותדיק אויסגעשאָכטן מיליאָנען מענטשן? ליבע? — ווען האָס פֿון ראַסע צו ראַסע און מענטש צו מענטש בלאָזט ווי בייזע שטורעמווינטן — ליבע?

יאָ, ליבע. ווייל אויב דאָס סטיכישע, דאָס כאַאָטישע, דאָס בייז־סאַטאַנישע פֿליט מיט טויזנטער שטורעמווינטן איבער דער וועלט און פֿאַרניכטעט לעבן, איז אָבער אין יעדן איינציקן אינדיווידועלן פֿאַרניכ־טעטן לעבן פֿאַרט פֿאַראַן אָט דער גייסט, דער פֿלאַם, וואָס לייכט אין דער פֿינצטערניש און לעכצט און זוכט און רופֿט צו באַהעפֿטונג מיט דעם עקסטאַטישן און מיט דעם דערהייבענעם . . . אפשר קלינגען מיינע ווערטער פּאַראַדאָקסאַל און נאַאיוו אין דעם גלויבן — איך ווייס אָבער, אַז אפילו אין דער גרויזאַמקייט איז פֿאַראַן אַ ציל, אַ פֿונק פֿון ליבע און אין דער ליבע, אַ פֿונק פֿון גרויזאַמקייט.

„אַך מיכל, מיכל! . . . וויפֿל ליבע צום אונטערדריקטן עס האָט געטליעט אין זיין האַרץ, און וויפֿל גרויזאַמקייט עס איז געלעגן אין דער קויל, וועלכע ער האָט אַריינגעשאָסן אין דער ברוסט פֿון אַן אומבאַקאַנטן און אומגליקלעכן שונא . . . מיכלס קויל געשיקט צוליב ליבע, אָנגע־לאָדן מיט גרויזאַמקייט . . .

„און אַזוי איז אויך מיין ליבע און מיין גרויזאַמקייט; און אַזוי איז די ליבע פון עלטערן צו קינדער, פון פירער צום פאָלק; און אַדאַ — זי פלעגט אויך אָפט זאָגן, אַז זי איז שטרענג אין אירע פאָדערונגען צו מיר צוליב מיר אַליין, צוליב ליבע. און מיין שריט? איז דען ניט מיין שריט גרויזאַם? איז דען ניט גרויזאַם צו פאַרשווינדן פון אַ פרוי און פון אַ קינד, אַז זיי זאָלן זיך טאָג און נאַכט פייניקן מיט געדאַנקען: וואו איז ער? . . . איז ער לעבעדיק, אָדער איז ער טויט? אָבער אין מיין פאַל . . . איז דען ליבע געווען דער רעזאָן, וואָס האָט מיך גע־טריבן צו מיין טאַט? ווען אַ ציניקער וואָלט געלייענט מיינע ווערטער, וואָלט ער געזאָגט: יאָ, ליבע — צו זיך אַליין. נו, זאָל זיין צוליב ליבע צו זיך אַליין. און אפשר איז אויך אין מיין פאַל די ליבע צו זיך אַליין דאָך פאַרבונדן און פאַרקניפּט מיט דער ליבע צו אַדאַן, צו עוואַן און צו מיכלען, צו מיכלס לעבן און טויט, וואָס האָט מיך אַ הייב געטאָן אין פּראָטעסט קעגן דער מענטשהייט און אַ טראָג געטאָן אַן ציל אין כאַאָס פון עמאָציעס — — און איצט ליגט דער פּראָטעסט ווי אַן אָפּגענוצ־טער מאָטאָר און דאָס האַרץ פּולסירט ווי בײַ אַ פאַריאָגטן פויגל . . .

„איז דאָס חרטה, בײַראָש, צי פאַרענטפערונג? איך ווייס ניט. איך זאָג אָבער ווידער: די וועלט איז גאָטס וועלט און די טרייבקראַפט איז ליבע . . .״

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

בײַראָש איז געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער צו די גערסאַנס. צוויי, דריי מאָל אַ וואָך איז ער געקומען צו זיי. און סטעלאַס טיפע אויגן און מוזיק, און איר פאָטערס פשוטע, אָבער קלוגע רייד, האָבן אָנגעהויבן צו פאַרהיילן אין אים די גייסטיקע וואונדן. מיט סטעלאַן האָט ער, מערסטנס, גערעדט אין ענגליש און דאָס האָט אָפט אַריינגעבראַכט אין זיין געמיט אַ דיסאָנאַנס און דיסהאַרמאָניע. כאָטש די ענגלישע שפּראַך האָט אין אַנדערע פאַלן ניט געשטערט זיין נאָענטקייט מיט מענטשן, האָט ער אָבער דאָ, מיט סטעלאַן, געוואָלט, אַז די פריינדשאַפט זאָל זיך אויסגיסן און פאַרמירן אין יידיש. ווייל פונקט ווי עס פלעגט אים פייניקן די ניט־עכטקייט אין דער שילדערונג פון די יידישע־ ענגליש־ריידנדיקע טיפּן אין זיינע נאָוועלן, פונקט אַזוי אומפּולקאָם האָבן אים אויסגעוויזן די געשפּרעכן מיט סטעלאַן, ווען זיי האָבן גערעדט אין ענגליש. זי האָט אָבער געפילט די דיסהאַרמאָניע אין זיין געמיט און געפליסט זיך צו רעדן מיט אים יידיש אָפטער און אָפטער.

מיט גערסאַנען האָט ער זיך געפילט אַ גאַנצער און אַ באַלאַנ־סירטער. ער האָט אָפט פאַרפירט מיט אים געשפּרעכן וועגן ניו־יאָרק

און איינמאָל, פאַנאַנדערדעדנדיק זיך מיט אים וועגן ליטעראַטור, האָט ער, ווי פאַרבייגייענדיק דעם ענין, אַ פרעג געטאָן:

— האָט איר אַמאָל געהערט וועגן אַ יידישן שרייבער באַראַש?

— באַראַש . . . באַראַש . . . — האָט גערסאַן געפּרוּווט צו דער־מאָנען זיך — איך גלייב איך האָב אַמאָל געהערט אָדער געזען אין דער צייטונג דעם נאָמען באַראַש, איך האָב אים אָבער קיינמאָל ניט געליי־ענט. עפּעס אַ גוטער שרייבער?

— הממם . . . יאָ. מ'האַלט, אַז ער איז אַן אינטערעסאַנטער שרייבער. איך האָב זיינע ביכער.

— איר האָט זיינע ביכער? הער! — האָט גערסאַן אַ קלאַפּ גע־טאָן מיט די הענט אין די קני — אַ מענטש האָט מיט זיך יידישע בי־כער און שווייגט! דאָ, אין דער מדבר, וואָלט איך דאָך געקאָנט שלינ־גען ביכער, ווי מ'שלינגט גוטע, זאַפטיקע וויינטרויבן. און לאָמיך אייך זאָגן, אַז ס'האָט זיך מיר שוין פון לאַנג געוואָלט אויסשרייבן אַהערצו אַ יידישע צייטונג — נו, איז ווייסט איר דאָך: מ'הייבט אָן אָפּצולייגן פון טאָג צו טאָג און מ'פאַרגעסט.

— עס וואָלט געווען אַ גוטער געדאַנק — האָט זיך באַראַש אָנ־געכאַפּט אָן דעם — ווייסט איר וואָס? איך וועל געבן צושטייער און שרייבט אויס אַ צייטונג אויף אייער נאָמען.

— וואָס גאָר אויף מיין נאָמען? — האָט זיך גערסאַן צולאַכט.

— דער בריוטרעגער זאָל אויסגעפינען, אַז איך און סטעלא זענען יידן? פאַרוואָס ניט אויף אייער נאָמען?

— איר מיינט עס? — האָט באַראַש דערפילט עפּעס אַ פריקרע נאָכטעם פון זיינע ווערטער.

— איך שפּאַס — האָט זיך גערסאַן צולאַכט. — און וועגן אייער צושטייער — מוחל. קיין גרויסער גביר, ווייס איך, זענט איר נאָך ניט געוואָרן און חוץ דעם בין איך אייך שולדיק אַ חוב פאַר דעם בילד, וואָס איר האָט מיר געגעבן. נו, איז באַשלאָסן. איך וועל אויסשרייבן אַ יידישע צייטונג.

— איך האָב גראָדע אַן אַדרעס — האָט זיך באַראַש אָנגערופן.

— און פון אַ גוטער צייטונג אויך.

— איז אודאי גוט. — איז גערסאַן אַריינגעפאַלן אין אַ גוטער שטימונג און געריבן צופרידן די הענט.

באַראַש פלעגט אָפט טראַכטן וועגן אַ יידישער צייטונג. דער גע־דאַנק האָט אָבער געוואָרנט: מ'דאַרף ניט. דאָרט אין ניו־יאָרק, אין די רעדאַקציעס, זיצן די קאָלעגן, אַ דורכגעטריבענע חברה. זיי קאָנען נאָך קריגן אַ חשד, אַז אין דעם קליינעם קריסטלעכן שטעטל איז דער־

איינאונאיינציקער יידישער אַבאָנענט — מיסטער ראָש — ניט קיין אַנ־דערער, ווי זייער קאָלעגע מיסטער באַראָש. עס קאָן זיך נאָך אָנפּאַנ־גען אַ געשיכטע, וואָס זאָל אים פאַרשאַפן אַסך עגמת־נפש און בושה. האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דעם. דאָך האָבן אַנדערע געדאַנקען געמור־טשעט און געבויערט דעם מח. שרייבט מען דאָרט אַמאָל וועגן אים? זוכט מען אים? ספּעקולירט מען וועגן זיין שיקזאַל? דערמאָנט מען זיינע ליטעראַרישע פאַרדינסטן? צי איז ער דאָרט פאַרגעסן — טויט?

איז טאַקע גוט, וואָס גערסאָן וועט אויסשרייבן אַ צייטונג. און אויב עמיצן וועט זיך פאַרגלוסטן אויסצוגעפינען עפּעס וועגן דעם מיס־טער גערסאָן — איז געזונטערהייט. קיין באַראָשן וועלן זיי אין אים ניט געפינען.

איין געדאַנק האָט אים יאָ געלאָקט. דער געדאַנק האָט צוגערעדט: פאָר זיך דורך קיין ניו־יאָרק. פאַרשטעל זיך, פאַרמאַסקיר זיך, טו וואָס דו ווילסט, אָבער פאָר . . . און גיי זיך דורך באַנאַכט איבער די ניו־יאָרקער גאַסן, אָטעם זיך אָן מיט ניו־יאָרקער לופט, זעטיק אָן דאָס אויג מיט די כישוף־פייערן אויף די הימל־קראַצערס . . . טו אַ פלי ווי אַ ראַקעט אין אַ טונקעלן סאָבוויי און קוק זיך גוט איין אין די פענצ־טער פון דיין הויז . . . איז דאָרט פינצטער, אָדער ליכטיק? זעסטו דאָרט דיין פרוי און דיין קינד, צי דרייען זיך דאָרט אַרום פרעמדע מענטשן, צי אפשר קיינער ניט? גיי אַריין אין אַ יידישער קראָם, צי אין אַ יידישן אנשטאַלט, וואו קיינער קאָן דיך ניט און טו אַ פרעג: האָט איר געהערט פון אַ יידישן שרייבער באַראָש? ווייסט מען וואו ער איז, וואו זיין געבליבן איז אַהינגעקומען? איז ער לעבעדיק, איז ער טויט? — — — פאָר . . . זע . . . פרעג . . . געפין אויס . . .

די געדאַנקען האָבן געלאָקט און ער האָט זיך מיט טיפן פאַרגעני־גן צוגעהערט צו זיי.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

ווען באַראָש האָט איינמאָל אין אַן אָוונט אַריבערגעטראָטן גער־סאָנס שוועל, איז דער אַלטער אַנטקעגנגעקומען מיט אַ יידישער צייטונג אין דער האַנט. באַראָש האָט גלייך דערקאָנט די צייטונג „די צייט״.

— הערט איר, ס׳איז ממש ווי פון יענער וועלט — האָט זיך אַ ברייטער שמייכל צעלייגט אונטער גערסאָנס וואָנצעס. — איך וועל אייך זאָגן דעם אמת. לייענענדיק די צייטונג, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך האָב זיך ערשט אויפגעכאַפּט פון אַ פינפיעריקן שלאָף און בין צו מיין דערשטוינונג געוואויר געוואָרן וועגן אַזוי פיל יידישע אינטערעסן, אַז ס׳איז ממש אַן אַנטפּלעקונג. עס איז דאָך פאַראַן אַזאַ גרויס יידיש

פאָלק איבער דער וועלט! נאָט, לייענט! איר קראַפּירט דאָך מסתמא צו לייענען.

— יאָ, עס ווילט זיך לייענען — האָט באַראַש גענומען די ציַיטונג.

— טאָכטער — האָט זיך גערסאָן געווענדעט צו סטעלאַן. — נאָך אַ גלעזל טיי . . . בײַ דער טיי איז געשמאַקער צו לייענען און צו רעדן.

סטעלאַ האָט געשמייכלט מיט איר פּאָטערס שמייכל און געקוקט ווי באַראַשעס אויגן לויפן איבער דער ציַיטונג פון שפּאַלט צו שפּאַלט, פון זייט צו זייט, גלייך ווי זוכנדיק עפּעס אַ פאַרלאָרענע זאַך.

— הערט! — האָט זיך גערסאָן צולאַכט — איך האָב געמיינט, אַז איר וועט פאַרצוקערן יעדע באַזונדערע שורה, יעדער וואָרט און איר לויפט גאָר איבער דער ציַיטונג ווי מיט אַן עראָפּלאַן. אַזוי לייענט מען אַ ציַיטונג?

— אַ געוואוינהייט אַזאַ . . .

— אַ געוואוינהייט?! אַ שלעכטע געוואוינהייט, אויב אַזוי . . .

— איך וועל זי מיטנעמען אַהיים, אויב איר זענט שוין פאַרטיק מיט איר.

— נו, אודאי, פאַרוואָס ניט? איך האָב זי שוין איבערגעלייענט מ׳דאָשקע ל׳דאָשקע.

— און איר? — האָט זיך באַראַש געווענדט צו סטעלאַן — איר האָט געליינעט?

— בלויז דאָס ליד — האָט זי זיך פאַררויטלט.

— דאָס ליד געפעלט אייך?

— איך האָב געפילט . . . שטאָלץ, וואָס עס זענען פאַראַן אַזעלכע לידער אין יידיש.

— אָט דאָס זענען ווערטער פון אַ יידישער טאָכטער! — האָט זי גערסאָן צוגעדריקט צו זיך.

זיי האָבן געטרונקען טיי, געלייענט און דיסקוטירט די אַרטיקלען: און סטעלאַ האָט אַ פאַררויטלטע געלייענט דאָס ליד, וואָס איז איר געפעלן געוואָרן. באַראַש האָט ניט געקאָנט קאָנטראָלירן מער זיין פאַרשלאָסנקייט און ער האָט גערעדט אַסך, דערציילט וועגן דעם ברידער־קריג אין די יידישע פּאַרטייען, דערציילט די ביאָגראַפיעס און פּיקאַנטע געשיכטעס וועגן יידישע שרייבער, וועגן יידישע אַקטיאָרן און מאָלער, און גערסאָן און סטעלאַ האָבן זיך צוגעהערט צו אים נייגעריקע און פאַראינטערעסירטע; און באַראַש האָט געפילט ווי ער ווערט געטראָגן פון זיינע אייגענע רייד ווי אויף אַ שנעלן טייך צו אַ וואַסערפאַל פון וואַנען ער וועט פאַרטראָגן ווערן אַראָפּ, אַראָפּ . . . פאַרטראָגן ווערן און פאַרדרייט ווערן אין אַ קעסלגרוב . . . ער האָט אָבער ניט געוואָלט איינהאַלטן

זיינע רייד, אפילו ווען ער האָט ממש דערזען און דערהערט ווי גערסאָן וואונדערט זיך, פונוואַנען עס קומט צו אים, צו ראָשן, אַזאַ נאָענטע און אינטימע באַקאַנטשאַפט מיט דעם שרייבערישן און קינסטלערישן לעבן פון ניו־יאָרק.

עס איז שוין געווען שפּעט, ווען באַראַש האָט זיך אויפגעהויבן אַהיימצוגיין און גערסאָן איז געגאַנגען באַגלייטן אים.

גייענדיק איבער דער טונקעלער גאַס, האָט זיך באַראַש געוואונדערט, וואָס גערסאָן שווייגט. ער האָט געפילט, אַז עפּעס דריקט אים, דעם אַלטן, אַז ער וויל עפּעס זאָגן און ווייסט ניט ווי אָנצוהייבן. ענדלעך האָט ער דערהערט:

— איר הערט, ראָש . . . גאָט אַליין האָט אייך צוגעשיקט אַהער. וואָרן וואָס איז געווען אונדזער לעבן? אַ ראָד, וואָס דרייט זיך און דרייט זיך און איז אויף דעמזעלבן פּלאַץ. דיזעלבע טעג, דיזעלבע נעכט, דיזעלבע אַרבעט אין דער פאַבריק — אַלץ דאָסזעלבע, אפילו די יסורים זענען טאָג־טעגלעך דיזעלבע. דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך דאָ ביז איצט געהאַט מער יסורים ווי נחת. וואָרן וואָס פאַר אַ נחת האָב איך דאָ געקאָנט האָבן חוץ דער פרייד, וואָס איך בין צוזאַמען מיט מיין טאָכטער? איר מאַן, ווייסט איר דאָך, איז געווען אַ דייטש און קיין יידן, ווייזט אויס, האָט ער ניט ליב געהאַט, האָב איך אויסגעמיטן צו קומען צו מיין טאָכטער. ערשטנס, צוליב איר און צווייטנס, צוליב מיין שטאָלץ. נו, ער איז געשטאָרבן — שיעור ניט געזאָגט: דאַנקען גאָט . . . כע . . . געשטאָרבן און אויס. וואָס האָט אַזאַ ייד ווי איך באַדאַרפט טאָן, ווען ער דערפילט, אַז ער און סיי די טאָכטער איז פריי? פאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק? גיין אַרבעטן אין אַ שאָפּ? פאַרפאַלן — איך בין שוין צו אַלט צו יאָגן זיך אין די שעפּער. דאָ זיץ איך איבער דעם וואָרשטאַטל און טו מיר די אַרבעט, וואָס איך קאָן שוין גוט. און דאָרט בין איך געווען אַ סיגאַרמאַכער און דערנאָך אַ פּרעסער — דאַרף איך אייך דערציילן? נו, האָב איך געטראַכט: איך וועל אָפּשפּאָרן אַביסל געלט, וועל איך עפענען אַ געשעפטל, אפשר טאַקע דאָ און אפשר אין ניו־יאָרק. די יאָרן דערוויילע, ווייסט איר דאָך, גייען זיך, זיי וואַרטן ניט. וואָס, זיי וועלן זיך אָפּשטעלן און וואַרטן אויף מיר, ביז איך וועל זיך, אַזוי צו זאָגן, פאַריסטראָיען? קיין יידן, אמתע יידן ווי מיר, איז דאָ ניטאָ. און אַז ס'איז ניטאָ קיין יידן, איז ניטאָ קיין פריינט. חוץ דעם שניידער און דעם אַפּטייקער, דעם דראָגיסט, האָב איך דאָ דערוויילע קיין אַנדערע יידן ניט באַגעגנט. האָב איך אָפּט געטראַכט: מילא, מיט זיך אַליין בין איך שוין פאַרזאָרגט און פאַרזיכערט — אָבער וואָס טוט מען מיט אַ יונגער פרוי ווי סטעלאַ איז? וואָס וועט זיין דער תכלית מיט איר? ווידער

חתונה האָבן פאַר אַ קריסט? צי אפשר נעמען זי ספּעציעל קיין ניו־יאָרק און זוכן דאָרט פאַר איר אַ באַשערטן? וואָס וואָלט איר געטאָן אויף מיין אָרט? אדרבה, וואָס וואָלט איר געטאָן?

באַראַש האָט געשוויגן. גערסאַנס לאַנגע רעדע, האָט ער געוואוסט, איז באמת געקומען פון דער טיפקייט פון זיין האַרץ, אויב אפילו ער האָט באַוואוסטזיניק געצילט אַרויסצורופן אים, באַראַשן־ראַשן, אויף אַן אָפּעַנעם געשפּרעך וועגן סטעלאַן. ער האָט אָבער געשוויגן. ער האָט געוואוסט, אַז מיט זיין שוויגן וועט ער אַנטוישן און מעגלעך באַליידיקן גערסאַנען, ער האָט אָבער ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. אָ, יאָ — — ער האָט געהאַט אַסך וואָס צו זאָגן און וואָס צו ענטפערן, אָבער . . . ווי אַזוי? ווי אַזוי קאָן ער אים ענטפערן און טראָגן אין דערזועלבער צייט אַ מאַסקע און אַ סוד? ווי אַזוי קאָן ער אים זאָגן, אַז ער זאָל זיך ניט זאָרגן, דער אַלטער, אַז ער, ראַש, האָט ליב סטעלאַן, אָבער . . . וועגן הייראַטן קאָן ער ניט טראַכטן אפילו. ער האָט געשוויגן און האָט גע־שפּאַנט נעבן גערסאַנען און האָט זיך צוגעהערט צום סקריפּ פון די טריט אויף דעם שניי. די לופט איז געווען ריין און פּראַסטיק און ווייטע פיי־ערלעך אויף דעם שויס פון באַרג האָבן טרויעריק געקוקט. ענדלעך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— דאָס לעבן פון אַ מענטשן, גערסאַן, איז אָפט זייער קאָמפּלי־צירט, אומפאַרשטענדליך און טראַגיש. יעדער איינער טראָגט אָבער אין זיך עפּעס אַזאַ מין גלויבן, איך וואָלט געזאָגט . . . אַ גלויבן אין עפּעס פּאַטאַליסטישעס, אַ גלויבן, אַז ס׳וועט קומען אַ צייט און ער, דער מענטש, און די מענטשן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט זיין לעבן, וועלן באַלוינט ווערן פאַר זייער וואַרטן. אָט דער גלויבן, אַז דאָס לעבן איז פאַרט גוט און עהרלעך, און טריי ווי אַ מוטער, אָט דער גלויבן פירט דעם מענטשן דורך פיין, און דורך צער, ביז ער קומט אָן צו דער גאָלדענער טיר פון גליק . . . אמת, מערסטנס, אַ פאַרמאַכטע טיר. אָבער אַמאָל פירט עס אים צו צו אַ פּשוטער שוועל, פונוואַנען עס ציען זיך צו אים אַנטקעגן וואַרעמע, פריידיקע און טרייע הענט . . . דאַרף מען לעבן, און גלויבן, און וואַרטן. איר אַליין האָט זיך דאָך אויסגעדריקט באַ אונדזער ער־שטער באַגעגעניש, אַז די וועלט איז גאָטס וועלט — טאָ האָט בטחון.

— איר האָט מיר געענטפערט מיט זייער שיינע און אמתע רייד, ראַש, כמעט ווי אַ שרייבער . . . — האָט גערסאַן געזאָגט. — און איך וויס ניט, צי דאַרף איך . . .

ער האָט ניט פאַרענדיקט און באַראַש האָט ניט געוואָלט אַרויסציען דעם געדאַנק און די ניט־פאַרענדיקטע פראַזע זיינע ביז צום סוף. זיי

האָבן נאָך גערעדט אַ ווײַלע וועגן קלײניקײטן, ביז זײ זענען צוגעקומען צום הויז וואו באַראַש האָט געוואוינט.

— נו, אַ גוטע נאַכט, ראַש — האָט אים גערסאָן געדריקט די האַנט — קומט מאָרגן, איבערמאָרגן, יעדן אָוונט. ס'איז גוט און הײ־מישער און אפילו זיכערער מיט אײך. אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט — האָט באַראַש אַ געריזטער געענטפערט.

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

באַראַש האָט געבענטשט „די צײט". זי האָט אים געגעבן אַן אויסרייד צו קומען יעדן אָוונט צו די גערסאָנס. ער האָט געפילט, ווי די אָוונטן מיט סטעלאַן ציען אים אַרײַן ווי אין אַ וואונדערלעכער סימפאָ־ניע און עס זינגט אין האַרצן . . . כאָטש די סימפאָניע איז אַזאַ טרוי־עריקע און פאַטעטישע. און ניט אײנמאָל האָט ער געזוכט אין אײגענעם געוויסן אַן ענטפער: צי מעג ער אַזוי אָפט קומען צו איר און פאַרזייען אין איר האַרצן האָפענונגען, וואָס וועלן שפּעטער זיכער אויפגײן ווי שטע־כיקע דערנער? אפשר טאָר ער גאָרניט קומען . . . אפשר . . . דער געוויסן האָט אָבער געשוויגן, און אומזעבאַרע הענט האָבן געצויגן און ער איז געגאַנגען. ער האָט געבענטשט די צײטונג, כאָטש זי האָט פאַר אים קײן נײַעסן ניט אַנטפּלעקט. ער האָט אָבער, לײַענענדיק, געזען יעדן שרײַבער פון יעדן וואָרט, און ער האָט געוואוסט זײַערע געדאַנקען, וואָס זענען אָפט געלעגן ווי גנבים אונטער יעדער שורה; און ער האָט אָפט געשפּירט דעם האַס, און געשפּירט די גיפטיקע פרײד, און געשפּירט די טראַגעדיע פון דעם צווישנברידערלעכן קריג, וואָס האָט געטשאַדעט ווי אָפּגעברענטע, אָפּגעסמאַליעטע, פאַררויכערטע האָלאָוועשקעס . . .

זי, „די צײט", האָט אָבער אויך, ווי אויף אַן אומזעבאַרן עקראַן, אַנט־פּלעקט פאַר אים יעדע גאַס און געסל, און עוועניו פון דער איסט־סײַד און דער געדאַנק וועגן ניו־יאָרק האָט געהאַנגען אין אים ווי דער „ברוק־לין ברידזש", וועלכן ער האָט אָפט באַנאַכט געזען פאַר זיך, ווי אין דער וואָר, געזען ווי אַ סימבאָל פון זײַן אויפגעהאַנגענעם לעבן, אַ לעבן, וואָס פאַראײניקט צוויי ברעגן; אַ לעבן — אַ בריק איבער וועלכן ער גײט מיט גנבישע, ציטערדיקע טריט. און אין זײַן טאָג־בוך האָט ער פאַר־שריבן:

„. . . ניו־יאָרק! אָך, ניו־יאָרק! ווי לאַנג עס האָט גענומען צו באַזיגן דיך! בלויז אײן ווינקעלע, אײן יידיש ווינקעלע צו באַזיגן . . . אײן ווינקעלע וואָס צעשטראַלט דאָס וואָרט און דעם צעפּײניקטן „רום" פון לאַנד צו לאַנד . . . און ווי פּשוט, ווי קלאָנגלאַז, ווי וואָרטלאָז עס איז געקומען דער סוף. אַ טאָג, און אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג און קײן

איין שורה, קיין וואָרט וועגן דעם דיכטער, דעם שרייבער באַראַש, וואָס האָט געלעבט אין דיר, ניו־יאָרק און האָט געשריבן אין דיר אַ „צייט"....

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

באַראַש האָט געפילט אַן אינערלעכע דערהייבונג . . . גלייך ווי מעכטיקע פליגל האָבן אים אַ הייב געטאָן און אַ טראָג געטאָן אויף זינגענדיקע כוואַליעס. און די דערהייבונג איז געקומען פון שאַפן.

אינדרויסן האָט געשנייט. און דורך דעם פענצטער האָט ער געקאָנט זען ווי שניילעך קומען אַראָפּ אין דער בלויקייט מיט פּאַטאַליסטישער רואיקייט. דער קאָפּ איז געווען קלאָר, די געדאַנקען ווי די ווייסע שניילעך מיט ווייסע, לייכטע פליגל און די פּען, די אַלטע פּען זיינע איז געלעגן נעבן אים . . . און דאָס פּאַפּיר נאָענט, צו דערלאַנגען בלויז . . . און אַזוי האָט פּלוצים אַ שורה נאָך אַ שורה, ווי מיט לאַנגע, דינע פינגער געצערטלט יעדן געדאַנק און געפורעמט אַ פּאָעמע . . . און ווען די לעצטע שורה פון דער פּאָעמע האָט זיך פאַרשלאָסן ווי דער לעצטער אַקאָרד אין דעם געזאַנג פון האַרץ, איז ער געבליבן זיצן מיט פאַרמאַכטע אויגן און געשפּירט, אַז דער קערפּער זיינער איז אויסגעשעפּט און עס טראָגט אים ערגעץ אויף אַ ציטערדיקן געוויין — — —

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

באַראַש און זיין פּאָעמע האָבן געבענקט נאָך אַנטפּלעקונג. איינדערפרי האָט ער זי אַריינגעלייגט אין בוזים־קעשענע און באַטאָג, זיצנדיק אין רעסטאָראַן, האָט ער זי ווידער דורכגעלייענט. דאָרט אין ניו־יאָרק, האָט ער געטראַכט, וואָלט ער די פּאָעמע אַריינגעשיקט אין אַ זשורנאַל אָדער אין אַ צייטונג און טויזנטער מענטשן וואָלטן זי געלייענט. און דאָ — — —

פאַרנאַכט, ווען ער איז געגאַנגען צו גערסאַנען, האָט ער אין געדאַנק מאַניפּולירט און מאַנעווורירט מיט ווערטער, וואָס האָבן באַדאַרפט אַנטפּלעקן פאַר גערסאַנען און פאַר סטעלאַן זיין שאַפונג — די פּאָעמע. ער האָט געוואוסט, אַז ווען ער וועט זיין דאָרט, וועט ער שוין געפינען די נייטיקע פראַזע, דאָך האָבן זיך די געדאַנקען ניט געלאָזט באַרואיקן און ער האָט געפילט ווי אַן אָנפאַנגער, וואָס גייט צום ערשטן מאָל פאַרלייענען זיינע אַ שאַפונג.

גערסאַן איז ניט געווען אינדערהיים. און סטעלא האָט, ווי אַ שולדיקע, פּרובירט צו פאַרענטפערן דעם פאָטער פאַרוואָס ער איז אַוועקגעגאַנגען. באַראַש האָט געשפּירט, אַז גערסאַנס אַוועקגיין האָט געלאָזט

סטעלאַן אין פאַרלעגנהייט; טאָמער טייטשט ער, ראַש, אויס איר פאָר־טערס אַוועקגיין ווי אַ מאַנעוור צו לאָזן זיי בײדן אַליין.

— ער איז געגאַנגען צום דראַגיסט פּאַרקער. ער הוסט, לעצטנס, האָב איך אים קוים איינגערעדט, אַז ער זאָל גיין קויפן פאַר זיך אַ מע־דיצין — האָט זי געזאָגט. זי האָט גענומען באַ באַראַשן דעם מאַנטל און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אין דעם ווייכן שטול, אונטער דער בלוי־ער שיין פון לאָמפּ. עס איז אים געווען אנגענעם מיט איר אַליין און ער האָט זיך געפילט אַזוי היימיש און אינטים, אַז דאָס שווייגן האָט ניט געאַרט, ניט אים און ניט איר. דאָס שווייגעניש האָט אָבער ניט געדויערט לאַנג. ער האָט ליב געהאַט צו רעדן צו איר, ליב געהאַט צו הערן די אייגענע רייד און וואונדערן זיך, ווי קונציק אַ מענטש קאָן פירן זיינע געדאַנקען און רייד באַם סאַמע ברעג פון אָפּגרונט. איצט אָבער, אין דער האַלב־טונקלקייט פון צימער, וואו עס האָט געשמעקט מיט אַ מין זיסן, אומבאַקאַנטן גערוך — איצט, קוקנדיק אויף איר קאָפּ מיט די געשלענ־גלטע צעפּ אַרום און אויף איר טונקעלער בלוזע פון וועלכער עס האָט געבלענדט די ווייסקייט פון אירע אַקסלען און די רונדע, קוים געכאַפּטע גרענעצן פון אירע בריסטן — איצט האָט זיך אים געוואָלט רעדן, אפילו, ווען דאָס גיין באַם ברעג פון אָפּגרונט און דאָס ניט קאָנען אַנטפּלעקן דאָס אייגענע לעבן האָט געפּייניקט. ער האָט אָבער באַמערקט ווי אירע פינגער גלעטן ציטערדיק די קלאַווישן פון דער פּיאַנאָ, האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— שפּילט עפּעס, סטעלאַ.

— פאַר דריי מענטשן שפּיל איך איצט אָפּט — האָט זי גערעדט, ווי טרוימענדיק וועגן עפּעס. — איך שפּיל פאַר זיך, פאַר מיין פאָטער און פאַר אייך, כאָטש דאָס שפּילן איז, דאַכט זיך, בלויז די שפּיל פאַר זיך, אפילו ווען מ׳שפּילט פאַר יענעם.

— איר האָט זייער ריכטיק באַמערקט, סטעלאַ . . . — האָט באַראַש געזאָגט — אָבער אָפּטער דערהייבן אונדז די פליגל פון קונסט צו ריינער עסטעטיק און צו וויזיעס אין וועלכע מיר פאַרגעסן וועגן זיך און ווערן פאַרלוירן אין מיסטיש־געטלעכן כח פון שאַפן. באַטירלעך, עס קומט שוין אָן דערנאָך די ערדיש־מענטשלעכע רעאַקציע, ווען דער קינסטלער דערזעט און דערפילט זיך זעלבסט אין הויפּט־פאָקוס פון די קונסט־שטראַלן, אָבער דאָס איז אפשר אויך נייטיק. יעדנפאַלס, ווען איר שפּילט, זע איך אָפט ווי איר פאַרגעסט אָן אונדז און אָן זיך זעלבסט. דער גייסט אייער שוועבט ערגעץ מיט דער מעלאָדיע און די געפילן אייערע . . . זיי מוזן אודאי זיין טיפע, ווי דער אָפּגרונט אין אייערע אויגן . . .

— אַך, וואָס פאַר אַ מייסטער איר זענט צו קאָמפּלימענטירן . . .
איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, עס וואונדערט מיך אָפּט . . ..

— וואָס וואונדערט אייך? — האָט ער געפרעגט, ווען זי האָט ניט פאַרענדיקט.

— איר וואונדערט מיך.

— פאַרוואָס, אָדער מיט וואָס?

— מיט זיך. מיר דאַכט זיך, אַז איך קאָן שוין אַזוי גוט אייער . . . כאַראַקטער, אָבער . . . אָבער דאָס אַרומיקע אַרום דעם כאַראַקטער איז מיר אינגאַנצן אומבאַקאַנט. איך קאָן בלויז אייערע טעג אָט דאָ, טעג און אָוונטן אין וועלכע איר ברענגט מיט זיך אָפּגעוואויגענע רייד און האַנדלונגען, אָט ווי מ'ברענגט אונדז יעדן טאָג ברויט און מילך און פרוכטן. איר ווערט מיר אַנטשולדיקן מיין אויפריכטיקייט. איך מיין ניט אַריינצורייסן זיך אין די געהיימנישן פון אייער לעבן, עס איז אָבער אַ געדאַנק, וואָס מוטשעט מיך און . . . איך וויל ניט אַרומטראָגן זיך מיט אים . . .

— איך פאַרשטיי אייך, סטעלאַ . . .

— איך וואָלט געוואָלט קאָנען זאָגן אייך דאָסזעלבע. איך זאָג זע איך אָבער און פאַרשטיי: איר טראָגט זיך אַרום מיט אַ סוד פון עפּעס אַ טיפער איבערלעבונג און איר נעמט דאָס לעבן פילאָזאָפיש . . . שוין צו פילאָזאָפיש . . .

— יאָ . . .

— איך ווידערהאָל: איך מיין ניט צו זיין אינקוויזיטאָריש . . . ס'איז אפשר מער מיין . . . מיין באַציאונג צו אייך, וואָס האָט מיך אַ שטויס געטאָן צו רעדן פּלוצים.

באַראַש האָט געקוקט אויף איר און געטראַכט: איך וואָלט געוואָלט זאָגן צו דיר: קום, איך וועל דורכגיין מיט דיר דעם גאַנצן וועג פון מיין לעבן. איך וועל דיך פירן אויף די ברייטע שליאַכן און אויף די טונקלסטע פאַרוואָרפענע סטעזשקעס. איך וועל דיך פירן צו מיינע מיטמענטשן אין דעם בבל ניו־יאָרק און איך וועל דיך לאָזן הערן די פאַטעטישע סימפאָניע פון אונזערע ווערטער, פון אונזערע לידער, וואָס טריפן מיט בלוט; איך וועל דיך אַריינפירן אין מיין האַרבסט און דו וועסט זען מיינע געדאַנקען — גאָלדענע בלעטער אין ווינט . . . און דעמאָלט וועסטו מיך פאַרשטיין . . . — ער האָט אָבער ווידער דערפילט שטאָלענע רינגען אַרום זיך און, צודריקנדיק די אויגן־דעקלעך מיט די פינגער, האָט ער געזאָגט:

— שפּילט, סטעלאַ . . . איך בעט אייך.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ בליק פון פאַרגעבונג און

איז צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ. שטיל און מעלאַדיש האָבן זיך געגומען גיסן די קלאַנגען פון דער פּיאַנאָס ברוסט און מיטאַמאָל, ווי דער אָנזאָג פון אַ שטורעם, אַ פלאַטער געטאָן אונטער אירע פינגער און איר גאַנ־צער קערפּער האָט זיך אַ וויג געטאָן און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אָט, אָט שוועבט זי אַוועק אויף דעם אָנקומענדיקן שטורעם . . אַוועק . . . צו דער ווייטקייט, צום גרענעצלאָזן, שוואַרצן, כוואַליעדיקן אָקעאַן . . . צו זיין און ניט זיין אין פאַרגעסנהייט, אין טונקעלן כאַאָס פון שוועבנדע טענער, פון שוועבנדן טרויער און געוויין . . .

באַראַש האָט ניט געהערט ווי זי האָט פאַרענדיקט, ווייל עס האָט אים נאָך אַלץ געטראָגן ווי אויף כוואַליעס אונטער דעם היפּנאָז פון דער מעלאָדיע. די שטילקייט האָט אים אָבער אויפגעוועקט. ער האָט דער־זען ווי זי זיצט מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, קוקנדיק ערגעץ אינדערווייטנס און ער האָט דערהערט אירע ווערטער:

— ווי שווער עס איז צו פאַרשטיין דעם מענטשן־מין . . . ווי קאָן ער שאַפן אַזעלכע געניאַלע מוזיקאַלישע ווערק, איך וואָלט געזאָגט די עסענץ פון גייסטיקייט . . . און אין דערזעלבער צייט זיין אַזוי ברוטאַל, פאַרגיסן אַזוי פיל בלוט . . .

— ווען מיר וועלן דערגיין צו דעמדאָזיקן סוד, וועט שוין אפשר מער קיין מענטשהייט ניט זיין. און די וואונדערלעכע מוזיק, און די וואונדערלעכע פינגער, און די בלומען . . אַלץ וועט פאַרפרוירן ווערן אין שטורעם פון שניי, אין קאַלטקייט, אין אונטערגאַנג . . . דער מענטש, און די מוזיק, און דאָס וואָרט, און די ליבע — טויט — — כ'האָב עס געזען, ווען איר האָט געשפּילט . . .

— אוי, וואָס פאַר אַ פעסימיסט איר זענט!

איר „אוי" האָט אים אַ הייב געטאָן ווי אויף אַ וואַרעמער כוואַליע און, צוגייענדיק צו איר, האָט ער צוגעדריקט איר קאָפּ צו זיך און אַ קוש געטאָן איר שטערן.

— ראַש . . .

— סטעלאַ . . .

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען נעבן איר און געקוקט אין אירע פאַר־נעפּלטע אויגן און מיטאַמאָל אַ לאָז געטאָן זיך צוריק צום שטול, אַני־דערגעזעצט זיך און פאַרשטעלט די אויגן מיט דער האַנט.

סטעלאַ האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן:

— דער פאַ האָט זיך דאָרט פאַרשפּילט מסתמא אין שאָך. אַז זיי נעמען שפּילן איז דאָס אויף שטונדן. איך וועל מאַכן קאַווע.

איר שטילער און ציטערדיקער אויסרוף „ראַש" האָט נאָך געגלעט דאָס האַרץ, אָבער עפּעס אין געדאַנק האָט געמאַנט און גערופן, און

באַראַש האָט געוואוסט, אַז דאָס רופט די פּאָעמע. די פּאָעמע, וואָס ליגט בײַ אים אין בוזעם־קעשענע. זי וויל אַנטפּלעקט ווערן, דערהייבן זיך איבער מענטשלעכע ווערטער און זען זיך אָפּגעשפּיגלט אין סטעלאַס טיפע אויגן.

האָט ער זי אַנגערירט מיט דער האַנט, די פּאָעמע, גענומען אַרויס־ציִען זי פון קעשענע און מיטאַמאָל אָפּגעלאָזט. ניין, ניט איצט — שפּע־טער. ער דאַרף ניט און טאָר ניט צעשטערן מיט שטימונגען פון דער פּאָעמע די שטימונגען פון איר שטורעמדיקער מוזיק.

זיי האָבן געטרונקען קאַווע און גערעדט און באַראַש האָט זיך מיט סטעלאַן געדאַנקלעך אַריבערגעפירט קיין ניו־יאָרק אין דער קאַפע „טע־אַליט". און ער האָט געטראַכט: אפשר זענען אירע רייד און איר מוזיק אַזוי רירנד און טיף מיט ספּעציפישן פּרויענשן צויבער און חכמה, ווייל ס׳איז דאָ, אין דעם צימערל, אין דער שטילקייט פון נאַכט, אין דער טיפקייט פון בערג. אָבער, ווי וואָלטן אירע ווערטער געקלונגען דאָרט, אין דער אַטמאָספערע פון דעם פּראָפעסיאָנאַלן, אַלץ־צעגלידערנדן ציִ־ניזם; דאָרט, וואו פּערל פאַלן אָפּט אויף די וואָגשאָלן זשמעניעסווייז און קיינער באַמערקט זיי ניט אפילו און אויב מ׳באַמערקט זיי, וועגט מען זיי און מ׳לייגט זיי אַוועק מיט אַ שמייכל פון ביטול. אָבער צו וואָס דאַרף ער טראַכטן פון דעם? אָט אין דעם טראַכטן אַליין איז שוין פאַראַן אַ טייל פון יענער מעסטן־ און וועגן־געוואוינהייט, וואָס ער האָט מיטגע־געבראַכט מיט זיך. ניין, דאָ איז דער קוואַל זיכער ריינער און דער־פרישנדער און ער טאָר ניט קומען צו דעם קוואַל מיט דעם ניו־יאָרק־געמאַכטן קרוג. אויב שוין טרינקען פון דעם קוואַל, איז ווי אַ הירש, וואָס טרינקט יעדן פרימאָרגן און יעדן פאַרנאַכט — טרינקט מיט תמי־מות און מיט אינסטינקטיוון לויב און דאַנק צום לעבן.

און אפשר . . . אפשר . . . אפשר דאַכט זיך אים דאָס אַלעס. דער מענטש איז דאָך אַזאַ מיסטעריעזע, באַהאַלטענע באַשעפעניש און די פרוי — איר חן און איר צויבער איז דאָך אָפּט אַ וואונדערבאַרער געשטריקטער וואָאַל איבערן מוח און איבערן האַרצן . . .

ס׳איז שוין געווען שפּעט און באַראַש האָט זיך אויפגעהויבן אַהיימ־צוגיין. זי האָט אים ניט פאַרהאַלטן און אַ שווייגנדיקע געקוקט ווי ער טוט אָן דעם מאַנטל. ער איז געבליבן שטיין בײַ דער טיר, אַנגענומען איר האַנט און געזאָגט פּשוט, אָן באַזונדערן עמאָציאָנעלן געפיל:

— אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט — האָט זי געענטפערט, אויך פּשוט און רואיק, אָבער די דינע ניואַנסן פון פאַרוואונדערונג און אַנטוישונג האָבן אים

פאַרהאַלטן אויף אַ ווײַלע אַ שווייגנדיקן באַ איר שוועל און האָבן אים באַגלייט אַ צערודערטן אין דער שפּעטער נאַכט אַריין.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

„די צייט" האָט דערמאָנט באַראַשן, אַז ס׳איז פּורים. דאָרט אין ניו־יאָרק איז דער פּורים אויף פאַרבייגעגאַנגען ווי אַ שיינע מעשה אין אַ בוך. ער פלעגט אָבער דערציילן עוואַטשקאַן וועגן דעם אייגנאַרטיקן און ראָמאַנטישן יידישן יום־טוב, ווי ער וואָלט דערציילט אַן אינטערע־סאַנטע געשיכטע פון טויזנט און איין נאַכט. עווא פלעגט אים אויסהערן מיט געשפּאַנטן אינטערעס און איינמאָל אין אַ פּורים, געדענקט ער, האָט זי אים אַ פרעג געטאָן, צי ער וואָלט געקאָנט פאַר איר קויפן אַ בילד פון דער קעניגין אסתר. האָט ער זי צוגעפירט צום בילד פון דער מו־טער, וואָס אַ מאָלער האָט פון איר געמאָלן טאַקע אין קאָסטיום פון אסתר המלכה, וואָס זי האָט אַמאָל געטראָגן אויף אַ מאַסקאַראַד און, אָנווייזנדיק אויף דעם בילד, האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז די קעניגין אסתר.

— און דו? — האָט זי געפרעגט, פאַרשטייענדיק, אַז ער פירט דורך מיט איר עפּעס אַ שפּאַס און שפּיל.

— איך בין דער קעניג אחשורוש.

— אַז דו ביזט אחשורוש, טאָ ווער איז מרדכי? — האָט זי זיך געוואונדערט.

האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם בילד פון זיין פאָטער, וואָס איז גע־האַנגען אויף דער וואַנט און ער האָט געזאָגט:

— דאָס איז מרדכי.

— און איך? — זענען אירע אויגן געוואָקסן גרויס פון נייגע־ריקייט און דערוואַרטונג.

— ווען דו וועסט אויסוואַקסן, וועסטו אויך זיין אַ קעניגין, ווי דיין מאַמע, אָבער ניט אַ קעניגין איבער שקלאַפן, נאָר אַ קעניגין איבער פרייע מענטשן.

— אויב דו ווילסט מיט דעם זאָגן, אַז דו ביזט פאַרשקלאַפט צו מיר — האָט זיך אַדאַ אָנגערופן, האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאַס — קאָנסטו זיך באַפרייען צו יעדער צייט און זוכן זיך אַן אַנדערע קעניגין, וואָס הערשט ניט איבער שקלאַפן.

— איך האָב בלויז געוואָלט, אַז צוזאַמען מיט דעם סימבאָל פון אַ קעניגין, פון אַ רעגירערין, זאָל דאָס קינד אויפנעמען אויך דעם גע־דאַנק וועגן פרייהייט און גערעכטיקייט.

— אַ סאָציאַלער פּרעדיקער, ווען עס קומט צו מעשיות פאַר קינ־דער — האָט זי ווייטער געשפּאָסט.

— אויך ווען עס קומט צו מעשיות פאַר גרויסע קינדער, אָט אַזעלכע ווי דו . . . — האָט ער אויך געשפּאָסט.

— אָן אַ טראָפּן אויפריכטיקייט . . .

— אַ דאַנק פאַר דיין אויפריכטיקייט.

— דאָס איז מיין אומגליק — מיין אַבסאָלוטע אויפריכטיקייט — האָט זי שוין ערנסטער געזאָגט.

— דיין אומגליק איז דיין אַבסאָלוטע פאַרגלייבנקייט אין דיין אַב־סאָלוטער אויפריכטיקייט.

אין יענעם פּורים האָט דער שפּאָס געבראַכט טרערן. און אויף דעם וועג צו סטעלאַן האָט באַראַש, דערמאָנענדיק זיך אין יענעם פּורים־אָוונט, געטראַכט, אַז סיי ער, סיי אַדאַ זענען אָפּט געווען ווי קינדער אין אַ שפּיל — אַ שפּיל, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט טרערן.

ער האָט געקויפט אַ שאַכטל שאָקאָלאַדן און בלומען. ווער ווייסט פונוואַנען די בלומען קומען — האָט ער געטראַכט. דער צוג האָט זיי געבראַכט פון ערגעץ, ווי ער ברענגט מילך און פּרוכטן; און איצט טראָגט ער די בלומען, פאַרוויקלט אין גרינעם פּאַפּיר; און ווען מ׳וועט זיי פאַ־נאַנדערוויקלען, וועלן זיי נעמען אָטעמען מיט צאַרטן אַראָמאַט און פרוי־ענשע הענט וועלן דריקן זיי צו דער ברוסט . . . און שפּעטער מיט אַ טאָג, צוויי, וועלן זיי שטאַרבן, אויסהויכן דעם לעצטן אַראָמאַטישן אָטעם און זיי וועלן פאַרוועלקט ווערן, פאַרטריקנט ווערן . . . אַזוי זענען אויך די מינוטן פון ערשטער באַגעגעניש, מינוטן לענגערע, מענטשלעכע, אָנ־געפּילטע מיט אַראָמאַטן פון פּאַרפיומען — אָבער אויך די ווערטער און די בליקן ווערן פאַרוועלקט און אויסגעוועפּט און בלויז טריבע ווינטע־לעך פון ערגעץ ווייען אָן געדאַנקען און צעשויבערן דעם געמיט . . .

ווען ער איז אַריינגעקומען אין הויז, האָט ער געטראָפן סטעלאַן אין אַ ליכטיק־גרינעם, מיט גאָלד באַזוימטן קלייד. די צעפּ אַראָפּ און די רונדע, ווייסע אַקסלען פריי.

סטעלא האָט זיך זייער דערפרייט מיט די בלומען און געזאָגט:

— איך האָב זייער ליב בלומען און איך דאַנק אייך פאַר זיי. דאָס איז, מסתמא, צוליב . . . פּורים? . . .

— יאָ, איך האָב געוואָלט, אַז איר זאָלט וויסן . . . כ׳האָב גע־וואָלט, אַז גראַד דאָ אין דעם שטעטל ניו־פּאָרט זאָלן מיר אויפהאַלטן דעם גייסט פון אונדזער יום־טוב, אָדער אפשר פאַרקערט — דעם יום־טוב פון אונדזער גייסט . . .

— מיין פאָטער האָט מיר היינט אינדערפרי געזאָגט, אַז ס׳איז

פורים. מיר האָבן שוין אַזוי לאַנג ניט געוואוסט און ניט געטראַכט אפילו וועגן דעם יום־טוב. ער אַרבעט אָבער היינט אין אָוונט.

— גוט.

— וואָס . . . . — האָט ער דערהערט אַ ציטער אין איר שטים.

— אָ . . . . — האָט ער זיך גלייך געכאַפּט, אַז זי קאָן נאָך אויס־טייטשן זיין „גוט" ווי אַ וואונטש אויף אַ געלעגנהייט צו רעדן מיט איר — איך וואָלט געוואָלט פאַר אייך פאַרלייענען עפּעס — האָט ער געזאָגט.

— אָ . . . פאַרלייענען . . . — האָט ער דערפילט איר אַנ־טוישונג.

זי האָט זיך אָבער גלייך אַנידערגעזעצט אין שטול, געמאַכט זיך באַקוועם און געקוקט אויף אים מיט אַ בליק פון דערוואַרטונג.

— שוין טאַקע ? — האָט ער געפרעגט.

— צו וואָס אָפּלייגן ? מוז מען טאַקע אַלץ אָפּלייגן . . .

— מ'מוז ניט, אויב מ'דאַרף ניט.

— דאַרפט איר אָפּלייגן אייער . . . פאַרלייענען ?

— ניין.

— טאָ לייענט.

— שוין טאַקע ? — האָט ער געפרעגט.

— שוין — האָט זי געענטפערט.

ער האָט געקוקט אויף איר גרינער פיגור, אויף אירע אַנטבלויזטע אַקסלען, אויף די רויטע בלומען, וואָס זענען געלעגן, ווי פאַרבלוטיקטע אויף אירע קני . . . און, אונטערגעבנדיק זיך דעם אימפּולס, איז ער צוגעגאַנגען צו איר און אַנידערגעזעצט זיך בײַ אירע פיס.

ער האָט דערפילט אירע פינגער אויף זיין קאָפּ און, אַננעמענדיק זיי, געקושט אַ פאַרטראַכטער . . .

— וואָס ווילט איר פאַר מיר פאַרלייענען ? — האָט זי געפרעגט.

— אַ פּאָעמע . . .

— איר אַליין האָט זי אָנגעשריבן ?

— איך אַליין . . .

— איר ווילט זי שיקן אין דער צייטונג ?

— אָ . . . עס וואָלט געמאַכט אַ סענסאַציע . . .

— פאַרוואָס ניט ? . . . אַמאָל איז גענוג בלויז איין פּאָעמע צו מאַכן אַ סענסאַציע . . .

— אָ, יע, בלויז איין פּאָעמע איז אַמאָל גענוג צו מאַכן אַ סענסאַ־ציע — האָט ער אַ שמייכל געטאָן.

— איר טרייבט שפּאַס מיט מיר — האָט זי אויך אַ שמייכל גע־טאָן — איך מיין עס אָבער ערנסט.

— איך מיין עס אויך ערנסט.

— אָ . . . איר זענט . . .

עס האָבן זיך פּלוצים דערהערט טריט און גערסאָן איז אַריינגעקומען. דערפרייט זיך מיט באַראַשן און געשמייכלט צופרידן, זעענדיק אים זיצן אויף דעם קישעלע באַ סטעלאַס פיס.

— געמיינט כ׳וועל דאַרפן אַרבעטן באַנאַכט . . . כ׳האָב אָבער געמאַכט אַ טעות מיט דער נאַכט — האָט ער געזאָגט.

— באַראַש האָט זיך אויפגעהויבן און סטעלאַ אויך.

— ס׳איז שלח מנות . . . — האָט זי אָנגעוויזן אויף די בלומען און אויף דעם שאַכטל קאָנפעקטן.

— אָ, שלח מנות . . . הערט אַ ייד! טאַקע נאָר אַזאַ יידן ווי איר קאָן איינפאַלן צו ברענגען בלומען און שאָקאָלאַדן אַלס שלח מנות. אוי, איך געדענק, ווי איך פלעג אַמאָל טראָגן שלח מנות צו מיין מיידל . . . אַ מאַראַנץ, צוויי המן־טאַשן און עפּעס אַ מין שטראַדל, וואָס מ׳פלעגט דאָרט רופן פלייטלעך. און וואָס מיינט איר, פלעג איך קריגן פון איר? אַ קוש הינטער דער טיר באַם געזעגענען זיך.

סטעלאַ איז פון דעם פּאָטערס ווערטער געוואָרן אַן ערנסטע און אַ וואָרף געטאָן אַ בליק און אַ האַלבן שמייכל צו באַראַשן. באַראַש האָט זיך פאַרקוקט אויף דער סטעליע, פרעטענדירנדיק, אַז עס קומט אים ניט אויף דעם געדאַנק אפילו אויסצוטייטשן גערסאָנס ווערטער ווי עפּעס אַן אינסינואַציע.

זיי האָבן דערנאָך, ווי געוויינלעך, געטרונקען טיי, געלייענט „די צייט" און גערעדט וועגן לעבן, וועגן מענטשן און וועגן דער אכזריות־דיקער צייט. גערסאָן האָט אָבער אָנגעהויבן צוביסלעך איינצודרימלען און ווען באַראַש האָט זיך אויפגעהויבן אַהיימצוגיין און ער האָט זיך באַ דער טיר באַגעגנט מיט סטעלאַס בליק, האָבן זיי איינער באַם צווייטן געלייענט דעמזעלבן געדאַנק און ביידע האָבן געשמייכלט.

— היינטיקער פּורים איז געווען דער אָנגענעמסטער אין מיין גאַנצן לעבן — האָט סטעלאַ געזאָגט. — איך דאַנק אייך פאַר די בלומען און . . . אַ שאָד, וואָס איר האָט ניט פאַרגעלייענט.

— איך וועל עס נאָך פאַרלייענען פאַר אייך.

— איך האָף, אַז איך וועל ניט דאַרפן וואַרטן ביז דעם קומענדיקן פּורים.

— דעם קומענדיקן פּורים אויך —איך האָף . . .

ער האָט אַ קוש געטאָן איר האַנט, האָט זי אַ שמייכל געטאָן און אַ זיפץ געטאָן.

זי האָט פאַרמאַכט די טיר לאַנגזאַם, לאַנגזאַם . . . נאָכגעקוקט אים

דורך דער שפּאַרונע, ביז ער איז פאַרטושירט געוואָרן אין דער ווייטער פינצטערניש.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

דער אַלטער גערסאָן איז געוואָרן אַן אַפּטער אַריינגייער צום אַפּטייקער פאַרקער. באַראַש האָט אָבער געוואוסט, אַז ניט דאָס שאַך שפּילן ציט אים, דעם אַלטן, נאָר דער געדאַנק צו לאָזן סטעלאַן און באַראַשן אַליין טרייבט אים. און ס'האָט אים ניט געאַרט, גערסאָנען, וואָס באַראַש טראַכט אַזוי. ער האָט געוואָלט ער זאָל עס וויסן און ער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל טראַכטן אַזוי.

און איינמאָל, ווען סטעלא איז געווען פאַרנומען מיט פּרעסן איר געוועש און באַראַש איז געזעסן אין שטול און האָט געלייענט די צייטונג, האָט אים גערסאָן אַ פרעג געטאָן:

— איר ווילט אפשר אַ שפּאַציר טאָן מיט מיר צו פאַרקערן?

— אַ שפּאַציר טאָן? מיט פאַרגעניגן — האָט זיך באַראַש גלייך אויפגעהויבן.

זיי זענען ביידע אַרויסגעגאַנגען און גערסאָן, אין אַ גוטמוטיקער שטימונג, האָט אָנגעהויבן צו מאָלן פאַר אים אַ בילד, ווי ער און דער אַפּטייקער פאַרקער שפּילן אין שאַך.

באַראַש האָט געלאַכט און האָט אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז נעבעך אַ רחמנות אויף אים, אויף אייער אַפּטייקער. אפילו מיט אייך האָט ער מורא צו זיין דאָס, וואָס ער איז — אַ ייד. און אפשר קאָן ער שוין ניט זיין מער דאָס וואָס ער איז געווען. אַז מ'לעבט אַף אַזויפיל יאָרן אין אַ שטעטל און מ'שלעפּט אויף זיך די גאַנצע צייט די מאַסקע פון אַ קריסט, כאָטש אַלע וויסן מסתמא אַז ער איז אַ ייד — איז ווערט מען ווי אַן אָפּגעבלאַקירטער מלבוש, שוין שווער צו דערקענען דעם אמתן קאָליר. און וואָס פאַר אַ מענטש איז דער האַנדלמאַן, דער שניידער? — האָט זיך באַראַש פלוצים דערמאָנט — כ'האָב שוין עטלעכע מאָל געקליבן זיך אַריינצוגיין צו באַקאָנען זיך מיט אים.

— נו, נו, גייט . . . — האָט זיך גערסאָן צעלאַכט.

— פאַרוואָס לאַכט איר? — האָט זיך באַראַש פאַרוואונדערט.

— איך לאַך, ווייל אייער באַקאַנטשאַפט וועט ניט אָנהאַלטן לאַנג. ער איז טויב ווי אַ גלאָק, דער שניידער, און גלייבט מיר, אַז ווען איך גיי אַמאָל אַריין צו אים, קום איך אַהיים אַ שטומער, כ'האָב שוין קיין כח צו רעדן, אַזוי דאַרף איך שרייען, ווען איך רעד צו אים.

— אַ שאָד . . . ער מוז אודאי זיין אַ בעסערער ייד ווי פאַרקער.

— ער איז ניט קיין שלעכטער מענטש, פאַרקער, אָבער אַז מ'האָט

מורא צו עפענען זיך, ווערט מען איינגעשרומפּן . . . אַ רחמנות אויף אַזעלכע מענטשן.

באַראַש האָט געוואוסט, אַז גערסאָן, רעדנדיק וועגן דעם אַפּטייר־קער, מיינט ער אויך אים, באַראַשן. און גערסאָן האָט טאַקע גלייך אַ זאָג געטאָן:

— און האָט ניט קיין פּאַראיבל אויף מיר, ראַש, איר אַליין גייט אויך אַרום ווי אַ מרה־שחורהדיקער פילאָזאָף. איר טראַכט אָפּ אַ לעבן ווי צו לעבן דאָס לעבן און אַז ס'קומט צום לעבן דאָס לעבן, איז שוין צו שפּעט. אין וועלכן יראַהונדערט ווילט איר אַרויסשטייגן, יונגער־מאַן? אַזוי פיל צייט האָט איר, וואָס איר פּאַרט אויף אַ פור און פילאָ־זאָפירט?

באַראַש האָט געשמייכלט און געטראַכט, אַז ס'איז זיכער פאַראַן אַ שטיק אמת אין דעם אַלטנס רייד און ער האָט זיך געוואונדערט: מאַכט ער טאַקע דעם איינדרוק אויף מענטשן ווי אַ מרה־שחורהדיקער פילאָזאָף?

— פאַרוואָס דענקט איר, אַז איך פּאַר אויף אַ פור און פילאָזאָפיר?

— האָט באַראַש געפרעגט.

— וואָס זשע, איך האָב ניט קיין אויגן און בין ניט קיין מבין אויף קיין מענטשן? — האָט גערסאָן געענטפערט מיט אַ פראַגע — אָט זאָגט מיר, אדרבה, ווי אַלט זענט איר?

— אַ . . . פערציקער . . . האָט באַראַש לאַנגזאַם געענטפערט.

— נו, אָט . . . אַ פערציקער! און אין אייער ענטפער האָב איך דערפילט, אַז איר שרעקט זיך אַ טראַכט צו טאָן אפילו, אַז איר זענט אַ פערציקער . . . איר ווייסט — אַריבער פערציק, איז אַריבער די גרע־ניץ. פאָרן צוריק — פּאַוואָליע. אַז איר וועט קומען אין מיינע יאָרן, און איר וועט דערפילן, אַז איר האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן און געבלאָנ־דזשעט אין אַ פרעמדן וואַלד, וועט איר ערשט דעמאָלט דערזען, אַז דער אָפענער און גלייכער וועג, אויף וועלכן עס האָט זיך ניט געוואָלט גיין, איז געווען דער בעסטער וועג. איך זאָג ניט, אַז איך בין דאָס גאַנצע לעבן געווען אַזאַ גרויסער חכם און בין שטענדיק געגאַנגען אויף דעם גלייכן וועג. נישקשה, איך בין אויך ניט איינמאָל אַראָפּ פון וועג און האָב גע־זינדיקט, אָבער אין די מיטעלע יאָרן בין איך דאָך געקומען צום שכל. די וועלט, מיין פריינט, איז ניט קיין פרעמדע, און די מענטשן, וואו זיי זאָלן ניט זיין, זענען אויך ניט קיין פרעמדע — עס ווענדט זיך בלויז אין אייך. עס איז ווי איר טראַכט וועגן דעם. די בעסטע זאַך איז אויס־מישן זיך מיט זיי, מיט די מענטשן, לעבן זייער לעבן, רעדן זייער שפּראַך און אַלץ ווערט היימיש און אייגן. אָט, ווען איר וואָלט געאַרבעט ווי איך אין אַזאַ גרויסער פאַבריק, ווען איר וואָלט געוואָרן אַ שרייפעלע אין אַ

גרויסער מאַשין ווי איך בין געוואָרן, וואָלט איר אויך געפונען עפּעס אַן אינטערעס. זענט איר אָבער, ווי רופט מען עס, אַן אינדיווידואַליסט, סיי אין אייער אַרבעט און סיי אין אייער טראַכטן. איר שטייט זיך איינער אַליין און איר מאָלט, וואָס עס גלוסט זיך אייך — נו, האָט זיך אויס־געאַרבעט בײַ אייך אַזאַ כאַראַקטער. און . . . ווייסט איר וואָס, ראָש? אפשר וואָלט איר אַריין אין דער פאַבריק אַרבעטן? איך ווייס ניט וויפל איר פאַרדינט מיט אייער מאָלן, אָבער דאָרט וועט איר זיכער מאַכן מער און אויב איר ווילט, וועל איך רעדן וועגן אייך מיט מיין פאַרמאַן.

— אַ דאַנק — האָט באַראַש געענטפערט אַ פאַרטראַכטער. — עס איז ניט גוט און עס איז ניט נייטיק צו צווינגען דעם אייגענעם איך איינצושפּאַנען זיך אין אַ פרעמדן וואָגן, אָדער ריכטיקער אין אַ פרעמ־דער מאַשין. איך בין ניט דער טיפּ פאַר דעם.

— און איך בין געווען? — האָט גערסאָן איראָניש אַ שמייכל געטאָן.

— איר אויך ניט. אָבער בײַ אייך איז דאָס געוואָרן דער פינאַל, ווען איר האָט געמאַכט שלום מיט זיך און מיט אייער לעבן. איך האָב נאָך קיין שלום ניט געמאַכט מיט זיך, כאָטש אָפט ווייזט זיך מיר אויס, אַז ס'איז שוין אויך מיין פינאַל און אפילו מער רעזיגנאַציע ווי שלום. איך צווייפל נאָך אָבער און איך זע נאָך אַלץ מיין לעבן אין דעם ענדציל פאַרהילט אין אַ נעפּל . . .

— איז טאַקע ניט גוט.

— אפשר.

מיט דעם האָט זיך דער געשפּרעך געענדיקט און גערסאָן איז אַריינ־געגאַנגען צו פאַרקערן. אָבער אויף דעם וועג צוריק צו סטעלאַן האָבן אים גערסאָנס ווערטער פאַרפאָלגט. דער געדאַנק אין אים האָט אָבער רעוואָלטירט און געשראָקן זיך פאַר אַ נייעם סאָרט לעבן. עס האָט גע־שראָקן די רוטין, וועלכע ער וואָלט ניט אויסגעהאַלטן און דער שלום מיט זיך און מיט דעם לעבן, וואָס וואָלט געוואָרן אַן איינפאַכער, פיזי־שער און רעזיגנירנדער שלום פון אַ שקלאַף.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

אַדאַ האָט באַהערשט די נעכט.

יעדע נאַכט כמעט איז זי געשטאַנען אין אַ ווינקל פון זיין מח און ער האָט גערעדט צו איר. און זי האָט גערעדט צו אים — די אַמאָליקע, די ניט־פאַרגעסענע, די אויסגעבּרענטע, ווי מיט אַ פייערדיקן אייזן, רייד . . .

אַדאַ . . . אַדאַ . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . .

עס איז שוין געווען נאָענט צו פּסח. די נעכט זענען אָבער נאָך אַלץ געווען קאַלטע און דער שניי אויף די בערג איז נאָך אַלץ געלעגן ווייס און אומבאַריירט. אין דידאָזיקע נעכט האָט געצויגן צו סטעלאַן און עס האָט אויך געצויגן צום פּאַפּיר און צו דער פּען.

זיינע ביכער, וועלכע ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין שופ־לאָד פאַרשלאָסן, האָט ער אַרויסגענומען. געקוקט אויף זיי און געטראַכט פון סטעלאַן. געוואָלט, אַז אויך אירע הענט זאָלן באַרירן די ביכער זיינע און אויך אירע אויגן זאָלן וואַנדערן איבער די שורות, צווישן זיינע גע־דאַנקען . . . האָט ער איינמאָל אין אַן אָוונט גענומען די ביכער צו סטעלאַן.

גערסאָן איז אויך געווען אינדערהיים. באַגעגנט אים, ווי געוויינ־לעך, מיט דער פראַגע:

— אַ, ראָש, געמאַכט עפּעס גוטע געשעפטן היינט?

און באַראָש האָט אים געענטפערט:

— גענוג צו דערהאַלטן זיך. איך דאַרף ניט מער, וויפל איך דאַרף.

— וואָס טראָגט איר עפּעס דאָרט, די ביכער אפשר?

— דאָס האָב איך געפונען די ביכער פון דעם שרייבער באַראָש, וועגן וועלכע מיר האָבן אַמאָל גערעדט.

— יידישע ביכער . . . אַנו, לאָמיר טאָקע אַ קוק טאָן.

באַראָש האָט אים געגעבן די ביכער און גערסאָן האָט אָנגעטאָן די ברילן און גענומען אַריינקוקן אין זיי.

— אָ . . . באַראָש . . . באַראָש . . . איך בין זיכער, אַז איך האָב אַמאָל געהערט אָדער געליינעט זיין נאָמען.

סטעלאַ האָט זיך ניט אינטערעסירט אַ קוק צו טאָן אויף די ביכער. זי האָט געניייט און איז געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט; דער בליק אי־רער האָט זיך אָבער יעדע רגע אָוועקגעגנבעט צו באַראָשן . . .

— קומט, לאָמיר גיין זען אַ מוּאווי, סטעלאַ, איר ווילט? — האָט באַראָש פּלוצים, אומדערוואַרטעט פאַר זיך אַליין, אַ פרעג געטאָן.

סטעלאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף אים אַ פאַרוואונדערטע און אין אירע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ פרייד.

— פּאַ, וועסט גיין? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— ניין — האָט זיך גערסאָן געמאַכט באַקוועם אין זיין שטול.

— איך וועל אַריינקוקן אין די ביכער און איר, יונגוואַרג, גייט זיך געזונטערהייד.

סטעלא האָט געגומען אָנטאָן זיך און אײַליקן זענען זײ שוין גע־געגאַנגען אויף דעם וועג צו דעם מאָווי־טעאַטער.

עס איז געגאַנגען אַ בילד, באַזירט אויף די גרויזאַמקייטן פון נאַ־ציזם. און דער שוידער פון אײניקע מאָמענטן אין בילד האָט זיך אײַ־בערגעגעבן צו סטעלאַן און ווי אַ דערשראָקן קינד האָט זי זיך געטוּ־ליעט צו באַראַשן און געזוכט זײַן אָרעם מיט קאָנוואולסיווע פינגער. און, דערפילנדיק איר ציטער, איר נאָענטקייט און דעם גערוך פון אירע האָר, האָט ער זיך געלאָזט פאַרטראָגן ווערן פון דער נאָענטקייט.

געטראַכט האָט ער אָבער וועגן גערסאַנען. געזען אים אין געדאַנק זיצן אין ווײכן־שטול מיט זײַן בוך אויף די קני און לייענען. באַראַשן האָט זיך אין געדאַנק געוואָלט לייענען גערסאַנען געדאַנקען וועגן דעם געליייענטן, דאָס בילד אָבער און סטעלא בײַ דער זייט האָבן געפּאָדערט זייער חלק אין זײַן מח און אין זײַן האַרץ און די שטונדן זענען אַזוי אַוועק שוועבנדע און אַנגערעגטע פון דעם בילד און פון סטעלאַס נאָענטקייט.

זײ זענען אַהיים געקומען שפּעט און גערסאַן איז שוין געשלאָפן זײ זײַנען געשטאַנען בײַ דער טיר, גערעדט שטיל און האָבן ביידע גע־ציטערט. און באַראַש האָט ניט געוואוסט, צי ציטערט ער פון קעלט צי פון דער נערוועזיטעט, וואָס האָט אים אין דערדאָזיקער נאַכט געהאַלטן.

ער האָט צוגעטראָגן סטעלאַס קאַלטע הענט צו זײַנע ליפּן, געוואַ־רעמט אירע פינגער און געקוקט אויף איר, פילנדיק ווי עס רײַסט זיך עפּעס אין אים פאַרוואַנדלט צו ווערן אין ווערטער, גוטע, נאָענטע ווער־טער . . . אָבער געזאָגט האָט ער ענדלעך:

— איך וועל שוין גיין, סטעלא.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן, אַ פיר געטאָן מיט די שפּיץ פינגער אי־בער זײַן פּנים און אַ שווייגנדע פאַרמאַכט די טיר.

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

אַ פּאָר נעכט איז באַראַש ניט געקומען צו סטעלאַן. ער האָט גע־טראַכט וועגן זײַנע ביכער, וואָס ליגן בײַ גערסאַנען און פאַרגעשטעלט זיך, ווי זי גייט צו צו זײ, רירט זײ אָן, עפּנט זײ אויף און נעמט לייענען.

און ווען ער איז געקומען דעם דריטן טאָג אין אָוונט און ער האָט ניט דערזען די ביכער זײַנע אויף דעם טיש, האָט עפּעס אַ באַליידיקונג אַ גריזע געטאָן: נו, וואָס דען, וואָס האָט זיך דיר, נאַר, פאַרגלוסט צו ברענגען די ביכער דײַנע, יידישע ביכער, נעבעך, צו זײ . . . ווער לייי־ענט יידישע ביכער? און ווער קאָן איצט, אין אַלגעמיין, לייענען בי־כער? ווייסטו דען ניט ווי עס בלוטיקט יעדער אבר פון לעבן, הער־

סטו דען ניט דעם געיאָמער פון צעריסענע און פאַרבּרענטע ? זאָל מען איצט לייענען דיינע ביכער . . . לייענסטו ?! לייענסטו ?! לייענסטו ?!

גערסאַן איז געזעסן אין שטול און געדרעמלט. אויפגעמאַכט אויף אַ מינוט אַן אויג און ווידער פאַרמאַכט. סטעלא איז געווען אין אַ מאָדנער שטימונג. ניט געקוקט אויף אים און ניט גערעדט קיין סך. ער האָט געזען ווי אין איר האַלדז פּולסירט אַן אָדערל. אויף דעם טישל איז געלעגן אַ פאַרוועלקטע בלום, פון די בלומען, וואָס ער האָט נאָך פּורים געבּראַכט, און ער האָט געוואָלט וויסן און פאַרשטיין צוליב וואָס זי האָט אַוועקגעלייגט נעבן זיך די פאַרוועלקטע בלום. איז דאָס אַן אָנדייטונג אויף עפּעס ? איז דאָס אַנטוישונג ? איז דאָס דערפאַר, ווייל ער איז ניט געקומען צוויי אָוונטן און מיט דער רויז וויל זי אים לאָזן וויסן, אַז זי האָט געטראַכט וועגן אים ?

— אויף דעם פענצטער ליגן אייערע צייטונגען — האָט זי געזאָגט. — איר האָט צוויי טעג פאַרפעלט צו קומען נאָך זיי.

— צו קומען נאָך זיי . . . . — האָט ער אין זיך שטיל ווידערהאָלט און געזאָגט — איך קום ניט צוליב די צייטונגען.

— ניין ?

ער האָט ניט געענטפערט. אויפגעהויבן זיך, צוגעגאַנגען צום פענצטער, צוגעדריקט דעם שטערן צום קאַלטן גלאָז. און ניו־יאָרק האָט פּלוצים ווי אויף אַן עקראַן אַ שוועב געטאָן פאַר זיינע אויגן. די פינפטע עוועניו . . . די צווייטע עוועניו . . . טיימס סקווער . . . איסט בראָדוויי . . . זיין הויז . . . דער פּאַרק . . . . . אָדאָ . . . . אָדאָ . . . . וואָטשקאָ . . . . און ער — דאָ . . . . דאָ . . . אין קליינעם צימערל, אין קליינעם שטעטל . . . . וואָס טוט ער דאָ ? וואָס טוט ער דאָ ? וויל ער זיין דאָ ? דאַרף ער זיין דאָ ?

אויסגעדרייט זיך צו סטעלאַן, אַ קוק געטאָן אויף איר און דערזען אין אירע אויגן פאַרוואונדערונג און שרעק, דערזען ווי אירע אָפענע ליפּן האָבן, ווי אַן אָפענע בלום, געציטערט ווי אין געוויין.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — אַ מאָדנע שטימונג האָט מיך אַרומגעכאַפּט און ס'איז אפשר בעסער, אַז איך זאָל איצט אַהיימגיין.

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין מאַנטל און הוט, אַ קוק געטאָן אויף סטעלאַן מיט אַ פּוסטן, גאַרניט־זאָגנדיקן בליק און איז אַרויס.

עס האָט גערעגנט און געשנייעט אין דערזעלבער צייט און עס האָט געבלאָזן אַ ווינט. ער איז געגאַנגען שנעל און געפילט, פּונקט ווי ער פלעגט פילן דאָרט אין ניו־יאָרק, אין ענלעכע אָוונטן, ווען ער פלעגט אַרויס פון הויז אַ נערוועזער און צערודערטער נאָך אַ קריגעריי מיט

אַדאַן, און פלעגט זיך לאָזן גיין איבער די סטעזשקעס פון פּאַרק . . . גיין, גיין . . . אָן אַ ציל, אָן ווילן און אָן כח . . .

ער האָט דערזען, אַז ער שטייט באַם בריק און דערהערט דער צוג קומט אָן. דאָס פּייפעריי פון לאָקאָמאָטיוו האָט גערופן און געוואָרנט און אין האַרצן האָט עפּעס גענאָגט . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

עס זענען אַוועק נאָך עטלעכע טעג און באַראַשעס שטימונג האָט זיך ווייניק געביטן. דער פּאַרדרוס אויף זיך אַליין פאַרוואָס ער איז אַוועק אַזוי פּלוצימדיק פון סטעלאַן, האָט געשטיגן. ער האָט זיך גע־מוסרט פאַר זיין אומקאָנטראָלירבאַרער, אימפּולסיווער האַנדלונג און עפּעס אין אים האָט געטריבן צו גיין צו איר און באַרואיקן זי. ער איז אָבער ניט געגאַנגען. געאַרבעט אַ בייזער און אַ צערודערטער און צו־געהערט זיך צום צינישן געלעכטער אין זיך, צו די געדאַנקען, וואָס האָבן גערעדט און אויסגעלאַכט דעם צוטרוי צו אַ פרוי. איר פּראָזע: אויף דעם פענצטער ליגן אייערע צייטונגען, איר האָט צוויי טעג פאַרפעלט צו קומען נאָך זיי . . . נאָך זיי . . . — אַ ספּעציפיש־פרויענשע אַנצו־הערעניש.

ער האָט גענומען פּסיכאָאַנאַליזירן אירע האַנדלונגען, איר לעבן, אירע שטימונגען און ווערטער אויף דעם פאָן פון שטעטלשער אַטמאָספערע, און אַ רחמנות־געפיל האָט גענומען לייגן זיך באַ די פיס און געבעטן זיך: קום, קום צו איר . . . נאָך אַלעמען איז זי, דאַכט זיך, פּונקט אַזוי עלנט ווי דו און גליק ליגט דאַכט זיך באַ איר שוועל, און זי קאָן זיך ניט אָנבייגן און אויפהייבן עס — קום . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

עס איז געווען די ערשטע נאַכט פון פּסח. פון די בערג האָט גע־בלאָזן אַ וואַרעם ווינטל. באַראַש האָט געשפּאַנט אָן זיין הוט. אונטערן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ שאַכטל קאָנפעקטן און בלומען.

אַריינקומענדיק אין הויז, האָבן זיינע פינגער פאַרקעמט און פאַר־גלעט די האָר און מיט די האָר אויך די געדאַנקען. ס'איז שטיל אין צימערל — ווי שטענדיק. גערסאַן שמייכלט. סטעלא שמייכלט אויך.

— אַ גוטן יום־טוב.

— אַ גוטן יום־טוב! — האָבןביידע געענטפערט.

סטעלא האָט צוגענומען פון אים די בלומען און באַהאַלטן איר פּנים צווישן זיי, בלויז די שמייכלענדיקע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט מיט דאַנק־באַרקייט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קלייד, מיט אַ שנירל

בלויע קאַרעלן אויפן האַלדז. דער טיש איז געווען פאַרדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך און אַ פלאַש ווײַן מיט דרײַ באָקאַלן, און פרוכטן — עפּל, באַנאַנעס, ווײַנטרויבן און מאַראַנצן — האָבן געפּאַנגען דאָס אויג מיט פאַרבן. „עס פעלן בלויז אָנגעצונדענע ליכט״ — האָט באַראַש אַ טראַכט געטאָן.

זיי זענען געזעסן און האָבן געטרונקען ווײַן און באַראַש האָט דער־ציילט אַ פּאָר וויצן. סטעלאַס אויגן זענען געוואָרן בלויער און די צעפּ איבער איר ברוסט האָבן געצויגן געלאַשטשעט צו ווערן.

— אויב מיר זאָגן ניט די אגדה — האָט זיך גערסאַן אָנגערופן — האָבן מיר אָבער דערפאַר יידישע ביכער און אין איינעם פון די ביכער וואָס איר האָט מיר געגעבן, ראַש, איז דאָ אַ מעשהלע, וועלכעס סטעלאַ וואָלט אויך געמעגט הערן. נאָך אַלעמען, זײַענדיק דאָ באַ זיך אין דער היים, אַזוי צו זאָגן, און באַ זיך אין לאַנד, אַז מ׳וויל גלייבן, דאַכט זיך מיר, אַז מיר זענען דאָך ניט מער ווי געסט דאָ אין שטעטל און דאָ אין אַמעריקע. אפשר, ווען איך וואָלט דאָ געבוירן געוואָרן, וואָלט איך געפילט מיטן גאַנצן האַרצן, אַז דאָס איז מײַן היים. ווײַל . . . אונדזער אמתע היים איז ערגעץ אין אונדזער פאַנטאַזיע . . . מיר ווייסן אַליין ניט וואו. מיר מיינען — פּאַלעסטינע, אָבער ווי אַזוי, וואָס, ווען . . . יאָ, איך זאָג דאָס צוליב דעם, כדי אַרויסצובברענגען וואָס איך פּיל. און איך פּיל, אַז איך דאַרף זיך באַהעפטן מיט מײַן פאָלק, וואָס איז צעוואָרפן איבער אַלע ווינקעלעך פון דער ערד. איז ווי אַזוי קאָן איך זיך באַהעפטן, אַז קיין טראַדיציאָנעלע צערעמאָניעס פּראַווע איך ניט? איז דער ענט־פער: דורך געדאַנק און דורך וואָרט, דורך דעם אייגענעם יידישן וואָרט. אַט דאָ האָבן מיר דעם שרייבער באַראַשעס ביכער און, אויב איר ווילט, ראַש, לייענט פאַר אונדז איבער דאָס מעשהלע „פרידן אויף דער ערד״.

— מיט פאַרגעניגן . . . — האָט זיך באַראַש דערפרייט.

ער האָט געעפנט דאָס בוך, אָפּגעזוכט דאָס מעשהלע, געשוויגן אַ ווײַלע און אָנגעהויבן לייענען. געלייענט דאָס מעשהלע, וואָס האָט אין מאָנאָטאָנעם ריטם פון אַ שטילן ניגון געפירט פון אומעטום . . . צו אַ הויכן באַרג . . .

הויך איז דער באַרג און בלוי איז די נאַכט איבער אים . . . און אויף דעם שפּיץ פון דעם באַרג, אויף דעם סאַמע שפּיץ ליגט אַ מענטש, אַ נאַקעטער מענטש — אַ גוסס . . . ער ליגט מיט אָפענע אויגן און קוקט אין דער אומענדלעכקייט אַרײַן . . . קוקט און זעט ניט גאָרניט. דער לנבה־האָרן, ווי די צורה פון אַ טײַוול, קוקט אַראָפּ און לאַכט — לאַכט געל . . . קאַלט . . . און שטום . . . פון ווײַטער ווײַטקייט דערטראָגן זיך תקיעות פון אַ שופר . . . און פון אַלע זײַטן . . . פון

די בערג און טאָלן, פון די וועגן און שליאַכן, פון אונטער דער ערד און פון איבער די כמאַרעס קומען אָן נשמות ווי גייסטער . . . און יעדע נשמה טראָגט אין די הענט אַ האַרץ, און אין יעדן האַרץ זידט בלוט . . . און יעדער גייסט לייגט צו דאָס האַרץ צו דער ברוסט און קוקט אַרויף . . . און וואַרט . . . און וואַרט אויף אַ וואָרט, אויף אַ צייכן. און די תקיעות פון שופר שאַלן העכער און שטאַרקער און די תרועות און די שברים מישן זיך אויס מיט אַ שטורעם פון זיפצן און פון יללות . . . און יעדער גייסט, מיטן האַרץ באַ דער ברוסט וויגט זיך און קרעכצט ווי אַ בוים אין אַ שטורעמדיקער נאַכט . . . און דאָס בלוט אין די הער־צער זידט . . . זידט . . . און מיטאַמאָל דערהערט זיך פון ערגעץ אַ בת־קול . . . און דאָס בת־קול איז אַ שטים אָן אַ וואָרט. אָבער עס שטילט זיך איין דער שטורעם פון זיפצן און עס הערט אויף צו זידן דאָס בלוט אין די הערצער . . . און די נשמות־גייסטער קוקן אַרויף מיט בלינדע, גאָרניט זעענדיקע אויגן און זיי וואַרטן, וואַרטן אויף דעם וואָרט . . . און ווען דער מענטש, דער ווייסער נאַקעטער מענטש אויף דעם שפיץ פון באַרג, דער איינאונאיינציקער מענטש פון פלייש און בלוט, דער לעצטער פאַרבליבענער מענטש, דער גוס . . . הויכט אויס זיין לעצטן אָטעם, דערהערן אַלע נשמות אין זיך דאָס וואָרט, דאָס געגאַרטע וואָרט: שלום . . .

שלום . . . שלום . . . שלום . . . צעטראָגט זיך ווי מיטן ווינט אַ פליסטער . . . שלום . . . ס׳איז שלום אויף דער וועלט . . . ס׳איז שטיל . . . ס׳איז נאַכט . . . און נאָר דער לבנה־האָרן מיט דער צורה פון אַ טייוול לאַכט דעם אייביקן געלן, קאַלטן געלעכטער . . .

באַראַש האָט פאַרמאַכט דאָס בוך און אַ קוק געטאָן אויף סטעלאַן . . .

— נו, איז ער דען ניט גערעכט, דער שרייבער? — האָט גערסאַן אַ זאָג געטאָן. — אפשר וועט דער געגאַרטער שלום אויף דער ערד קומען טאַקע בלויז מיט דעם לעצטן אָטעם פון דעם לעצטן מענטשן, ווייל אָט . . . ניט פסח און ניט קריסטמעס, און ניט די פראַנצויזישע, און ניט די רוסישע רעוואָלוציעס און קיינע רעוואָלוציעס און רעליגיעס האָבן נאָך ניט געבראַכט די אמתע באַפרייאונג און שלום . . . אמת, ס׳וועט קאַלעמוטנע אויף דער נשמה פון אַזאַ מין שלום, ווי דער שריי־בער מאָלט עס, עס איז אָבער טויזנט מאָל בעסער, ווי די שוידערלעכע מלחמות געפירט פון דעם בעסטיאַלן מענטשן.

— עס איז אָבער רעזיגנאַציע און צווייפל אין מענטשלעכן זיג . . . — האָט זיך סטעלאַ אָנגערופן — וואָלט עס דער שרייבער גע־שריבן ווי אַ סאַטירע, וואָלט איך זיך פאַרשעמט פאַר דעם מענטשן און

פֿאַר דעם לעבן. אַז ער האָט עס אָבער געשריבן אין דעם טאָן פֿון טרויער, ווערט מיר טאַקע טרויעריק פֿון דעם שרייבערס וויזיעס און . . . עס ווילט זיך ניט גלייבן אין דעם.

— דו מוזט ניט גלייבן אין דעם — האָט איר גערסאָן געענטפֿערט. — און איך ווייס ניט צי דער שרייבער וויל, אַז מיר זאָלן גלייבן אין דעם. וואָס ער וויל איז, אַז מיר זאָלן טאַקע ווערן טרויעריק פֿון דעם בילד און אַז מיר זאָלן זיך טאַקע פֿאַרשעמען פֿאַר אונדזער לעבן און פֿאַר אונדזער וועלט. וואָס זאָגט איר, באַראַש?

— אין אַ געוויסן זין איז סטעלאַ גערעכט, אָבער . . . מיר דאַכט זיך, אַז דער שרייבער האָט אין דער סאַטירישער פּאָעמע אינזינען געהאַט די בילדערישקייט און דעם געדאַנק מער ווי דעם ציל . . .

— און ווייסט איר, ראַש . . . היינט איז שוין פֿיר וואָכן נאָך פּורים . . . — האָט סטעלאַ קוים אַ וואונק געטאָן מיטן אויג צו באַראַשן.

— וואָס מיינסטו, טאָכטער? — האָט זיך גערסאָן פֿאַרוואונדערט.

— זי מיינט — האָט זיך באַראַש צעלאַכט — אַז ס'איז שוין פֿיר וואָכן פֿון זינט איך האָב זיך געקליבן פֿאַרצולייענען פֿאַר איר אַ פּאָעמע און איך האָב זי נאָך ביז היינט ניט פֿאַרגעלייענט. אָבער . . . אויב איר קאָנט זיך אָננעמען מיט געדולד, האָב איך זי דאָ מיט זיך און איך וועל זי פֿאַרלייענען.

— וואָס פֿאַר אַ געדולד! ווער מיר געדולד! — האָט גערסאָן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — היינט איז פּסח באַ אונדז און דאָס יידישע וואָרט איז אונדזער אגדה . . . לייענט, איך האָב געדולד ביז אינדערפֿרי.

באַראַש האָט אַרויסגענומען פֿון דער קעשענע די פּאָעמע און גענומען לייענען. און לייענענדיק האָט ער געפֿילט, אַז ער ציטערט מיט יעדן אבר. ער האָט ניט געקאָנט פֿאַרגעסן, אַז ער איז ניט ראַש, נאָר באַראַש, דער שרייבער באַראַש, וואָס האָט הינטער זיך אַזוי פֿיל טעג און יאָרן פֿון שאַפֿונג — ער האָט זיך אָבער איינגיכן באַהערשט און די פּאָעמע האָט גענומען טראָגן אים און סטעלאָן און גערסאָנען צו סימבאָלישע אימאַזשן, וואָס האָבן געטראָגן מיט זיך אַן אידייע, ווי אין ריטם פֿון מעלאַנכאָלישער מוזיק . . .

ווען ער האָט פֿאַרענדיקט, האָט סטעלאַ מיט אַ בליק אין וועלכן עס איז געלעגן באַגעטע פֿאַרשטענדעניש, אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז וואונדערבאַר, ראַש . . . ס'איז וואונדערבאַר . . .

— אַ פֿיינע זאַך, אַ פֿיינע . . . — האָט אויך גערסאָן געשמייכלט.

— עס גלייבט זיך ניט אפילו, אַז דאָס האָט געשריבן אַן אַמאַטאָר . . . — האָט סטעלא געזאָגט.

— איר צווייפלט, צי איך . . .

— אָ, ניין . . . אָ, ניין . . . . — האָט זי אים באַרואיקט — איך דערשפּיר אָבער גלייך די קונסט פון אַ שאַפער . . . און די שפּראַך, די טעכניק . . . איר זענט אַן צווייפל אַ קינסטלער.

— געפעלט עס אייך?

— עס וועט קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז איך האָב די פּאָעמע אייערע . . . ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען.

— ניט פאַרשטאַנען?

—ניין. ניט פאַרשטאַנען און דאָך באַווירקט געוואָרן פון עפּעס. איך ווייס ניט צי דאָס איז פון די בילדער, צי פון אייער לייענען . . . מיט מוזיק פּאַסירט דאָס נאָך אָפטער. מ׳קאָן הערן סטראַווינסקיס אַ קאָמפּאָזיציע און וואונדערן זיך, און ניט פאַרשטיין וואו עס ליגט די מעלאָדיע און דער זין אין דעם כמעט ווילדן ריטם פון עקזאָטישע און, ווי עס ווייזט זיך אויס, דיסהאַרמאָנישע טענער — און דאָך, הערנדיק זי, פילט איר ווי עפּעס אַ קראַפט האַלט אייך ווי געפאַנגען . . . ווי קאָן מען דאָס באַגרייפן און פאַרשטיין?

— איך בין איינפאַרשטאַנען מיט אייך, סטעלא — האָט איר באַ־ראַש געענטפערט — איך אַליין האָב עס אָפט דורכגעפילט, הערנדיק און לייענענדיק די פּאָעזיע פון אייניקע מאָדערנע דיכטער. ס׳איז אודאי בעסער ווען מ׳פאַרשטייט די מוזיק, אָדער די פּאָעמע, אָבער אויב זיי האָבן אָנגעוויעט אימאַזשן און עמאָציעס בלויז מיט דער קונסט פון זייער שאַפן, מיט דער שענקייט פון וואָרט, אָדער פון ריטם, אויב זיי האָבן גע־קאָנט פאַרוואַנדלען אַ פאַנטאַזיע אין אַ רעאַלער דערהייבנקייט פון שטי־מונג און פון גייסט — איז דאָס גענוג.

— און וועט איר מיר דערלויבן צו מאַכן נאָך אַ באַמערקונג, ראַש?

— געוויס . . .

— הערנדיק לייענען אייער פּאָעמע, האָב איך געטראַכט, אַז איר זענט זייער באַאיינפלוסט פון דעם שרייבער באַראַש. דענקט איר ניט, אַז אייער פּאָעמע איז אַביסל ענלעך מיט די שטימונגען און מיט די ביל־דער צו דער פּאָעמע, וואָס איר האָט פריער געלייענט פון בוך?

— פּאַר אַזאַ באַמערקונג באַליידיקן זיך אָפט שרייבער — האָט זיך באַראַש צעשמייכלט — איך מוז אָבער צוגעבן: איך בין זייער און זייער באַאיינפלוסט פון באַראַשן און פון זיין שרייבן.

— עס שאַדט ניט — האָט זיך גערסאַן אָנגערופן. — ער איז אַ גוטער שרייבער, באַראַש.

שפּעטער אין אָוונט האָט סטעלאַ געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ און באַראַש איז געזעסן מיט אַ געמישט געפיל פון טרויער און צופרידנ־קייט. דאָס וואָרט זיינס האָט פאַרט אָנגערירט מיט אומזעבאַרע פינגער די קלאַווישן אין צוויי מענטשלעכע הערצער . . . אָבער דער טרויער . . . פאַרוואָס דער טרויער . . .

סטעלאַ האָט געשפּילט אַן אויסצוג פון „קאַפּריטשיאָ איספּאַניאָלאַ" און אין באַראַשעס מח האָבן זיך געצויגן די ווערטער:

„. . . אין שפּאַניע, אויף די פעלדער צווישן טאָלעדאָ און אַלקאַזאַר, ליגט מיט אַ צעשאָסענער ברוסט דער יונגער אידעאַליסט און קעמפער, מיכל באַראַש . . ."

גערסאַן האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו אַשופלאַד, אַרויס־גענומען אַ ליולקע און צוגעטראָגן זי צו באַראַשן.

— איר זעט, ראַש — האָט ער געזאָגט — אָט דידאָזיקע ליולקע האָט נאָך גערויכערט מיין זיידע, און דערנאָך מיין טאַטע און איצט רויכער איך זי בלויז אין אַזעלכע יום־טובדיקע אָוונטן. מיין געזונט דער־לויבט מיר ניט צו רויכערן אַסך, אָבער איינמאָל אין אַ יום־טוב פאַר־רויכער איך זי. און פאַרוואָס, מיינט איר, פאַררויכער איך זי? צוליב דעם רויכערן אַליין? ניין. ס'איז צוליב דעם שטיקל טראַדיציע, וואָס די ליולקע טראָגט מיט זיך. מיר דאַכט זיך, אַז דורך איר האַלט איך אויף אָט די רינגעלעך אין דער קייט, וואָס פאַראייניקן איין דור מיטן צווייטן. איך האַלט שוין באַלד באַם אוועקגיין אין דער אייביקייט, וואָרן וויפל לעבט היינט אַ מענטש? זעכציק, עטלעכע און זעכציק. גיי איך אַוועק — בלייבט די ליולקע אַליין. ווער ווייסט צי עמיצער וועט נאָך רויכערן פון איר. מיין טאַטע האָט זי מיר אַוועקגעגעבן מיט זיינע איי־גענע הענט און איך . . . איך האָב ניט וועמען איבערצוגעבן זי. דעם פאַרשטאָרבענעם אידעם מיינעם, דעם דייטש, האָב איך ניט געוואָלט און ניט געקאָנט איבערגעבן דעם סימבאָל פון גוטן ווילן, ווי מ'זאָגט דאָ אין אַמעריקע, פון דעם גוטן ווילן, וואָס גייט פון מויל צו מויל אין אונ־דזער משפּחה. נו . . . וואָס זאָגט איר אויף דער ליולקע? טוט אַ קוק אויף איר . . . — האָט ער אויסגעשטרעקט די ליולקע צו באַראַשן.

באַראַש האָט גענומען די ליולקע, באַטראַכט זי פון אַלע זייטן און געטראַכט, אַז באַ אַנדערע אומשטענדן, וואָלט ער געזאָגט: גיט זי מיר, אויב איר דענקט, אַז איך בין זי ווערט.

גערסאַן האָט דערווילע אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, צוגעטראָגן צו דער ליולקע און געזאָגט:

— פאַרוויכערט . . . איך וועט פּאַסן צו רויכערן אַ ליולקע, איבערהויפּט אַזאַ גוטע, איינגעבּרענטע, איינגערויכערטע יידישע ליולקע.

באַראַש האָט פאַרצויגן דעם טאַבאַק און געלאָזט אַ וואָלקן רויך פון מויל. און דער גערוך פון דער ליולקע, און דער רויך אין צימערל, און די מעלאַדיע, וואָס סטעלאַ האָט געשפּילט, און גערסאַנס שמייכלענדיקע, קלוגע און דאָס מאָל ווי מיט טרויער פאַרוואָלקנטע אויגן, און זיין אייגענער קאָפּ מיט די לאַנגע האָר, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין שפּיגל אַנטקעגן — דאָס אַלץ האָט געשפּרייט אַ נעפּל פון שטימונג און די פאַרזיכטיקייט פאַר וואָרט און טאַט איז צעשוואומען ווי דער רויך. די עסענץ פון לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט אין דער איינציקער מינוט און גערסאַנס ווערטער זענען געקומען ווי געוואונטשענע, ווי דערוואַרטעטע:

— איך גיב זי אייך, ראַש. רויכערט זי אַזוי לאַנג ווי איר ווילט און אַז איר וועט מיד ווערן, לאָזט זי איבער אָט אַזוי אַ ליידיקע אויפן טיש און איך וועל פאַרשטיין . . .

באַראַש האָט גאַרניט געענטפערט. געצויגן די ליולקע, געלאָזט וואָלקנס רויך, געקוקט אויף דעם טאַבאַק, ווי ער צינדט זיך ווי אַ רויטער, ברענענדיקער רובין צווישן גרויען אַש און געפּילט די וואַרעמקייט פון פאַלירטן ווײַנשל־האָלץ אין זיין ציטערדיקער האַנט.

און שוין שפּעט באַנאַכט, ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער זי אַרויסגענומען פון דער קעשענע, געקוקט אויף איר און גערעדט צו איר: בלויז אַן אויסגערויכערטע ליולקע ביזטו און אַזויפיל אינהאַלט און אַזוי פיל גלויבן ליגט אין דיר . . . וואָס איז שוין דער וואונדער, וואָס אַ ספר טראָגט אין זיך אַזאַ כח, אַזאַ אומשטערבלעכן כח! . . .

אין דערזעלבער נאַכט האָט ער פאַרשריבן:

„ . . . יעדער שרייבער טרוימט אַרומצונעמען די וועלט מיט וואָלקנס פון זיין פאַנטאַזיע און מיט אַ נעץ פון זיינע געדאַנקען און איידייען . איך, ווי אַלע, האָב אויך געטרוימט וועגן דעם. איך האָב עס ניט דערגרייכט . . . מאַכט עס מיך אומגליקלעך? ניין. ווען איך קוק אויף די שטערן אין דעם ענדלאָזן באַנאַכטיקן הימל און ווען איך זע די שטורעמדיקע טיפקייטן פון אָקעאַן, דערפיל איך אַזוי קלאָר ווי מיקראָסקאָפּיש־אומבאַמערקבאַר איך בין; און איך טראַכט: ווי וויט דער געניאַלסטער פון אונדז זאָל ניט באַלויכטן מיט זיין וואָרט אונדזער וועג אין די שטורעמס, איז ער אויך ווי איך, אַ מילב, אין דער אַנוועזנהייט פון דעם אייביקן און אומפאַרשטענדלעכן. די גרענעצן זיינע זענען באַגרענעצט מיט די ווערטער זיינע, און די ווערטער זיינע, און די געדאַנקען זיינע זענען ווידער און ווידער אַמאָל בלויז אומענדלעכע וואַריאַציעס אין דער אייביקער אַקסיאָמאַלער מענטשלעכער באַגרענעצטקייט. יאָ, עס

איז אַזוי, ווען איך נעם דעם אוניווערס אַלס מאָס אין מיינע קליינע מענטש־לעכע הענט. ווען איך נעם אָבער מעסטן דאָס וואָרט מיט דער מאָס פון מיין אייגענעם „איך", מיט דער מאָס פון אַ מענטשן, זע איך, אַז אפילו אַ קליין ליכטל, וואָס באַלייכט אַ קליין אָרעם ווינקל פון אַ שטיבעלע און וואָס ברענגט אַריין אַ שטראַל ליכט אין דער פינצטער־ניש, איז רעלאַטיוו פונקט אַזוי וויכטיק ווי דער גרויסער פּראָזשעקטאָר פון גיגאַנטישן ליכט־טורעם; היינט האָב איך דערפילט, אַז לייענענ־דיק בלויז פאַר איינעם, אָדער צוויי מענטשן אין דער גאַנצער וועלט, האָב איך געטראָגן אין זיך דעמזעלבן ציטער און דיזעלבע אחריות, און דעמזעלבן כח פון וואָרט, ווי ווען איך וואָלט געלייענט פאַר טויזנט טויזנ־טער. איך האָב דערפילט, אַז אפילו אין דעם פאַרוואָרפנסטן ווינקל קלאַפּט אין דעם מענטשן דער פּולס פון דער גאַנצער וועלט און רעדנדיק, און זינגענדיק צו איינעם, רעד איך און זינג צו דער וועלט . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

מאָנטיק, אין דעם טאָג נאָכן קריסטלעכן פּסח, ווען באַראַש איז אַרויסגעקומען צו דער בריק מאַלן, האָט ער דערזען אַרום זיך עטלעכע יינגלעך, וואָס האָבן געקוקט אויף אים מיט מאָדנע, פאַרשנדע בליקן. ענדלעך האָט זיך איינער פון זיי אנגענומען, וויזט אויס, מיט מוט און האָט אַ פרעג געטאָן באַראַשן צי ער איז אַ ייד. באַראַש האָט זיך פאַר־וואונדערט פון דער פלוצימדיקער פראַגע, ער האָט זיי אָבער געענטפערט, אַז יאָ, ער איז אַ ייד. די יינגלעך זענען געשטאַנען נאָך אַ ווײַלע, באַ־טראַכטנדיק אים, גלייך ווי זיי וואָלטן אים צום ערשטן מאָל דערזען, און מיטאַמאָל זענען זיי אַוועק אַלע צוזאַמען מיט חוזק־בליקן אין זייערע יינגלשע אויגעלעך. דאָס האָט באַראַשן מאָדנע באַאומרואיקט. מעגלעך — האָט ער געטראַכט — אַז די יינגלעך האָב געהערט, ווי זייערע על־טערן האָבן גערעדט וועגן אים, ווי וועגן אַ יידן, זענען די יינגלעך בייגע־ריק אָנצוקוקן דעם מיסטעריעזן מענטשן און טאַקע אויסגעפינען פון אים אַליין דעם סוד. ער האָט פּרובירט אַרגומענטירן מיט זיך און באַווייזן, אַז, אייגנטלעך, האָט דאָס געקאָנט טרעפן אפילו אין אַ יידישן שטעטל און מיט יידישע יינגלעך. באַטאָג אָבער האָט ער באַמערקט דיזעלבע יינגלעך פונדערווייטנס און אין זייערע בליקן האָט ער שוין דאָס מאָל דערזען פאַראַכטונג. צוערשט ניט דרייסט און דערנאָך דרייסטער, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שיסן אויף אים מיט קינדערישע פיילן און מיט שטיינדלעך. האָט ער פּרובירט שמייכלען און כלומרשט גוטמוטיק געדראָעט מיט דער האַנט. אין האַרצן אָבער האָבן געגראַבלט קעץ. וואָס זאָל דאָס הייסן? ווי אַזוי זאָל ער דאָס אויפנעמען, אויב ניט ווי אַנטיסעמיטיזם? זאָל ער

זאָגן, אַז אין שטעטל זענען פֿאַראַן אַנטיסעמיטן און זיי האָבן אויסגעפֿונען, אַז ער איז אַ ייִד, ווילן זיי אים ניט דאָ? ווייסט ער און ער איז זיכער, אַז אויך דאָ אין ניו־פֿאָרט זענען פֿאַראַן אַנטיסעמיטן און ניט נאָר דאָ, נאָר אין אַלע שטעט און שטעטלעך פֿון אַמעריקע זענען פֿאַראַן גענוג ייִדן־פֿרעסער, וואָס האָבן אַריבערגעבראַכט די שנאה פֿון אייראָפּע און האָבן עס דאָ קולטיווירט און איבערגעגעבן עס צו זייערע קינדער און אייניקלעך. ער ווייסט — מעג דאָס זיין דאָס גאָלדענע פֿרייע לאַנד אַמעריקע — דער ייִד טראָגט אָבער דעם אייביקן צייכן, די אייביקע געלע לאַטע, וואָס אַפֿילו די פֿרייע און פּראָגרעסיווע גייסטער פֿון לאַנד איילן זיך ניט אַראָפּצורייסן עס פֿון אייביקן וואַנדערער. פֿאַרקערט; זיי פֿאָדערן אַפֿילו, אַז דער ייִד זאָל זיין און פֿאַרבלייבן ייִדיש, טויזנט מאָל ייִדיש, מיט אַלע עקלהאַפֿטע כאַראַקטער־שטריכן, וואָס זיי שרייבן אים צו. אָט דידאָזיקע געדאַנקען זענען דורכגעלאָפֿן אין זיין מח, ער האָט אָבער ווידעראַמאָל פּרובירט צו אַרגומענטירן מיט זיך און צו באַווייזן, אַז דאָס איז זיין ייִדישע סענסיטיוויטעט, וואָס זעט אַלץ דורך שוואַרצע ברילן.

אין דעם טאָג האָט ער שוין ניט געקאָנט אַרבעטן. ער האָט צו־נויפֿגעלייגט דעם מאַלבערט און דאָס קעסטל און איז אַהיימגעגאַנגען; און אינדערהיים האָבן זיך געדאַנקען ווידער אָנגערוקט ווי אַ כמאַרע. עס זענען אַרויסגעשוואומען אין זכרון אַנדערע מאָמענטן פֿון זיין לעבן און ער האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטאָפּן די אויערן און פֿאַרשטעלן די אויגן צו די פֿאַקטן, וואָס האָבן ווי גרינער שימל געוואַקסן אַרום אים אין דער ברייטער און גרויסער אַמעריקע. האָט ער פּרובירט אויפֿנעמען די שטי־מונג און די געדאַנקען פֿילאָזאָפֿיש, פּרובירט באַזירן דעם אַנטיסעמי־טיזם אויף היסטאָרישע קאָנסעקווענצן, געלאָזט אַפֿילו אַ רעליגיעז־מיס־טישן נעפּל דורכשווימען אין געדאַנק און האַלב מיט חוזק, האַלב מיט ערנסט פֿאַרטראַכט זיך וועגן דער משיח־מיסיע, וואָס אייניקע ווילן זען אין דעם דאַרנדיקן וועג פֿון ישראל. וויפֿל ווערטער, האָט ער געטראַכט, האָט ער שוין פֿאַרשווענדט אין די ביכער זיינע און אין דעבאַטן מיט די קאָלעגן צו לייזן די פֿראַגע פֿון אַנטיסעמיטיזם; וויפֿל ביכער האָט ער שוין אַליין געלייענט וועגן דעם — ער איז אָבער קיינמאָל צו קיין לאָגישן שלוס ניט געקומען. דערפֿאַר אָבער האָבן אָט אַזעלכע איבצי־דענטן, קליינע און גרויסע, אין אייראָפּע און דאָ, געפֿירט אים אין לעבן ווי אַ פֿרעמדן אויף פֿרעמדע, אומפֿריינדלעכע וועגן און בלויז אין די אייגענע, אָפּגעצוימטע ווינקלען פֿון אייגן לעבן האָט ער געוואוסט, אַז ער לעבט זיין לעבן; אין די ווינקלען פֿון זיין הויז, אין די ווינקלען פֿון דעם „טעאַליט", אין די ווינקלען פֿון טעאַטער און איצט אין דעם ווינקל דאָ באַ סטעלאַן . . . אָבער דאָס לעבן אין די ווינקלען איז געווען ווי

אַ לעבן אין חלום — די אויפוואַכונג אין דער איינזאַמקייט איז געווען ווי אַן אויפגעריסענע וואונד.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

די ליכטיקע טעג האָבן אַ שיין געטאָן מיט האָפענונג, די שאָטנדיקע טעג האָבן אַנגעוואָרפן טרויער און צווייפל. צווייפל אין אמת, וואָס איז געווען אַזוי שווער צו דעפינירן און פאָרמולירן און צווייפל אין אייגענעם איך, וואָס האָט ניט געוואוסט ווי צו באַלאַנסירן די אייגענע טאָטן.

ער פלעגט אָפט שטיין מיט די בערשטלעך אין דער האַנט און טראַכטן; די האַנט האָט זיך ניט געצויגן מער צום לייוונט; די פאַרבן האָבן אויסגעזען פאַלש און דאָס מאָל — פאַרשוועכונג. די זון און די כמאַרעס האָבן געוואָרפן ליכט און שאָטן — אויף דער ערד און באַ באַראַשן אין האַרצן.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, אין אַ רעגנדיקן אָוונט, איז באַראַש געגאַנגען מיט גערסאַנען צום אַפּטייקער פּאַרקער.

— פאַרוואָס זאָלט איר זיך ניט באַקאַנען מיט אים? — האָט גערסאַן גערעדט — נאָך אַלעמען, ער איז דאָך אַ ייד, אפילו ווען ער האָט ניט ליב, אַז מ׳דערמאָנט אים אָן דעם.

— נו, גיי איך דאָך — האָט באַראַש געענטפערט. — נאָך אַ ייד צו דער עלנטקייט, מאַכט די עלנטקייט גרעסער, ניט אַזוי? — האָט ער זיך צעלאַכט.

— נו . . . עלנטקייט . . . ס׳זאָגט זיך אַזוי. דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך זיך אין ניו־יאָרק געפילט אָפט עלנטער ווי דאָ. כ׳פלעג טאַקע אַרויסגיין אין אָוונט אויף דער צווייטער עוועניו, צי אויף דער פערצנטער, געשטאַנען אַזוי און געקוקט אָן ציל; געשטופּט זיך דערנאָך צווישן אַרבעטער און באַמס און גלאָט ליידיקגייער; און אָט דאָרט, צווישן טומל און הו־האַ, זאָג איך אייך, האָב איך ערשט געפילט די עלנטקייט . . .

— איך האָב אויך אָפט געפילט אַזוי.

— נו, איך וויל ניט זיין קיין פּסיכאָלאָג, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז אין אייער עלנטקייט זענט איר אַליין שולדיק. איר האָט ליב די עלנטקייט, ווי אַ שיכור האָט ליב דאָס פלעשל.

— אפשר, אפשר . . . — האָט באַראַש געצויגן די ליולקע, גערסאַנס ליולקע. און פלוצים האָט ער, צו גערסאַנס איבערראַשונג, אַ זאָג געטאָן: — איר געדענקט, איר האָט מיר געזאָגט, אַז איר וואָלט

געקאָנט רעדן מיט אייער פּאַרמאַן וועגן . . . אַ דזשאָב פאַר מיר? נו, איך דענק איר קאָנט מיט אים רעדן.

— יאָ? אוי, גוט! — האָט זיך גערסאַן דערפרייט. — גוט. ענדלעך, וועט איר ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך.

— און אַזוי? — האָט באַראַש געפרעגט מיט אַ שמייכל. — אַזוי בין איך ניט אַ מענטש!

— ניט אַ מענטש? — האָט גערסאַן כמעט אויסגעשריגן. — אודאי זענט איר אַ מענטש! אָבער צופיל מענטש. איר דאַרפט זיין אַביסל מער בשר ודם, ראַש. איר וועט מיר דערלויבן צו זאָגן דעם אמת, וואָס פאַר אַן איינדרוק איר מאַכט אויף מיר? טאָ הערט: איר זענט פון דידאַזיקע מענטשן, וועלכע מ'באַצייכנט אין לעבן ווי שלים־מזלס. אַלץ, דאַכט זיך, איז באַ אייך אין אָרדענונג, אָבער עפּעס איז פאַרט דער מער מיט אייך. איר טראָגט מיט זיך, דאַכט זיך, אַ באַגאַזש מיט אוצרות און דאָך זענט איר אָרעם ווי אַ מויז. און איר לעבט ווי אַ מויז. איר באַהאַלט זיך אין אייער מויז־לאָך און איר ציטערט פאַרן שטייגל עס זאָל אייך ניט אַריינכאַפּן און קאַפּוט. איר קוקט אויס ווי אַ פּראָפעסאָר, ווי אַ קינסטלער, ווי איינער, וואָס ווייסט אַלע סודות פון לעבן און טויט, אָבער אַז ס'קומט צום אייגענעם לעבן און צו מאַכן אַ לעבן — זענט איר מהולה . . . אָט איך, ווי קום איך צו אייך, איך ווייס עס, אָבער אַ לעבן צו מאַכן בין איך מער בריה ווי איר, אפילו מיט מיינע זעכציק יאָר — ניט אַזוי?

— איך האָב געהערט אַזוי פיל אָפּשאַצונגען וועגן זיך, וועגן מיין כאַראַקטער און וועגן מיינע פיאַיקייטן, אַז נאָך איין אָפּשאַצונג שאַדט ניט. איבערהויפּט, ווען די אָפּשאַצונג איז אַן אויפריכטיקע. בלויז אין איין דעטאַל האָט איר ניט געטראָפן. איך פלעג אָפט הערן, אַז איך בין צופיל בשר ודם . . .

— נו, איך מיין אין פּראַקטישן זין דאַרפט איר זיין מער . . . פּראַקטיש. אַלזאָ, מאָרגן רעד איך מיט מיין פּאַרמאַן. דערווייל קומט אַריין, וועל איך אייך באַקאָנען מיט דעם אַפּטייקער.

זיי זענען אַריינגעקומען אין דער אַפּטייק און געטראָפן דעם אַפּטייקער אַ פאַרטיפטן אין דער צייטונג.

— האַלאָ, דאָק — האָט גערסאַן אויסגערופן.

האַלאָ, האַלאָ . . . — האָט זיך פּאַרקער אויפגעהויבן און אַנטקעגנגעגאַנגען זיי.

— דאָס איז מיסטער ראַש — האָט גערסאַן פאָרגעשטעלט באַראַשן. — אַ מאָלער און מיינער אַ גוטער פריינט.

— אָ, זייער אַנגענעם — האָט פּאַרקער אויסגעשטרעקט די האַנט.

— מיסטער גערסאַן רעדט אָפּט וועגן אייך און טאַקע ווי אַ גוטער פריינט. זיצט, זיצט . . . ווי איר זעט, איז באַ מיר היינט גאַנץ שטיל. ווען ס'רעגנט איז שטיל . . .

זיי האָבן זיך אָנידערגעזעצט און פּאַרקער האָט גלייך געכאַפּט זיך מכבד זיין זיי מיט אַ טרונק.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק . . . — האָבן ביידע, באַראַש און גערסאַן אָפּגעהאַלטן אים — מיר האָבן ערשט געטרונקען.

באַראַש האָט אַרומגעקוקט דאָס אַפּטייקל, די אַלטמאָדישע שאַפעס מיט די פאַרפלעקטע שפּיגלען, די פאַרשטויבטע פלעשלעך מיט אַלערליי טינקטורן און עקסטראַקטן און פּילן, און געטראַכט וועגן פּאַרקערן, וועגן זיינע אויגן, וואָס פאַרראַטן זיין יידישקייט און וועגן זיין מאַסקירטן, גע־בראָכענעם יידיש, וואָס קלינגט דאָך יידישלעך, מיטן יידישן טראָפּ.

זיי האָבן גערעדט וועגן דער מלחמה, וועגן דער פאַבריק, וועגן די באַזונדערע נאַציאָנאַלע שטריכן פון די אַרבעטער; דערנאָך, אָפּ־פּטרנדיק אויף גיך אַ פּאָר קונים, האָבן זיי זיך, פּאַרקער און גערסאַן, אַוועקגעזעצט שפּילן שאָך. באַראַש האָט דערווײַלע אַרומגעקוקט יעדע קלייניקייט אין דער אַפּטייק. אָפּגעשטעלט זיך באַ אַ שאַפּקעלע, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעמאָלן אַ שאַרבן מיטן אויפשריפט „פּויזאָן" — גיפט.

— דאָס איז דעם מלאך המות'עס דעפּאַרטמענט — האָט זיך פּאַר־קער אָנגערופן, באַמערקנדיק באַראַשעס אינטערעס.

— אַ פיינע קאָלעקציע . . . — האָט באַראַש געזאָגט.

— אָ, יאָ . . . — האָט פּאַרקער געפּילט ווי צו רעדן, ווען ער האָט געמאַכט אַ געלונגענעם צוג און געצוואונגען גערסאַנען צו פאַר־טראַכטן זיך. — איר הערט, מענטשן ווייסן ניט אפילו ווי גוט און באַרמהערציק די גיפטן זענען. מ'דאַרף אָבער וויסן ווי צו באַגיין זיך מיט זיי. איין קליינער אונטערשייד אין דער דאָזע און פון פאַרלייכ־טערונג, פון באַרואיקונג און באַרמהערציקייט, ווערט גרויזאַמקייט און טויט.

— אין לעבן איז אויך אַזוי — האָט באַראַש געזאָגט. — מ'כאַפּט אָפּט איבער די מאָס אין אַסך פאַלן און אומשטענדן אפילו אין די פאַלן פון גוטסקייט.

— עס איז פאַראַן נאָך אַן ערגערע זאַך ווי גוטסקייט — האָט פּאַרקער צוגעגעבן. — איך ווייס פרויען וואָס הרגענען . . . מיט ליבע. אַ קליינע דאָזע — מילא, מ'קאָן לעבן, אָבער אָפט האָבן זיי דעם מאַן אַזוי ליב, זעבען אים אַזוי געטריי אויף יעדן שריט און טריט, אַז זיי דערגייען אים ממש די יאָרן. זיי נאָגן אויס יעדן טראָפּן מאַרך פון זיינע

ביינער, זיי צאַפּן אויס יעדן טראָפּן בלוט פון זיין האַרץ — מיט ליבע . . . כאַ . . .

— דאָס רעדט ער פון אייגענער דערפאַרונג — האָט גערסאַן אַ קיבעץ געטאָן.

— שאַך . . . — האָט פּאַרקער, אַ צעפּלאָמטער, געמאַכט אַ צוג.

— און וועלכער פון די אַלע גיפטן וואָס איר האָט דאָ, איז דער געפערלעכסטער? — האָט באַראַש געפרעגט, באַטראַכטנדיק אַ קליין, רויט פלעשעלע.

— נו, דער געפערלעכסטער, וואָלט איך געזאָגט, אַז דער ציאַנ־קאַלי. עס איז גענוג אַ שמעק צו טאָן און מ׳איז אויס . . . איך האָב אָבער ניט דעם סם. עס זענען אָבער פאַראַן גוטינקע, ליבע, אָט ווי אַ פּרויס ליבע. מאָרפיום, אַ שטייגער, דיאָנין, אָפּיום, פּאַנטאָפּאָן — אַלע זענען זיי פון איין משפחה. ווייטער האָבן מיר סטריכנין און קאָראָזיוו סובלימאַט — נו, דאָס זענען פּשוט גענגסטערס — — —

— קאָן איך עפענען דאָס שאַפּקעלע און אַ קוק טאָן אויף זיי?

— האָט באַראַש געפרעגט.

— יע . . . פאַרוואָס ניט . . . אָבער פּאָרזיכטיק. קוקט און רירט זיי ניט אָן. אָט, ווי . . . מיט פרויען, אַשטייגער.

באַראַש האָט געעפנט דאָס שאַפּקעלע.

— איר האָט זיך אייער אָריגינעלע מיינונג וועגן פרויען, זע איך — האָט ער געזאָגט.

— אָ, יע . . . — האָט אים פּאַרקער געענטפערט — ווי וועגן גיפטן. אָט, איר זעט דאָס קליינע, רויטע פלעשעלע דאָרט? עס איז אָנ־געפילט מיט אַ ווייסן, פּוכקן קריסטאַל. נעמט אַ ביסעלע, גרויס ווי דאָס קעפּל פון אַ שפּילקעלע, אויף אייער צונג און ס׳וועט אייך ווערן גוט אויף דער נשמה ווי פון דעם גלעט פון אַ ליידנשאַפטלעכער צנועה, וואָס כאַפּט אייך אַרום און פאַרטראָגט אייך אין זיסן גענוס — אָט אַזוי איז ער, דער קאָקאַין; כאַפּט איר אָבער אַריבער די מאָס, איז אויס מיסטער ראַש . . .

— און וואָס וועט איר זאָגן וועגן אָט דעם — האָט באַראַש אַרויס־גענומען פון שאַפּקעלע אַ פלעשעלע מיט קליינע, ווייסע טאַבלעטן.

— אָ, מאָרפיום . . . מיט יאָרן צוריק פלעגט עס קומען אין ווייסע, פּוכקע קיילעכלעך, ווי שטיקלעך קרייד. און ווי איך פלעג ציי־טערן, ווען איך האָב באַדאַרפט אָפּוועגן אַ דאָזע מאָרפין! היינט איז דער מאָרפין אַ מדערניזירטער, אַ פּערטל גראַן, אַ האַלבער גראַן, אַ גאַנצער גראַן — צייל אָפּ וויפל דו דאַרפסט און פאַרטיק. ווען איך טראַכט וועגן דעם מאָרפין, זע איך אים, ווי אַ ווייסע, באַרמהערציקע שוועסטער,

וואָס לייגט אַרויף איר קאַלטע האַנט אויף אייער ברענענדיקן שטערן און איר ווערט אַנטשלאָפן מיט אַ שטילן שלאָף. ווען איך וואָלט געהאַט איבּ־זינען צו באַגיין זעלבסטמאָרד, וואָלט איך גענומען דידאָזיקע אומשול־דיקע טאַבּלעטקעס — מאָרפין.

— וויפל, אַשטייגער, וואָלט איר גענומען? — האָט באַראַש גע־פרעגט.

פּאַרקער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, טראַכטנדיק איבּער אַ צוג אויף דעם שאַך־ברעטל. — עס ווענדט זיך אין דער דאָזע פון די טאַבּלעט־קעס. אָבער, אַז איך וועל האַלטן דערבּיי, וועל איך זיי ניט ציילן.

באַראַש האָט אַרומגעקוקט נאָך אַ פּאָר פלעשלעך און האָט פאַר־מאַכט דאָס שאַפקעלע. ער איז צוגעגאַנגען צום טישל וואו גערסאַן און פּאַרקער האָבּן געשפּילט און גענומען נאָכפאָלגן זייער שפּיל.

עס איז שוין געווען שפּעט ווען זיי זענען אַהיימגעגאַנגען. גערסאַן איז אַוועק אין איין זייט און באַראַש אין דער צווייטער, אָבער פאַר דעם געזעגענען זיך האָט גערסאַן אַ זאָג געטאָן:

— מאָרגן אינדערפרי וועל איך רעדן מיט מיין פאָרמאַן און נאָך היינט באַנאַכט וועל איך אָנזאָגן די גוטע בשורה צו סטעלאַן. זי וועט זיך זייער פרייען, ווען זי וועט הערן, אַז איר האָט באַשלאָסן צו גיין אַר־בעטן אין דער פאַבּריק. נו, ביז מאָרגן . . .

— אַ גוטע נאַכט — — —

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

אויף דעם צווייטן טאָג פאַרנאַכט, ווען באַראַש איז אַריינגעקומען צו גערסאַנען, האָט אים גערסאַן באַגעגנט אַ פריילעכער.

— נו, באַיטשיקל, ס׳וועט שוין זיין גוט. מאָרגן גייט איר מיט מיר צו דער אַרבּעט.

— מאָרגן? שוין?

— וואָס מיינט איר „שוין״? אויף וואָס, צי אויף וועמען וועט איר וואַרטן?

— אויף קיינעם . . . — האָט באַראַש געענטפערט. — כ,האָבּ אָבער געמיינט, אַז . . . ס׳וועט נעמען עטלעכע טעג ביז איר וועט עס אַראַנזשירן.

— באַ מיר איז געזאָגט און געטאָן — האָט גערסאַן געענטפערט.

— קומט מאָרגן פאַרטאָג אַהערצו, וועלן מיר גיין צוזאַמען.

— גוט, איך וועל קומען — איז באַראַש באַשטאַנען.

דער אָוונט איז אַוועק אין אַ מאָדנער שטימונג פאַר אים. עס האָבּן אים געפרייט סטעלאַס ווייכע, שמייכלענדיקע בליקן און אין דערזעל־

בער צייט האָט עפּעס באַאומרואיקט. און ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז דער געדאַנק וועגן דעם פאַרטאָג, וועגן דער אַרבעט. אַזוי האָט ער געפילט מיט יאָרן צוריק, ווען ער איז צום ערשטן מאָל געגאַנגען אַר־בעטן צו אַ מאָלער און אַזוי האָט ער געפילט אויך איצט. ס׳איז מער ביטער, ווי זיס — האָט ער געטראַכט. די אומשטענדן זענען אָבער דער מאַסטער. ס,איז אָדער אַרבעט, אָדער הונגער — קיין אַנדערער וועג איז ניט פאַראַן. אָבער ניט דער געדאַנק וועגן דעם פיזישן פּראָ־צעס פון אַרבעט האָט אים געשראָקן, עס האָט אים געשראָקן דער אי־בערברוך, די נייע סביבה וואוהין ער גייט, און דער שקלאַפישער מעכאַ־ניזירטער גייסט פון וועלכן ער אַליין וועט ווערן אַ געהאָרכזאַם שרייפעלע. און ווען סטעלא האָט דערפילט זיין שטימונג און האָט אים געפרעגט וואָס עס באַאומרואיקט אים, האָט ער פאַרמאַכט די אויגן אויף אַ ווײַלע, אָנ־גענומען איר האַנט און געגלעט זי. און עס האָט אים ניט געאַרט, וואָס גערסאַן זעט עס און שמייכלט מיט פאָטערלעכער הנאה אונטער די גרויע וואָנצעס.

זיי האָבן אין דעם אָוונט געלייענט די צייטונג און באַראַש האָט האַלב־שפּאַסיק, האַלב־באַפעלעריש געצוואונגען סטעלאַן, אַז זי זאָל אויך לייענען. האָט זי געלייענט און איר אויסשפּראַך אין יידיש האָט געגלעט באַראַשעס אויער מיט איר ווייכקייט און ריינער דיקציע.

פאַר דעם אַוועקגיין, האָט זי אים באַגלייט צו דער טיר און געזאָגט:

— איך האָף, אַז דער געדאַנק וועגן מאָרגן האָט אייך ניט איבער־געשראָקן און אין וועט ניט אַנטלויפן פון אונדז.

אויף אַ רגע איז ער געבליבן שטיין אַ געפלעפטער און ניט גע־וואוסט ווי אויפצונעמען איר פּלוצימדיקע באַמערקונג. ער האָט זיך אָבער גלייך באַהערשט און געענטפערט:

— ווען איך אַנטלויף, לויף איך ניט פון דעם מאָרגן. ווען איך אַנטלויף, לויף איך פון דעם מענטשן. דער נעכטן און דער היינט און דער מאָרגן זענען סיי ווי ענג פאַרבונדן. מ׳קאָן זיי ניט פאַנאַנדערטיילן. איך ווייס עס שוין.

— און דער מענטש? איז ער דען ניט אין נעכטן, אין היינט און אין מאָרגן? איז ער ניט אַריינגעפלאָכטן אין זיי? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ — האָט ער געענטפערט. — ער איז געפלאָכטן און גע־בונדן מיט די טעג, מיט די נעכט און מיט די יאָרן . . . און איך ווייס שוין איצט, אַז פון דעם מענטשן קאָן מען אויך ניט אַנטלויפן . . . און . . .

— און דאָך אַנטלויפן מיר — האָט זי פאַרענדיקט זיין געדאַנק.

— און דאָך אַנטלויפן מיר — האָט ער ווידערהאָלט אירע ווערטער.

— וואָלט איר אַנטלאָפן . . . פון מיר?

— ניין, איך גלויב, אַז ניין.

— נו, אויב אַזוי, נאַט אייך אַ קוש — האָט זי אים אויף גיך אַ קוש געטאָן און אויף גיך פאַרמאַכט די טיר.

ער איז געבליבן שטיין מיט געמישטע געפילן און געדאַנקען, אָבער איין געדאַנק האָט ווי אָנגעקלאַפּט אין מח: ווייסט זי? ווייסט זי עפּעס וועגן מיר? צי איז דאָס געווען בלויז אַ צופאַל אין אירע רייד? . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

באַראַשן איז געווען פריקרע אַריינצוגיין אין אָפּיס פון דער פאַבריק. ער האָט שוין ניט איין געדאַנק געכאַוועט און געטריבן — געדאַנקען, וואָס האָבן דערמוטיקט און געדאַנקען וואָס האָבן געחוזקט, געקיבעצט און אויסגעלאַכט. די פּיינלעכסטע מינוטן זענען אָבער געקומען, ווען מ׳האָט אים געגעבן אויסצופילן די אַפּליקאַציע. ער האָט דערזען, אַז פון דעם ערשטן וואָרט אָן — דער נאָמען — וועט ער דאַרפן געבן פאַלשע, ליגנערישע אינפאָרמאַציע. אויף אַ מאָמענט איז אים געקומען אויפן געדאַנק אַוועקצולייגן דאָס קאַרטל און פאַרלאָזן אומבאַמערקטערהייד דאָס צימער, האָט ער זיך אָבער גלייך דערמאָנט אַן געראַנגען און אַן סטעלאַן און ער האָט געוואוסט, אַז אויך זיי וועט ער דאָך ווידער דאַרפן דערציילן אַ ליגן — האָט ער באַשלאָסן דורכצוגיין אַלע פּיינלעכע פראַגן ביז צום סוף און וואָס עס וועט געשען, וועט געשען. האָט ער געענטפערט: דער נאָמען ב. ראָש, צוויי און פערציק יאָר אַלט, פון יידישן גלויבן, ניט פאַרהייראַט, און אַזוי אַלע פראַגן ביז צום סוף. דאָס קאַרטל האָט געבריט די פינגער און ווען ער האָט עס איבערגעגעבן דעם אָפיס־מיידל, האָט ער געפילט, גלייך ווי ער וואָלט איר ערשט געגעבן אַ פעקל פאַלשע אַסיגנאַציעס.

— מיר וועלן אייך לאָזן וויסן — האָט ער דערהערט און, ווי אַ באַפרייטער פון אַ תפיסה, איז ער אַרויס אינדרויסן, דערפילט זיך לייכטער און די האָפענונג, אַז מ׳וועט ניט אָננעמען די אַפּליקאַציע, האָט אים אויף אַ רגע דערפרייט, אָבער בלויז אויף אַ רגע.

אין דעם טאָג האָט ער ניט געאַרבעט. ער איז געזעסן בא זיך אין צימער, צוגעהערט זיך צו דער ראַדיאָ, געהרויכערט און פאַרשריבן אין טאָג־בוך:

„. . . היינט האָב איך אויסגעפילט אַן אַפּליקאַציע אין דער פאַבריק. ליגן, שקר וכזב פון אָנהייב ביזן סוף. טראַכט איך איצט: אַז אויב מיין לעבן דאָ איז אינגאַנצן באַזירט אויף ליגן — וואָס דאַרף איך אַזאַ לעבן? און אויב איך האַלט זיך נאָך אָן אַן אַזאַ לעבן פון ליגן, טאָ פאַרוואָס האָב איך געדאַרפט אַנטלויפן פון פריערדיקן לעבן? און פאַר־

וואָס, אויב אַזוי, אָפּזאָגן זיך פון דעם, וואָס קאָן מיך דאָ באַפרידיקן דורך ליגן, פאַרוואָס שוין ניט פירן דעם ליגן ביזן גרונט, ביזן סוף, ביז דער אומענדלעכקייט? וועט דען אַ גרעסערער ליגן זיין שווערער אויף דעם געוויסן, ווי דער ליגן ביז איצט? צי אפשר האָב איך מורא פאַר די קאָנסעקווענצן?

„ווייזט אויס, אַז דאָס פּינטעלע געוויסן דערלאָזט ניט. ווייזט אויס, אַז איך וועל שוין פאַרבלייבן אַ ליגנער בלויז אין די רייד, אָבער ניט אַ ליגנער צום געוויסן. אַ־אַ! דאָ ליגט, דאַכט זיך מיר, דער שליסל צו מיין „פיינקייט" און „באַבלקייט" — אַ ליגנער אין וואָרט, אָבער ניט אין געוויסן. אָרעם וואָרט! איך האָב דיך, דאַכט זיך, אַזוי פיל מאָל געבענטשט און גערופן דיך געטלעך געשאַנק און געטלעכער פונק און איצט — זע: דעם געוויסן שטעל איך העכער, וויכטיקער פון דיר..."

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

אין דעם טאָג וואָס בעראַש האָט געקראָגן דעם ענטפער, אַז ער זאָל קומען צו דער אַרבעט, איז ער אַרומגעגאַנגען אַ נערוועזער און אַ שווייגנדיקער. פאַרנאַכט צו איז ער אַריינגעקומען צו סטעלאַן און געטראָפן זי לייענען זיינעם אַ בוך. דאָס האָט אַביסל דערהויבן זיין שטימונג, איבערהויפּט נאָך דעם, ווי זי האָט אויסגעדריקט איר באַגייסטערונג מיט איינער פון די נאָוועלן אין בוך.

— איך וואָלט געוואָלט קענען דעם שרייבער — האָט זי אַ זאָג געטאָן און האָט פאַרמאַכט די אויגן.

— צוליב וואָס? — האָט ער געפרעגט.

— צו געווינען זיין פריינדשאַפט.

— אָ, — האָט בעראַש אַ שמייכל געטאָן — איר זענט אַמביציעז.

— נו, ניט צוליב אַמביציע . . . ס'איז צוליב . . . ווי זאָל איך עס דעפינירן . . . ס'איז צוליב זעלבסט־אינהאַלט, זעלבסטווירדע און דרייסטקייט אפילו. אָט, זיין העלד דאָ איז אַ מענטש מיט אַזוי פיל גלויבן אין דער גערעכטיקייט פון מענטש. ער גלויבט — ער איז דער טרובאַדור פון לעבן. זיינע ווערטער שאַלן מיט אַזוי פיל מוטיקייט, מיט אַזוי פיל אַנטשלאָסנקייט, מיט אַזוי פיל ווילן און אין דערזעלבער צייט מיט אַזוי פיל טרייסט, אַז ס'ווילט זיך נאָכפאָלגן אַזאַ מאַן און גיין מיט אים שפּאַן אין שפּאַן.

— אייער באַגייסטערונג פאַר דער נאָוועלע פאַרשטיי איך, אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיטן שרייבער?

— וואָס מיינט וואָס עס האָט צו טאָן מיטן שרייבער? — האָט זי זיך פאַרוואונדערט — דענקט איר דען, אַז אַ שרייבער, וואָס קאָן

אונדז געבן דאָס געשטאַלט פון אַזאַ פּערזענלעכקייט, איז אַליין אין כאַ־ראַקטער אַנדערש, ווי דאָס געשטאַלט?

— עס איז שוין פון לאַנג באַשטעטיקט געוואָרן דאָס פּאַרקערטע. איך מיין ניט צו זאָגן, אַז ס׳איז אַקסיאָמאַל אַזוי. מיר זעען אָבער אָפט ווי דער נעגאַטיווער מענטש־שרייבער גיט אונדז אָפט געשטאַלטן פון פּאָזיטיווע העלדן. אין דעם איז אָפט שולדיק בלויז דער טאַלאַנט, סטעלאַ. אַ שרייבער, וואָס האָט אַ גוט פּסיכאָלאָגיש אויג, אַ פּאַרשטענדעניש פון לעבן, אַ פיינע פאַרשטעלונגס קראַפט, קאָן ער שאַפן דאָס פּיקטיווע גע־שטאַלט, כאָטש איך מוז צוגעבן, אַז אָפט, אין פּראָצעס פון שאַפן, ברויזן אויף אויך אין דעם שרייבער די באַבלסטע געפילן און דער באַגער צו העלדנטאָטן אפילו. ס׳איז אָבער ליידער דער גוטער וואונטש זיינער, וועלכן ער קאָן ניט פאַרווירקלעכן אין לעבן. און דערפאַר . . . דער־פאַר, אפשר, באַשאַפט ער זיי אין בוך. ווי גוט עס וואָלט געווען דער וועלט, ווען יעדער דיכטער וואָלט געווען אין לעבן דער פּראָטאָטיפּ פון זיינע אידעאַלע, פיקטיווע געשטאַלטן.

— איר רעדט איצט אַביסל ציניש, וואָלט איך געזאָגט, ראָש.

— ס׳איז ניט אַביסל, ס׳איז אַסך.

— אַ שטימונג אַזאַ, מסתמא?

— אַ שטימונג אַזאַ, מסתמא . . .

— וואָס ווידערהאַלט איר מיינע ווערטער?

— איך באַשטעטיק בלויז.

— וואָלט איר . . . וואָלט איר . . . — האָט זי ניט פאַרענ־דיקט.

— נו, וואָס פאַרענדיקט איר ניט? — האָט ער געפרעגט.

— אַ . . . . — האָט זי אַ גלעט געטאָן זיין האַנט — גאָרניט, אייגנטלעך.

— זאָל איך פאַרענדיקן פאַר אייך? — האָט ער געפרעגט.

— הממ . . . אַז איר ווילט.

— איר האָט געוואָלט זאָגן: וואָלט איר געוואָלט אָדער געקאָנט זיין אַזוי ווי דער העלד פון דער באַוועלע?

זי האָט ניט געענטפערט, בלויז געשמייכלט.

— איר זעט, כ׳האָב געטראָפן — האָט באַראַש געזאָגט. — נו, איר ווילט דאָך, מסתמא, אויך מיין ענטפער, וועל איך אייך ענטפערן. ווען מיר לעבן דורך עפּעס אַ חלום, איז די איבערלעבעניש שטענדיק שאַרפער, איינדרוקספולער, טיפער — ס,איז אָבער ניט רעאַל. די האַנד־לונג פון בוך, וואָס גייט דורך אין אונדזער מח איז אויך ניט רעאַל. אָפט קומען פאַר אין לעבן טיפערע דראַמעס און טראַגעדיעס, און ס׳דרייען

זיך אַרום אויף די גאַסן מענטשן, טרעמפּס אַפּט, מיט מער גייסט און פייער און פּראָטעסט און נאַבלקייט אין זייער נשמה, ווי אין דער נשמה פון דעם העלד פון דער נאָוועלע; אָבער די שנעל־לויפנדע געשעענישן און די קאָלאָסאַלע דיספּראָפּאָרציע פון טאַט אין גרויען כאַאָס, דאָס אַלעס פאַרטונקלט און פאַרטושירט אַט דידאָזיקע לעבעדיקע מענטשן, אַפּט אמתע העלדן פון טאַט און קיינער זעט זיי ניט און קיינער באַמערקט זיי ניט, ווייל זיי זענען רעאַל. און זאָגט דעם אמת, סטעלאַ, וויפל מאָל האָט איר געוויינט איבער אויסגעטראַכטע, סענטימענטאַלע און באַנאַלע סי־טואַציעס אין די קינאָס?

— יאָ, איך גיב עס צו. מיר דאַכט זיך אָבער, אַז מיר דערקאָ־נען און מיר וויסן ווי אָפּצושאַצן דעם אמת־אידעאַלן מענטשן, ווען ער שיינט אַרויס מיט זיין וואָרט און טאַט.

— אָפּט איז דער גייסטרייכסטער פון דעם המון — אַ פּאַרזענליש אין אונדזערע אויגן. און דער, וועמען מיר טיילן אויס פון דער גרוי־סער מאַסע ווי דעם גייסטרייכסטן, איז גאָר אַן אויסוואורף, אַ מערדער, אַ משוגענער.

— אויב אַזוי, זענען מיר דאָך זיכערער מיט די העלדן פון די ביכער.

— יאָ, דאָס זאָג איך טאַקע. מיר זענען זיכער מיט די העלדן פון די ביכער, אָבער ניט מיט די קינסטלער, וואָס האָבן באַשאַפן די העלדן.

— אייער מיינונג וועגן קינסטלער איז ניט זייער אַ געהויבענע.

— דער קינסטלער איז אויך אַ מענטש און מיין מיינונג וועגן מענטש איז אפשר ניט זייער אַ געהויבענע.

— מיר כאַפּן אפשר איבער די מאָס אַביסל . . . — האָט זיך סטעלאַ אויפגעהויבן צו מאַכן קאַווע — ס'איז אָבער פאַראַן אַסך אמת אין אייערע רייד. אַט האָב איך היינט געהערט אויף דער ראַדיאָ יאָ־האַכימען. ער האָט גערעדט וועגן אונדז יידן. איך האָב ממש געציי־טערט ווי אין פיבער, ווען ער האָט דערמאָנט דאָס וואָרט ייד. גאָט מיי־נער — האָב איך זיך געטראַכט — ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אין אַזאַ פריי לאַנד זאָלן ווערן אַזעלכע פאַרביטערטע, בלינדע, בלוטדורשטיקע מענטשן. ווי איז דאָס מעגלעך . . .

— דער זין פון פרייהייט איז אָפּט אין דער פאַרגוואַלטיקונג פון פרייהייט — האָט באַראַש געענטפערט.

סטעלאַס עמאָציאָנעלער אויסדרוק האָט אים מיטאַמאָל אַ טראָג געטאָן צו אַדאַן . . . אַט אַזוי פלעגט אויך אַדאַ רעאַגירן, ווען עס פלעגט איר אויסקומען צו רעדן וועגן יאָהאַכימען און וועגן דער פאַרפאָלגונג אויף יידן אין אַמעריקע.

— קומט אַהער, סטעלאַ — האָט ער זי צוגערופן צו זיך.

זי איז צוגעגאַנגען און געבליבן שטיין לעבן זיין שטול. האָט ער זי אַרומגענומען מיט איין האַנט און האָט געזאָגט:

— איך בין עלטער פון אייך און איך האָב זיכער אַסך מער געזען און דורכגעלעבט. און איך בין אפשר איינער פון דידאָזיקע, וואָס גייען אַרום מיט הערצער אָנגעפילט מיט אויפרייס־שטאָף און זיי ווערן ניט אויפגעריסן בלויז דערפאַר, ווייל עס ליגט אין די הערצער אויך דער רחמנות צו דעם מין מענטש. אָבער ווי צו ענטפערן אויף אייער פראַגע, ווייס איך ניט. דאָס לעבן איז טיף און אומפאַרשטענדלעך און מ׳קאָן עס ניט אויסשעפּן מיט פראַגן און מיט ענטפערס.

ער האָט צוגעטוליעט זיין קאָפּ צו איר ברוסט.

— אָט דאָ, מיט מיין קאָפּ באַ אייער ברוסט איז נעענטער און בע־סער. איך הער אייער האַרץ קלאַפּן און עס קלאַפּט ווי מיינס — אָט די־דאָזיקע נאָענטקייט פון הערצער דאַרף זיין די טרייסט . . .

— עס דאַרף זיין די טרייסט . . . — האָט זי נאָכגעזאָגט זיינע ווערטער.

עס האָבן זיך דערהערט גערסאַנס טריט הינטער דער טיר.

— דער פּאַ . . . פון דער אַרבעט . . . — האָט זי געזאָגט און איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט פלאַם אין די באַקן . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

עס איז אַריבער אַ וואָך און עס איז גאָרניט געשען, חוץ דער נייער רוטין אין דער פאַבריק. עס איז אים געווען שווער אויפצושטיין אין די פאַרטאָגן, כאָטש די פאַרטאָגיקע אויפגייענדיקע זון האָט אים אָנגע־פילט מיט עפּעס אַ דאַנקבאַרקייט צום לעבן און צו דער נאַטור. אַ דער־פרישטער האָט ער געשפּאַנט צום רעסטאָראַן און פון דעם רעסטאָראַן צו דער פאַבריק. און דאָרט האָט אים באַגעגנט דאָס פאַרטויבנדיקע קלאַ־פּעריי און זשומעריי פון מאָטאָרן און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז טויזנ־טער גיגאַנטישע הערצער האָבן אַלע מיטאַמאָל גענומען אויסקלאַפּן דעם טעמפּאָ, דעם פּולס פון לעבן און אין דעם קלאַפּ פון די מעטאַלענע הער־צער איז פאַרלוירן געגאַנגען דאָס קלאַפּן פון אייגענעם האַרץ און אין דער גרילצעריי און קוויטשעריי פון די זעגן האָט דער געדאַנק אַ צע־טומלטער פאַררוקט זיך טיף אין מח און בלויז די הענט און די פיס האָבן ווי געהאָרכזאַמע גלידער פון אַ ראָבאָט געדריקט און געשלעפט אויטאָ־מאַטיש די קופּערנע פאַסן, ווי קופּערנע צונגען פון דער שטאָלענער באַ־שעפעניש, פון דער בלינדער מאַשין.

ווי אַ פאַרנעפּלטער איז ער געשטאַנען די ערשטע פּאָר טעג און גערעדט צו זיך אַליין, וואונדערנדיק זיך, ווי ער קומט צו אָט דער קאַל־

טער מאַשין, ער, וועמעס אויפגאַבע אין לעבן איז געווען אויסצולעבן זיך אין שאַפן. איינס־צוויי, איינס־צוויי, האָבן זיך זיינע הענט און דער גאַנ־צער קערפּער געוויגט אין מעכאַנישן, ראַבאָטישן ריטם . . . איינס־צוויי, איינס־צוויי . . . דאָסזעלבע, דאָסזעלבע מינוט נאָך מינוט, שעה נאָך שעה. טאָג נאָך טאָג. דאָך האָבן די טעג אָנגעהויבן צו וועקן אין אים אַן אומבאַוואוסטזיניקן שטאָלץ מיט זיך, אַ שטאָלץ, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אים ניט מיט זיינע אייגענע ווערטער, נאָר אין די ווער־טער פון גערסאנען און פון סטעלאַן.

— ס׳וועט אַוועק אַ שטיקל צייט — האָט אים גערסאַן איינמאָל געזאָגט — און איר וועט דערפילן, אַז אייער שייכות צו דער וועלט ליגט ניט אין אייער אינדיווידועלער פּראַצע, נאָר אין דער געמיינשאַפטלע־כער אַרבעט פון כלל.

— איר רעדט דאָך ווי אַ סאָציאַליסט — האָט באַראַש באַמערקט און עס האָט זיך אים געוואָלט שמייכלען פון גערסאַנס גוטער כונה זיינער, צו נעמען אַן אומפּראָדוקטיוון, אָרעמען אינדיווידואַליסט און באַקערן אים צו דער אידייע פון קאָלעקטיוויזם.

— וואָס דען, מיינט איר, בין איך? — האָט גערסאַן סימולירט אַ באַליידיקטע מינע — וואָס דען, מיינט איר, איך בין אַ פּאַריזט? איך בין מיין גאַנץ לעבן געווען אַן אַרבעטער, אפילו בא מיין טאַטן אין הויז און איך האָב שטענדיק געמאַכט אַ לעבן פון ערלעכער, פּראָדוקטיווער פּראַצע.

— איך צווייפל ניט אין דעם — האָט באַראַש געזאָגט. — פּשוט . . . אייערע ווערטער האָבן מיך געפּאַקט ניט צוגעגרייטערהייד, אַזוי צו זאָגן. איר רעדט אַזוי זעלטן וועגן אייערע סאָציאַלע אַנשויאונגען.

— וואָס זשע, איך דאַרף טראָגן אַ רויט פענדל מיט זיך, צו וואָס? און איר רעדט אַסך וועגן אייערע אַנשויאונגען און וועגן . . . אייער לעבן? איר וועט מיך אַמאָל פּאַקן אין אַ שטימונג, וועל איך אייך גאַנצע געשיכטעס דערציילן וועגן מיין אַרבעט אין בונד. אפילו נאָך ווי אַ ישיבה־בחור האָב איך שוין געטראָגן אין זיך סאָציאַלע אידייען, און לאָמיך אייך זאָגן — איך בין געווען אַ יאָט אַ ברען און . . . ווען איך בין ניט אַזוי אַלט, וואָלט איך אפילו דאָ אין דער פאַבריק באַוויזן אַז איך טויג נאָך פאַר אַרבעט. דאָ אין פאַבריק, מיינט איר, שלאָפט מען? קוקט זיך צו, ברודערקע, וועט איר זען.

— איך צווייפל ניט, אַז מ׳שלאָפט ניט. אַזוי פיל אַרבעטער קאָ־נען ניט אויפנעמען די רוטין פון אַ לעבן גלייכגילטיק און געהאָרכזאַם און קיינמאָל ניט רעאַגירן אויף דעם. עס איז אַ וועלט פאַר זיך און עפּעס מוז אודאי ברויזן אין דעם וועלטל, כאָטש די ניט־פאַרבונדנקייט

מיט דער ברייטער, פאַרצווייגטער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג מוז אודאי אָפּהאַלטן דעם פּראָגרעס פון דער אַרבעט — עס איז דאָך דערווײַלע ניט אַ יוניאָן פאַבריק —

— זעט איר, אין דעם זענט איר גערעכט. מיר זענען אָפּגעריסן פון דעם פּראָלעטאַרישן קערפּער, אַזוי צו זאָגן, מיר זענען זיך אַ ווינקל פאַר זיך און צו די צרות איז די באַפעלקערונג דאָ אַ געמישטע און אַן אָפּגעשטאַנענע. ס׳וועט אָבער ניט העלפן. אַז דער וואָרעם כאַפּט זיך אַריין, בויערט ער אָפּט צו דעם סאַמע האַרץ. מיר האָבן שוין דאָ געהאַט אייניקע יאַטלעך, וואָס האָבן פּאַרזייט דאָ און דאָרט אַ ביסל טראָבל, ס׳איז אָבער גאָרניט אַרויסגעקומען פון דעם.

גערסאָן און באַראַש האָבן אָפּט גערעדט וועגן דער פאַבריק און באַראַש האָט ווידער דערפילט אין זיך דעם אינערלעכן קאַמף, וואָס האָט אים אַזוי אָפּט געפּייניקט — דער קאַמף צווישן געדאַנק, וואָרט און אַקציע. אין דידאַזיקע טעג האָט ער אין זיין טאָג־בוך פאַרשריבן:

„. . . נו, אודאי טראָג איך און איך האָב שטענדיק געטראָגן אין זיך די פּאָטענציעלע פונקען פון רעוואָלט קעגן דעם אומרעכט אין דער וועלט. אָבער אַזוי פילט יעדער דענקענדער, פּראָגרעסיווער מענטש. נו, אודאי באַזיץ איך די אַטריבוטן פון אַ בונטאַר און אַ קעמפער, זיי ליגן אָבער אין מיר, ווי עס ליגן די העלדן מיינע אין די נאָוועלן. זיי לעבן און זיי זענען ניט רעאַל. זיי רעדן און זייער רעדן איז ווי אויסגעטראַכט. און ניט נאָר מיינע העלדן, נאָר די העלדן אין דער ליטעראַטור, אין אַלגעמיין. זיי קאָנען ניט זיין רעאַל, זיי קאָנען ניט אַרויסמאַרשירן פון צווישן די טאָוולען און איבערנעמען די וועלט. זיי זענען די פּראָדוקטן פון אונדזער פאַנטאַזיע. איך האָב זיך אָבער שטענדיק געטרייסט און איך טרייסט זיך אויך איצט מיט דעם געדאַנק, אַז מיין וואָרט און מיין פען קעמפן אויך, קעמפן קעגן דעם אַלטן, פאַרשימלטן, היפּאָקריטישן און פאַרשקלאַפטן שטייגער פון לעבן. מיין וואָרט ווערט אָבער ניט דערטראָגן אַזוי נאָענט און אַזוי טיף, אַז ס׳זאָל וועקן. וואָרן ווער האָט געהערט מיינע ווערטער פון קאַמף און ווער הערט זיי איצט? און ווי לאַנג דויערט אַ וואָרט אין מח און אין דער נשמה? אַ וואָרט וואָלט אָפּט באַדאַרפט ווירקן ווי דער שאָס פון אַ רעוואָלווער, ווי דער אויפרייס פון אַ באָמבע . . . ניין, ניין, ניין! איך וואָלט ניט געוואָלט אַזעלכע ווערטער. און איך ווייס, אַז אַ וואָרט, וואָס ווערט פאַרזייט, בלייבט אָפּט ליגן ווי זריעה אין באָדן און ס׳קומט דער טאָג און דאָס פאַרזייטע גייט אויף ווי גאָלדענע זאַנגען. אָבער עס נאָגט מיך און עס פּייניקט מיך דער גייסט פון שטורעמדיקן טאַט; ער לאַכט און חוזקט פון מיין וואָרט, פון מיין אידעלער עסטעטישקייט, פון מיין ליטעראַרישער בונטאַרישקייט, פון

מיין קאַמף אין דער פאַנטאַזיע מיינער . . . ער לאַכט, און חוזקט און פּאָדערט בלוט! . . . בלוט . . . האָב איך אָנגעשריבן. און איך ווייס ניט צי דאָס איז דאָס אמתע, טיף־אמתע וואָרט פאַר דעם, וואָס וויל זיך אויסלייזן אין מיר דורך טאָט. בלוט . . . ווי לייכט עס האָט אַ שפּריץ געטאָן פון אונטער דער פען . . . בלוט . . .״

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

די ליכטיקע טעג און די לבנהדיקע נעכט פון מאַי האָבן דערמאָנט באַראַשן אן די אַמאָליקע, כמעט פאַרגעסענע טעג און נעכט אין אוקראַינע. די אַרבעט אין דער פאַבריק איז געוואָרן היימישער און לייכטער און די אַרבעטער נענטער און פאַרשטענדלעכער; סיי דער נאָך ניט־אויסגע־גרינטער פּאָליאַק און איטאַליענער, סיי דער איירישער און נעגער — אַלע האָבן זיי ווי איין קערפּער געטראָגן אין זיך דעם קאָאָרדינירטן גע־דאַנק וועגן אַרבעט, די זיטן אָבער און די שטימונגען זענען געווען פאַר־שידן. איעדער מיט זיין ליד, און איעדער מיט זיין וואָרט, און איעדער מיט זיין טרויער און פרייד — אָבער אַלע צוזאַמען האָבן זיי, אונטער דעם געקלאַנג פון מעטאַל און אין דעם זינג־זאַנג פון די זעגן, געשאַפן די אַמעריקאַנער ראַפּסאָדיע. באַזונדער — איז איעדער פון זיי געווען אַ פאַרמאַכטער סוד פאַר באַראַשן.

די ערשטע פאַר וואָכן האָט ער געאַרבעט צוזאַמען מיט גערסאָנען, אָבער דערנאָך האָט מען גערסאָנען איבערגעפירט אויף באַנאַכטיקע שטונדן. גערסאָן האָט זיך ניט באַקלאָגט. פאַרקערט, באַראַשן האָט זיך אויס־געוויזן, אַז ער איז צופרידן וואָס עס קומט אים אויס צו אַרבעטן אין די שפּעטערע שטונדן פון דער נאַכט.

— וואָס דאַרף איך די נעכט? — האָט ער געטענהט. — די על־טער לאָזט סיי ווי ניט שלאָפן . . . דערפאַר לעב איך מער . . . אי באַטאָג, אי באַנאַכט.

סטעלאַ איז באַטאָג געווען פאַרנומען מיט אירע שילערינס און פאַר־נאַכט האָט זי געקאָכט, גערוט און געלייענט. אין דידאָזיקע אָוונטן האָבן ניט־אויסגעשעפּטע פאַרלאַנגען געטראָגן באַראַשן צו איר. עפּעס סענ־טימענטאַל־מעלאַנכאָלישעס האָט געווייעט פון די בערג און די געשפּרעכן מיט איר אויף דער קאַנאַפּע באַם פענצטער האָבן געצונדן אין אים בלויע פייערלעך. אָפט זענען זיי געזעסן, די פינגער זייערע פאַרפלאָכטן, גע־קוקט אויף דעם אויסגעשטערנטן הימל און געטראַכט יעדער באַזונדער, די אייגענע, ניט־אַנטפּלעקטע געדאַנקען. און באַראַש, קוקנדיק אויף דעם רויך פון דער ליולקע, האָט געזוכט אַן ענטפער אויף פראַגן, וואָס האָבן זיך ווי רויך געקרייזלט אין זיין מח. און אין דעם נעפּל פון פראַגן האָט

די ליולקע געשוועבט פאַר זיינע אויגן ווי אַ סימבאָל פון אַ תקיעת־כּף, וועמעס זין ער האָט ניט געוואָלט אַנטפּלעקן אפילו פאַר זיך זעלבסט. אָבער אין אַן אָוונט, ווען אַלץ אין צימער האָט אויסגעזען ווי באַהערשט און פאַרכישופט פון שוועבנדע לבנה־גייסטער, איז דעם אָוונט האָבן איינציקע ווערטער, סיי זיינע, סיי אירע, געשוואומען פון האַרץ צו האַרץ — ווערטער, ניט־דערזאָגטע, סובטעלע, דינע, ווי ווייסער שוים, וואָס קומט פון דער טיפעניש — שוים, מיט וועלכן מ'קאָן בלויז באַנעצן די דורשטיקע ליפּן, אָבער ניט אַנטרינקען זיך.

די שטילקייט פון דעם אָוונט איז געשטאַנען ווי אַ טונקעלע, בלויע וואַנט; אַ וואַנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט פון דער איבעריקער וועלט, און אין דער שטילקייט האָט עפּעס אַ דערוואַרטונג געכוואַליעט דאָס בלוט . . . און אין דער דערוואַרטונג איז דער שוים פון בלוט צעגאַנגען און צעשוואומען געוואָרן אויף די דורשטיקע, ברענענדיקע ליפּן . . . און ווערטער, איינציקע ווערטער בלויז זענען ווי קאָלירפולע באַלונען געשוואומען אין דער טונקלקייט פון האַרץ צו האַרץ . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

די נאַכט האָט געשלאָגן מיט הייסן שטורעמווינט אין זיין פּנים, כאָטש אין זיין צימערל איז געווען קיל און די בלומען אין דעם וואַזאָן באַם אָפענעם פענצטער האָבן זיך געוויגט אין באַנאַכטיקן ווינטל. ער איז געזעסן באַם טיש מיט דער פען אין האַנט און די געדאַנקען זיינע האָבן זיך, ווי שטעכיקע חוזק־פולע בליקן, געלייגט אויף דעם פּאַפּיר:

„. . . וואָס טראָגט עס דיך ווי אויף פלאַמעדיק־שטורעמדיקע כוואַליעס, פייגלינג? איז דאָס דערפאַר אפשר, וואָס דיין מענטשלעכקייט און דיין געוויסנהאַפטיקייט האָט געזיגט אין דיר אין די מינוטן, ווען אין דיינע אָרעמס איז געלעגן דער צאַפּלדיק־וואַרעמער קערפּער פון אַ יונגער פרוי, וואָס האָט ווי אַן אָפענע בלום געשלונגען דיין אָטעם און דיינע קושן און איז געווען גרייט צו פאַרשווינדן מיט דיר אין דער אייביקייט פון רגעס? איז דען אין דער רגע פון אָפּרייסן זיך פון איר באמת געווען געוויסנהאַפטיקייט און מענטשלעכקייט? מענטשלעכקייט צו וועמען? צו איר, וואָס האָט אין דעם מאָמענט געברענט מיט פייער פון בראשית? אָ, אָדם, אָדם! אין דיינע אָרעמס איז געלעגן די אייביקע חוה און די זאַפטיקע עפּל אירע האָבן געוואָרט אויף דעם ביס פון דיינע ציין . . . ווי צוויי שלאַנגען האָבן זיך אירע צעפּ געוויקלט אַרום דיין האַלדז און געלאַשטשעט די באַקע דיינע מיט זיידענע פונקען . . . ווי צוויי אַנגעצויגענע סטרונעס האָבן אירע פיס וויברירט אונטער דיינע הענט און אירע אָרעמס האָבן ווי צוויי ווייסע פליגל געפלאַטערט באַ דיין הייסן

פנים . . . און די רגע, די רגע איז געווען אַזוי נאָענט . . . רעדסטו פון געוויסנהאַפטיקייט און מענטשלעכקייט און עס פרייט זיך דיין אָפּגענאַרטער איך מיט פאַלשן זיג איבער זיך אַליין און מיט דעם צעשטערטן חלום פון אַ פרוי ?!

„אָ, אָדם, אָדם! הער ווי דער אָפּגענאַרטער איך וויינט אין איר און איר דיר: . . . פאַרוואָס האָסטו מיך באַרויבט פון גענוס? פאַרוואָס האָסטו מיך ניט געלאָזט אויסברענען ווי אַן אָנגעצונדענער ראַקעט און באַלויכטן מיין הימל מיט אויסגעחלומטע שטערן? פאַרוואָס האָסטו געלאָזט אונדזערע נשמות וויגן זיך אין ווינט פון צעפלאַקערטן כאַאָס? אָבער באַרואיק זיך, באַרואיק זיך, מענטש. ס'איז מיין קלאָרער געדאַנק, וואָס דאַרף מיך ווי אַ געעפנטער און אָנגעצויגענער פאַראַשוט אַראָפּברענגען צוריק צום באָדן. און דאָ אויף דעם באָדן, וועל איך מיינע ווילדע גענדז־פאַרלאַנגען פאַרשפאַרן אין די שטייגן פון מיין מח און איך וועל זיי אַרויסלאָזן בלויז דאַן, ווען איך וועל דערפילן, אַז זיי מעגן ווידער פליען, פליען אין כאַאָס אַריין און מער קיינמאָל, קיינמאָל ניט צוריקקומען. און איך ווייס, איך ווייס אַז זיי וועלן נאָך צעשפרייטן זייערע פליגל אין לעצטן פלי. וואָרן — — דו ביזט מאַן און זי איז פרוי. מאַן און פרוי. ווי וואונדערלעך און ווי מיסטעריעז עס איז אייער שליחות אויף דער וועלט. ווי וואונדערלעך עס איז די קראַפט, וואָס פאַראייניקט אייך און פירט אייך אין די לאַבירינטן פון לעבן . . . אין פרייד און אין פיין, אין געזאַנג און אין געוויין, אין דער העכסטער דערהייבונג און אין דער טיפסטער געפאַלנקייט, אין דער רואיקייט פון אַ לבנה־נאַכט און אין דעם שטורעם פון ים, אין פעלד צווישן זאַנגען און אין בלוטיקן טויט . . . — אומעטום און שטענדיק — דער אייביקער געדאַנק די אייביקע פאַרבינדונג, דער אייביקער שיקזאַל פאַר ביידע. וואָרן מאַן און פרוי — איז לעבן. באַזונדער — טויט. און איך, איך נאַר, איך האָב אין דער חיהש־מענטשלעכער און געטלעכער רגע געוואָלט ענדערן דעם וועג פון אָדם־חוה, וואָס זענען געקומען אַזוי וואונדערלעך־מיסטעריעז אין דער אומבאַגרייפלעכער וועלט אַריין. איך האָב זי געמוזט באַגעגענען, די פרוי, ווייל די וועגן פון דעם מאַן און די וועגן פון דער פרוי אין דעם לאַבירינט פון לעבן קרייציקן זיך און קרייציקן זיך ווידער אין געדאַנק, אין וואָרט און אין בלוט . . .״

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

די פאַבריק האָט געסאָפּעט מיט טויזנטער מיילער און געקלאַפּט מיט טויזנטער הערצער. צענדליקער וואַגאָנען מיט אויל, קוילן, אייזן און שטאָל האָבן טאָג־טעגלעך געפירט די שפייז פאַר איר גיגאַנטישן

קערפּער און די הוזשעריי אין אירע גערעדים האָט זיך מיט מעכטיקער קראַפט איבערגעגעבן צו יעדן אַרבעטער און אויך צו באַראַשן. די אויגן פון די אַרבעטער, וואָס האָבן די ערשטע צייט געשוואומען פאַר זיינע אויגן ווי אין רויטן נעפּל, האָבן איצט אויסגעזען קלאָרער. ער האָט דער־זען איינהאַלט אין זיי און האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און צו לייענען זייערע בליקן. פאַרשידענע בליקן. בליקן, וואָס האָבן אים געמאָסטן אַראָפּ און אַרויף און בליקן, וואָס זענען געגאַנגען טיף אין דער נשמה אַריין; בליקן פון קוריאָזיטעט און בליקן פון גלייכגילטיקייט; בליקן פון חוזק און בליקן פול מיט האַס. באַראַש האָט זיך געוואונדערט פון וואָס עס נעמען זיך די בליקן פון האַס און דעם איינציקן ענטפער האָט ער געפונען אין דעם וואָרט אַנטיסעמיטיזם. וואָרן פאַרוואָס זאָלן די פּע־טערסאָנס און די דזשעקסאָנס און די אָ׳גריידיס קוקן אויף אים מיט האַס? נעמט ער דען צו זייער אַרבעט, זייער ברויט? אַרבעט ער דען ניט פּונקט אַזוי פלייסיק און געוויסנהאַפט ווי די איבעריקע? צי אפשר זענען זיי באַליידיקט און אויפגעבראַכט פון זיין אינטעלעקטואַלן, אינטעליגענטישן אויסזען, וואָס איז זיכער אַ שאַרפער קאָנטראַסט צו זייערע טונקעלע, אָדערדיקע און מוסקולירטע קערפּערס. יאָ, עס ווייזט אויס, אַז דאָס איז דער ענטפער, וואָרן אפילו דער פאָרמאַן דזשאַנסאַן קוקט אויף אים מיט חוזק און רעדט צו אים ווי מ׳רעדט צו אַ וויין־געפּיעשטשעטן לייַ־דיקגייער.

איינמאָל איז דזשאַנסאַן צוגעקומען נאָענט צום וואַרשטאַט, אָני־דערגעשטעלט זיך און געקוקט ווי ער, באַראַש, אַרבעט. און באַראַשן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז באַלד וועט ער דערהערן פון אים די ווערטער פון זיין אַמאָליקן באַלעבאָס, דעם מאָלער: אַך, וואָס פאַר אַ שאָד וואָס אַזאַ קינסטלער ווערט דאָ פאַרלוירן צווישן די פאַרגרעבטע אַרבעטער. דזשאַנסאַן האָט דאָס ניט געזאָגט, אָבער אין זיינע ווערטער און אין זיין טאָן האָט געקלונגען דערזעלבער מיין:

— הערט נאָר, ראַש — האָט ער געזאָגט — פאַרוואָס טראָגט איר אַזעלכע לאַנגע האָר? פאַרוואָס שערט איר זיך ניט אָפּ אַמאָל? אַט אַרבעט דאָ אַ גערסאָן, אויך אַ ייד, און ער גייט געשוירן פּונקט ווי איע־דער איינער. מוזט איר טראָגן אַזעלכע לאַנגע האָר?

— ניין, איך מוז ניט — האָט באַראַש געזאָגט. — אָבער איך בין שוין צוגעוואוינט צו טראָגן אַזוי מיינע האָר.

— אַזוי קוקט איר אויס ווי אַ באָלשעוויק, ווי אַ קאָמוניסט.

— ווי אַ באָלשעוויק? — האָט באַראַש אַ שמייכל געטאָן. — האָט איר אַמאָל געזען אַ באָלשעוויק?

— אָ, יע . . . — האָט דזשאַנסאַן אַ קוק געטאָן אויף אים

שטרענג — מיט אַ פּאָר יאָר פריער זענען זיי דאָ געווען אַ גאַנצע כאַפּטע, פּרובירט מאַכן טראָבל, האָבן מיר זיי געגעבן אין די הויזן אַריין און צום טייוול . . .

— אָ . . . — האָט באַראַש בלויז געזאָגט.

דזשאַנסאָן איז אַוועקגעגאַנגען און באַראַש האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אָט — עס איז כמעט אַ באַפעל אָפּצושערן זיך. ער קאָן ניט זיין וואָס ער וויל אַפילו דאָ, אַפילו דאָ וואו ער איז בלויז אַ טייל פון דער מאַשין, וואו מ'דאַרף בלויז זיין פיזישע קראַפט אָן זיין נשמה. נייך, ס'ווייזט אויס, אַז מ'וויל טאַקע אויך זיין נשמה, צו זען זי ליגן באַ די פיס, צו זען, ווי זי קאָרטשעט זיך אין דערנידערונג און אין בושה.

ער האָט דערציילט גערסאַנען וועגן דעמדאָזיקן געשפּרעך מיט דזשאַנסאַנען און דערביי האָבן זיי זיך ווידער צערעדט וועגן די אַרבעטער און וועגן די יוניאָן אָרגאַניזאַטאָרן. האָט אים גערסאָן דערציילט וועגן די אַרבעטער אַגיטאַטאָרס, וועלכע האָבן ניט געהאַט דאָ קיין מזל און זיי זענען ווירקלעך אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער פאַבריק. און דאָס איז לויט גערסאַנס מיינונג געשען דערפאַר, ווייל די אַרבעטער זענען ווערבירט געוואָרן, מייסטנס, פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע האָבן זיך צווישן זיך ניט געקאָנט צוזאַמענרעדן; ווייל עס לעבט נאָך אין זיי דער אונטערדריקטער גייסט און די געוואוינהייט פון אָרעמען פויער און אַרבעטער צו ברעכן דאָס היטל פאַר דעם פריץ; ווייל די שוועדישע און דייטשישע אייגנטימער האָבן זיך אַרומגערינגלט מיט אַ כאַפּטע געטרייע, איבערגעבענע פאָרמאַנס און שפּיאָנען, וואָס ווייסן ווי צו קנאַקן מיט דער בייטש און ווי צו האַלטן אַן אויג אויף די ניט־געוואונשענע עלעמענטן; דערצו זענען די שכירות אַזוי קליין און די נויט אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן קיינמאָל קיין מעגלעכקייט אויסצוצאָלן זיך פון די חובות און אַרויסצורייסן זיך פון עקספּלואַטאַטאָרישע לאַפּעס. באַראַש האָט דאָס אויך געזען און פאַרשטאַנען, און דער באַגער צו באַקאָנען זיך נענטער מיט דעם אַרבעטערס לעבן, צו דערנענטערן זיך צו זיינע נויטן און אינטערעסן איז געוואָקסן אין אים פון טאָג צו טאָג.

האָט ער אָנגעהויבן מיטאָג־צייט צו צושאַרן זיך צו אייניקע פון זיי, צו דידאָזיקע, וואָס האָבן אויסגעזען נעבעכדיקער און דערשלאָגענער, ווי די איבעריקע; און ער האָט אָנגעהויבן שטעלן פּשוטע, גאָרניט־מיינענדיקע פראַגן, וועגן זייער געהאַלט, וועגן זייערע פאַמיליעס, וועגן זייער בילדונג און וועגן זייער געזונט־צושטאַנד. ניט אַלע האָבן אָבער גערן גערעדט און אייניקע האָבן אַפילו געקוקט אויף אים מיט פאַרדאַכט און האָבן אויסגעדריקט אַן איבערטריבענע צופרידנהייט מיט זייער לעבן, מיט זייער אַרבעט און לוין. אָבער דאָס געפיל, אַז ער ריזיקירט מיט

גאַרניט, אַז זיין דזשאַב איז סיווי ניט זיין לעבנס־ציל, אַט דער באַוואוסט־זיין האָט אָנגעהויבן צו טרייבן אים צו ווערן דרייסטער, צו ווערן קעמ־פערישער און אויסדרוקספולער סיי אין וואָרט און סיי אין טאַט, צו ווערן דער דיכטער־קעמפער אין דעם רעאַלן געשטאַלט, אין קאָנטראַסט צו די אויסגעטראַכטע, פיקטיווע געשטאַלטן, וועלכע ער האָט באַשאַפן אין זיינע נאָוועלן.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

די עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער אין דער פאַבריק האָט גע־וואונדערט באַראַשן. ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי מענטשן טראָגן אויף זיך דעם יאָך און פּרובירן ניט אפילו צו פּראָטעסטירן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עס וואָלט געווען אַזוי לייכט אַראָפּצורייסן פון זיך די שטאָלענע לאַפּעס און אויפהייבן די שטימע אין ווירדיקן פּראָ־טעסט. קיינער האָט אָבער ניט אויפגעהויבן די שטימע אין פּראָטעסט און ער אַליין אויך ניט.

ער האָט זיך צוגעקוקט צו די אַרבעטער און פּרובירט שטודירן זיי. עס זענען געווען אַרבעטער, וואָס האָבן געטראָגן די אַרבעט ווי אַ יאָך, געקומען און געגאַנגען ווי איינגעשפּאַנטע, הונגעריקע פערד, וואָס בלייבן שטיין אויף יעדן שפּאַן און פילן ווי אַנידערצופאַלן, אַראָפּצולאָזן זיך אויף דער ערד און ליגן אפילו אונטער די שמיץ פון דער בייטש; און עס זענען געווען אַנדערע, וואָס זענען געקומען און געגאַנגען, אָנ־געלאָדן מיט האַס, האַס צו דידאָזיקע, וואָס קוועטשן אַרויס פון זיי די ענערגיע, דעם גאַנצן זאַפט פון לעבן און פאַרוואַנדלען עס אין גאָלד פאַר זיך; גראַד אונטער די הענט פון דידאָזיקע אַרבעטער פלעגט די אַר־בעט זידן, ברענען, ווי אונטערגעצונדן, אויפגעזאָטן אין האַס. און עס זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס זענען געקומען און געגאַנגען מיט זיי־כערע טריט, מיט דיקע הענט און פעטע בייכער, מיט פאַרגאָסענע אויגן און כיטרע, פאַרדעכטנדיקע בליקן, מיט גרויסע, אָפענע אויערן און מיט שטילע, אָבער פאַררעטערישע רייד — דידאָזיקע, וואָס האָבן געדינט ווי געטרייע בלוט־הינט, געדינט די אומזעבאַרע הארן, געהיט די טויזנטער שקלאַפן. באַראַש האָט זיי אויסגעטיילט אין קאַטעגאָריעס און ניט גע־וואוסט צו וועלכער קאַטעגאָריע צוצורעכענען זיך אַליין.

איינמאָל אין אַן אינדערפרי האָט ער באַמערקט אַ יונגנמאַן, וואָס האָט גלייך צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט. דער יונגערמאַן, איז באַ־ראַש געווען איבערצייגט, איז ניט פון דידאָזיקע אַרבעטער, וואָס לעבט אָפּ אַ לעבן בלויז אין פיזישער אַרבעט. עפּעס אין זיין אויסזען האָט פאַראינטערעסירט באַראַשן. ער איז געווען הויך, דין און בלאָנד; די

אויגן בלוי, דער בליק אָפן און דרייסט און דאָס מויל מיט אַ דינעם שמייכל פון פאַרשטענדעניש, גוטסקייט און חכמה. אין דעמזעלבן טאָג נאָך האָבן זיי זיך געטראָפן באַם טויער און זיי האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט.

דער יונגערמאַן האָט געהייסן אַנאַטאָל און אָנגעקומען איז ער פון שיקאַגאַ. געווען אַמאָל אַ שריפטזעצער אין אַ פוילישער צייטונג, אָבער . . . אויפן וועג פון לעבן פאַרוואָרפן געוואָרן אַהערצו אין דער פאַבריק. גערעדט האָט ער וועגן זיך קורץ און קאַרג, אָבער זיין שמייכל און זיינע בליקן האָבן געזאָגט, אַז היגטער זיי, ווי היגטער אַ זיידענעם פאָרהאַנג, ליגט דאָס איבעריקע, דאָס ניט־דערזאָגטע — מ׳דאַרף בלויז וויסן ווי אַזוי און ווען אויפצוהייבן דעם פאָרהאַנג. באַראַש האָט ניט פרו־בירט אפילו אַרויסצורופן אים אויף אָפענע רייד וועגן זיך, ווייל ער אַליין איז געווען נאָך קאַרגער פון אים אויף אַ וואָרט. דאָך האָבן זיי ביידע דערפילט אַ נאָענטקייט איינער צום צווייטן און אין זייערע בליקן, און אין זייער האַנטדרוק, און אין זייער „גוד־ביי" . . . ביז מאָרגן, איז שוין פאַרבונדן געוואָרן דער ערשטער קניפּ פון פריינדשאַפט.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

באַראַש האָט פאַרשריבן:

„ . . . סטעלא טראָגט אויף איר פּנים אַ מאַסקע פון באַהער־שטע געפילן. איך זע עס. אין די ווינקלען פון אירע ליפּן ליגט אָבער אַ דזשיאָקאָנדאַ שמייכל, דער שמייכל, וואָס דערציילט וועגן אייביקן סוד, וועגן דער אייביקער קראַפט פון דער פרוי אין ליבע. זי וואַרט. זי ווייסט, אַז די פרילינג־נאַכט, אָדער די זומער־נאַכט וועט ווערן די חופה אירע און די לבנה וועט קומען און וועט שמייכלען און די שטערן וועלן זינגען אַ זילבערנעם ניגון. ווייט, טיף אין אירע אויגן דערזע איך אַמאָל, ווי עס ציטערן טרערן ווי אין פלאַמען פון ליכט באַם אַלטאַר פון מיסטע־ריעזן גייסט פון ליבע און עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך הער ווי זי רופט מיט איר מילדער שטימע פון טיפער טונקלקייט. עס גייען פאַרביי נעכט — שטילע, אָנגעלאָדענע מיט אומגעוואַגטקייט, וואָס פייניקן מיט דער־וואַרטעניש; עס גייען פאַרביי נעכט, פאַרוויקלטע אין נעץ פון געשפּרעכן, אין טענער פון מוזיק, אין ווערטער פון דער ראַדיאָ; עס גייען פאַרביי נעכט פון פאַרלוירנקייט, פון געפיל און פון געדאַנק און נעכט — אין סטעלאַס הענט, ווייסע הענט, ווי ווייסע פליגל אין דער נאַכט. זי וואַרט און איך זע אין איר די דערוואַרטונג. איך זע עס אין אירע אויגן — עמעראַלדן; איך זע עס אין בויג פון איר קאָפּ און אין איר לאַנגזאַמען שפּאַן, און אין דער באַוועגונג פון אירע פינגער. זי איז געדולדיק און איר געדולד און רואיקייט ווירקט אויף מיר ווי אַ באַרואיקנדער געטראַנק".

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

די פאַבריק האָט באַהערשט דעם טאָג.

די פאַבריק האָט געַרעדט צו באַראַשן פון יעדן ווינקל; פון יעדן אויוון, פון יעדן קוימען . . . גערעדט די שפּראַך פון אייזן, פייער און האַמער, אָבער ניט די שפּראַך פון מענטש. אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך און עס האָט זיך גאַרניט געענדערט און עס איז גאָרניט געשען.

אויף אַנאַטאָלס ליפּן איז געלעגן דער דינער שמייכל און אין די אויגן דער בלויער פייער פון אַ געפּרואוווטן קעמפער. באַראַש האָט אָפט גערעדט מיט אים און די געשפּרעכן האָבן זיך געוויקלט אַרום די טאָג־טעגלעכע און וועלטלעכע געשעענישן. און איינמאָל, ווען זיי זענען ביידע אַרויסגעגאַנגען פון דער אַרבעט, האָט אַנאַטאָל אַ זאָג געטאָן:

— קומט, באַראַש, לאָמיר אַריינגיין דאָ אין אַ רעסטאָראַן אַפּעסן. מיר וועלן שמועסן אַביסל.

— אָלרייט — האָט באַראַש צוגעשימט.

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ רעסטאָראַן און, זיצנדיק שוין באַם מאָלצייט, האָט אַנאַטאָל אַ זאָג געטאָן:

— עס ווילט זיך מיר ריידן מיט אייך וועגן אַן ענין, וואָס איז, אייגנטלעך, אייער ענין פּונקט ווי מיינער. שטודירנדיק אייך אַביסל, ווייס איך, אַז צו אייך דאַרף איך ניט צוגיין מיט דערזעלבער מעטאָדע, מיט וועלכער איך באַנוץ זיך, רעדנדיק צו דעם דורכשניטלעכן אַרבעטער. אָפט וואונדערט מיך אפילו, וואָס אַזאַ מאַן ווי איר אַרבעט דאָ אין דער פאַבריק . . . איר זענט אָבער דאָ, זענט איר אַ טייל פון דעם גאַנצן מעכאַניזם. עס פלעגט מיר אָפט אויסקומען צו פאַרהאַנדלען מיט אַלערליי אַרבע־טער — כ׳מוז אָבער זאָגן דעם אמת, אַז דער אינטעליגענטער טיפּ אַר־בעטער איז שטענדיק דער שווערסטער אַריינגעצויגן צו ווערן אין דער אַרבעט. איך האָף, אַז איר פאַרשטייט וואוהין איך ציל.

— איך פאַרשטיי — האָט באַראַש געזאָגט. — מיר דאַכט זיך אָבער, אַז איר זענט אומגערעכט צו דער אינטעליגענציע. קומט דען ניט די גרעסטע טייל פון דער פירערשאַפט פון דער אינטעליגענציע?

— אַ גרויסער טייל פון דער פירערשאַפט קומט טאַקע פון דער אינטעליגענציע, אַזוי צו זאָגן. איך וואָלט אפילו געמעגט זאָגן: פון אונדזער קלאַס; עס איז אָבער דידאַזיקע פירערשאַפט, וואָס זיצט אין די קאַבינעטן און גיט אַרויס, אַזוי צו זאָגן, דעקרעטן און פירט פאַרהאַנד־לונגען און גרויס פּאָליטיק. איר וועט אָבער ניט טרעפן דעמדאָזיקן אינ־טעליגענטישן פירער אין דעם סאַמע קעסל, אין דעם סאַמע גרוב פון אַר־

בעט, דאָרט וואו עס פאָדערט זיך אַמערסטן זיין וואָרט און זיין איינ־פלוס. די אַרבעטער אַגיטאַטאָרס, אָבער, וואָס שטעלן איין זייערע דזשאָבס און זייער לעבן אפילו, אָט דידאָזיקע, וואָס שטייען טאָג־טעגלעך באַם וואָרשטאַט און פראָפאַגאַנדירן פאַר בעסערע באַדינגונגען — זיי קומען ניט פון דער אינטעליגענץ. דערפאַר וואונדערט מיך אַזוי, וואָס איר זענט דאָ, אפילו ווען איר זענט ניט אין דער ראָלע פון אַן אָרגאַניזאַטאָר און יוניאָן פירער. מיר דאַרפן אָבער אַזעלכע מענטשן ווי איר. אויב איר זענט שוין יאָ אַ פּראָלעטאַריער, טאָ טוט אייער חוב, זייט ניט בלויז אַ טויט שרייפל אין דער מאַשין . . . רעדט, דערוואָרעמט, דערמוטיקט, וועקט און רופט. אָט מיר ביידע וואָלטן דאָ געקאָנט אַסך אויפטאָן. און זיי נויטיקן זיך דאָ, די אַרבעטער, אין בעסערע באַדינגונגען און אין אַ בעסער לעבן.

— איר מיינט צו זאָגן, אַז מיר ביידע זאָלן זיך דאָ אַליין דער־קלערן אַלס אָרגאַניזאַטאָרס ? — האָט באַראַש געפרעגט.

— פאַרוואָס ניט, אויב עס איז אַ גערעכטער און ניצלעכער ציל ? זענען מיר דען ניט אַ טייל פון זיי און איז דען ניט זייער ציל אויך אייער און מיין ציל ? און מוזן מיר דען אויפנעמען אונדזער אַרבעט מיט אָפי־ציעלקייט און מיט . . . ביוראָקראַטישע מעטאָדן. אויב אונדז איז גע־געבן געוואָרן די פריווילעגיע צו זיין דער קאָפּ פון אַ גרויסן און שטאַרקן קערפּער איז . . . פאַרוואָס ניט לאָזן הערן אונדזער שטימע און אונדזער ווילן ? אָבער . . . דאַרף איך דען דערקלערן דאָס אייך ? ווייסט איר דען אַליין ניט ? . . .

— איך ווייס, אָבער דערלויבט מיר צו שטעלן אייך אַ דירעקטע פראַגע.

— פרעגט — האָט אַנאַטאָל געזאָגט.

— זענט איר געקומען אַהערצו אַרבעטן ,ווייל דאָס לעבן האָט אייך גראַדע פאַרוואָרפן אַהערצו, ווי עס האָט מיך פאַרוואָרפן, צי זענט איר געשיקט אַהערצו פון דער העכערער אָנפירערשאַפט, פון די יוניאָנס ?

— דידאָזיקע אַרבעט ליגט אויף דעם גאַנצן וועג פון מיין לעבן און דאָס איז דער איינציקער וועג, אויף וועלכן עס איז ווערט צו גיין, דענק איך. און עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַ מענטש, וואָס גלויבט אין דער אידייע פון קאָלעקטיוויזם, לאָזט ער זיך ניט אויף דעמדאָזיקן וועג ווי אַן איינזאַמער וואָלף. איך בין געווען און איך בין שטענדיק פאַר־בונדן מיט דער גאַנצער קייט פון יוניאָניזם, אָבער . . . מיין אַרבעט פאָדערט דאָ און דאָרט קאָנספּיראַטיווע האַנדלונגען, איבערהויפט דאָ וואו מיר האָבן שוין געהאַט עטלעכע דורכפאַלן.

— גלויבט איר, אַז איך בין דער פאַסנדער מענטש פאַר אַזאַ אַרבעט ?

— פּאָטענציעל — יאָ. אַזוי באַטראַכטן מיר יעדן אַרבעטער צו וועלכן מיר טרעטן צו. טאָ פאַרוואָס ניט איר? איך בין איבערצייגט, אַז ווען אַ מענטש האָט דעם וויסן און דעם ווילן, קאָן ער ווערן דאָס, וואָס ער וויל ווערן.

באַראַש האָט געקוקט אויף אים און געטראַכט, אַז גוט איז אים, דעם פּוילישן בחור, וואָס ווייסט זיין פעלד, וואָס ווייסט זיין אַקער און ווייסט די שטיינער און דערנער אויף דעם אָנגעצייכנטן וועג.

דער געשפּרעך אין דעמדאָזיקן אָוונט האָט זיי נאָך מער דערנענטערט און פאַרבונדן. און באַם צעשיידן זיך האָט אַנאַטאָל אַ פרעג געטאָן:

— איז וואָס זאָגט איר, ראַש?

— עס איז ניט די פראַגע צי איך זאָג איצט יאָ, אָדער ניין — האָט באַראַש געענטפערט. — דער ענטפער וועט קומען דורך מיין האַנדלונג און מיין האַנדלונג וועט קומען לויט מיין סאָציאַלער באַוואוסטזיניקייט און לויט מיין קוראַזש און פייאיקייטן, וואָס זענען פאַראַן אין מיר.

— אויב אַזוי — סאַלוט, קאַמעראַד!

— סאַלוט . . . — האָט באַראַש שטיל געענטפערט און אין געדאַנק איז דורכגעשוואומען:

„ . . . אין שפּאַניע, אויף די פעלדער צווישן טעלאַדא און אַלקאזאר, ליגט מיט אַ צעשאָסענער ברוסט דער יונגער קעמפער מיכל באַראַש . . .״

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

באַראַש האָט אַ פּאָר מאָל באַזוכט אַנאַטאָלן אין זיין צימער און ווען ער האָט דערזען אויף זיין טיש די ביכער פון אַנאַטאָל פראַנסן, פון האַמסונען, פון מיצקעוויטשן, פון טאָמאַס מאַן, קאַרל מאַרקס, קאַוטסקי און אַנדערע, האָט זיך אין באַראַשעס באַציאונג צו אים געעפנט אַ פרייער שטראָמיקער קוואַל; די ליטעראַטור געשפּרעכן זענען געוואָרן פאַר באַראַשן די שענסטע סטעזשקע, אויף וועלכע ער איז געגאַנגען פריי, גערעדט פריי און בּרייט און וועגן לעבן אָן דעם באַהאַלטענעם דרוק און מורא צו אַנטפּלעקן אין ראַשן באַראַשן. די געשטאַלטן פון לעניך, פון טראַצקין, פון טאָלסטאָיען, פון זאָלאַן און פון האַמסונען האָבן פאַרנומען אַלע ווינקלען אין דעם קליינעם צימער, צענומען די ווענט און געשוועבט אין דער ספערע פון גרענעצלאָזן געדאַנק. און באַראַש האָט ווידער געלייענט האַמסונען און געטיילט זיינע געדאַנקען און שטימונגען מיט אַנאַטאָלן. וואָרן כאָטש האַמסונס געשטאַלט איז געשטאַנען ערגעץ פאַרטונקלט אין דעם שאָטן פון האַקנקרייץ, האָבן זיך זיינע ווערטער פאַרט געלייגט אין באַראַשעס מח ווי אַ רוזיקער בלעטער־פאַל אין האַרבסט

און האַמסונס געמיטלעכקייט און די געמיטלעכקייט פון ניו־פּאָרט האָט באַרואיקט און עס האָט זיך געגלוסט אַ כאַפּ צו טאָן די פּען און שרייבן אין דעמזעלבן טאָן, אונטער דער סורדינע, אין טאָן פון אייגענעם טרויער, וואָס האָט זיך אַזוי צונויפגעגאָסן מיט דער קירכעס טרויעריקן גלאָקן־קלאַנג. ער האָט אָבער ניט געשריבן, חוץ אין טאָג־בוך און עס פלעגט אָפט קומען אויף דעם געדאַנק, וואָס וואָלטן געזאָגט די ניו־יאָרקער קאָלעגן, ווען זיי געפינען אויס, אַז ער, באַראַש, אַרבעט אין אַ מעטאַלורגישער פאַבריק און דאָס קינסטלערישע וואָרט זיינס ליגט ערגעץ פאַרשטופּט אין מח און ער שאַפט ניט מער און שרייבט ניט מער; און די אָנגעשריבענע פּאָעמע ליגט אין שופלאַד און די פּאָר ביכער זיינע שטייען באַ סטעלאַן אויף דעם טיש, שטייען ווי מצבות מיטן נאָמען באַראַש — אַ דערמאָנונג, אַ זכר פון יענע טעג, וואָס זענען געווען אין אַן אַנדערער וועלט.

און טראַכטנדיק וועגן אַנאַטאָלן, האָט ער ניט איינמאָל פאַרגליכט זיך מיט אים. אָט אַזוי ווי ער, ווי אַנאַטאָל — האָט ער געטראַכט — האָט ער באַדאַרפט און האָט געקאָנט אין זיין יוגנט נאָך אויספורעמען דאָס אייגענע לעבן. אָט אַזוי ווי ער, אַנאַטאָל, האָט ער אויף דעם יידישן און ניט־יידישן פעלד, אין דעם טאָל פון אומרעכט און קנעכטשאַפט באַדאַרפט מיט וואָרט און טאַט, מיט טאָג־טעגלעכער רוטין און מיט שאַפנדן גייסט, אין דער גרויקייט פון לעבן און אין די נעפּלען פון אילוזיעס נידערן און שטייגן, צעשטערן און בויען, לעבן מיט דעם לעבן פון אַנדערע און מיט דעם לעבן פון אייגענעם איך . . . אנשטאָט דעם איז ער זיך דער אייגענער קאַפּיטאַן פון דער אָנגעלאָדענער שיף; דער קאַפּיטאַן וואָס האָט פאַרזייט עסטעטישע שטימונגען אין דעם שטורעמדיקן ים. און די שיף מיט די צעריסענע זעגלען איז פאַרטראָגן געוואָרן צו דעם ברעג פון דעם פאַרוואָרפענעם פּאָרט — ניו־פּאָרט, וואוהין עס איז איצט צוגעשוואומען נאָך אַ שיף מיט נאָך אַ קאַפּיטאַן, וואָס הייסט אַנאַטאָל — ווי מקנא ער איז דעם קאַפּיטאַן אַנאַטאָל.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

באַראַש האָט געטראַכט, אַז ס'וואָלט אפשר גוט געווען מיטצונעמען אַמאָל אנטאָלן צו סטעלאַן, אַריינברענגען אין זייער ווינקל אַ נייעם מענטשן מיט אַנדערע שטימונגען און געדאַנקען. אָבער עפּעס אין אונטערבאַוואוסטזיין האָט געוואָרנט, אַז . . . ס'איז אפשר בעסער ניט אַריינצוברענגען אַ נייעם מענטשן אין זייער אינטימיטעט,אפשר וועט זיין אַריינקומען אין זייער ווינקל צעשטערן דאָס געוועב פון זיידענע געפילן; אפשר וועט אנאטאל אומבאַוואוסטזיניק אָדער אפילו באַוואוסטזיניק אַריינגעמען

זי צו זיך אין האַרץ און פאַרהאַלטן זי דאָרט, און ניט באַפרייען זי מער, און ווערן איר מאַן און אָוועקנעמען זי אויף זיינע וועגן. דאָך אין אַן אָוונט נאָך אַ שפּאַציר באַם טייך, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו אים:

— קומט, לאָמיר צוגיין צו די גערסאָנס.

— צו גערסאָנען? אָבער ער אַרבעט דאָך היינט באַנאַכט . . .

— זיין טאָכטער אַרבעט אָבער ניט — האָט באַראַש אַ שמייכל געטאָן.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צו די גערסאָנס. ווען זיי זענען אַריינ־געקומען איז סטעלאַ אויף אַ רגע געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטע, דער־זעענדיק באַראַשן מיט אַ פרעמדן מאַן.

— דאָס איז אַנאַטאָל — האָט באַראַש אַ זאָג געטאָן — און דאָס איז סטעלאַ.

— איך קאָן אייער פאָטער — האָט זיך אַנאַטאָל פאַרנויגט — און די טאָכטער דערגאַנצט די אַבסאָלוט גוטע אימפּרעסיע.

— אַ דאַנק פאַר דעם קאָמפּלימענט — האָט סטעלאַ אַ שמייכל געטאָן — כ'האָב געהערט, אַז איר אַרבעט אויך אין דער פאַבריק. מיין פאָטער און ראַש האָבן מיר דערציילט וועגן אייך.

— יע? — האָט זיך אַנאַטאָל דערפרייט. — עס איז אַנגענעם צו הערן. ער האָט זיך גלייך דערפילט פריי און היימיש, גערעדט וויציק און טרעפלעך וועגן זיך און וועגן זיינע וואַנדערונגען איבער אַמעריקע, געקיבעצט באַראַשן, וואָס ער האָט אים ביז איצט ניט באַקאַנט מיט איר, מיט סטעלאַן און סטעלאַ, הערנדיק אים, האָט געוואָרפן שמייכלענדע בליקן אויף באַראַשן און געלאַכט, און גערעדט מיט רייץ און חן. זיי האָבן דער־נאָך געטרונקען קאַווע און סטעלאַ האָט געשפּילט און ווען עס איז אויף אַ ווײַלע אויסגעשעפּט געוואָרן דער קוואַל פון געשפּרעך, האָט אַנאַטאָל אַ פרעג געטאָן:

— מעג איך אַנשטעלן די ראַדיאָ? עס ווילט זיך מיר הערן וואָס יאָהאַכים האָט היינט צו זאָגן.

— זיכער, זיכער — האָט סטעלאַ געענטפערט — כאָטש איך פערזענלעך האָב ניט ליבן צו הערן אים, כ'האָב אפילו מורא צו הערן אים. עס נעמט ציטערן אין מיר יעדער אבר, ווען איך הער זיינע דע־מאַגאָגישע און אַנטיסעמיטישע רייד.

אַנאַטאָל האָט אַנגעשטעלט די ראַדיאָ און זיי האָבן אינגיכן דערהערט יאָהאַכימס שטימע.

— דאָס איז ער — האָט אַנאַטאָל געזאָגט.

זיי האָבן אויפגעהערט צו רעדן און צוגעהערט זיך צו דער טיי־פער, שטאָלענער שטימע, וואָס איז געקומען ווי פון אַן אַנדערער וועלט,

און איעדער איינער פון זיי האט געפילט, ווי יאהאכימס ווערטער פאלן ווי אויף קלאווישן פון נערוון און שלאגן אן פיינלעכע טענער אין דעם מח. און ווען ער האט פארענדיקט, איז אנאטאל אויפגעשפרונגען און האט אויסגעשריגן:

— אך, וואס פאר א געוויסנלאזער דעמאגאג און היפאקריט ער איז! ווי שעמלאז און ציניש ער טרעט אויף די געפילן, אויף דער ווירדיקייט פון א פאלק . . . די יידן וואלטן באדארפט . . . לינטשן אזא איינעם . . . לינטשן!

— ניט די יידן — די קריסטן — האט זיך באראש אנגערופן.

— ווייל די שאנדע איז די קריסטלעכע, ניט די יידישע.

— האט איר עס טאקע געמיינט, ווען איר האט געזאגט, אז מ׳וואלט באדארפט אים לינטשן, יאהאכימען? — האט סטעלא געפרעגט.

— יא, איך האב עס געמיינט — האט אנאטאל געענטפערט און פארטראכט זיך אויף א ווילע. — ווען מיר רעדן פון שטאנדפונקט פון מאראל, וואס דארף פירן צו מענטשלעכער, גייסטיקער פולקאמענהייט, איז אטענטאט און מארד, זעלבסטפארשטענדלעך, אויסגעשלאסן. ווען מיר רעדן אבער פון פילאזאפישן שטאנדפונקט, אדער ריכטיקער, ווען מיר נעמען דעם מענטשן און זיינע טאטן אין דעם ליכט פון עוואלוציע און רעוואלוציע און ווען מיר ווארפן אפ דעם אויסגעטראכטן גלויבן און זיין געטלעכער מיסיע אויף דער ערד, דעמאלט דארפן ניט עקזיסטירן קיין סענטימענטן. אויב צווישן אונדז לעבן נאך בלוטדורשטיקע טיראנען, וואס שטערן דער גייסטיקער עוואלוציע פון דער מענטשהייט, דארף מען אזעלכע מענטשן־חיות פארניכטן. און אזא פארניכטונג וואלט איך ניט אנגערופן מארד, איך וואלט עס אנגערופן אפעראציע אויף דעם מח פון דער מענטשהייט.

— וואלט איר געקאנט זיין אזא כירורג דורכצופירן אזא אפעראציע? — האט סטעלא ווידער געפרעגט.

— יא — האט אנאטאל געענטפערט. — און פארוואס ניט? אויב איך דענק, אז עס איז א גערעכטער טאט און איך האלט זיך ניט אפ פון פראפאגאנדירן טאט, טא פארוואס זאל איך אליין ניט זיין גרייט דורכצופירן אים? ווארן אויב עמיצער, וואס וואלט באאיינפלוסט געווארן פון מיינע רייד, וואלט דורכגעפירט דעם אקט, וואלטן דען דעמאלט מיינע הענט און מיין געוויסן געווען ריין פון בלוט?

— עס איז פאראן א געוויסער אמת אין אייערע רייד — האט סטעלא צוגעגעבן. — דער אמת איז אבער אן אויבערפלעכלעכער. רעדן און פאנטאזירן איז איין זאך, און דורכפירן אזא אקט איז אן אנדערע זאך. ווי דענקט איר, ראש?

— עס איז ניט פאַנטאַזיע, סטעלאַ — האָט ראָש געענטפערט, לאָזנדיק וואָלקנס רויך פון דער ליולקע. — די אומגלויבלעכסטע פאַנ־טאַזיע איז היינט נול קעגן דערווירקלעכקייט. וואָרן, וואָס איז היינט ווירקלעכקייט, אויב ניט מאָרד און שווידער, שרעק און בלוט? די גאַנ־צע ציוויליזאַציע איז איצט באַזירט אויף מאַכט און טעראָר. די מענטש־הייט גייט אויף אַ מאַרטירערישן וועג, געטריבן פון זיך אַליין. עס איז ניט פאַנטאַזיע. איך בין זיך מודה, איך טראָג אין זיך דעם געדאַנק און דעם דראַנג נאָך טאַט, נאָך פאַרניכטנדיקן טאַט. עס ווענדט זיך אָבער מערסטנס ניט אין דער מאָראַל און געוויסן, נאָר אין קוראַזש. און קו־ראַזש, ווי פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל ניט קלינגען, איז אַ גרויסער פייגלינג. ער קומט, דער קוראַזש, בלויז אין די טיפסטע מינוטן פון פאַרצווייפלונג און אפילו דעמאָלט קומט ער אַ פאַרבעפלטער, אָפט אַ ציטערנדיקער. קאָ־לעקטיווער מאָרד, ווי ער פּאַסירט אין די מלחמות, איז קאָלעקטיווער וואַהנזין, וואָס פאָדערט ניט דעם ספּעציפיש אינדיווידועלן קוראַזש, ווייל עס פאָדערט זיך ניט דאָרט די איבערצייגונג און די געוויסן־סאַנקציע פאַר מאָרד. ס׳איז לייכטער צו מאָרדן, ווען טויזנטער אַרום דיר מאָרדן; אינדיווידועלער אַטענטאַט אָבער פאָדערט די גרעסטע קאָנצענטראַציע פון אייגענעם איך און דאָס איז אייגנטלעך די אורזאַך, פאַרוואָס איך טראָג זיך אַרום דאָס גאַנצע לעבן מיט דעם געדאַנק וועגן טאַט און אַטענטאַט און בין ווייטער פון מיין געדאַנק נאָך ניט געגאַנגען.

— איך רעדט, גלייך ווי איר וואָלט געווען גרייט צו באַגיין דעם טאַט — האָט סטעלאַ באַמערקט.

— פּאָטענציעל בין איך גרייט — האָט באַראָש געענטפערט.

— אָך, ס׳איז אַ שרעק מיט אייך, מענטשן! אָבער . . . איך גלויב נאָך אַלץ, אַז ס׳איז בלויז גערעדט . . .

— האָבן מיר דען ווייניקביישפּילן אַזעלכע געזען? — האָט באַ־ראָש געקוקט ערנסט, אין סטעלאַס אויגן — יאָהאַכים, ווען ער וועקט מיט זיין וואָרט צו אַנטיסעמיטיזם, מיינט ער עס ערנסט. און דידאַזיקע, וואָס האָבן זיך מקריב געווען אין די אַטענטאַטן אויף די טיראַנען, האָבן עס אויך געמיינט ערנסט. און אפילו מיר יידן האָבן אויך געהאַט אונ־דזערע העלדן סיי אין דער ביבלישע צייט און סיי היינט, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מיר טראָגן זיך אַרום מיט אַ מאָראַל, וואָס איז באַזירט אויף יושר, אויף רחמנות, אויף ליבע און אויף שלום, מיט אַ קאָמפּלעקס, וואָס איז אַריין אין בלוט פון דעם יידן און מאַניפעסטירט זיך אין אַלע דערשיינונגען פון לעבן.

— איך ווייס, אַז איר זענט ניט אַ שאָוויניסט — האָט זיך אנאטאל

אָנגערופֿן. — טאָ ווי קומט צו אייך אַזאַ בליק אויף אַ ספּעציפֿיש־ייִדישער מאָראַל.

דער בליק קומט פֿון דעם טויזנטיעריקן ייִדישן קרייץ־וועג אויף וועלכן עס האָט זיך, ווילנדיק ניט ווילנדיק, געשאַפֿן אָט דער בליק, אָדער ריכטיקער, וואונטש אויף אַזאַ וועלטלעכער מאָראַל.

— די געזונטסטע מאָראַל איז צווישנפֿעלקערלעכע שטרעבונג צו העכערער מאָראַל — האָט אנאטאל געזאָגט.

— אָ, יע . . . . — האָט באַראַש צוגעגעבן — אָט אַזאַ מין צווישנפֿעלקערלעכע סאָציאַלע און עטישע מאָראַל פּרובירט מען צו שאַפֿן אין סאָוועטן פֿאַרבאַנד, אָבער . . . די ייִדן־פֿראַגע ליגט נאָך אַלץ אונטער דעם מיקראָסקאָפּ פֿון דער וועלט און מ׳שטודירט נאָך אַלץ דעם פֿענאָמען, וואָס הייסט ייִד. דערפֿאַר זינדיק איך אָפּט מיט דעם געדאַנק וועגן אַן אייגענער ייִדישער טעריטאָריע ערגעץ אויף דעם ענגן, פֿאַרבלוטיקטן ערד־קוגל.

— נאָך אַ פֿאָלק, מיט נאָך אַ טעריטאָריע, מיינט צוגיסן נאָך אויפֿרייס־שטאָף צו דעם ברענענדיקן אימפּעריאַליסטישן פֿייער — האָט אנאַטאָג אַרגומענטירט. — איך טראַכט אָפּט, אַז . . . ווען די קליינע פֿעלקער וואָלטן זיך אַסימילירט מיט די גרויסע קולטורן, וואָלטן אפשר מער קיין מלחמות ניט געווען. וואָרן עס וואָלט דעמאָלט אַסך לייכטער געווען איינצופֿירן אַן אינטערנאַציאָנאַלע און סאָציאַלע גערעכטיקייט אויף דער וועלט.

— וואָס פֿאַר אַ טרוימער איר זענט — האָט זיך באַראַש צעשמייכלט.

— איך גיב צו . . . כ׳האָב זיך צעטרוימט אַביסל — האָט זיך אנאטאל צעלאַכט. — אָבער דענקט איר ניט, אַז מיר זענען זיך דאָ אַביסל צו לאַנג פֿאַרזעסן ? סטעלאַ וועט מיד ווערן פֿון אונדז.

— איר דאַרפֿט זיך ניט איילן — האָט סטעלאַ אַ קוק געטאָן אויף אנאטאלן. — איך בין געוואוינט צו זיצן שפּעט און ס׳איז מיר זייער אָנגענעם מיט אייך.

— אייערע פֿענצטער זענען דאַכט זיך די איינציקע, וואָס שייַנען נאָך מיט ליכט — האָט זיך באַראַש אָנגערופֿן.

— און אויך אייערע אויגן — האָט אנאטאל געזאָגט. — דענקט איר ניט אַזוי, ראַש ?

— אין דעם ליכט פֿון אירע אויגן זע איך מיין וועג . . . — האָט באַראַש אַ קוק געטאָן אויף איר.

— מעג איך גיין מיט אייך אויף דעם וועג, ראַש ? — האָט אנאַטאָל האַלב ערנסט, האַלב שפּאַסיק געפֿרעגט.

— עס איז דאָ גענוג ליכט פֿאַר דער גאַנצער וועלט — האָט זיך

באַראַש אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו סטעלאַן — אַלזאָ, אַ גוטע נאַכט. ס'איז געווען אַ פיינער אָוונט.

— אַ חלום אין אַ מיטזומער נאַכט, ווי שעקספּיר וואָלט זיך אויסגעדריקט — האָט אַנאַטאָל ניט אַראָפּגענומען זיין בליק פון סטעלאַן.

— איר איבערראַשט און איר איבערשטייגט אַלע מיינע דערוואַרטונגען, אַנאַטאָל — האָט באַראַש באַמערקט. — ווי דענקט איר, סטעלאַ?

— איך דענק, אַז איר זענט ביידע גוטהאַרציקע מענטשן און מייסטער צו זאָגן די אַנגענעמסטע ווערטער.

— אַלזאָ, אַ גוטע נאַכט — האָט באַראַש פאַרהאַלטן סטעלאַס האַנט מיט מער וואַרעמקייט ווי אימער. דאָס מאָל האָט ער אָבער ניט געקושט אירע פינגער ווי ער פלעגט עס געוויינלעך טאָן. זי האָט עס באַמערקט, אַ שמייכל געטאָן און באַראַשן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט אפילו געזען אַ קוים באַמערקטן וואונק אין אירע אויגן.

— אַ גוטע נאַכט — האָט אויך אַנאַטאָל געדריקט איר האַנט.

— קומט ווען איר האָט צייט — האָט סטעלאַ געזאָגט און איז נאָכגעגאַנגען זיי ביז צו דער טיר.

זי איז נאָך לאַנג געשטאַנען אויף דעם גאַנעק צוהערנדיק זיך צו די ווייטע טריט און צו אַנאַטאָלס געלעכטער, וואָס איז לאַנגזאַם צעגאַנגען געוואָרן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

דער פאַרמאַן דזשאַנסאַן, האָט באַראַש באַמערקט, האָט שוין אַ פּאָר מאָל פּרובירט פּראָוואָצירן אַ קריג מיט אים. און באַראַש האָט געמיינט, אַז נאָך אַ טאָג, נאָך אַ וואָך און ער וועט אָפּגעזאָגט ווערן פון דעם דזשאָב. ביז איינמאָל איז דזשאַנסאַן געבליבן שטיין נעבן אים און אַ זאָג געטאָן:

— ווי עס ווייזט אויס, זענט איר אַ געשוואָרענער גוטער־ברודער מיט אַנאַטאָלן. ווי קומט איר צו אים?

— מיר אַרבעטן דאָך צוזאַמען — האָט באַראַש געענטפערט.

— עפּעס האָט ער דאָרט אין אַרבעל — האָט דזשאַנסאַן געזאָגט מיט דעם ספּעציפיש אַמעריקאַנישן אויסדרוק.

— אפשר אַ מעסער? — האָט באַראַש פּרובירט אַ שמייכל טאָן.

— און אפשר קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע — האָט דזשאַנסאַן געקוקט ביטערע אויף באַראַשן. — עס וועט אָבער ניט גיין דאָ באַ אונדז.

— פאַרוואָס דענקט איר אַזוי? — האָט באַראַש געפרעגט.

— פאַרוואָס דענק איך אַזוי וואָס? — האָט דזשאַנסאַן אַ פרעג געטאָן בייז. — אַז ס'וועט ניט גיין באַ אונדז?

— ניין, ניט דאָס. פאַרוואָס דענקט איר, אַז ער איז אַ קאָמוניס־טישער פּראָפּאַגאַנדיסט ?

— אָ, דאָס . . . פאַרלאָזט זיך אויף אונדז — האָט ער מיט זי־כערקייט געזאָגט. — מיר האָבן שוין די מענטשן און די מיטלען ווי אויסצוגעפינען דאָס. און מיר האָבן אויך די מיטלען ווי צו באַזייטיקן אַזעלכע פאַרשווינען.

— איך צווייפל ניט — האָט באַראַש באַמערקט.

— אייניקע אַרבעטער זענען געקומען צו מיר און האָבן דער־ציילט, אַז ער האָט גערעדט צו זיי „פּאַני" רייד. אויף אייך האָט מען אויך אַ פּאָר מאָל געזאָגט דאָסזעלבע און זייט וויסן, ראַש, אַז מיר האָבן אייך געהאַט אויפן אויג אַ שטיק צייט. באַ אייך איז דאָס, ווייזט אויס, בלויז אַ יידישע טבע צו זיין באַרמהערציק און רחמנות האָבן אויף די אָרעמע אַרבעטער, נעבעך. באַ אַנאַטאלן איז דאָס אָבער אַ ציל, אַ פּראָפּעסיע. איך בין זיכער, אַז ער קריגט באַצאָלט דערפאַר — צו מוטיען די וואָסערן.

— צו וואָס זשע זאָגט איר עס מיר ? צי אפשר פרעגט איר מיך ?

— איך פרעג אייך ניט, איך ווייס. איך זאָג עס אייך, כדי איר זאָלט עס וויסן, אויב איר ווייסט ניט, אָדער איר מאַכט זיך ניט וויסנ־דיק. מ'זעט אייך צו אָפּט מיט אים און דאָס קען נאָך פאַרשטאַרקן דעם פאַרדאַכט, אַז איר זענט אויך פון יענער חברה.

און אָפּזאָגנדיק דאָס, האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק־געגאַנגען. אין דעמזעלבן טאָג האָט זיך באַראַש געזען מיט אַנאַטאלן און האָט אים איבערגעגעבן דעם געשפּרעך מיט דזשאַנסאַנען.

— איך האָב דאָס דערוואַרטעט, פריער אָדער שפּעטער — האָט אַנאַטאל געזאָגט. — איך זע, אַז מיר וועלן האָבן אַ שווערערן דזשאָב, ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט. אָבער זאָרגט ניט, ראַש, איך בין דאָ ניט אַליין און צי זיי ווילן צי ניט, די אַרבעטער וועלן ווערן אָרגאַניזירט.

אין דעמזעלבן אָוונט, ווען באַראַש איז געקומען צו סטעלאַן, האָט ער דאָרט געטראָפן אַנאַטאלן. אויף אַ רגע איז ער געבליבן שטיין פאַר־וואונדערט, אָבער גלייך האָט ער זיך געכאַפּט, אַז, אייגנטלעך, דאַרף ער זיך ניט וואונדערן און דאַרף ניט רעאַגירן. דאָך איז דער אָוונט אַוועק באַ אים אין אַ שלעכטער שטימונג.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

גערסאַנען האָט מען ווידער איבערגעפירט אויף באַטאַגיקער אַר־בעט. דער פאָרמאַן האָט אים איינמאָל געזאָגט :

— גערסאַן, איר זענט אַ קלוגער מענטש און אַ שטילער מענטש. מיר האַלטן פון אייך, דאַרפט איר אונדז ווייזן, אַז איר שעצט עס אָפּ.

— וואָס זשע, איך אַרבעט שלעכט? — האָט גערסאָן געפרעגט, פּרעטענדירנדיק, אַז ער פאַרשטייט ניט וואוהין דזשאנסאָן צילט.

— אָ, ניין, דאָס ניט — האָט אים דזשאנסאָן באַרואיקט. — איר זענט ניט פויל און אייער אַרבעט איז גוט. איר דאַרפט אָבער זען, אַז ראָש, וועמען איר האָט רעקאָמענדירט אַהער, זאָל זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון אנאטאלן.

— פון אנאטאלן? וואָס טוט ער דען, אנאטאל?

— וואָס ער טוט, וועלן מיר איצט ניט דיסקוטירן — האָט דזשאנ־סאָן אַ דענערווירטער געענטפערט. — איר פאַרשטייט זייער גוט וואָס איך מיין. איר יידן זענט קלוג און כיטרע, איך וואָלט אָבער ניט געוואָלט מ׳זאָל זאָגן, אַז איר, כ׳מיין איר און באַראָש, זענט טראָבלמאַכער דאָ.

— טראָבלמאַכער?

— יאָ, אויב איר וועט זיך חברן מיט אים, וועט איר זיכער אַריין אין טראָבל.

— פאַרוואָס וואַרפט איר אים ניט אַרויס, אויב ער איז אַ טראָבל־מאַכער? — האָט גערסאָן געפרעגט.

— דאָס איז אונדזער זאַך — האָט דזשאנסאָן געענטפערט מיט אַ סאַרדאָנישן שמייכל און איז אַוועקגעגאַנגען פון גערסאָנען.

אין אָוונט האָט גערסאָן דערציילט באַראָשן וועגן זיין געשפּרעך מיט דזשאנסאָנען.

— עס שאַפט זיך אַ זייער אומאַנגענעמע לאַגע — האָט גערסאָן געזאָגט. — אָבער אַלץ וואָס מיר קאָנען דאָ טאָן, איז צוהערן זיך צום אייגענעם שכל און צום אייגענעם געוויסן און דאָס איבעריקע איבערלאָזן צו אנאטאלן. וואָרן וואָס פאַר אַ רעכט האָבן מיר צו מישן זיך אין זיין לעבן און אין זיינע אידעאַלן.

— מיר דאַכט זיך, אַז ער פאָדערט אויך פון אייך אַביסל קאָאָפּע־ראַציע — האָט זיך סטעלא אָנגערופן. — און . . . ווילנדיק ניט ווילנ־דיק, וועט איר אים מסתמא די קאָאָפּעראַציע געבן.

— ווי אַזוי? — האָט זיך גערסאָן געוואונדערט.

— מיט דעם, וואָס איר וועט ניט איבעררייסן די פריינדשאַפט און וועט ניט אַנטלויפן פון אים צוליב זיין אַקטיוויטעט.

— וואָס דענקט איר וועגן דעם, ראָש? — האָט גערסאָן געפרעגט.

— יעדער איינער האָט זיך זיין צוגאַנג צו זאַכן און צו פּראָבלע־מען — האָט באַראָש געענטפערט. — אידייאיש און סאָציאַל בין איך מיט אנאטאלן, און מיין מענטשלעכע רעכט צו לעבן ווי איך וויל און צו חברן זיך מיט וועמען איך וויל, וועל איך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ניט אויפגעבן, אפילו ניט צוליב דזשאנסאָנען.

— נו, איר דערוואַרט דאָך ניט פון מיר, אַז איך זאָל זאָגן דאָס פּאַרקערטע? — האָט גערסאָן געזאָגט. — און אויב דזשאַנסאָן וועט מיך אַרויסוואַרפן, איז אפשר בעסער אַזוי. אַליין האָב איך מער ניט קיין מוט צו פאַרלאָזן ניו־פּאָרט און צו באַזעצן זיך ווידער אין ניו־יאָרק, אָבער ווען איך קריג דעם שטויס, וואָלט דאָס אפשר געווען בעסער פאַר מיר און פאַר סטעלאַן אודאי און אודאי . . . און פאַר אייך אויך, ראָש. נו, טאַקע . . . איז דאָס אַ צוקונפט פאַר סטעלאַן צו פאַרבלייבן דאָ אַ פּיאַנאָ־לערערין אין ניו־פּאָרט? איז דאָס אַ תכלית פאַר אַ יידישער טאָכטער, וואָס איז נאָך, דאַנקען גאָט, יונג און שיין און מיט אַלע מעלות?

— אָ, פאַ . . . הער אויף . . . — האָט זיך סטעלאַ צעלאַכט.

— אָלרייט, אָלרייט . . . . — האָט גערסאָן פולבאַדייטנד אַ קוק געטאָן אויף באַראָשן. — כ׳האָב גאָרניט געזאָגט.

באַראָש איז געזעסן אין אַ זייט, געלייענט די „צייט" און מיט אַ געפּיל פון בושה צוגעהערט זיך צו גערסאָנס ווערטער. און פּלוצים האָט עס אים ווי אַ טרייסל געטאָן אין שטול. אויף דער לעצטער זייט פון דער צייטונג האָט ער דערזען אַן אַנאָנס, וואָס האָט געמאָלדן, אַז אינגיכן וועט זיך אָנהייבן דרוקן אַ לענגערע נאָוועלע פון דעם טראַגיש־פאַרשוואונדענעם דיכטער באַראָש. די לעצטע איבערגעבליבענע נאָוועלע זיינע איז איבערגעגעבן געוואָרן צום דרוק פון דעם שריפטשטעלערס פרוי אַדאַ באַראָש מיט אַ קורצער אָפּהאַנדלונג וועגן דעם לעבן און שאַפן פון דעם דיכטער, געשריבן פון איר אַליין.

באַראָש איז געבליבן זיצן אַ צעטומלטער, געקוקט אינדערוויטנס, ווי זעענדיק פאַר זיך אַ גייסט. עפּעס האָט אים אין דעם אַנאָנס דערפרייט און עפּעס באַאומרואיקט. ער האָט פּרובירט טרעפן וועלכע פון די צוויי נאָוועלן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, גיט אַדאַ איבער צום דרוק. ביידע נאָוועלן זענען געווען זיינע שוואַכסטע נאָוועלן און ער האָט ניט געאיילט זיך אָפּצודרוקן זיי. און דאַ . . . אַדאַ מיט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן זיין לעבן און שאַפן . . . וואָס פאַר אַ איראָניע! ווי ער פלעגט האָסן, ווען פרויען פון פאַרשטאָרבענע קינסטלער האָבן זיך דראַפּירט אין קונסט און אידעאַליזירט דעם נאָמען און דעם גייסט פון פאַרשטאָרבענעם. ער פלעגט שטענדיק אָפּלאַכן פון די פרויען, וואָס האָבן גענומען שיינען מיט פאַלשער ליכט פון קונסט, ווי עס שיינט די לבנה מיט דער ליכט פון דער זון. אָבער אַדאַ . . . זי האָט עס ניט באַדאַרפט טאָן . . .

ער איז שוין קוים איינגעזעסן אין שטול. אויפגעהויבן זיך און גענומען שפּאַנען נערוועז. און סיי סטעלאַ און סיי גערסאָן האָבן חושד געווען, אַז דאָס זענען זיינע, גערסאָנס ווערטער, וואָס האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין אַזאַ נערוועזיטעט. אומבאַמערקטערהייד האָט ער אַרויסגע־

ריסן דעם נאָטיץ פון דער צייטונג און באַהאַלטן אים אין קעשענע. גע־זעסן נאָך אַ ווײַלע, אויסגעטרונקען זיין קאַלטע קאַווע און כמעט ניט גע־רעדט.

סטעלאַ האָט מיט איר געוויינלעכער טאַקטישקייט געהאַלטן זיך רואיק און ניט־צודרינגלעך און איידער ער איז אַהיימגעגאַנגען, האָט זי געזאָגט:

— ס׳איז גוט איצט אינדרויסן. די לבנה איז אַזוי רואיק און איך וואָלט געוואָלט גיין מיט אייך. ס׳איז אָבער שפּעט . . .

— קומט . . .

— ניין, ניין . . . איצט גייט אַליין און . . . קוקט אויף דער לבנה . . .

אין דערדאָזיקער נאַכט האָבן מלאכים און שדים געריסן זיך אי־בער זיין האַרץ. פאַרגעסענע טעג און נעכט פון אַמאָל, גאַנצע שטיקער לעבן האָבן געשוועבט פאַר זיינע אויגן — אויגן פאַרנעפּלטע אין טרערן.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

עס האָט גענומען עטלעכע טעג ביז באַראַשעס געמיט האָט זיך איינגעשטילט. אין דידאָזיקע טעג און נעכט האָט זיין מח פיבעריש פּלאָנירט . . . ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער באַווייזט זיך פּלוצים אין ניו־יאָרק, ווי ער קומט אַריין אין דער רעדאַקציע און יעדער איינער בלייבט זיצן אין זיין שטול ווי פּאַראַליזירט . . . אָדער — ער גייט אַהיים . . . און עפנט די טיר . . . און פון אַדאַס ברוסט רייסט זיך אַרויס אַ געשריי און זי קוקט אויף אים מיט אַ בליק פון אַ פאַרוואונדע־טער . . . אָדער — — —

די בילדער האָבן זיך געביטן און די שטימונג איז נאָכגעגאַנגען ווי אַ שוואַרצער שטאָן . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

באַראַש האָט געזען, אַז אַנאַטאָל אַרבעט אינטענסיוו צו פאַרמירן אַ קעמערל פון אַקטיווע אַרבעטער אין דער פאַבריק. און ער האָט גע־וואוסט, אַז ס׳איז אים שוין געלונגען צו צוציען צו זיך אַרום צען פון די מער פאַרגעשריטענע און דרייסטערע אַרבעטער. באַראַש האָט זיי גע־קאָנט. מיט זיי, מיט דידאָזיקע אַרבעטער האָט אַנאַטאָל גערעדט און אינסטרואירט, געלערנט ווי צו פאַרבינדן און פאַרקניפּן אין אַ שטאַר־קער נעץ אַ געדאַנק צו אַ געדאַנק, אַן אַרבעטער צו אַן אַרבעטער און אַ טאַט צו אַ טאַט.

עס איז אָבער ניט דורכגעגאַנגען אָן אינצידענטן. איינמאָל, ווען אַנאַ־

טאָל האָט פּרובירט צו רעדן מיט בלעקן, מיט איינעם פון די אַרבעטער, וואָס מיט זיין פאַרעקשנדן שווייגן האָט געמאַכט צו גלויבן, אַז עס זידט אין אים דער פייער פון פּראָטעסט. האָט בלעק, אַנשטאָט אָן ענטפער, פּלוצים אַ זעץ געטאָן און אַ שפּיי געטאָן אַנאַטאָלן אין פּנים. אַנאַטאָל האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז בעסער ניט צו צעבלאָזן אַ פייער פאַר דער צייט, האָט ער מיט פאַרביסענע ליפּן פאַרשוויגן דעם קלאַפּ. אָבער פאַר־נאַכט, ווען אַנאַטאָל און באַראַש זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער אַרבעט, האָבן זיי באַם טויער דערזען דעם פאָרמאַן, בלעקן און אַ פּאָר פון די פאַבריק דעטעקטיווס. זיי זענען געשטאַנען אין אַ זייט און געקוקט אויף אַנאַטאָלן און אויף באַראַשן מיט ציניש־שמייכלענדיקע בליקן, בליקן, וואָס האָבן געזאָגט: וואַרט, וואַרט, דאָס איז בלויז אַ מוסטער. עפּעס בעסערס איז ערשט צוגעגרייט פאַר אייך . . .

— איר האָט מוט, ווען איר גייט מיט מיר — האָט אַנאַטאָל געזאָגט.

— איך גיי ניט נאָר מיט אייך, איך גיי מיט זיך זעלבסט — האָט באַראַש געענטפערט.

— איז דאָס נאָך בעסער — האָט אַנאַטאָל אַרויפגעלייגט די האַנט אויף באַראַשעס פּלייצע. — דאָס לעבן איז ווערטפול, ווען עס טראָגט אין זיך אַ ציל.

— אַ ציל, וואָס איז פאַנאַנדערגעשאָסן מיט טויזנטער פיילן אויף יעדער סטעזשקע און אויף יעדן וועג פון לעבן — האָט באַראַש געענטפערט.

— איר וואָלט באַדאַרפט זיין אַ פּאָעט, ראַש.

— איך בין — האָט באַראַש געזאָגט און געקוקט ערגעץ אינ־דערוויטנס, אויף די כוואַליעס אין וועלכע ער האָט געזען די שאָטנס פון הימלקראַצערס.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

ניו־פּאָרט איז שוין געשלאָפן. קיין מענטשן האָט מען ניט געזען. אָבער אין דעם סאַלון, וואָס איז געשטאַנען נאָענט באַם באַרג, ווי צו־געטוליעט צו אַ שוואַרצער ברוסט, האָט זיך געפייניקט די נאַכט אין פאַרשיכורטן פלאַפל, אין פּולסירנדן האַס, ווי אונטער סעינט וויטאַס טאַנץ פון ליכט און שאָטן.

פיר זענען זיי דאָרט געווען. האַנס מיונכאַוער, דער אייגנטימער פון סאַלון און זיינע דריי געשוואוירענע קונים: דער פאָרמאַן דזשאָנ־סאָן, בלעק און דער איטאַליענער טאָני. זיי זענען געשטאַנען באַ דעם באַר אַרום האַנסן און האָבן געוויקלט זייערע האַלב־פאַרשיכורטע רייד אין שטינקענדיקן רויך פון די ליולקעס. דאָס כישופדיקע קעסטעלע —

די ראַדיאָ האָט געטראָגן פון דער פאַרבאָרגענער ווייטקייט דאָס אַלמעכטיקע וואָרט פון דעם קלוגן יאָהאַכים. און שטענדיק אַזוי, ווען יאָהאַכים האָט גערעדט, פלעגן זיי צוהערן זיך מיט דער הנאה פון אַ חיה, וואָס זעט איר קרבן און איז גרייט צו פאַרצוקן אים. האַנס, מיט זיין לאַנגן זשיראַפן־האַלדז, מיט די דינע, ביינערדיקע הענט און קאַלטע אויגן, האָט דאָ און דאָרטן אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט און יעדע פראַזע זיינע האָט זיך אַרויסגעגאָרגלט פון זיין האַלדז, ווי בראַנפן פון דער פלאַש.

יידן . . . יידן . . . יידן . . .

די גלעזער מיט ביר און בראָנפן זענען געשטאַנען ווי שטומע עדות; די טונקעלע ווינקלען האָבן געוואַרט אויף טונקעלע טאַטן; די קליינע, רויטע לעמפעלעך אין דער סטעליע האָבן געקוקט ווי בלוטיקע אויגן פון אַ מאָנסטער, וואָס וואַרט אויף אַ לעבעדיקן נפש אויפצופרעסן אים. ווי קליינע, מיאוסע רוחלעך, זענען געשפרונגען די געדאַנקען. ער האָט זיי געשלעפט, האַנס, פון מויל, פון די אויערן, פון דעם אַרבל . . . און די שפּעטע שעה האָט פאַרדעקט זייער האַס מיט איר שוואַרצן פליגל.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

די יולי נאַכט האָט געגלעט מיט אַ וואַרעמען ווינטל. באַראַש, אַן אַ הונט, מיט דער ליולקע אין מויל און אין דער באַגלייטונג פון שכנס הונט, איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע, רואיקע טריט. די נאַכט האָט ניט געלאָזט איילן זיך. דער הונט איז נאָכגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ און אַ טרויעריקער. נאָכדעם, ווי דער באַלעבאָס זיינער, אַן אַרבעטער, איז געשטאָרבן און די אלמנה איז אַוועקגעפאָרן צו אירן אַ ברודער ערגעץ, איז ער געבליבן אַליין. אַ פּאָר טעג און נעכט איז ער געלעגן באַ דער טיר פון דעם פאַרוואָרלאָזטן הויז, פאַרלאָזנדיק דאָס פלאַץ בלויז דאַן, ווען דער הונגער האָט געטריבן און ווען דער מחיהדיקער ריח פון געבראָטן פלייש האָט זיך געטראָגן פון די שכנהשע הייזער.

באַראַש האָט פון זיין אַלטיטשקער באַלעבאָסטע געהערט וועגן דעם טויט פון דעם אַרבעטער, דעם הונט באַ דער טיר האָט ער אָבער אַליין באַמערקט. האָט ער גערעדט צו אים און געטרייסט אים, ווי מ'טרייסט אַ מענטשן און אַ פּאָר מאָל מיטגענומען מיט זיך פון רעסטאָראַן ביינער פאַר דער עלנדער בריאה. דער הונט האָט דערפילט אין אים אַ פריינט און האָט זיך צוגעבונדן צו אים. ער האָט אים אָנגעהויבן נאָכצוגיין אין הויז אַריין און האָט ניט געוואָלט אַרויסגיין פון זיין צימער. ער איז געוועזן ריין, דער הונט, און ציכטיק און אויגן האָט ער געהאַט טרויערי־

קע, האָט באַראַש געקראָגן רחמנות אויף אים און האָט אים ניט געקאָנט פאַרטרייבן פון זיך. דער אַלטער מעקגווייער האָט אָבער פיינט געהאַט הינט און האָט ניט געוואָלט ליידן, וואָס דער הונט דרייט זיך אַרום אין הויז און ווען באַראַש האָט דערציילט סטעלאַן וועגן הונט, האָט זי פאַר־געשלאָגן, אַז ער זאָל אים ברענגען צו איר.

דער הונט איז נאָכגעגאַנגען באַראַשן טראָט נאָך טראָט. און באַ־ראַש האָט געטראַכט, אַז אַ הינטישע נשמה האָט עפּעס מענטשלעכעס אין זיך, און אַז די פריינדשאַפט צווישן מענטש און הונט קאָן זיין טיף עמאָ־ציאָנעל און אפילו פול מיט געדאַנקלעכן אינהאַלט.

סטעלא האָט אים געזען פון פענצטער אָנקומען מיטן הונט, איז זי אים אַנטקעגנגעגאַנגען.

— אַט דאָס איז ער? — האָט זי געפרעגט און האָט זיך צוגע־בויגן צום הונט.

— דאָס איז ער.

— ווי רופט מען אים?

— ווי מ'רופט אים? . . . — האָט באַראַש געפרעגט און גע־קוקט אויף די ליניעס פון איר קערפּער, וואָס האָבן זיך רעליף אויסגע־טיילט אין דער האַלב־דורכזיכטיקייט פון איר טוניק — די גאַס רופט אים פּילאַ.

— ער קוקט אויף אונדז אַזוי קלוג און מיר דאַכט זיך אַביסל פאַר־שעמט, גלייך ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען, אַז מיר רעדן פון אים — האָט סטעלא געגלעט דעם הונטס פעל.

— אַ הונט איז ווי אַ מענטש — אָן אַ האַר איז ער פאַרלוירן — האָט באַראַש אַ שפּאַס געטאָן איראָניש.

— נו, גוט — האָט סטעלא געזאָגט. — לאָמיר אַריינגיין, וועלן מיר אים מכבד זיין מיט עפּעס.

סטעלא פאַראויס, און באַראַש נאָך איר, און דער הונט נאָך באַ־ראַשן זענען אַריינגעגאַנגען אין הויז. סטעלא האָט אַרויסגענומען פון פרידזשידיר אַ טעלער מיט פלייש און צוגעטראָגן עס צום הונט. דער הונט האָט אַ קוק געטאָן אויף באַראַשן, ווי אָנפרעגנדיק זיך צי ער מעג עסן און גענומען שטילן זיין הונגער.

באַראַש האָט געקוקט אויף סטעלאַן און אין געדאַנק האָט ער זי צאַרט געדריקט צו זיך.

— וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר? — האָט זי געפרעגט.

— עס חלומט זיך מיר עפּעס . . .

— אַ . . . — האָט זי בלויז געזאָגט און געקוקט אויף אים און געוואַרט, אַז ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן. ער האָט אָבער מער גאָרניט גע־

זאָגט. פאַררוּיכערט זיין פאַרלאָשענע ליולקע און געקוקט ווי דער רויך שפּרייט זיך ווי אַ בלויער גייסט אין צימער.

גערסאַן איז אַריינגעקומען פון זיין שפּאַציר און ער האָט זיך אויך דערפרייט מיטן הונט, גענומען רעדן צו אים, געגעבן שלום, געקראַצט אונטערן אויער און אָנגעהייבן דערציילן מעשיות וועגן הינט, וועגן זייער שכל און געטריישאַפט.

ס'איז נאָך געווען פרי אין אָוונט. דורכן פענצטער האָט זיך געזען די בלויקייט פון די בערג. און עס האָט אַ ציִ געטאָן באַראַשן צו גיין, צו וואַנדערן; צו פליען מיטן געדאַנק און מיט דער נשמה צו ווינטיקער ווייטקייט. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן, ווי אונטערגעטריבן פון געדאַנק.

— איר גייט שוין? — האָט סטעלאַ געפרעגט פאַרוואונדערט.

— איך ווייס ניט . . . עפּעס ציט . . . עס וואָלט גוט געווען צו גיין. קומט, איר ווילט גיין?

— וואוהין?

— וואוהין די אויגן וועלן טראָגן.

— איך בין גרייט צו ריזיקירן — האָט זי געענטפערט, ווי אָנגערעגט מיט זיין ווינטיקייט.

זי האָט אַרויסגענומען פון דעם אַלקערל אַ לייכטן וואָלענעם מאַנטל, אַרויפגעוואָרפן אים אויף די פּלייצעס און צוגעגאַנגען צום פאָטער:

— ווילסט אפשר אויך גיין מיט אונדז, פאַ?

— ניין, איך וועל בלייבן אין הויז, וועל פאַרברענגען מיטן כלב.

באַראַש און סטעלאַ זענען אַרויסגעגאַנגען. עס איז געווען שטיל אַרום. עס האָט געשמעקט מיט זשאַסמין. אינדערווייטנס, אין דער בלויקייט פון פאַלנדן אָוונט, האָט ווי אַ רויט אויג געקוקט דער עלעקטרישער שילד פון דעם קינאָ־טעאַטער.

זיי זענען געגאַנגען מיט רואיקע, לאַנגזאַמע טריט. פאַרבייגעגאַנגען אַ פּאָר זייטיקע געסלעך, אַריינגעקוקט דאָ און דאָרט אין די אָפענע, באַלויכטענע פענצטער, רעאַגירט אויף די בילדער און קלאַנגען, אויף דעם געזאַנג און געוויין, וואָס האָט זיך געטראָגן ווי דורך אַ סורדינע פון דער אָנקומענדיקער נאַכט.

— איך וואָלט געקאָנט אַזוי גיין און גיין ביז פאַרטאָג — האָט זי געזאָגט.

— וועלן מיר גיין — האָט ער געענטפערט און צוגעצויגן זי נענטער צו זיך.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין אויף דער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט אַרויף. זיי האָבן געשוויגן, אָבער דער שאָרך פון די בלעטער אונטער די פיס האָט גערעדט מיט דער שפּראַך פון וואַלד. די לופט איז געוואָרן

קילער און אין דער קילקייט האָט סטעלאַס באַעגטקייט געוואָרעמט און עלעקטריזירט באַראַשעס קערפּער. אַלץ העכער און העכער האָבן זיי געשטיגן, געגאַנגען, ווי טראָגנדיק מיט זיך אַ סוד. געגאַנגען, ווי גע־רופן פון דער נאַכט, און פון דעם באַרג און פון דיביימער, דורכצופירן אַ מיסטישע מיסיע. און פּלוצים זענען זיי געבליבן שטיין. די סטעזשקע האָט זיי צוגעפירט צום ברעג פון אַ שטיינערנער סקאַלע. אונטן איז געלעגן די טיפעניש און העכער האָבן ווידער סקאַלע אויף סקאַלע געפור־רעמט ריזיקע טרעפּ צום שפּיץ פון באַרג. אַרום און אַרום זענען אַלטע, ריזיקע ביימער געשטאַנען ווי פאַרכישופטע, מאָנסטערהאַפטע וועכטער און געהיט די סודות פון דעם באַרג, דעם סוד פון אייביקייט.

באַראַש און סטעלאַ זענען געשטאַנען אַרומגענומען, פאַרגאַפטע. דורך דער זיידענער דינקייט פון איר טוניק האָט ער געפילט די וואַרעמע גלאַטקייט און שטייפקייט פון איר קערפּער. ער האָט געשוויגן און גע־קוקט אויף די שטערן אין הימל.

— אין אַזאַ נאַכט קאָן מען זען, אַז דאָס לעבן איז פאַרט פול מיט שענקייט און מיט צוויבערלעכער האַרמאָניע — האָט ער געזאָגט.

— מיר וואָלטן באַדאַרפט קומען אַהערצו אָפטער, אויב אַזוי — האָט זי געענטפערט.

— וועלן מיר קומען אָפטער . . .

— איר זענט היינט, זע איך, גרייט איבערצוגעבן זיך צום לעבן מיט עפּעס אַ פאַטאַליסטישן גלויבן . . . איז דאָס בלויז אַ שטימונג אַזאַ?

— ס'איז די נאַכט און דער באַרג און דו . . . — איז ער פּלו־צים איבערגעגאַנגען אויף „דו".

זי האָט אַ זיפץ געטאָן און אירע פינגער האָבן נערוועז אַ צוק גע־טאָן אין זיין האַנט.

— דיינע פינגער האָבן איצט גערעדט . . .

— מיינע פינגער רעדן בעסער די שפּראַך פון מוזיק . . .

— איך הער ווי עס זינגט אין אונדז יעדער גליד, יעדער טראָפּן בלוט, יעדער אָטאָם דאָס געזאַנג פון דער נאַכט . . . דאָס געזאַנג פון דעם באַרג . . .

— איך הער אויך.

ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך און געמאַכט מיט איר אַ פּאָר שפּאַן צום סאַמע זוים פון דער סקאַלע:

— אַך, ווען מיר וואָלטן געקאָנט פליען . . . אָט אַזוי, אַן פליגל...

— ווען עס וואָלט געווען נאַטירלעך, וואָלטן מיר עס ניט גע־שעצט . . .

— איך פיל עפּעס אַ צוגעבנדנקייט צו דעם באַרג, סטעלאַ . . .

איך ווייס ניט פאַרוואָס, אָבער . . . עס וואָלט זיך מיר געוואָלט צוגע־קאָוועט ווערן צו אים מיט קייטן, ווי פּראָמעטעאוס . . . און שטאַרבן דאָ און ווידער ווערן געבוירן . . .

— איר זענט פול מיט ווילדע פּאָעטישע שטימונגען, איר זענט אָ פּראָמעטעאוס אין לעבן און איר זענט צוגעבונדן צו עפּעס מיט קייטן, און איר שטאַרבט און איר ווערט ווידער געבוירן און . . . לאָמיר גיין ראָש . . . צוריק . . . אַראָפּ צו רעאַליטעט . . .

ער האָט אָ קוק געטאָן אויף איר, ניט ווויסנדיק ווי צו נעמען אירע ווערטער.

— אַראָפּ . . . צוריק ?

— יאָ . . .

— אַזוי גיך ?

— עס וואַכט דאָ די אייביקייט, אָבער . . . ניט אונדזערע . . .

— נו גוט, לאָמיר גיין.

ער האָט זי געפירט אַראָפּ לאַנגזאַם, אַלץ פילנדיק איר ציטערדי־קייט נאָענט צו זיך . . . און ווען זיי זענען שוין געווען בײַ די פיס פון באַרג, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט מיט איר, אַרויפגעקוקט און ווידערהאָלט אירע ווערטער :

— עס וואַכט דאָרט די אייביקייט, אָבער ניט אונדזערע . . . גוט געזאָגט, סטעלאַ . . .

און געטראַכט האָט ער :

— איך וואָלט אָבער געקאָנט פאַרבינדן דאָרט מיין רו און מיין אייביקייט מיט דער רו און אייביקייט פון באַרג — אין טויט . . . אין אייביקן טויט . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

יולי איז אַוועק. די אויגוסט טעג האָבן געזונגען אין באַראָשעס אויערן מיט כל־נדרי ניגונים. די אַרבעט אין דער פאַבריק איז געפאַלן יעדן טאָג מיט שווערער לאַסט. ניט אַזוי די אַרבעט, ווי די ניי־געשאַ־פענע אַטמאָספערע פון שנאה אַרום, דאָס קרומע שמייכלען פון דזשאַנ־סאַנען און פון בלעקן, זייערע גיפטיקע באַמערקונגען, זייערע אָפטע פאַר־טשעפּענישן מיט אַנאַטאָלן — דאָס אַלץ האָט געטריבן באַראָשעס בלוט ווי אין שטורעמדיקן גאַלאָפּ.

ס׳איז געווען אָ וואָלקנדיקער אָוונט, ווען ער און אַנאַטאָל האָבן זיך געטראָפן נאָך דער אַרבעט בײַם טויער.

— אויב איר ווילט, ראָש, קומט צו צו מיר שפּעטער — האָט אַנאַטאָל געזאָגט. — איך האָב דערהאַלטן אָ פּאָר אינטערעסאַנטע בי־

כער, וועל איך זיי אייך געבן צו לייענען און מיר וועלן דערנאָך נעמען אַ שפּאַציר צו סטעלאַן.

— גוט — איז באַראַש באַשטאַנען.

אַנאַטאָל איז אַהיימגעגאַנגען און באַראַש איז אַריינגעגאַנגען אין אַ רעסטאָראַן אָפּעסן. און דערנאָך, ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער זיך אָפּגעוואַשן, אַנידערגעלייגט זיך אָפּצורוען, אָבער, ניט קאָנענדיק איינליגן פון דער וויבּרירנדער נערוועזיטעט, איז ער אויפגעשטאַנען און געלאָזט זיך גיין צו אַנאַטאָלן.

אַנאַטאָל האָט שוין געוואַרט אויף אים. אין צימערל איז געווען שטיל. זיינע באַלעבאַטים זענען ערגעץ אַוועקגעגאַנגען און ער איז געווען אַליין. ער האָט געוויזן באַראַשן די ניי־אָנגעקומענע ביכער, געלייענט דאָ און דאָרט אויסצוגן פון זיי און קאָמענטירט און געפרייט זיך, ווען ער האָט אָנגעטראָפן אַ טרעפלעכן געדאַנק און אויסדרוק. זיי האָבן גערעדט, געדרויכערט און פאַרגעסן אין דער צייט.

אָבער ווען באַם פענצטער האָט זיך פּלוצים צעטראַמאַסעט דער מאָטאָר פון אַן אויטאָמאָביל, האָט באַראַש אַ קוק געטאָן אויף דעם זייגער און דערזען, אַז ס'איז שפּעט.

— שוין צו שפּעט צו גיין איצט צו סטעלאַן — האָט אַנאַטאָל באַמערקט.

— יאָ, צו שפּעט . . . — האָט באַראַש צוגעגעבן און דער געדאַנק האָט געדופן אַהיימצוגיין.

אָבער אין דער רגע האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר, צום ערשטן שטיל, דערנאָך שטאַרקער. אַנאַטאָל איז געגאַנגען עפענען. און ווען באַראַשן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט געהערט אַ מאָדנעם, פאַרשטיקטן אויסגעשריי, האָט ער זיך אויך געלאָזט גיין צו דער טיר. אַרויסגייענדיק פון צימער אין קאָרידאָר אַריין, האָט ער דערפילט אַ קלאַפּ אין קאָפּ און אין די אויגן האָבן שוואַרץ־רויטע פלעקן, ווי שניידנדיקע פליגל פון פייגל, פאַרדעקט זיין מח . . .

ווען דער באַוואוסטזיין האָט זיך אומגעקערט צו אים, האָט ער דערפילט, אַז זיין מויל איז פאַרשטאָפּט און די אויגן פאַרבונדן; און אָפּגעריסענע ווערטער און פראַזן האָבן געציטערט אין די אויערן צוזאַמען מיט דעם ציטער פון דעם אויטאָ־מאָטאָר. ער האָט שוין געקאָנט נאָכפאָלגן דעם לויף פון דער מאַשין, וואָס האָט זיגזאַגירט איבער די געסלעך. עס איז געווען ענג אין מאַשין, דער ריח פון גענזאַלין און בראַנפן האָט געשטיקט און דאָס בלוט אין די שלייפן האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. עס איז אַוועק, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַ האַלבע שעה כמעט און מיטאַמאָל איז דער אויטאָמאָביל געבליבן שטיין. ער האָט דערפילט ווי

צוויי הענט האָבן אים אַ שלעפּ געטאָן און גענומען שטופּן פאָראויס. ער האָט געהערט ווי אַנדערע פאַלגן אים נאָך און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז גלייך הינטער אים פירט מען אַנאַטאָלן. עס האָט זיך געעפנט אַ טיר, דערנאָך נאָך אַ טיר . . . אַראָפּ . . . אַראָפּ אין אַ קעלער. עס האָט אַ שלאָג געטאָן אין דער נאָז אַריין דער ריח פון ביר און זויערקייט און אַ שטאַרקע האַנט האָט געריסן די שמאַטע פון זיינע אויגן און פון זיין מויל און אין דער פאַרנעפּלדיקייט פון בליק, האָט ער אונטער דעם בלאַסן ליכט פון עלעקטרישן לעמפּל, דערזען לעבן זיך דאָס צעשלאָגענע פּנים פון אַנאַטאָלן און ווייטער אַביסל אין דער טיפקייט פון קעלער — דריי פאַרשוינען, אַנגעטאָן אין רעגנמאַנטלען מיט די קאַפּושאָנען איבער די קעפּ, די פּנימער פאַרדעקט מיט פאַטשיילעס, בלויז די שיכורע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט ווי אויגן פון בייזע חיות.

איינער פון די דריי האָט געעפנט דאָס טירל פון אויוון און דער ריוטער זשאַר און פלאַם האָט אַ וואָרף געטאָן שאָטנס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שוואַרצע, ציטערדיקע ראַצן אויף די שמוציקע ווענט. די דריי האָבן זיך דערנענטערט און אין באַראַשעס אויערן האָט פּלוצים אַ געשריי געטאָן דאָס צעריסענע העמד אויף זיין לייב און איבער דער נאַקעטער פּלייצע זענען זיך צעלאָפן קאַלטע שטראָמען. ציטערדיקע ווערטער האָבן זיך געריסן פון זיין פאַרטריקנטן האַלדז און זענען ווי פאַרברענט געוואָרן אין מויל.

— טו זיך אויס! — האָט ער דערהערט, ווי איינער שרייט צו אַנאַטאָלן — טו זיך אויס!

אַנאַטאָל האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

— טו זיך אויס! — האָט אַ רעווע געטאָן דער צווייטער און, אָנכאַפּנדיק אַנאַטאָלן בײַ די האָר, האָט ער גענומען שלאָגן אים מיטן פויסט אין פּנים אַריין.

דער דריטער האָט מיט רציחה גענומען אַראָפּרייסן פון אַנאַטאָלן די קליידער און געוואָרפן זיי שטיקערווייז אין אויוון אַריין. אַנאַטאָל איז געבליבן שטיין אַ נאַקעטער אונטער דעם פלאַם פון אויוון און די נאַקעטקייט זיינע האָט באַראַשן מאָדנע פאַרוואונדערט. אויסטערליש, פאַנטאַסטיש און שרעקלעך האָט גענומען אויסזען דער קעלער און די מענטשן און אַנאַטאָל, און דער ברענענדיקער אויוון, און די שאָטנס אויף די ווענט. ער האָט געוואָרט, אַז אָט, אָט דאַרף אין דעם משוגענעם חלום עפּעס אַזוינס געשען, וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט פאָרגעקומען. עפּעס אַזעלכעס, וואָס קומט פון כף־הקלע, פון איבערטייוולישער קראַפט.

זיי האָבן געלאַכט. און דער געלעכטער האָט געקילט ווי מיט קאַלטע ווינטן. ער האָט דערזען ווי אויסגעקרימטע, גראָבע פינגער, מיט

שמוציקע נעגל קריכן ווי פאַרשפּיצטע קלינעס אין אַנאַטאַלס לייב אַריין. יעדער אבר זיינער האָט געציטערט אַ פאַרשעמטער אין דער מאַכטלאָזי־קייט . . . די צוגעהאַלטענע הענט זיינע האָבן זיך קאָנוואולסיוו געדרייט אין פּיין און די פיס זיינע, אָפּגעשוואַכטע, האָבן געשלאָגן ווי אין שטיי־נערנע סקאַלעס אין די קערפּערס פון זיינע פּייניקער.

באַראַשעס אויגן האָבן עס געזען און ניט געזען, און די אויערן זיינע האָבן געהערט און ניט געהערט. דער דיקער, הויכער טייוול האָט גע־שאַרט מיט דעם אייזערנעם שטאַנג די קוילן אין אויוון און דער שטאַנג, ווי אַ שלאַנג מיט אַ רויטן, פייערדיקן קאָפּ, אַ שלאַנג מיט אַ שיפּענדי־קער פלאַמעדיקער צונג איז געקראָכן צו אַנאַטאַלס קאָפּ . . . און זי האָט זיך איינגעביסן, די שלאַנג, מיט טויזנטער שאַרפע אָנגעגליטע ציין, איינגעביסן זיך אין אַנאַטאַלס שטערן . . . אַהין — אַהער . . . אַהער — אַהין . . . אַ צלם . . . און פון צלם — ציינער אין אַלע פיר זייטן, ציינער פון אַ בלוטיקער סוואַסטיקא איבער אַנאַטאַלס צעריסענעם זיפץ און קרעכץ.

אַ פאַרצווייפלטער געשריי האָט זיך מיט זעלבסטאָפּפער אַרויסגעריסן פון באַראַשעס ברוסט און דער גאַנצער קערפּער האָט זיך מיט אַלע פאַר־באַרגענע כחות אַ ריס געטאָן צו די פּייניקער, אָבער אַ זעץ איז געפאַלן אויף זיין פּנים ווי אַ באַרג און דאָס וואַרעמע בלוט האָט אַ שלאָג געטאָן פון אים ווי אַ כוואַליע. רויטע ריטשקעלעך האָבן גענומען רינען פון פּנים צו דער נאַקעטער ברוסט און אַן אויסגעשלאָגענער צאָן האָט זיך ווי אַ גרויסער ביין געשאָקלט אין מויל און געשראָקן. ער האָט אויס־געשפּיגן אַ טייך מיט בלוט און דערהערט ווי עס האָט אַ הירזשע געטאָן אַ געלעכטער . . . און דער געלעכטער שטייגט — בייז, חיהש, גרוי־זאַם . . . און פון געלעכטער רייסן זיך ווערטער מיט בלוטיקע אויגן, מיט שאַרפע, אַרויסגעשטאַרצטע ציין, ווערטער מיט שפּיציקע קעפּ און פלאַכע, חיהשע נעזער . . . ווי די שוואַרצע האַנט פון אַ שד האָט זיך איבערן קאָפּ געדרייט אַ שטיק האָלץ, איינגעטונקען אין דזשעגאַכץ און די האַנט האָט גענומען שמירן, שמירן איבער דעם האָלדז, איבער דער ברוסט, איבער דעם גאַנצן קערפּער — — —

און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָט ער זיך געטראָגן אויף פאַר־הלשע געדאַנקען און מער גאָרנישט ניט געזען און מער ניט געהערט, גאָרניט . . . גאָרניט . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

אין די גרויזן שויבן האָט געקלאַפּט אַ רעגן און אין צימער זענען, דאַכט זיך, געווען מענטשן און ניט געווען. עס האָבן זיך געהערט שטילע

ווערטער און עס האָבן זיך ניט געהערט . . . עמיצער האָט געקוקט אויף אים און אפשר האָט קיינער ניט געקוקט. אַזוי פיל אויגן, אַזוי פיל לאָמפּן, וואָס בליצן אַרום . . . און אויוונס, וואָס זשאַרען, און שלאַנגען מיט ברענענדיקע קעפּ, וואָס שיפּען, שיפּען . . . און מיטאַמאָל ווערט טונקל און עס ווערט שטיל, שטיל . . . ער ליגט, דאַכט זיך, אויף דער ערד . . . די ערד איז אָבער ווי אַ גוטע מאַמע . . . און אַרום אים שטייען מענטשן, פרעמדע מענטשן און זיי בייגן זיך אָן איבער אים און רעדן צו אים און פרעגן אים עפּעס . . . און ער קוקט אויף זיי, און ער ווייסט ניט ווער זיי זענען און וואָס זיי פרעגן און וואָס זיי ווילן. און פּלוצים צעפלאַקערט זיך ווידער אַ גרויסער, ריזיקער אויוון און שוואַרצע מענטשן מיט ברענענדיקע סוואַסטיקאַס אויף די שטערנס וואַרפן אים איינער צום צווייטן . . . און ווידער ווערט שטיל . . . און ער עפנט די אויגן און ער זעט ווענט . . . און ער הערט אַ פרויענשטימע: ראָש . . . ראָש . . . די שטימע איז ווי אַ זיסער ניגון, וואָס ציט, ציט . . . ציט אין שלאָף אַריין . . . דער קאָפּ ליגט ווי געשמידט אין רייפן . . . ער וויל אויפהייבן די האַנט . . . צורירן זיך, וויסן . . . די האַנט בלייבט אָבער ליגן אַ מאַכטלאָזע . . . און אַ הונט . . . יאָ, אַ הונט שטייט לעבן אים, לעבן זיין געלעגער און לעקט און קושט זיין אָפּגעשוואַכטע, דאַרע האַנט . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

ווען די פּולע באַוואוסטזיניקייט האָט זיך אומגעקערט צו באַראַשן און ער האָט רעאַליזירט, אַז דאָס צימער וואו ער געפינט זיך, איז סטעלאַס צימער און דאָס בעט איז סטעלאַס בעט און די פרוי, וואָס האָט אין זיין האַלב באַוואוסטלאָזן צושטאַנד געקילט זיין הייסן שטערן מיט אירע קאַלטע פינגער איז זי, סטעלא, ווען ער האָט דאָס אַלץ רעאַליזירט, איז שוין פאַרביי דריי טעג און דריי נעכט פון יענער נאַכט אָן.

סטעלא האָט אים ניט געלאָזט רעדן און טראַכטן פון יענער נאַכט. שפּעטער . . . — האָט זי אים געזאָגט — שפּעטער . . . די טעג זענען געווען רעגנדיקע און כמורנע און אָפּט, איינשלאָפנדיק, האָט ער ווי אין אַ חלום געהערט ווי מענטשן רעדן — פרעמדע מענטשן . . . קומען און גייען . . . און ערשט אויף דעם פערטן טאָג האָט אים סטעלא געזאָגט, אַז די מענטשן האָבן זיך אים ניט געחלומט, אַז דאָס זענען געווען דעטעקטיווס פון דער פּאָליציי און זיי האָבן פּרובירט אויספרעגן אים, אויסגעפינען, ווער עס האָט געמאַכט דעם מערדערלעכן אָנפאַל אויף אים און אויף אַנאַטאָלן. אָבער אויף זיינע פראַגן וועגן אַנאַטאָלן האָט אים סטעלא בלויז געזאָגט, אַז אַנאַטאָל איז אין האָספּיטאַל אין אַ קריטישן

צושטאַנד. אָבער אין דעמזעלבן טאָג, פאַרנאַכט, איז ווידער געקומען אַ דעטעקטיוו און באַראַש האָט אויסגעפונען, אַז אַנאַטאָל איז טויט — דער־מאָרדעט . . . אַז מ,האָט זייביידן, אים און אַנאַטאָלן, געפונען אין פעלד. אַנאַטאָלן אַ טויטן און אים אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד. אין זיינע, אין באַראַשעס הויזן, האָבן זיי געפונען די ערשטע זייט פון דער יידישער צייטונג מיט געראַנס נאָמען און אַדרעס. האָבן זיי אים געבראַכט צו סטעלאַן.

אָבער ערשט איצט האָט זיך פאַר באַראַשן אָנגעפאַנגען דער פיין פון גייסט. ער האָט באַדאַרפט ענטפערן אויף פאַרשידענע פראַגן און זיי האָבן אים גענומען צום האָספּיטאַל מאָרג אויף אַן אויספאָרשונג. און אויף אַלע פראַגן וועגן זיין אַרבעט אין פאַבריק און וועגן זיין פאַרגאַנ־גענהייט האָט ער מיט אָפּטער צעטומלעניש אימפּראָוויזירט צוגעטראַכטע ענטפערס. וועגן אַנאַטאָלן האָט ער זיי דערציילט, וואָס ער האָט גע־וואוסט, ניט דערמאָנענדיק וועגן זיינע אַנשויאונגען און צילן אין לעבן. דערציילט זיי וועגן דעם געשלעג אין דער פאַבריק און דערנאָך, אין דער אָנוועזנהייט פון דזשאַנסאַנען און פון בלעקן, ווידערהאָלט דאָס דער־ציילטע. ער האָט אָבער ניט פּרובירט צו באַשולדיקן עמיצן, אפילו ווען ער האָט געטראָגן אין זיך דעם חשד, אַז דזשאַנסאַן און בלעק זענען גע־ווען, אויב ניט די אויספירער, איז זיכער די אינסטיגאַטאָרן פון אַנאַטאָלס מאָרד. ער האָט אָבער געשוויגן, באַראַש. ער האָט געוואוסט, אַז די גערעכטיקייט אין ניו־פּאָרט וועט סיווי דעררדריקט ווערן און דער אייג־ציקער וואָס וועט ווידער ליידן און אויפגעדעקט ווערן, וועט זיין ער אַליין באַראַש—ראָש.

די אַדמיניסטראַציע פון דער פאַבריק, ווי באַראַש און געראַסאַן האָבן פאַרשטאַנען, האָט געטאָן אַלץ צו פאַרווישן דעם אינצידענט און בלויז באַ באַראַשן איז פאַרבליבן די טיפע פיינלעכע שטימונג און צערוי־דערטקייט פון גייסט און אויף דעם שטערן אַ טיפער, בלוטיקער צייכן פון צעגליטן אייזן.

אין דער פאַבריק איז ער מער ניט געגאַנגען. די טעג האָט ער פאַרבראַכט אַליין באַ זיך אין צימער און די נעכט באַ סטעלאַן. ער האָט געפילט, אַז ער איז קראַנק. אַז ער איז אויסגעהוילט, אויסגעליידיקט געוואָרן און איז געבליבן אָן לעבנסזאַפט, אָן ענערגיע און אָן ברויזנדן, וויברירנדן ווילן צו שאַפן און לעבן. פאַרבלייבנדיק אַליין האָט ער גע־קוקט אין שפּיגל אויף דעם שראַם און אויף דער צעשפּאָלטענער, נאָך ניט פאַרהיילטער ליפּ און אין מח האָבן געשפּרונגען געדאַנקען ווי שפּי־זיקע מעסערס, געדאַנקען וועגן נקמה, נקמה ניט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר די אַנאַטאָלס, פאַר די מיכלס, פאַר די יידן, פאַר די מענטשן, וואָס גיבן

אַוועק דאָס לעבן צוליב גערעכטיקייט און שלום אויף דער וועלט. און, זיצנדיק מיט סטעלאַן און הערנדיק ווי זי רעדט מיט מוטערלעכער רו־איקייט און פּראוווט פּירן זיינע געדאַנקען ווייט, ווייט פון דער שוואַר־צער נאַכט, האָט ער געהערט אירע רייד, אָבער אין זיין אונטערבאַוואוסט־זיין, ערגעץ הינטער זיינע אויגן, האָבן אַנדערע, פרעמדע אויגן געקוקט און געזען זאַכן, וועלכע האָבן געשוועבט אין אַ סורעאַליסטיש־פאַנטאַס־טישן מישמאַש . . . און אַט יענע, די צווייטע, די אַנדערע אויגן זיינע זענען געווען די באַדינער פון די געדאַנקען, וואָס האָבן פיבעריש־קראַנק, נערוועז און כאַאָטיש פלאַנירט, פלאַנירט אַן אַ פלאַן . . .

און ווען עס זענען אַוועק אַ פּאָר וואָכן און דאָס לעבן האָט אָנגע־הויבן ביסלעכווייז צו מאָנען און פאָדערן די צינזן, וואָס אַ לעבעדיקער מענטש דאַרף ביי־טראָגן אין לעבן, האָט ער איינמאָל אין אַן אינדערפרי גענומען זיין קעסטל מיט פאַרבן און איז אַוועק צום בריק, צו זיין אַמאָ־ליקן פּלאַץ, צו מאָלן.

אָקטאָבער האָט געבלאָזן מיט שטימונגען. די נעכט זענען געווען אומרואיקע, שלאָפלאָזע און לאַנגע. באַראַש האָט וויברירט מיט אַלע נערוון. אַליין, באַ זיך אין צימער — האָט געצויגן צו סטעלאַן. באַ סטעלאַן — האָט אין אומרו, געצויגן צוריק, ערגעץ אַנדערש — וואו־הין האָט ער ניט געוואוסט. באַנאַכט האָט ער גערופן אַדאָס געשטאַלט, ווי מ׳רופט אַ גייסט און גערעדט צו איר, אָבער די רייד זענען געפאַלן אַן ציל, ווי אָפּגעריסענע בלעטער פון דיביימער. און ווען ער האָט געטראַכט פון עוואַן, איז זי נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר זיינע אויגן, מיט איר דין פּנים און מיט אירע שוואַרצע, לאַנגע ברעמען, ווי אַ ווייסע, דינע ליליע. מאָמענטנווייז האָט ער געפילט, ווי צו מאַכן אַ סוף צו די פאַר־פלאָנטערטע טעג זיינע. ס׳האָט געצויגן צוצוגיין צו סטעלאַן, אַנידער־זעצן זיך לעבן איר און דערציילן איר וועגן זיך . . . דערציילן אַלץ, אַלץ, וואָס עס וואָלט זיך אַנטפּלעקט פון אים. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז דאָס וועט קיינמאָל ניט געשען. ניט ער איז דער מענטש צו לאָזן פריי די צונג וועגן זיך. אָבער איינמאָל, אין אַן אָוונט, זיצנדיק לעבן איר און גלעטנדיק דעם הונט, האָט ער געזאָגט:

— איך דערמאָן זיך ווי אַזוי פילאָ איז געלעגן צוויי טעג באַ דער טיר נאָך דעם טויט פון זיין באַלעבאָס און איך וואונדער זיך צי עמיצער וועט אַמאָל אויפנעמען מיין אָפּשייד אָט אַזוי, ווי דער הונט האָט עס אויפגענומען.

— אויב דער עמיצער וועט האָבן אַ הינטישע נשמה ווי פילאָ האָט, וועט ער מסתמא אויך אַזוי אויפנעמען אייער אָפּשייד — האָט סטעלא אַ שפּאַס געטאָן.

— סטעלא . . . דו ווערסט ציניש . . . — האָט באַראַש אַ דריק געטאָן איר האַנט.

— איך וואונדער זיך אָפּט צי ס׳איז ניט בעסער צו זיין ציניש, איידער רעזערווירט און איידל.

— וואָלסטו געטרויערט נאָך מיר, ווען . . .

— אָ, רעדט ניט דערפון . . . — האָט זי פאַרשטעלט זיינע ליפּן מיט די פינגער — ס׳איז ניט נויטיק צו רעדן וועגן טויט.

— אַז מ׳האָט מורא פאַרן טויט, מיידט מען אויס צו רעדן וועגן אים. איך פיל אָבער עפּעס אַזאַ נאָענטקייט צו אים, אַט ווי מ׳דערפילט די נאָענטקייט פון דעם אָקעאַן, אָדער דאָס אָנקומען פון אַ שטורעם. און ס׳ווילט זיך אָפּט וויסן, ווי אַזוי דיינע נאָענטסטע וועלן רעאַגירן אויף דיין טויט און ווי אַזוי די וועלט וועט אויסזען אָן מיר.

— איך האָב געטראַכט . . . — האָט סטעלא געזאָגט — אַז ווען מ׳געפינט ניט באַ אייך די צייטונג מיט אונדזער אַדרעס, וואָלט מען אייך אַוועקגעפירט אין האָספּיטאַל און ניט צו מיר . . . צו אונדז . . .

— וואָלט געווען גוט אַזוי . . . קיינער וואָלט ניט געוויינט איבער מיר, און קיינער וואָלט מיך ניט באַגלייט און קיינער וואָלט ניט געשטאַנען איבער מיין קבר . . . וואָרן צו וואָס דאַרף אַ טויטער מענטש אַ קבר? איך וואָלט ניט געוואָלט קיין קבר און איך וואָלט ניט געוואָלט קיין מצבה. אויב מיין גייסט וועט ווערן אַ טויטער ווי דער קערפּער מיינער, טאָ ווער דאַרף אים? און אויב מיין גייסט וועט בלייבן אַ לעבעדיקער און בלויז דער קערפּער וועט אויפגעפרעסן ווערן פון ווערים, וועט דען מיין גייסט שטיין דעמאָלט באַם קבר און וועט היטן דעם צעפוילטן, צעפרעסענעם קערפּער? טאָ צוליב וואָס אַ קבר און אַ מצבה? צוליב די איבערגעבליבענע? צוליב די מענטשן? אָך, אויך זיי און איעדע זאַך וואָס לעבט, וועט ווערן צו שטויב . . . און די מצבה . . . די מצבה איז דער גרעסטער ליגן, די אומבאַוועגלעכסטע, קאַלטע אילוזיע מיט וועלכער די לעבעדיקע פאַרדעקן דעם באַנקראָט פון דעם פאַרשפּילטן שפּילער . . .

— אייער טיראַדע איז זייער אַן אינטערעסאַנטע, מיסטער ראָש — האָט סטעלא אַ שמייכל געטאָן. — דאָך וואָלט זיך געוואָלט וויסן צי האָט איר טאַקע אַבסאָלוט קיינעם אין דער וועלט, וועמען איר זענט נאָענט און טייער און וועמען עס אינטערעסירט אייער לעבן און שיקזאַל? האָט איר טאַקע קיינעם ניט? איך האָב אייך קיינמאָל ניט געפרעגט, אָבער געטראַכט האָב איך אַזוי פיל מאָל וועגן דעם.

באַראַש האָט ניט געענטפערט. געגלעט דעם הונט און געקוקט ערגעץ אַ פאַרטראַכטער. און סטעלא האָט געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, איך האָב אפשר ניט באַדאַרפט פרעגן. אָבער איר זענט מיר שוין צו נאָענט, צו פּרעטענדירן, אַז אייער לעבן און אַלץ אין אייער לעבן אינטערעסירט מיך ניט.

— איך ווייס עס, סטעלאַ. און גלויב מיר, אַז אָפּט קומט מיר אָן אַ געדאַנק צו נעמען און אַריינפירן דיך אין דעם לאַבירינט פון מיין לעבן. און גלייך באַטראַכט איך זיך. מוז מען דאָס טאָן? מוז מען דאָס וויסן? ווען איך וואָלט גאָרניט געוואוסט וועגן דיר, וואָלסטו דען געווען ווייניקער ליבלעך און נאָענט צו מיין האַרץ און געדאַנק? צי אפשר מוז איינער וויסן וועגן צווייטן, כדי דאָס וויסן זאָל ווערן די קייט מיט וועלכער זיי זאָלן צוגעשמידט ווערן איינער צום צווייטן? איך ווייס, אַז אין מענטשן לעבט אָט דער וואונטש צו דערגיין ביזן גרונט פון דעם געליבטנס האַרץ, אָבער — עס וואָלט ניט באַדאַרפט זיין אַזוי.

— אפשר וואָלט ניט באַדאַרפט זיין אַזוי — האָט סטעלאַ צו־געגעבן — די מיסטעריעזקייט וואַרפט אָבער אַ שאָטן אויף דעם מענטשנס כאַראַקטער און אַזוי פיל אומקלאָרע געדאַנקען און אפילו אומצוטרוי און עפּעס אַ מורא פייניקן . . .

— ווען דו דערקענסט דעם מענטשן, אָט אַזוי ווי דו אַליין האָסט אים דערקאָנט, און דו הייבסט אָן ליב צו האָבן אים, אָט אַזוי ווי דו האָסט אים ליב און דו בענקסט נאָך זיין נאָענטקייט, וואָס פאַרשאַפט דיר פאַרגעניגן און גליק — דעמאָלט איז דער חשד און די מורא אין שאָטן — דאָס איבעריקע איז אין דעם ליכט.

— און עס הערט זיך ניט דאָס קלינגען פון קיין קייטן . . . איאָ, מיין מיסטעריעזער פריינט?

— און עס הערט זיך ניט דאָס קלינגען פון קיין קייטן . . . — האָט ער זיך צוגעבויגן צו אירע הענט און זיי געקושט מיט ליבשאַפט.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

באַראַש האָט געפילט, אַז ער איז קראַנק. די וואונדן אויף דעם שטערן און אויף דער ליפּ האָבן זיך שוין פאַרהיילט, ער האָט אָבער גע־פילט ווייטיקן אין דער ברוסט און אין די זייטן. די טעג זענען נאָך גע־ווען וואַרעמע און טרוקענע, די נעכט אָבער — קילע. דאָס מאָלן פון בילדער האָט אים ווידער פאַרכאַפּט און דער פאַרקויף איז געווען אַ גו־טער. גערסאָן איז לעצטנס אַרומגעגאַנגען אַ שוויגנדיקער און אפילו אַ טרויעריקער. און ווען באַראַש פלעגט אַריינקומען אין הויז, האָט ער אים, ווי פריער, אַרויסגעוויזן פריינדשאַפט, די ווערטער זיינע זענען אָבער געווען ווי אַנגעלאָדן מיט גלייכגילטיקייט. און איינמאָל, ווען באַראַש האָט אים באַגלייט צו דעם אַפּטייקער, האָט גערסאָן אַ זאָג געטאָן:

—איך זע, איר האָט זיך ווידער גענומען צו אייערע בילדער, דענקט איר טאָקע צו בלייבן שוין באַ דער אַרבעט?

— וואָס איז דער אונטערשייד? — האָט באַראַש געפרעגט.

— איר זענט גערעכט, עס מאַכט ניט קיין אונטערשייד . . . און די פראַגע האָב איך אייך געשטעלט מסתמא דערפאַר, ווייל דער גאַנג פון מיינע געדאַנקען האָבן מיך געפירט צו דעם. און געפירט האָבן זיי מיך אָט ווי אַזוי: כ'האָב אייך געזען רויכערן די ליולקע, וועלכע כ'האָב אייך געגעבן און איך האָב זיך דערמאָנט אָן די ווערטער, וועלכע כ'האָב אייך געזאָגט, ווען איך האָב זיי אייך געגעבן. געדענקט איר, וואָס כ'האָב אייך געזאָגט?

— יאָ, איר האָט גערעדט וועגן . . . ירושה. איר האָט מיר דערציילט, אַז די ליולקע איז איבערגעגעבן געוואָרן פון אייער זיידן צו אייער פאָטער און פון אייער פאָטער צו אייך.

— און פון מיר צו אייך — האָט גערסאָן פאַרענדיקט. — כ'האָב געהאָפט — צו מיין זון. און ווען איך האָב געטראַכט וועגן אייך אַלס מיין זון, האָב איך זיך פאַרגעשטעלט, אַז איר וועט הייראַטן מיט סטעלאַן. דעם אמת זאָגנדיק, ווייס איך ניט, צי איר זענט אַ בחור, אַן אַלטער בחור און צי איר זענט אַ מאלער . . . אָבער פראַגן ציען זיך אין אַ ליניע, איינע נאָך דער צווייטער . . . האָט איר אפשר פאַראיבל אויף מיר פאַר מיין רעדן און פרעגן?

— ניין — האָט אים באַראַש געענטפערט. — איך פאַרשטיי אייך, און איך וועל מאַכן קלאָר פאַר אייך מיין פּאָזיציע, אַזוי צו זאָגן. כ'האָב זי ליב, סטעלאַן, אָבער צוליב געוויסע אורזאַכן קאָן איך ניט הייראַטן . . .

— ווייסט זי דאָס? — האָט זיך גערסאָן אָפּגעשטעלט.

— ניין.

— וועט איר דאָס זאָגן איר?

— ניין. כ'גלויב ניט, אַז איך מוז און אַז ס'איז נויטיק צו זאָגן. מיר פאַרשטייען זיך.

— אַ גוטע נאַכט — האָט זיך גערסאָן מיטאַמאָל אויסגעדרייט און איז אַוועק פון אים מיט שנעלע טריט.

— אַ גוטע נאַכט — האָט באַראַש געענטפערט, אָבער די ווער־טער זיינע האָבן שוין גערסאָנען ניט דערגרייכט.

אין דעם אָוונט האָט באַראַש פאַרשריבן:

„. . . כ'האָב זי ליב, סטעלאַן. כ'האָב זי ליב פאַר איר שטילן כאַראַקטער, פאַר אירע טאַקטישע, פאַרשטענדלעכע און מענטשלעכע האַנד־לונגען, פאַר איר חוש, פאַר איר שענקייט, פאַר איר שמייכל, פאַר אירע אויגן און פאַר דער ווייבלעכקייט אין איר, וואָס טראָגט אין זיך עפּעס

אַ מין יונגע מוטערלעכקייט. כ'האָב זי ליב פֿאַר די מעלאָדיעס, וואָס זענען אין איר, פֿאַר דער איבערגעבנהייט און געדולדיקייט, פֿאַר איר צאַרטקייט, פּאַטעטישקייט און ליבשאַפֿט, וואָס איז פֿריי און ריין ווי די לופֿט אויף דעם באַרג, פֿריי, אָבער ניט הפֿקרדיק . . . כ'האָב זי ליב...״

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

עס איז געווען אַ רעגנדיקער טאָג, און באַראַש איז ניט אַרויסגע־גאַנגען צום בריק אַרבעטן. ער האָט באַשלאָסן צו זיין דעם טאָג מיט זיך אַליין. ניט מאָלן, ניט זען די מענטשן אַרום זיך, ניט רעדן צו קיי־נעם, אָפּגעבן זיך צו דער רו, צו די געדאַנקען, צו מעדיטאַציע . . . . ער האָט געדרייט־געקערט די ליולקע, געטראַכט וועגן גערסאַנס ווערטער און וועגן זיין פּלוצימדיקן און ברוגזדיקן „גוטע נאַכט״. ער האָט אָנגע־שטעלט די ראַדיאָ און דאָס צימערל האָט זיך אָנגעפֿילט מיט סימפֿאָני־שער מוזיק. האָט ער זיך אַנידערגעלייגט און געלאָזט די געדאַנקען וואַנדערן וואוהין און ווי אַזוי זיי ווילן. די מעדיטאַציע זיינע האָט זיך אָבער געטראָגן אויף די כוואַליעס פֿון מוזיק, און שטימונגען, מיט אַלע שאַטירונגען פֿון די טענער, האָבן זיך געביטן ווי ליכט און שאָטן. די מוזיק האָט אויפֿגעהערט און ער האָט דערהערט אַנאָנסירן, אַז ס'וועט רעדן יאָהאַכים. אינסטינקטיוו האָט ער זיך אַ צי געטאָן צו פֿאַרדרייען די ראַדיאָ, אָבער עפּעס אַ געפֿיל פֿון וועלן זיין געפּייניקט, אום צו פֿאַר־שאַרפֿן דעם אייגענעם האַס, האָט אים אָפּגעהאַלטן. ער איז געלעגן און האָט געהערט ווי יאָהאַכים רעדט. און יאָהאַכימס סאַרקאַזם, און זיין אי־ראָניע און זיין ביטערער הומאָר און אָנצוהערענישן און זיין צעגלידער־רונג פֿון דער געזעלשאַפֿט אין ליכט פֿון קאַפּיטאַליזם און קאָמוניזם אין שייכות מיטן יידישן גייסט, האָט געהאַלטן באַראַשן ווי אויף אָנגעגליטע קוילן. אויף יעדער פֿראַזע זיינער האָט ער געענטפֿערט מיט אַ פֿראַזע, אויף יעדער פֿייל, מיט אַ פֿייל, אויף יעדן קלאַפּ מיטן פֿויסט, וואָס איז געקומען פֿון דער ווייטער אומענדלעכקייט, האָט באַראַש געענטפֿערט מיט אַ קלאַפּ פֿון פֿויסט; און מיט אַ צעשטורעמט האַרץ און מיט אויפֿגע־ברויזטע בלוטן האָט עמיצער אין אים, ווי אַ דערשטיקטער, געשריען: לינטשן דאַרף מען אים! לינטשן דעם שענדער און פֿאַרסמער פֿון ריי־נעם מענטשלעכן געדאַנק! לינטשן! אַנאַטאָלס אויגן האָבן געקוקט און אַנאַטאָלס שטימע האָט געשריגן: לינטשן! און ווען ער האָט שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן דעם אויפֿגעברויזטן האַס, איז ער אויפֿגעשפּרונ־גען און אַ נערוועזער פֿאַרדרייט די ראַדיאָ. אין צימער איז געוואָרן שטיל, אָבער אין די אויערן האָט נאָך געקלונגען יאָהאַכימס מעטאַלענע שטימע און זיין אייגענע, באַראַשעס שטימע האָט געקלונגען אין האַרץ.

דער רעגן האָט ניט אויפגעהערט און די געדאַנקען זענען, ווי פייגל מיט פּייערדיקע פליגל, ביסלעכווייז אויסגעלאָשן געוואָרן אונטער דעם מאַנאָטאָנעם וואָלקן־געוויין. די אויגן האָבן זיך צוגעשלאָסן און ער איז פאַרזונקען אין שלאָף און אין שלאָף האָט אַ מיסטעריעזע קראַפט געפירט אים און געפירט . . . און פּלוצים דערפירט צו יאָהאַכימען. יאָהאַכים איז געשטאַנען קעגן אים מיט אַ קרייץ אין דער האַנט און געקוקט מיט קאַלטע, מערדערישע אויגן און באַראַש האָט זיך לאַנגזאַם דערנענטערט צו אים. און ווען ער איז צוגעקומען אַזוי נאָענט, אַז ער האָט געקאָנט אָנרירן דעם צלם, האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט און געזאָגט: דאָס איז מיינס . . . דער קרייץ איז דער סימבאָל פון מיין לעבן, ניט פון דיינעם . . . פון מיין גייסט, ניט פון דיינעם; פון מיין וועג, ניט פון דיינעם . . . גיב מיר אָפּ מיין קרייץ. יאָהאַכים האָט מיט אַ טייוולישן געלעכטער אויפגעהויבן דעם קרייץ איבער דעם קאָפּ און דער קרייז איז ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ האַקנקרייץ און פון דעם האַקנקרייץ האָבן גענומען רינען טראָפּנס בלוט. און יעדער טראָפּן בלוט איז מיט קלאַנג פון אַ גלאָק געפאַלן אין אַ בעכער, וואָס אַ קניענדיקער טייוול האָט געהאַלטן באַ יאָהאַכימס פיס . . . און אונטער דעם טיפן קלאַנג פון דעם בלוט האָבן פון געסלעך, פון הייזער, אָנגעהויבן צו קומען מענטשן . . . און יעדער מענטש האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ וואָלף . . . און יאָהאַכים האָט אָנגעוויזן אויף אים, אויף באַראַשן און האָט געזאָגט: אָט דאָס איז ער, וועגן וועמען איך האָב גערעדט צו אייך . . . קוקט זיך איין אין אים, קוקט זיך גוט איין אין די שטריכן פון זיין פּנים. טוט אַ קוק ווי הייליק ער זעט אויס, וויפל טרויער עס שוועבט פון זיינע אויגן, און ווי זיינע טרערן גיסן זיך, גיסן זיך ווי בלויע טייכן פון די בערג . . . טוט אַ קוק אויף זיין קאָפּ . . . דאָרט אין קאָפּ ליגט אַ ספר און אין זיין האַרץ ברענט אַ נר־תמיד . . . זיינע פיס זענען מיד . . . ער האָט אָבער אויסגעשפּאַנט מיט זיי אַ וועלט . . . זיינע הענט זענען דין און שוואַך, ער האָט אָבער ווי אַ גבור געטראָגן די שווערסטע קייטן . . . זיין שטימע איז ווייך און ציטערדיק — ער האָט אָבער דערגרייכט מיט איר די גרעסטע היכן . . . זיין נאַקן איז געבויגן, ער טראָגט אָבער אויף אים דעם יאָך פון דער וועלט . . . — גלויבט אים ניט ווען ער שרייט, אַז דער צלם איז זיינער, אַז די ליידן זענען זיינע, אַז דאָס בלוט וואָס רינט, איז זיינס . . . גלויבט אים ניט! שטעמפּלט אים מיט דער חתימה פון פייער, בלוט און פאַרניכטונג! שטעמפּלט אים . . . נעענטער און נעענטער שוועבט צו זיין שטערן דער האַקנקרייץ, און אויסגעקרימטע פינגער מיט שאַרפע נעגל גראָבן זיך איין אין זיין לייב און רייסן . . . רייסן . . . רייסן . . .

— מיסטער ראַש . . . מיסטער ראַש . . .

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, האָט באַראַש קוים אויפגעעפנט די אויגן. געלעגן אַ ווײַלע ווי אַ צעריסענער און ביסלעכווײַז געקומען צו זיך. דערפילט אויף זײַן אָרעם די מאָגערע און אויסגעדאַרטע פינגער פון דעם אַלטן מעקגווייער.

— מיסטער ראַש . . . איר האָט אַזוי געשריגן . . . פון שלאָף . . . זענט איר אפשר קראַנק?

באַראַש האָט אַ ווײַלע ניט געענטפערט. געקוקט אויף אים מיט רויטע, פאַרבלוטיקטע אויגן און קוים געזאָגט:

— אפשר אַ חלום . . . אפשר . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

און ווידעראַמאָל אין אַן אָוונט, ווען באַראַש איז אַרײַנגעקומען צו סטעלאַן און האָט זיך, ווי געוויינלעך, גלײַך אַ וואָרף געטאָן צו דער „צײַט", איז דאָס פּנים זײַנס פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט, ווי אַ זאַמדיקער ברעג פון אַ כוואַליע. ער האָט דערזען דעם נאָמען באַראַש אונטער דעם נאָמען „שטילע נעכט" און גלײַך אונטער זײַן אייגענעם נאָמען די שורה: „פאָרוואָרט פון אַדאַ באַראַש". מיט ציטערדיקע הענט, ניט וועלנדיק אָפּשטעלן זיך אויף דער ערשטער שורה, האָט ער גענומען שטופּן די צײַטונג אין דער קעשענע אַרײַן. סטעלאַ האָט באַמערקט זײַן נערוועזיטעט און געקוקט אויף אים אַ פאַרוואונדערטע. זי האָט אָבער גאָרניט געזאָגט.

באַראַש האָט זיך ביסלעכווײַז באַרואיקט. געטרונקען קאַווע, געלאַשטשעט דעם הונט, אָבער ווייניק גערעדט. דערנאָך האָט ער זי געבעטן עפּעס שפּילן און זי האָט געשפּילט פאַר אים מענדעלסאָנס „מעלאָדיעס אָן ווערטער". ער איז געזעסן אין שטול און געראַנגלט זיך מיט די פּיאַנע די ליולקע און די צײַטונג אין דער קעשענע איז געלעגן ווי אַ שטורעם, וואָס האָט געריסן, געוואָרפן און געצויגן זײַן גאַנצן וועזן. און ווען סטעלאַ האָט פאַרענדיקט שפּילן און איז געבליבן זיצן בײַ דער פּיאַנאָ מיט צונויפגעלייגטע הענט, אַ שווײַגנדיקע און אַ פאַרטראַכטע, האָט ער אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל, אַנידערגעלייגט זי בײַם עק פון טיש און איז צוגעגאַנגען צו איר. אַרומגענומען אירע אַקסלען און צוגעדריקט זי צו זיך מיט צערטלעכקייט, וואָס האָט געכוואַליעט מיט טרערן. געלאַשטשעט מיט די ציטערדיקע פינגער אירע באַקן, אַריבערגעבויגן איר קאָפּ צו זיך און געקוקט אין אירע אויגן און מיטאַמאָל, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, האָט ער זי אָפּגעלאָזט און איז מיט שנעלע טריט אַרויס פון הויז.

עס איז געווען ווינטיק און עס האָט אים געטראָגן. דער ווינט פון דרויסן און דער ווינט פון אינעווייניק, און ווען ער איז אַהיימגעקומען, איז ער אויף אַ ווײַלע געבליבן שטיין אינמיטן צימער, האַלטנדיק מיט ביידע הענט דאָס האַרץ, וואו עס האָט געשטאָכן ווי מיט נאָדלען; דער־נאָך האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אונטער דעם אַבאַזשור פון לאָמפּ, אַרויס־גענומען „די צײַט" און אָנגעהויבן לייענען. און לייענענדיק די אָפּשאַ־צונג וועגן זײַן לעבן און שאַפן, געשריבן פון אַדאַן, האָט ער ווי דורך אַ דורכזיכטיקן וואָאַל געזען איר פּנים און געהערט אירע פּשוטע און די־רעקטע ווערטער, וואָס האָבן אימפּאָנירט אַפילו מיט דער כאַראַקטערי־זאַציע פון זײַן שאַפן. עס האָט אים אָבער שאָקירט איר טעכנישע אומ־באַהאָלפנקייט און עס האָט פאַרדראָסן איר שריט און איר וועג צו דער פּרעסע . . . דורך זײַן נאָוועלע. אָבער . . . . — האָט ער געטראַכט — ער אַליין האָט דאָך פאַרשלאָסן די טיר הינטער זיך, און די וועלט איז מער ניט זײַן וועלט און די נאָוועלע, אויב ער האָט זי איבערגעלאָזט און ניט פאַרברענט, איז אויך ניט זײַנע . . . און רעדנדיק צו זיך אַזוי און קוקנדיק אויף זיך אין שפּיגל, און זעענדיק דאָס אייגענע פאַרענ־דערטע פּנים, די אײַנגעפאַלענע באַקן און דעם טיפן שראַם אויף דעם שטערן, איז אים פּלוצים באַפאַלן אַ ביטערער געלעכטער און ער האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער האַנט אין טיש און ווען ער האָט דערהערט, ווי די מעקגווייערס אין צווייטן צימער זענען אויפגעשפּרונגען דערשראָקענע, האָט עס אים ניט געאַרט. זאָלן זיי מיינען, אַז ער איז משוגע געוואָרן, זאָלן זיי טראַכטן וועגן אים וואָס זיי ווילן. דער געדאַנק וואָס האָט פֿיי־ערדיק אַ בליץ געטאָן אין זײַן מוח, האָט ווי אַ שאַרף מעסער צעהאַקט דעם אומזעבאַרן פּסיכישן שטריק, וואָס האָט אים געהאַלטן צוגעבונדן. יאָ, דאָס איז עס — ניו־יאָרק. ער וועט פאָרן קיין ניו־יאָרק, אָבער ניט באַראַש־דאָקטאָר דזשעקיל, נאָר ראַש־מיסטער הייד, דער באַהאַלטע־נער, דער דיבוק, וואָס איז אַרײַן אין דיכטער און שריפטשטעלער באַראַש. ער וועט ווידער אַ קוק טאָן אויף ניו־יאָרק מיט זײַנע אויגן און ער וועט אפשר קאָנען זען און הערן און וויסן וואו עס ליגט דער ציל פון זײַן ווײַ־טערדיקן לעבן.

מיט שנעלע און נערוועזע באַוועגונגען האָט ער זיך געכאַפּט אײַנ־פּאַקן דאָס ראַנצל, דורכגעקוקט און אַרומגעקוקט יעדע קלייניקייט, צי האָט ער ניט פאַרגעסן עפּעס, איבערגעציילט דאָס געלט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט און איז אַרויס פון צימער. געבליבן שטיין קעגן דעם פאַר־וואונדערטן אַלטן פּאַרפּאַלק און אַ זאָג געטאָן:

— גוד־ביי, מײַנע פרײַנט. דער טייוול טראָגט מיך ווידער. גוד־ביי . . .

אַרויסגעגאַנגען פון הויז און געלאָזט זיך גיין מיט די פינצטערע געסלעך צו דער באַן־סטאַנציע.

דער צוג איז געלאָפן מיט ווילדער רציחה, געלאָפן אין דער נאַכט אַריין, ווי נאָכיאָגנדיק זיך דער לבנה, ווי וועלנדיק צעשניידן די פינצ־טערניש מיט די ליכט־פּאַסן אין זיינע פייערדיקע אויגן, ווי וועלנדיק פּטור ווערן פון די פאַנטאַסטישע ברואים, וואָס זענען געלעגן אין זיינע געדערים און געיאָגט אים מיט זייערע געדאַנקען, געפּייניקט זיך און גע־פרייט זיך, געהאַסט און געחלומט, געחלומט פון אַזוי פיל פאַרשידענע, פשוטע און אומגלויבלעכע זאַכן — מאָדנע ברואים.

באַראַש איז געזעסן באַם פענצטער, געקוקט אויף די לויפנדע סקאַ־לעס, וואָס האָבן אָפּגעטראָטן דעם וועג פאַר דער פליענדער בעסטיע, גע־זעסן און געטראַכט פון סטעלאַן. און פּלוצים האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין ליולקע, ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט זי געלאָזט באַ סטעלאַן אויף דעם טיש און סיי סטעלאַ און סיי גערסאַן וועלן טראַכטן און זאָגן: ער האָט צוריקגעוויזן דעם פריינטלעכן און פאָטערלעכן אָנבאָט. ער וויל ניט זיין דער זון. ער וויל ניט די ירושה. נו — וועט גערסאַן טראַכטן — דאָס האָט ער דאָך שוין געוואוסט. אָבער סטעלאַ . . . סטעלאַ . . . וואָס וועט זי טראַכטן וועגן אים, וועגן דעם פאַרשלאָסענעם, אומבאַקאַנטן און אַזוי נאָענטן מענטשן, וואָס איז געקומען נעמען און געבן גליק אויף אַ בליק און איז פאַרשוואונדן געוואָרן אָן אַ זיי־געזונט און איבערגעלאָזט בלויז די ליולקע, בלויז דעם סימבאָל . . . אַך, וואָס פאַר אַן אומפריינד־לעכער און אונמענטשלעכער זשעסט פון אַ מאַן, וואָס . . .

באַראַש האָט געביסן די נעגל פון די פינגער, געפילט, ווי עס שטעכט מיט נאָדלען אין דער ברוסט און צוגעהערט זיך, ווי עס שרייט ווילד מיט געוויין און מיט געבעט, דער מעטאַלענער גאַרגל פון לאָקאָ־מאָטיוו און ווי די רעדער קלאַפּן אויס אין רעטשיטאַטיוו — די ליולקע — די ליולקע — די ליולקע — די ליולקע — די ליולקע — — — —

צום טייוול . . . ווי ער קאָן עס, דער טייוול, פאַרשלעפּן און פאַרדרייען אין אַ קנויל . . . פאַרפּלאָנטערן און צערייסן און ווידער פאַרפּלאָנטערן אין כאַאָס און אין אומבאַהאָלפענעם פּיין . . . צום טייוול, צום טייוול . . .

— די ליולקע — די ליולקע — די ליולקע — די ליולקע — — — —

# III

ניו־יאָרק —

פאַנטאַסטיש קומען אַנטקעגן פון דער נאַכט אַרויס טויזנט־אויגיקע ריזן. עס מישט זיך דער רויטער געלעכטער און שוואַרצער געוויין פון דער נאַכט . . . עס גרילצט און עס קריצט, עס סאָפּעט און עס שרייט דער אָפּגאָט פון מענטש, דער געץ, באַ וועמעס פיס עס קריכן און עס קאָרטשען זיך אין תאוה, אין פּיין, אין געלעכטער, אין געוויין, אין האַס, אין ליבע, מיליאָנען איבער מיליאָנען געניאַלע באַשעפענישן מענטשן־ווערים . . .

ניו־יאָרק — — —

באַראַש האָט ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. דאָס צימערל אין אָרימען האָטעל האָט דערציילט גרויע געשיכטעס. די ווענט האָבן גע־רעדט, געלאַכט, געשנאַרכט און געפּיבערט. דאָס צימערל האָט גערעדט און דאָס פענצטער האָט געוואונקען מיטן אָפּשיין פון דעם רויטען נעאָן־שילד אַנטקעגן. עס איז שוין געווען שפּעט, עס האָט אָבער געצויגן אַראָפּצוגייען און ווידער באַטרעטן די ראָגן פון דער אויבער־שטאָט. האָט ער אָנגעטאָן זיין מאַנטל און זיין הוט און איז אַראָפּ מיט די האַלב־טונ־קעלע טרעפּ. אַראָפּגעקומען אויף דעם ראָג און געבליבן שטיין. גע־קוקט ווי הונדערטער און הונדערטער אויטאָס פליען פאַרביי, פליען, ווי אין אַ פּראָצעסיע צום טעמפּל פון דער קעניגין פון נאַכט. ער האָט אַרויפ־געקוקט אויף די ריזן און אויף זייערע פייערדיקע קרוינען, ער האָט גע־זוכט דעם שפּיץ פון באַרג, פון זיין באַרג — און דער באַרג איז ניט געווען.

ער האָט זיך געלאָזט גיין. גלייך, גלייך מיט דער גראַדער ליניע פון באַלויכטענע וויטרינעס און לאַמטערנעס. געגאַנגען און פלוצים אָפּגעשטעלט זיך. אין אַ ריזיקן פענצטער האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט אַ באַקאַנטע און נאָענטע וועלט: מענטשן זענען געזעסן באַ טישלעך, געגעסן, געטרויכערט, גערעדט און געשמייכלט. און דורך דעם געוויקלטן רויך פון סיגאַרעטן, האָט ער באַמערקט אַ פּאָר אויגן, שוואַרצע, גליענ־דיקע אויגן פון אַ פרוי, אויגן פון אַ מאָדערנער לילית, אונטער אַ ברייטן שוואַרצן הוט, אויגן, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך דעם סוד און דעם זין פון גענוס.

אָט דאָס איז עס — דאָס צאַפּלדיקע האַרץ פון דעם מענטשן און דעם שטאָלענעם האַרץ פון ניו־יאָרק. אָט דאָ און אין דעם ליגט דער גאַנצער זין.

ער איז אַריינגעגאַנגען און האָט פאַרנומען אַ טישל. אַראָפּגע־צויגן דעם הוט איבער די אויגן — ניט פאַרגעסן, אַז ער איז טויט, אי־

בערהויפּט פֿאַר ניו־יאָרק. ער האָט געגעסן אַ סענדוויטש און געטרונקען קאַווע און דערנאָך האָט זיך די האַנט אַ צוגעוואוינטע אַ לאָז געטאָן צו דער קעשענע און איז פֿאַרבליבן דאָרט אַן מאַכט, אַן אָפּגעשוואַכטע . . . און אין מח האָט ווידער געגומען קלאַפּן: די ליולקע — די ליולקע — די ליולקע — און אַ מידקייט האָט גענומען ציען צו דעם דיל — אַנידערלייגן זיך, און די דעקלעך פֿון די אויגן האָבן ווי בלייענע, גענומען פֿאַלן . . . פֿאַלן אַראָפּ און יעדער רגע האָט עפּעס אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ און געלאַכט, געחוזקט, געפּלאַפּלט אומפֿאַרשטענדלעך אין די אויערן. ער האָט זיך אַרויסגעשלעפּט פֿון רעסטאָראַן און געלאָזט זיך גיין צוריק צום האָטעל. און ווען ער איז צוריקגעקומען צו זיין צימער, האָט ער זיך אויסגעטאָן, אַנידערגעוואָרפֿן זיך אויפֿן בעט און איז געבליבן ליגן אַן אויסגעשעפּטער. געפֿילט ווי יעדער אבר ווערט אַ ליימענער, אַ פֿאַרשטיינערטער אין באַוואוסטלאָזיקייט . . .

ער איז געשלאָפֿן שפּעט. און ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט ער זיך ניט געוואָלט רירן פֿון אָרט. ער האָט געוואָלט, אַז די שווערע מידקייט אין אים זאָל זיך אָפּטיילן, אָפּשיידן פֿון אים ווי אַ שווערער גייסט און לאָזן אים אַ לייכטן, אַ רואיקן.

דורך דער פֿאַרמאַכטער טיר האָט ער געהערט מענטשן קומען און גיין און דורך דעם פֿענצטער האָט גערעדט צו אים די רוישיקע גאַס מיט דעם זשום און ברום פֿון מאַשינען. ער האָט געלאָזט די געדאַנקען זיינע שפּאַצירן ווי מאַסקירטע, שוואַרצע אויסשפּירער, וואָס דאַרפֿן געפֿינען די וועגן און מיטלען ווי אַריינצופֿירן און אַרומפֿירן אים אַן אומזעבאַרן צווישן די נאָענטע און פֿרעמדע.

שפּעט באַטאָג איז ער אַרויסגעגאַנגען פֿון האָטעל און געלאָזט זיך גיין צום רעסטאָראַן. אין דעמדאָזיקן רעסטאָראַן, וואָס איז געשטאַנען אין אַ פֿרעמדן געגנט, האָט ער געוואוסט, אַז ער וועט קיין באַקאַנטע ניט טרעפֿן. ער האָט געקויפֿט אַ צייטונג, געגעסן זיין מאָלצייט און געלייענט. באַמערקט אַ יידישע צייטונג, וואָס עמיצער האָט איבערגעלאָזט אויף אַ בענקל, האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן און דערזען, אַז ס'איז „די צייט". געכאַפּט זיך לייענען זיין אייגענע נאָוועלע און, לייענענדיק, האָט ער זיך דערפֿילט ווי אַמאָל, אייגן, נאָענט צו זיך אַליין און צו דעם מיליאָנענקעפּיקן ניו־יאָרק. ער האָט זיך ווידער דערפֿילט און דערזען אַלס שרייבער, שאַפֿער, קינסטלער, וואָס פֿאַרכאַפּט און פֿירט מיטן צויבער פֿון וואָרט הונדערטער און אפֿילו טויזנטער יידישע לייענער. און אין זיין זיצן און אין זיין מאַניער צו באַאָבאַכטן די מענטשן, האָט ווידער אַרויסגעוויזן זיך באַראַש, דער אַמאָליקער שרייבער באַראַש. אָבער די הינטערבאַוואוסטזיניקע געדאַנקען, וואָס האָבן אַזאַ לאַנגע צייט געהאַלטן

אים געפאַנגען און געפירט אין זייערע וועגן, האָבן אים ניט געלאָזט אויף לאַנג אַרויסצורייסן זיך פון זייערע נעצן און ווידער אַריינגענומען אים אין פאַרשלאָסנקייט, און ווידער אָנגעהויבן צו פּלאָנירן ווי צו פירן אים אין זיינע ווייטערע וועגן אין דער ספערע, וואָס איז געווען אַזוי שרייענד־לעבעדיק אַרום אין שטיל־טויט פאַר אים.

דער טאָג איז שוין כמעט פאַראיבער און ער האָט געוואָרט, אַז ס׳זאָל קומען דער אָוונט, ווייל אין דעם אָוונט וועט ער מוזן עפּעס זען, מוזן עפּעס וויסן. ער וועט מוזן אויסגעפינען צי וואוינען זיי נאָך, אַדאָ און עוואַ, אין דעם הויז, וואָס איז געווען זיין היים, זייער היים.

ער איז געזעסן אין רעסטאָראַן ביז ס׳איז געוואָרן פינצטער און דערנאָך, איז ער איז אַוועק צום סאָבוויי און פאַרנדיק געפילט, ווי אין אַ חלום. אָט איז „טיימס סקווער״ און אָט ווערט ער פאַרדרייט אין אַ קעסלגרוב פון מענטשן־כוואַליעס. ער איז געגאַנגען און ער איז ווידער אַראָפּ אין סאָבוויי און איז ווידער געפאָרן. דאָס מאָל גלייך צום ציל. זען זיין אַמאָליקע וואוינונג און אַדאַן און עוואַן, אויב זיי זענען דאָרט.

די אַלט־באַקאַנטע גאַס מיט דעם פאַרק קעגנאיבער האָט אים אויפ־גענומען מיט דער אַמאָליקער שטילקייט. דער פאַרק איז געווען פאַר־נעפּלט, ווי אין דעם טאָג, ווען ער האָט אים פאַרלאָזט; און דאָס הויז — דאָסזעלבע הויז, מיט דיזעלבע פענצטער . . . אָבער פרעמדע פענצ־טער. דאָס זענען ניט זיינע פענצטער און דאָס זענען ניט זיינע בילדער, וואָס ער זעט דורך זיי. און די מענטשן וואָס זיצן אין הויז און שפּילן אין קאָרטן — דאָס זענען ניט זיי, זיינע אַדאַ און עווא.

ער איז געשטאַנען אונטער אַ בוים און האָט געקוקט און דערנאָך געלאָזט זיך גיין צו דער טיר פון הויז און פּרובירט לייענען די נעמען פון די מענטשן באַ די קנעפּלעך פון די עלעקטרישע גלעקלעך. דעם נאָמען באַראַש האָט ער צווישן די אומבאַקאַנטע נעמען ניט געפונען. ער האָט געוואוסט, אַז באַ דעם הויז, באַ דער טיר האָט ער מער ניט וואָס צו טאָן. ער איז אַריינגעגאַנגען אין פאַרק און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק. געזעסן און געפילט, אַז ער האָט רחמנות אויף זיך אַליין, און ער ווייסט אַליין ניט ווער ס׳איז שולדיק אין דעם, צי ער אַליין, וואָס פירט דאָס אייגענע לעבן אין דידאָזיקע פרעמדע פאַר אים וועגן, צי דאָס לעבן, וואָס פירט אים און טראָגט אים, אַן אומבאַהאָלפענעם, אויף די טיפע שטראָמען.

ער איז ווידער אַראָפּ אין סאָבוויי און געלאָזט זיך פאָרן צוריק צום האָטעל. און באַם האָטעל איז ער ווידער אַריין אין אַ רעסטאָראַן און איז געזעסן דאָרט אַ לאַנגע צייט אָן קאָנקרעטע געדאַנקען. און ענדלעך

געלאָזט זיך גיין צוריק צום צימער. און זיצנדיק אין צימער האָט ער פאַרשריבן:

„. . . צוליב וואָס בין איך געקומען אַהער? צוליב וואָס בין איך געגאַנגען זוכן דאָס הויז און זען אַדאַן און עוואַן? האָב איך זיך דען ניט אָפּגעשיידט פון זיי מיט דעם געדאַנק צו ווערן אַ פרעמדער, אַ טויטער פאַר זיי? צוליב וואָס, אויב אַזוי, וויל איך, מוז איך, דאַרף איך וויסן וועגן זיי און זען זיי? איז דאָס אַ קאַפּיטולאַציע צום דורכגע־פאַלענעם, באַנקראָטירטן לעבן מײַנעם? צי אפשר פאַרגין איך ניט זיי די רו זייערע נאָך דעם שטורעם? צי אפשר ציט מיך צוריק צום אַלטן לעבן און ס׳גלוסט זיך מיר ווידער צו ווערן דער שרייבער באַראַש?

„נו, האָב איך זי געפונען — וועל איך דען קומען צו איר און זאָגן: אָט בין איך דאָ און איך גיב זיך ווידער איבער צו דיר, און צו עוואַן און צו דער געזעלשאַפט אָט אַזוי ווי דו און די געזעלשאַפט וויל? און אַז איך וועל דאָס זאָגן, וואָס וועט זײַן די רעאַקציע אין איר נשמה? איך שטעל די פראַגן און וויס, אַז בלויז דאָס געפיל פון אַ פייגלינג טרײַבט מיך צו אַנטבלויזן דידאַזיקע פראַגן. ווײַל, ווען איך וואָלט ניט פאַר־בליבן שקלאַף צו דעם, וואָס מ׳רופט געוויסן און וואָס מ׳רופט געזעל־שאַפטלעכע מיינונג, וואָלט איך זיך אַזעלכע פראַגן ניט געשטעלט. מאָדנע איז דער מענטש . . . לעבט אָפּ אַ לעבן און ציטערט פאַר דער מיי־נונג פון פרעמדע, אַבסאָלוט פרעמדע מענטשן צו אים, ציטערט אפילו אין דעם פּשוטסטן פאַל, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ שניפּס, אָדער וועגן אַ הוט, וואָס קאָן נאָך חלילה אַרויסרופן דעם געלעכטער פון די פרעמדע, פאַרבײַגייענדיקע מענטשן . . . היינט . . . ווי שקלאַפיש ער ווערט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער מאָראַל . . . יאָ, אַ מענטש קאָן אָפּ־לעבן פופציק יאָר און הונדערט יאָר און דאָך ניט וואַגן צו זײַן וואָס ער וויל און ווי ער וויל . . . ווײַל די מענטשהייט שטימט ניט אײַן.

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

ער איז געשלאָפן גוט און האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג. ער האָט געפילט אויסגערוט און ס׳איז געווען אַנגענעם צו ליגן. ער איז געלעגן אַ פּאָר שטונדן אָן שום קאָנסטרוקטיווע געדאַנקען. בלויז אַ מין נעפּל פון קאַליידאָסקאָפּישע טרוימען האָבן זיך געוויקלט אַרום אים און פאַר־וויקלט אין אַ גליקלאָזן גליק. און ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ס׳איז צײַט אויפצושטיין און גענומען פאַרשטעלן זיך ווי אַזוי עס וואָלט אים געפירט דער טאָג אין די נאָרמאַלע צײַטן, האָט ער זיך דערמאָנט אָן שאַפּ און אָן מיס באַרנאַרדאָ. און, דערמאָנענדיק זיך אָן איר, האָט עס אין אים מיטאָמאָל אויפגעלויכטן. מיס באַרנאַרדאַ — אָט דאָ ליגט

זיין וועג, דער וועג צו איר, און פון איר — ווייטער . . . מיס באַר־נאַרדאַ —

ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט אָנטאָן זיך, איז ער אַראָפּגעגאַנגען אין רעסטאָראַן און איז געזעסן באַם פרישטיק מיט אַ רואיקן געמיט. שפּעטער איז אים איינגעפאַלן אָפּצורופן די רעדאַקציע פון „צייט" און אויסגעפינען אַדאַס אַדרעס. די רעדאַקציע האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן דעם אַדרעס אָן ספּעציפישע אורזאַכן פאַר דעם. ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז אַדאַ זאָל האָבן באַ זיך אין וואוינונג אַ פּריוואַטן טעלעפאָן, דאָך האָט ער דורכגעקוקט אַלע טעלעפאָן ביכער, אָבער איר נאָמען האָט ער דאָרט ניט געפונען. דעם טאָג האָט ער פאַרבראַכט אין אַ פאַרק, געלייענט די צייטונגען, דערנאָך אַריינגעגאַנגען אין אַ מואווי און ווען עס איז ענדלעך געקומען די צייט, ווען ער האָט געדענקט, אַז ס'איז צייט צו פאָרן צום שאַפּ וואו ער האָט געאַרבעט, איז ער אַראָפּ צום סאַבוויי.

באַם שאַפּ האָט ער זיך אָנידערגעשטעלט באַ אַ טיר קעגנאיבער און נאָכגעפאָלגט יעדן אַרבעטער מיט זיין בליק. ער האָט שוין כמעט אויפגעגעבן די האָפענונג צו זען מיס באַרנאַרדאַ און געטראַכט, אַז ער האָט באַדאַרפט פריער אָפּרופן דעם שאַפּ און אויסגעפינען צי זי אַרבעט נאָך דאָרט, אָבער אין דער לעצטער רגע האָט זי זיך באַוויזן אין דער טיר און, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, געלאָזט זיך גיין צום סאַבוויי. באַראַש איז איר נאָכגעגאַנגען. און ווען ער איז שוין געווען נאָענט צו איר, האָט ער שטיל אַ רוף געטאָן:

— מיס באַרנאַרדאַ . . .

זי האָט זיך אויסגעדרייט און דערזעענדיק אים, געבליבן שטיין ווי געפּלעפּט:

— מיסטער . . . באַראַש . . . מיסטער באַראַש . . .

— יאָ, איר האָט מיך דערקאָנט?

— אודאי האָב איך אייך דערקאָנט, אָבער איר האָט זיך שרעקלעך געענדערט . . .

— איך ווייס עס.

— איר זענט געווען קראַנק? — האָט זי געפרעגט מיט מיטלייד.

— יאָ און ניין — האָט ער געענטפערט.

— איר האָט אַזוי אומדערוואַרט פאַרלאָזט אייער דזשאָב, אַז איך האָב געמיינט, אַז . . . אפשר בין איך געווען די אורזאַך פאַר דעם.

— איר? — האָט באַראַש מילד אַ שמייכל געטאָן. — ניין, פאַרקערט. עס זענען באַ מיר פאַרבליבן די בעסטע מיינונגען וועגן אייך,

אָבער . . . איר גייט איצט אַהיים, מיס בּאַרנאַרדא, צי אפשר אין רעס־טאָראַן עסן?

— איך גיי אין רעסטאָראַן.

— אויב אַזוי, גייען מירביידע — האָט ער זי אָנגענומען בּאַ דער האַנט און גענומען פירן זי אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

— וואוהין פירט איר מיך? — האָט זי פאַרוואונדערט געפרעגט

— אָט האָט איר דאָך דעם רעסטאָראַן . . . איר געדענקט? מיר האָבן דאָרט אַ פּאָר מאָל געגעסן.

— יאָ, איך געדענק, אָבער עס גלוסט זיך מיר ניט צו גיין אַהינצו. לאָמיר גיין אַביסל ווייטער, אויב איר האָט גאָרניט קעגן.

— איך האָב גאָרניט קעגן — האָט זי צוגעשטימט.

זיי זענען צוגעקומען צו אַ רעסטאָראַן אין אַ זייטיק געסל און אַהינצו זענען זיי אַריינגעגאַנגען.

זיי האָבן דאָרט פאַרבראַכט כמעט אַ שטונדע צייט און גערעדט וועגן שאַפּ און וועגן איר אַרבּעט און פּלענער. זי איז נאָך אַלץ אַליין, ניט פאַרהייראַט — האָט זי דערציילט. זי האָט נאָך אַלץ ניט געפונען דעם פּאַסיקן מאַן און בּאַראַשעס פאַרלאָזן דעם שאַפּ אָן אַ גוד־ביי האָט זי אַנ־טוישט און געוואונדערט. און ווייטער — דאָס לעבן גייט ווי מיט יעדן איינעם אין ניו־יאָרק. אָבער מיט אים . . . וואָס איז געשען מיט אים?

בּאַראַש האָט דערווילע נאָך גאָרניט דערציילט וועגן זיך. ער האָט נאָך אַלץ געטראַכט, צי זאָל ער פאַרטרויען איר אַלץ, איר, דער קריסט־לעכער פרוי, וואָס ווייסט אַבסאָלוט גאָרניט וועגן אים.

— קומט, לאָמיר גיין אין פּאַרק — האָט ער אַ זאָג געטאָן — אין פּאַרק איז לייכטער צו שמועסן.

און ווען זיי זענען שוין געקומען אין פּאַרק, האָט זי געזאָגט:

— איך וועל אייך עפּעס פרעגן, מיסטער בּאַראַש . . . וועט איר מיר ענטפערן?

— אַלץ וואָס איר וועט מיך פרעגן, מיס בּאַרנאַרדא.

— מיר דאַכט זיך, אַז איר אַרבּעט ניט איצט און איר האָט ניט קיין געלט.

— עס איז אַזוי — האָט ער געענטפערט.

— און אייער פרוי? אַרבּעט זי?

— איך וואוין ניט מיט מיין פרוי — האָט ער געזאָגט.

בּאַ דעם ענטפער האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און, קוקנדיק אויף אים, אַ פרעג געטאָן מיט אַ מאָדנער ענדערונג אין איר שטימע:

— שוין לאַנג?

— שוין לאַנג. פון זינט כ׳האָב פאַרלאָזט דעם שאַפּ.

— אַ . . . — איז זי געבליבן שטיין אַן איבערראַשטע. — איך האָב ניט געוואוסט. און איר האָט ניט געפונען פאַר נויטיק צו זען מיך אַמאָל . . .

— אָט האָב איך דאָך.

— דורך אַ צופאַל . . .

— ניין . . .

— דערציילט מיר, ווי אַזוי איז דאָס געשען?

— . . . עס איז שווער צו רעדן אָט אַזוי . . . גייענדיק . . . לאָמיר זיך אַנידערזעצן.

— ווייסט איר וואָס . . . — האָט זי אים אָנגענומען באַם אָרעם — קומט צו מיר. דאָ איז קיל און געפלדיק, באַ מיר איז וואַרעם, שטיל און אָנגענעם. קיינער וועט אונדז ניט שטערן. איך וואוין נאָך אַלץ פריוואַט. איר געדענקט דאָך וואו איך וואוין? איר געדעקט איר האָט מיך אַהיימגעפירט נאָך דער אויסשטעלונג?

— איך געדענק — האָט באַראַש געזאָגט.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און זיי זענען צוגעקומען צום הויז וואו זי האָט געוואוינט. זיי זענען אַרויפגעגאַנגען צו איר אין צימער און באַראַש האָט גלייך דערפילט אַן אינטימע אָנגענעמקייט. דאָס צימער איז געווען קינסטלעריש און ציכטיק איינגעשטעלט. ביכער, בילדער, אַ ראַדיאָ, שיינע וואַזעס און אפילו פרישע בלומען.

זי איז אַריינגעגאַנגען אין צווייטן צימערל, איבערגעטאָן זיך און באַראַש האָט זיך אַנידערגעזעצט באַם טישל און גענומען אַ בוך. עס האָט ניט גענומען לאַנג, איז זי ווידער אַריינגעקומען און אין דער האַלב־טונקלקייט און אינטימקייט פון צימער האָט זי אויסגעקוקט אינגער און צוציענדער. זי האָט געשמייכלט, אָבער איר שמייכל איז געווען אַן ערנסטער און די שטריכן פון דער ראָמאַנישער ראַסע, און איר אויסשפּראַך האָט זי פאַרוויקלט אין עקזאָטישקייט, וואָס האָט אינטריגירט. די מאָמענטאַלע אימפּרעסיע איז אָבער פאַרטרונקען געוואָרן פון נאָך ניט באַפרייטער, געדריקטער שטימונג.

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן אים, געקוקט מיט אַ מילדן און נייגעריקן בליק און געזאָגט:

— ס'איז מיר איצט זייער גוט, מיסטער באַראַש. ס'איז כמעט אַ יום־טוב באַ מיר. איך גלויב, אַז עפּעס אַ וואונדערלעכער פאַרגעפּיל האָט מיך נעכטן באַנאַכט ווי געבעטן צו קויפן בלומען. איך האָף, איר טראַכט ניט, אַז איך רעד ווי אַ נאַרישע פרוי . . .

— ס'איז מענטשלעך און שיין. און איר האָט אַ פיינע, סענסיטיווע נשמה.

— איר ווייסט ווי צו זאָגן אַנגענעמע ווערטער.

— מענטשן זאָגן זייער זעלטן אַנגענעמע ווערטער איינער צום צווייטן, און דאָס איז אַזוי בויטיק און וויכטיק.

— אַלזאָ . . . — האָט זי זיך צוגערוקט נענטער צו אים — דערציילט, דערציילט וועגן זיך. איך בין אומגעדולדיק.

— איך ווייס ניט ווי אַזוי און פון וואַנען אָנצוהייבן.

— איר ווייסט ניט? מיר דאַכט זיך, אַז איר האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז איר זענט אַ שרייבער.

— יאָ, און דאָך ווייס איך ניט ווי אָנצוהייבן. אָט, גראָדע מיט שרייבער טרעפט עס אָפטער ווי מיט ניט־שרייבער.

ער איז געבליבן שטיל אויף אַ ווײַלע, געזעסן, קלאַפּנדיק מיט די פינגער אין שטול און באַטראַכטנדיק די בילדער אויף די ווענט. ענדלעך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איך וועל מיט אייך זיין אַזוי אָפנהערציק, ווי מיט קיינעם נאָך אין מיין גאַנצן לעבן.

— די פּריווילעגיע פרייט מיך זייער.

— איך בין געקומען אייך זען טאַקע אָט צוליב דעם.

— איר מעגט מיר אָנפּאַרטרויען אַלץ.

— איך ווייס עס. און דערפאַר בין איך געקומען — האָט ער אָנגערירט איר האַנט.

— איר דאַרפט געלט . . . זאָגט מיר, וועל איך אייך געבן — האָט זי געוואָלט לייכטער מאַכן פאַר אים די אויפגאַבע.

— געלט . . . דאַרף איך ניט קיין סך, אָבער ניט צוליב דעם בין איך געקומען. איך בין געקומען צו אייך צוליב אַן ערנסטערן און וויכטיקערן ענין.

— יאָ . . . — האָט באַראַש דערהערט אַ ציטער אין איר שטימע.

— איך בין געקומען בעטן אייך אַ זאַך, וואָס וועט אפשר זיין אַביסל אומאַנגענעם דורכצופירן. איך האָב אָבער געהאָפט, אַז די פריינדשאַפט צווישן אונדז וועט עס פאַרלייכטערן. מאָרגן איז שבת, וועט איר ניט אַרבעטן, וויל איך אייך בעטן, אַז איר זאָלט טאָן אָט וואָס: איך וועל אייך געבן דעם אַדרעס וואו איך האָב אַמאָל געוואוינט. פאָרט צו אַהינצו, קלינגט אָן בײַ די מענטשן, וואָס וואוינען דאָרט און פרעגט אויף מיר. אויב זיי האָבן געהערט וועגן מיר אָדער מיין פרוי, פרעגט זיי אויף מיין פרויס אַדרעס און אויב זיי קאָנען מיך ניט, גייט אַריין אין דער דעליקאַטעסן סטאָר, וואָס איז אין דעמזעלבן בלאָק און פרעגט דאָסזעלביקע. פרעגט וואָס איר ווילט אַליין וועגן מיר און וועגן מיין פרוי. וואָס מער איר וועט פרעגן און וואָס מער איר וועט געוואויר ווערן — אַלץ בעסער.

און זאָל אייך גאָרניט איבערראַשן, וואָס איר זאָלט ניט הערן, די הויפּט זאַך איז אויסצוגעפינען מיין פּרויס אַדרעס. אויב עס געלינגט אייך ניט דאָרט, וועל איך אייך געבן דעם אַדרעס פון אַ יידישער צייטונג און אין דער צייטונג מעגט איר זיי זאָגן, אַז איר זענט אירע אַ שוועסטער, אָדער אַ קוזינע און איר מוזט האָבן איר אַדרעס.

— דאָס אַלעס? — האָט מיס בארנארדא געפרעגט.

— דערווייל — דאָס אַלעס, אויב עס איז ניט צופיל צו בעטן פון אייך.

— ניין, עס איז ניט צופיל, כאָטש איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך וועל ניט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט פון דערדאָזיקער מיסטעריע.

— שלאָפט רואיק, מיס בארנארדא. די מיסטעריע איז אַ גאַנץ מענטשלעכע, אפילו ווען עס איז אַביסל אויסער דעם אויסגעטראָטענעם וועג.

מיס בארנארדא האָט זיך אויפגעהויבן צו מאַכן קאַווע. זי האָט געפירט אַ גאַנצע באַלעבאַטישקייט און איז צוגעוואוינט געוואָרן צו דער איינזאַמקייט. מאַכנדיק די קאַווע, האָט זי דערווייל דערציילט וועגן איר אַרבעט אין שאַפּ און דערמאָנט זיך, אַז מיט וואָכן שפּעטער, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזט דעם שאַפּ, האָט אַ פּרוי איינמאָל אָפּגערופן און נאָכגעפרעגט זיך אויף אים, צי ער אַרבעט נאָך דאָרט און צי מ׳ווייסט ניט וואו ער איז. זי האָט געהערט, ווי דער באָס האָט געענטפערט, אַז ער האָט אים פאַר די לעצטע וואָכן ניט געזען און וויל אים ניט זען.

— אפשר איז דאָס געווען אייער פרוי? — האָט מיס בארנארדא געפרעגט.

— איך בין זיכער, ווייל איך קאָן ניט קיינעם ווער עס וואָלט זיך געקאָנט אָנפרעגן אויף מיר אין שאַפּ.

מיס באַרנאַרדאַ האָט ווייטער דערציילט, ווי אַנטוישט זי איז געווען די ערשטע צייט נאָך זיין פאַרשווינדן און ווי אָפט זי האָט געטראַכט וועגן אמתער פריינדשאַפט, וועגן אַזאַ פריינדשאַפט, וואָס איז גרייט אויף קרבנות. זי האָבן נאָך לאַנג גערעדט און באַראַש האָט זיך ניט געאיילט, ניט געוועזן וואוהין און צו וואָס צו איילן זיך. ווען עס איז שוין אָבער געוואָרן גאַנץ שפּעט, האָט ער זיך אויפגעהויבן און געגרייט זיך אַוועקצוגיין. ווען ער האָט גענומען זיין מאַנטל, איז זי אויף אַ ווילע אַריין אין אַ צווייטן צימער און צוריקקומענדיק, האָט זי אַריינגעלייגט איר האַנט איר דער קעשענע פון זיין מאַנטל און האָט געזאָגט:

— איך ווייס איר דאַרפט געלט, מיסטער באַראַש. און איך ווייס, אַז איר וועט מיך ניט בעטן. כ׳בעט אייך אָבער, זאָגט מיר ניט אָפּ, איר וועט עס מיר אַמאָל שפּעטער אָפּגעבן — ס׳איז סיווי ניט קיין סך.

— איר זענט זייער אַ גוטער און סימפּאַטישער פריינט, מיס באַר־נאַרדאַ.

— און איר דאַרפט מיך ניט רופן מיס באַרנאַרדאַ. מאַרי — איז גענוג.

— גוט, מאַרי . . .

ער האָט איר געגעבן דעם אַדרעס פון דער „צייט", וואָס ער האָט אַרויסגעריסן פון דער צייטונג, אַ קוש געטאָן איר האַנט און האָט געפרעגט:

— מאָרגן אָוונט . . . דענקט איר . . .

— יאָ, מאָרגן אין אָוונט וועל איך וואַרטן אויף אייך — האָט זי פאַרענדיקט. — איך וועל זען אַלץ אויסצוגעפינען.

דער אָוונט באַ מיס באַראַנאַרדאָן און די זיכערקייט, אַז מאָרגן וועט ער וויסן וועגן אַדאַן, האָט דערהויבן זיין שטימונג און שטייענדיק אינ־דרויסן איז אים פלוצים איינגעפאַלן צוצופאָרן צום „טעאַליט". אויך דאָרט וועט ער אַריינקוקן דורך די פענצטער און, ווער ווייסט, אפשר איז זי דאָרט, אַדאַ . . . אפשר דאָרט אין דעם שרייבער־ווינקל, אין דער שרייבער־נעסט, וואָס לעבט אויף און זשומעט ווי אַ בינשטאָק אין דער שפּעטער שטונדע פון דער נאַכט.

ער האָט זיך געלאָזט פאָרן צום „טעאַליט", און ווען ער איז אָנ־געקומען אַהינצו, האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט הינטער די פענצטער און האָט אַריינגעקוקט. און אַ געפיל פון זעלבסטבאַליידיקונג און בי־ליקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט פון דעם געדאַנק, אַז ער שטייט הינטער די פענצטער און גנבעט בליקן, בליקן אַן זין, אַן ווירדע — בליקן פון אַ טויטן. ער האָט דערזען דעם אַלטן דיכטער יאַרוש — דערזעל־בער אימפּאָזאַנטער און אַרטיסטישער אויסזען. ער לייענט עפּעס און זיפּט פאַמעלעך די קאַווע און גלעט דאָס בלעטל פון בוך מיט עפּעס אַ באַזונדערן פאַרגעניגן און ליבשאַפט; ניט ווייט פון יאַרושן איז גע־זעסן אַ צווייטער דיכטער — אַ „שונא" זיינער, פון צווייטער לאַגער, פון אַ צווייטער שיטה; און אַביסל ווייטער — די אַקטריסע בלומע שטערן — געוועזן אַמאָל באַרימט און שיין, געשפּילט אפילו אין זיינער אַ פּיעסע; און ניט ווייט פון דער אַקטריסע — דער אייביקער קיבעצער, דער קאָרטנשפּילער און טרעמפּ, וועמעס לעבנס־בליק האָט אָפּט געריצט באַראַשעס געדאַנק מער, ווי די מח־שפּאַלטנדיקע פילאָזאָ־פיען פון אָנערקענטע „טעאַליט־פילאָזאָפן". ער איז געזעסן, דער קיבע־צער אין אַ ווינקל, געקוקט אויף דער אַקטריסע מיט אַ מעפיסטאָפעלישן שמייכל און געדרייט צווישן די פינגער אַ קיילעכל ברויט. אין אַ ווינקל אין דער טיפקייט פון קאַפע האָט ער אַרום אַ טיש אין פּאַפּיראָסן־רויך דערקאָנט דאָס נעסטל יונגע דיכטער און טיפּער, באַ די אַנדערע

טישן, אומבאַקאַנטע פּנימער פון אַקטיאָרן — געווען זיכער, אַז זיי זע־נען אַקטיאָרן. אַדאַ איז דאָרטן ניט געווען. עס האָט ניט געהאַט קיין זין מער דאָס שטיין הינטערן פענצטער, האָט ער זיך געלאָזט גיין אַ דער־דריקטער און אַנטוישטער. ער האָט געפילט, אַז ער איז געשטאַנען באַ די פענצטער פון אַ חלום און דער חלום איז אַמאָל געווען רעאַל. איצט איז ער ראָש און אין דעם ראָש לעבט אַ באַראַש — ניט פאַרקערט. און ס'איז ניטאָ מער קיין פּלאַץ אין ניו־יאָרק פאַר באַראַשן, בלויז אפשר פאַר ראָשן, פאַר דער פאַרבלאָנדזשעטער, וואַנדערנדער נשמה — ראָש.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

דער שבת האָט זיך געצויגן, ווי דער רעגן אינדרויסן — גרוי און אָן אויפהער. און ערשט שפּעט נאָכמיטאָק איז באַראַש אַראָפּגעקו־מען פון זיין צימער און געלאָזט זיך גיין צום רעסטאָראַן. געזעסן דאָרט אַן אומגעדולדיקער און אַ נערוועזער און ווען ער האָט געזען, אַז עס רוקט זיך אָן דער גרויער אָוונט, האָט ער זיך געלאָזט גיין צ ומיס באַרנאַרדא.

זי איז שוין געווען אינדערהיים און ווען באַראַש איז אַריינגעקו־מען, האָט אַ שלאָג געטאָן אויף אים מיט רויטער וואַרעמקייט. מאַרי אַליין האָט אין אַ שטייף־געפּאַסטן קלייד, אויסגעקוקט דינער, העכער און רייצנדער.

— איר קוקט אויס וואונדערבאַר שיין, מאַרי — האָט ער געזאָגט.

— שוין אַ לאַנגע צייט, זינט כ'האָב געטראָגן דאָס קלייד . .

— האָבן אירע אויגן געשיינט. — מ'קאָן זאָגן — יאָרן שוין.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט מיט דעם געפיל פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן צו אַ ווינקל פון רו.

זי האָט באַמערקט זיין פּאָזע און צושטאַנד:

— איר זענט מיד, זע איך, פיזיש און גייסטיק . . .

— אמת.

— נאָך דעם, וואָס איך האָב היינט געהערט וועגן אייך, שטעל איך זיך פאָר, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכעס האָט פּאַסירט מיט אייך.

— ניין, מאַרי, ווי איך האָב שוין אייך געזאָגט, זע איך קיין שום אויסערגעוויינלעכעס אין די . . . אינצידענטן פון מיין לעבן. ס'איז בלויז אַ טראָפּן אין דעם ים פון מעלאָדראַמאַטישקייט אין וועלכן דאָס לעבן ווערט דערטרונקען. אָבער . . . וואָס האָט איר געהערט?

— איך ווייס, אַז איר וואָלט שוין געוואָלט וויסן די רעזולטאַטן פון מיין . . . אויספאָרשונג. אָבער איר וועט מוזן וואַרטן נאָך אַ ווײַלע. איך האַלט אין קאָכן עפּעס און ווען איך וועל פאַרטיק ווערן, וועלן מיר רעדן.

— איך פיל, עס שמעקט גוט. — האָט ער געזאָגט.

— ספּאַגעטי . . . — האָט זי זיך צעלאַכט. — מיר וועלן עסן ספּאַגעטי און טרינקען קאַווע, וועט זיך בעסער רעדן.

— איר זענט אַ מלאך — האָט ער געזאָגט און אַ טראַכט געטאָן — ווי באַנאַל.

די ספּאַגעטי און די קאַווע זענען געווען געשמאַק. און ווען זיי האָבן אָפּגעגעסן, האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט אויף דער נידעריקער און באַקוועמער אָטאָמאַנע, וואָס האָט אים דערמאָנט אין שעליאַס סטודיאָ־קאַנאַפּע. אַ ווײַלע איז זי געזעסן און געקוקט אויף אים און אין איר בליק האָט ער געלייענט די פראַגע: וואָס פאַר אַ מענטש איז ער, אַט דער מיסטער באַראַש, דער ייִד, וואָס . . .

— כ'בין געווען אין דעם הויז וואו איר האָט אַמאָל געוואוינט — האָט זי איבערגעריסן זײַנע געדאַנקען.

— יאָ . . . — האָט ער זיך מיט אויפמערקזאַמקייט צוגעבויגן צו איר.

— איך האָב אָנגעקלונגען און האָב געפרעגט אויף אײַך. אין אַלע דרײַ טירן האָב איך אָנגעקלונגען. און אַלע האָבן מיר געענטפערט, אַז זיי ווייסן ניט, אַז זיי האָבן קיינמאָל אײַער נאָמען ניט געהערט. בין איך אַרײַנגעגאַנגען, ווי איר האָט מיר געזאָגט, אין דער דעליקאַטעסן און איך האָב גערעדט צו דער אייגנטימערין און אַלץ, וואָס זי האָט מיר געזאָגט, איז געווען וועגן דעם געלט, וואָס איר זענט שולדיק געבליבן און אײַער פרוי האָט פאַרגעסן צו באַצאָלן.

— איך האָב ניט געוואוסט . . . — האָט באַראַש אָנגעהויבן . . .

— עס איז געווען אַ קליינע סומע — האָט אים מאַרי באַרואיקט — האָב איך איר באַצאָלט. און ווען כ'האָב איר געגעבן דאָס געלט, האָט זי אָנגעהויבן צו דערציילן, וואָס פאַר אַ פײַנע מענטשן איר און אײַער פרוי זענען און ווי זי האָט ליב געהאַט צו לייענען אײַערע ראָמאַנען און אפילו איצט, האָט זי געזאָגט, לייענט זי אויך אײַערן אַ ראָמאַן אין דער דער צײַטונג, אָבער וואו איר זענט, ווייסט זי ניט. זי דענקט, אַז איר זענט געשטאָרבן.

— זענט איר שוין נאָך דעם געפאָרן אין דער ר'עדאַקציע, מסתמא?

— האָט באַראַש געפרעגט.

— ניין, איידער צו פאָרן אין דער רעדאַקציע, איז מיר אײַנגעפאַלן צו זען זיך פריער מיט דעם דזשעניטאָר פון הויז וואו איר האָט געוואוינט און באַם דזשעניטאָר בין איך געוואויר געוואָרן, וואָס עס איז פאַרגעקומען, אויף וויפל זיי ווייסן וועגן דעם, פאַרשטייט זיך.

— יאָ, יאָ — איז באַראַש געוואָרן אומגעדולדיק.

— דער דזשעניטאָר און זײַן פרוי האָבן מיר דערציילט — האָט

מארי פארטגעזעצט — אז ווען זיי האבן אנגעהויבן צו באמערקן, אז דאס הויז איז פארלאזט, האט עס זיי באאומרואיקט און זיי האבן ניט גע־וואוסט וואס צו טאן. זיי האבן מיר דערציילט, אז עטלעכע טעג נאכאנאנד האבן זיי געהערט ווי עס קלינגט בא אייך דער טעלעפאן און קיינער ענטפערט ניט. דערנאך האבן זיי באמערקט בא דער הינטערשטער טיר א גאנצע ריי פלעשער מיט מילך; און דאס בריוו־קעסטל איז געווען אנגעפאקט מיט בריוו און מיט זשורנאלן און אסך פון זיי, וואס האבן ניט געקאנט אריין אין קעסטל, האבן זיך געוואלגערט אויף דעם דיל; און דאס, האבן זיי מיר געזאגט, איז ניט געווען אייער טבע. האבן זיי פרו־בירט קלינגען און קלאפן אין דער טיר און קיינער האט ניט געענטפערט. און ווען עס איז אוועק א וואך צייט און דער לענדלארד איז געקומען נאך דער רענט און דאס מאל האט אויך קיינער ניט געענטפערט, האט ער אפגערופן די פאליציי און זיי זענען אריין אין הויז. מ,האט קיינעם ניט געטראפן, בלויז א בריוו פון אייער פרוי, וואס איז געלעגן אויף דעם דיל און אייער בריוו אויף דעם טיש, וואו איר האט געשריבן, אז איר גייט באגיין זעלבסטמארד.

— איך האב דאס ניט געשריבן . . . — האט געזאגט באראש.

— ווייזט אויס, אז זיי האבן עס אזוי פארשטאנען. וואס האט איר דארט געשריבן?

—דאס איז ניט וויכטיק, מארי, דערציילט ווייטער, איך בעט אייך.

— די פאליציי האט זיך גלייך געשטעלט אין פארבינדונג מיט אייער פרוי אין קאליפארניע און זי איז גלייך געקומען צו פארן. וואס ס׳איז פארגעקומען ווייטער, ווייסן זיי ניט. זיי ווייסן בלויז, אז אייער פרוי האט אויסגעזוכט זייער דערשלאגן און צעבראכן און אז אין א פאר וואכן ארום האט זי זיך ארויסגעצויגן פון דעם הויז און וואו זי געפינט זיך איצט ווייסן זיי ניט.

— זענט איר געפארן אין דער רעדאקציע פון דער צייטונג . . .

— יא — האט מארי געזאגט — און זיי האבן מיך זייער פריינט־לעך אויפגענומען און האבן מיר געזאגט, אז אויב ס׳איז פאראן אין דער רעדאקציע דער אדרעס פון מיין קוזינע —כ׳האב זיי געזאגט, אז איך בין אייער פרויס א קוזינע — איז דער אדרעס בא דעם רעדאקטאר. האב איך זיי געבעטן זיי זאלן מיך לאזן רעדן צום רעדאקטאר. האבן זיי מיר געהייסן ווארטן. כ׳האב געווארט אריבער א שעה צייט און ענדלעך האט מען מיך אריינגעלאזט צו אים. האט ער די גאנצע צייט געקוקט אויף מיר מיט פארדאכט און א פאר מאל גערופן עמיצן אויף דעם טעלעפאן און אויסגעפרעגט מיך פון וואנען איך קום און צי מיין קוזינע קאן מיך. און ווען כ׳האב אים דערציילט, אז איך קום קיין ניו־יארק פון שיקאגא

און האָב פאַרלוירן איר אַדרעס, האָט ער אַ פרעג געטאָן פונוואַנען כ'האָב געוואוסט, אַז זיי האָבן איר אַדרעס. האָב איך אים געזאָגט, אַז באַקאַנטע האָבן מיר געגעבן די עצה. האָט ער געפרעגט צי איך האָב אפשר גיי געהערט אַמאָל פון מיין קוזינעס מאַן, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך האָב ניט געהערט, און איך וויס ניט, גאָרניט וועגן אים. האָט ער געקוקט אויף מיר אַזוי אַ לאַנגע צייט און ענדלעך אויפגעעפנט אַ שופלאַד, אַרויס־גענומען אַ פּאַק פּאַפּירן, געזוכט אַ ווײַלע און ענדלעך אָנגעשריבן איר אַדרעס אויף אַ שטיקל פּאַפּיר.

— האָט איר אים? — איז באַראַש אויפגעשפרונגען.

— יאָ, אָט איז ער — האָט מאַרי געעפנט איר האַנטבייטל און האָט אים געגעבן דעם אַדרעס.

באַראַש האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּאַפּירל, געקוקט אויף דעם אַד־רעס, פּרובירנדיק פאַרשטעלן זיך וואו די גאַס געפינט זיך. דערנאָך האָט ער אַרײַנגעלייגט דאָס פּאַפּירל אין קעשענע, גענומען שפּאַנען אַ נער־וועזער, געשויבערט די האָר און, ווי מאַרין האָט זיך אויסגעוויזן, האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן אָן איר אַנוועזנהייט אין צימער.

— זייט ניט אַזוי נערוועז, קומט אַהער — האָט ער דערהערט, ווי זי רופט אים — קומט אַהער, זעצט זיך אַנידער.

ער איז צוגעגאַנגען, אַנידערגעזעצט זיך לעבן איר און, ווי פאַר־געסנדיק וואו און מיט וועמען ער איז, האָט ער זיך צוגעבויגן צו איר שויס און די אינסטינקטיווע נאָענטקייט צו אַ פרוי האָט געצויגן צו פאַר־געסן זיך . . . און זי, פילנדיק זיין באַגער, האָט געלאַשטשעט זיין קאָפּ און פאַרזיכטיק און לייכט געפירט אירע פינגער איבער זיין שטערן.

— דערציילט מיר וועגן זיך . . . — האָט ער דערהערט ווי זי בעט שטיל — דערציילט מיר אַלץ, אַבסאָלוט אַלץ . . . פאַרטרויעט מיר . . .

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע און אָנגעהייבן לאַנגזאַם, פאַטראַכט . . . דערציילט, ווי רעדנדיק צו זיך אַליין, ווי רעדנדיק צום רויטן לעמפּל אונטערן אַבאַזשור און צו די קאַלירפולע בילדער אין די גאָלדענע ראַמען, און צו די שאָטנדיקע ווינקלען. ער האָט אָנגעהויבן פון אָנהייב, ווי ער וואָלט אָנגעהויבן אַ נאָוועלע . . . דערציילט וועגן זיך, וועגן מיכלען, וועגן אַדאַן, וועגן סטעלאַן און וועגן אַנאַטאָלן. און דאָ און דאָרט, אַ דער־פרישטער פון מאַריס אַ פראַגע, ווי פון אַ ווינטל, האָט ער געשילדערט עפּיזאָד נאָך עפּיזאָד, שטימונג נאָך שטימונג און ווען ער האָט פאַרענדיקט, האָט ער געזאָגט:

— איצט ווייסט איר אַלץ. איך בין טויט פאַר דער וועלט און . . . דערווײַלע וויל איך בלײַבן טויט. איך האָף, אַז איר פאַרשטייט,

אַז דאָ האַנדלט זיך ניט אין אַ קריגעריי און אין אַ צעשיידונג פון אַ מאַן און פרוי. אַדאָ איז ניט די אורזאַך פון מיין פאַרשווינדן. ניט זי. די אורזאַך איז די אַקומולאַציע פון טויזנטער סיבות, ווי די אַנטיוישונג מיט זיך, די אַלגעמיינע אַנטוישונג אין מענטש, אַנטוישונג אין דעם זין פון לעבן, אַנטוישונג אין דער סאָציאַלער סיסטעמע, אַנטוישונג אפילו אין די רעוואָלוציעס, וואָס יאָגן אָן ווי שטורעמס צו באַפרייען די מענטשהייט . . . אַלץ, אַלץ אַרום מיר האָט געטריבן צו צווייפלונג און פאַרצווייפ־לונג . .. איבערהויפּט נאָך דעם טויט פון מיין זון. און דאַן איז מיט־אַמאָל פאָרגעקומען אין מיר די רעאַקציע און עס האָט אַ שלעפּ געטאָן און אַ טרייב געטאָן צום טיוול . . .

— און האָבן אייך אייערע . . . פּרויען־פריינט אויך אַנטוישט?

— האָט מאַרי געפרעגט.

— אָפט אַנטוישן פרויען־פריינט אויך . . . — האָט באַראַש ניט־ווילנדיק אַ שמייכל געטאָן. — איך מוז אָבער צוגעבן און מודה זיין, אַז אין מיינע שטימונגען האָבן די פרויען גראָדע געשפּילט ווי ווייַן אויף מיין געמיט. זיי זענען געווען דאָס געטראַנק, וואָס האָט מיך פאַרשיכורט אין דער אַנטוישונג פון לעבן.

— איז דאָס דען ניט גענוג צו צובינדן איינעם מיט אינטערעס צום לעבן?

— זעט איר דאָך. די פאַרשיכורונג, ווייזט אויס, איז געווען ניט שטאַרק גענוג. דאָס וואַהנזיניקע לעבן אַרום וואַרפט און הוידעט שטאַר־קער ווי די שוימיקע כוואַליעס פון . . . פאַרשיכורטע עמאָציעס . . .

— איר האָט אָבער ליב די פאַרשיכורונג . . . איר האָט זי ליב ניט אַזוי? . . . .

— יאָ, כ׳האָב זי ליב.

— וועל איך אייך פאַרשיכורן . . . — האָט זי זיך פּלוצים צו־געבויגן צו אים און ער האָט דערפילט אירע פולע, הייסע ליפּן אויף זיין מויל.

און דערנאָך, שפּעט שוין, ווען די שעה פון דער נאַכט איז געווען אַ שווייגנדיקע און אַ מידע, האָט מאַרי, איר קאָפּ אויף זיין ברוסט, געזאָגט:

— בלייבט דאָ . . . בלייבט דאָ באַ מיר . . . וואוהין און צו וואָס וועט איר גיין אין האָטעל? בלייבט דאָ באַ מיר . . . איך וועל אייך ניט שטערן און איר וועט קאָנען טאָן און זיין וואָס איר ווילט . . .

ער איז פאַרבליבן באַ איר.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

אינדערפרי האָט די זון באַגאָסן מיט ליכט דאָס צימער, און דאָס

ווייסע געלעגער און די בילדער און די קלייניקייטן אַרום — אַלץ האָט אויפגעוואַכט, ווי זייענדיק גרייט צו דינען און אַלץ האָט גערעדט מיט שטומען לשון: גוט מאָרגן . . . גוט מאָרגן . . .

באַם פרישטיק האָבן זיי גערעדט ווי צוויי פריינט, וואָס האָבן זיך ענדלעך צוריקגעקערט צו זייער היים פון אַ לאַנגער רייזע אין אַ מיס־טעריעזן חלום, וואָס חלומט זיך בלויז איינמאָל אין לעבן. דעם טאָג האָבן זיי פאַרבראַכט צוזאַמען. באַראַש האָט אָבער געפילט, ווי ער גייט אַרום מיט דעם שליסל צו אַ סוד און ער וואַרט, און ער האָט מורא אויפצושליסן אים . . .

אָבער אויף דעם צווייטן טאָג פאַרנאַכט האָט ער זיך געלאָזט פאָרן . . . צו אַדאַן. ווען ער איז צוגעקומען צום הויז וואו זי האָט געוואוינט, האָט ער פּרובירט טרעפן אין וועלכן פון די באַלויכטענע פענצטער וועט ער דאַרפן קוקן און זוכן זי . . . און מיטאַמאָל האָט ער זי דערזען. זי איז געשטאַנען מיט דער פּלייצע צו אים, איבערגעבויגן איבער אַ שטול אין וועלכן עס איז געזעסן עווא. זיי האָבן ביידע, ווייזט אויס, געקוקט אין אַ בוך, אָדער אַ זשורנאַל. ער האָט זי אָבער דערקענט, דערקענט דעם בויג פון איר קאָפּ און אירע פּלייצעס און אירע האָר; געוואָרט מיט אומגעדולד זי זאָל זיך אויסדרייען, אַז ער זאָל זען איר פּנים, אַז זי זאָל ניט פאַרשטעלן עוואן, ווייל בלויז אויף אַ מאָמענט האָט ער געכאַפּט די קאָנטורן פון איר דין געשניצט פּנים. זיי זענען אָבער, ווייזט אויס, גע־ווען פאַרטיפט אין בוך און האָבן זיך ניט געאיילט איבערצורייסן דאָס לייענען. באַראַשעס בליקן האָבן זיך, ווי אויסשפּירער, אַ יאָג געטאָן איבער די ווענט פון צימער. עס איז געווען שווער צו זען קלאָר יעדע קלייניקייט, ער האָט דערקאָנט אויף איין וואַנט מיכלס פּאָרטרעט און אויף דער צווייטער, קעגנאיבער, זיין אייגענעם פּאָרטרעט. עס האָבן זיך אים, ניט ווילנדיק, געשטעלט טרערן אין די אויגן, ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן פון אַדאַן, פון דער פרוי, וואָס האָט פאַרלוירן אויף די שלאַכט־פעלדער פון שפּאַניע אַ יונגן זון און אויף די וועגן פון לעבן, אַ חבר, אַ מאַן און איז געבליבן בלויז מיט צוויי פּאָרטרעטן, וואָס קוקן אויף איר פון ביידע ווענט אַראָפּ.

באַראַש האָט זיך צוגערוקט נענטער. אַנידערגעשטעלט זיך היג־טער דער קאָלאָנע פון באַלקאָן, אויפגעהויבן דעם קאָלנער, אַראָפּגערוקט דעם הוט איבער די אויגן און געקוקט און געוואַרט.

ענדלעך איז אַדאַ אַוועקגעגאַנגען פון שטול און עווא האָט זיך אויפ־געהויבן, דיזעלבע אַדאַ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. אָבער אין אירע אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען האָט ער דערזען מידקייט און טרויער. אָט אַזוי פלעגט זי אויסזען און אָט אַזוי פלעגט זי גיין, ווען צווישן אים און איר

פלעגן זיך אַריינרייסן די בייזע שדים און טראָגן זיי אויף דעם שטורעם פון קריג אין גיהנום אַריין. עווא איז צוגעגאַנגען צו איר. ווי אויס־געוואָקסן, ווי דין און צאַרט זי זעט אויס . . . זי האָט אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף דער מוטערס אַקסלען און צוגעטוליעט זיך צו איר. ער האָט געקאָנט אַזוי גוט דידאָזיקע פּאָזע אירע, איצט אָבער האָט ער אין איר געזען מער ווי קינדערישע לאַשטשענדיקייט, עס איז געווען אין איר זשעסט און פּאָזע טרייסט, זין און חברשאַפט. און מיטאַמאָל איז פינצטער געוואָרן. ער איז געשטאַנען ווי אַ צוגעשמידטער הינטער דער קאָלאָנע און דאָס האַרץ זיינס האָט געקלאַפּט ווי אַ זייגער, באַ וועלכן די פּרוזשינע האַלט באַם אויסגיין. אָבער ווידער האָט אַ שיין געטאָן אַ פּאַס ליכט. פון צווייטן צימערל, דורך דער האַלב־פאַרמאַכטער טיר האָט זיך געריסן אין דער פינצטערניש אַריין דער ליכט־פּאַס און באַראַש האָט געוואַרט, אַז די טיר זאָל זיך ווידער עפענען און ער זאָל ווידער דערזען אַדאַן און עוואַן און ער וועט אפשר דערזען אויף זייערע ליפּן אַ שמייכל, און ער וועט אפשר לייענען אויף זייערע ליפּן דעם אויסדרוק פון אַ וואָרט. דער ליכט־פּאַס איז אָבער אינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן און געבליבן איז בלויז די פינצטערניש אַרום אים און אין אים. מיט שטילע טריט, ווי אַ גנב, האָט ער זיך אַרויסגערוקט פון הינטער דער קאָלאָנע און אַ געבויגענער געלאָזט זיך גיין צוריק — צו מאַרין.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

נאָך אַ טאָג און אַ נאַכט זענען פּאַראיבער. ער האָט זיי ווידער געזען, אָבער דאָס מאָל איז אין הויז געווען אַ מאַן, אַן אומבאַקאַנטער. זיי האָבן געלייענט „די צייט” און האָבן וועגן עפּעס דיסקוטירט און דער מאַן האָט זיך, פּונקט ווי אַדאַ מיט אַן אָוונט פריער, אַריבערגעבויגן איבער עוואַן און געגעבן איר עפּעס צו פאַרשטיין אין בוך, וואָס זי האָט געהאַלטן אין די הענט. דערנאָך האָבן זיי געטרונקען טיי און ווען דער מאַן איז אַוועק־געגאַנגען, איז ווידער געוואָרן פינצטער. ער איז ווידער צוריקגעקומען צו מאַרין אַ שווייגנדיקער און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז בעסער ניט צו רעדן צו אים, ניט שטעלן קיין פראַגן. זי איז געזעסן לעבן אים, אַנידערגעלייגט איר הייס פּנים אויף זיינע קני און אונטער דעם רויטן ליכט פון לאָמפּ געקוקט אויף אים, אויף זיין צעקאַרבטן שטערן, געקוקט ווי אַ געטרייער הונט . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

אויף דעם פערטן טאָג אין אָוונט האָט ער צו איר געזאָגט:

— מאַרי, איך וועל אייך בעטן נאָך איין מאָל צו טאָן עפּעס פאַר מיר.

— איך וועל טאָן, וואָס איר וועט מיך בעטן.

— איך וועל אייך בעטן, אַז איר זאָלט צופאָרן צו אַדאָן און רעדן מיט איר פּערזענלעך, אויב מעגלעך. נעמט מיט מיט זיך אַ פּאָר פון אייערע בילדער, זאָגט איר, אַז איר זענט אַ מאָלערין און אַז דורך דעם פאַרקויף פון די בילדער מאַכט איר אַ לעבן. מאָלעריי און די בילדער וועלן זיכער דערמאָנען איר אין מיר און וועלן זי אַרויספירן אפשר אויף אַ געשפּרעך וועגן מיר. דאָס איבעריקע לאָז איך איבער צו אייך.

— זאָל איך שוין פאָרן?

— שוין, אויב עס ניט שווער פאַר אייך.

— איך פאָר שוין — האָט זי זיך אויפגעהויבן און צוגייענדיק צום קאָמאָד, האָט זי אַרויסגענומען אַ פּאָר בילדער, צווישן זיי אַ בילד פון אַן אַלטן איטאַליענער מיט אַ ליולקע אין מויל. באַראַש האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דעם בילד און דערמאָנט זיך אַן סטעלאַן . . . די ליולקע — די ליולקע — האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אים די ווערטער — די ליולקע — — —

— וואָס זאָגט איר, זיסער? — האָט מאַרי פאַרוואונדערט געפרעגט.

— גאָרניט . . . — האָט ער אויפגעוואַכט — גאָרניט.

— איר האָט גערעדט צו זיך אַליין.

— עס טרעפט אָפט מיט מיר, ווען איך פאַרליר דעם קאָנטראָל איבער זיך.

— דאָס האָבן די לײדן אָפּגעשוואַכט אייערע נערוון.

— ווייזט אויס אַזוי.

— ליבינקער מיינער . . . — האָט זי זיך צוגעטוליעט צו אים איך גיי . . .

— איר האָט אַ גוטע נשמה, מאַרי.

ער האָט אָנגעשטעלט די ראַדיאָ און אָפּגעגעבן זיך דער מוזיק. די שטונדן האָבן זיך געצויגן מיט אומגעדולד. ענדלעך האָט ער דערהערט מאַריס טריט. זי איז אַריינגעקומען אַ שווייגנדיקע, אַוועקגעשטעלט אויף דעם טיש די אָנגעקויפטע זיסע נאַשערייען, אויסגעטאָן איר מאַנטל און ענדלעך אַנידערגעזעצט זיך.

— איך האָב זי געזען — האָט זי אָנגעהייבן. — זי איז שיין און אינטערעסאַנט, און קוקנדיק אויף איר האָב איך זיך געוואונדערט, ווי אַזוי איר האָט געקאָנט אַוועק פון איר.

— ניט פון איר, מאַרי . . . פון מיין לעבן . . .

— נו, גוט . . . כ'האָב איר געזאָגט, אַז איך וואָלט געוואָלט זי זאָל אַ קוק טאָן אויף מיינע בילדער און קויפן אַ בילד אָדער צוויי, אויב זי קאָן. האָט זי אַ קוק געטאָן אויף מיר און באַטראַכט מיך פון אַלע

זייטן; דערנאָך האָט זי געקוקט אויף די בילדער און האָט אַ זאָג געטאָן: מײַן מאַן האָט אויך געמאָלן בילדער און, דעם אמת זאָגנדיק, האָבֿ איך מער בילדער ווי איך דאַרף. — אָ, אײַער מאַן האָט אויך געמאָלן? — האָבֿ איך זי געפֿרעגט. — יאָ — האָט זי געענטפֿערט. — מײַן מאַן איז געווען אַ שרײַבער . . . — געווען? — האָבֿ איך געפֿרעגט. — יאָ, ס׳ווײַזט אויס, אַז ער איז טויט . . . — האָט זי געזאָגט, און איך האָבֿ געפֿילט, אַז מיט מײַן שווײַגן רויב איך אַוועק פֿון איר און פֿון אײַער טאָכטער דעם גרעסטן אוצר — דאָס אמת.

— איך פֿאַרשטיי אײַער צושטאַנד — האָט באַראַש געזאָגט, קוקנדיק אין אַ זײַט.

— נו, אַזוי האָבן מיר זיך צערעדט און זי האָט מיך געבעטן זיצן און איך האָבֿ געפֿילט, אַז זי קוקט נאָך אַלץ אויף מיר מיט אַ מאָדנעם בליק. האָבֿ איך זי געפֿרעגט פֿאַרוואָס זי קוקט אַזוי אויף מיר, האָט זי אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך געזאָגט, אַז איר מאַן, דאָס הייסט איר, האָט געאַרבעט אין אַ קונסט־שאַפּ און ער האָט איר דערציילט וועגן אַ פֿרוי, אַן איטאַליענישע פֿרוי, וואָס האָט דאָרט געאַרבעט און זי האָט זיך געוואונדערט צי בין איך ניט יענע פֿרוי וועגן וועלכער ער האָט איר דערציילט. אויף אַ מאָמענט האָבֿ איך זיך פֿאַרלוירן און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן, אָבער גלײַך האָבֿ איך זיך באַהערשט און איך האָבֿ אַ פֿרעג געטאָן: וואָס איז אײַער מאַנס נאָמען, מאַדאַם? — באַראַש — האָט זי געזאָגט. — אויב אַזוי, בין איך דאָס די פֿרוי וועגן וועלכער אײַער מאַן האָט אײַך דערציילט און איך געדענק מיסטער באַראַשן זייער גוט. אויף אַ מאָמענט איז זי געוואָרן בלייך און מיר איז אַביסל געוואָרן ניט גוט פֿון מיטלייד, אָבער זי האָט גלײַך אַ פֿרעג געטאָן:

— געדענקט איר ווען און ווי אַזוי ער האָט פֿאַרלאָזט דעם שאַפּ? — דאָ האָבֿ איך איר דערציילט ווי עס איז ווירקלעך פֿאָרגעקומען. מיר זענען אַזוי געזעסן און האָבן גערעדט און אײַער טעכטערל האָט געקוקט אויף אונדז מיט אירע גרויסע, טרויעריקע אויגן. איך האָבֿ איר געזאָגט, אַז דערווײַלע אַרבעט איך אין שאַפּ, אָבער נאָך דער אַרבעט פֿאַרקויף איך בילדער צו מאַכן אַביסל מער געלט. און זי האָט מיר דערציילט, אַז זי אַרבעט אויך אין אַ שאַפּ, אַלס דעזײַנערין פֿון קליידער און זי פֿאַרדינט גוט און זי האָט אַסך פֿרײַנט, מייסטנס די פֿרײַנט פֿון איר מאַן, און זי האָפֿט נאָך, אַז אַמאָל וועט געשען עפּעס אַ נס און איר וועט זיך ווידער באַווײַזן און אויב ניט, וועט זי, מסתמא, ווידער פֿאָרן קיין קאַליפֿאָרניע. איך האָבֿ זי געוואָלט אַ פֿרעג טאָן, צי זי וואָלט ניט געוואָלט ווידעראַמאָל הייראַטן, אָבער איך האָבֿ ניט געפֿונען אין זיך גענוג מוט צו זײַן אַזוי . . . ברוטאַל און ציניש. און דאָס איז, דאַכט זיך, אַלץ. זי האָט דערנאָך גע־

קויפט באַ מיר אַ בילד, האָב איך אַבזיכטלעך געגעבן אַ קליינע פּרייז. זי האָט מיך געבעטן אַריינצוקומען אַמאָל און איך בין אַוועקגעגאַנגען. דאָס אַלץ . . .

— אַ דאַנק, מאַרי — האָט באַראַש פאַרקוועטשט מיט די הענט די אויגן. — איר האָט געטאָן פאַר מיר מער, ווי מיינע בעסטע פריינט האָבן ווען עס איז געטאָן פאַר מיר.

זי האָט אַרומגענומען זיין האַלדז מיט די הענט און געזאָגט:

— איצט ווייסט איר שוין אַלץ. איר דאַרפט אָבער ניט זיין טרויעריק. נאָך אַלעמען, זיי לעבן און זיי זענען געזונט און זי אַרבעט און פאַרדינט גוט. אָבער . . . צו וואָס זאָג איך אייך דאָס? אפשר ווילט איר אומקערן זיך צו זיי . . . און צו גליק . . .

— דענקט איר, מאַרי, אַז דאָס גליק וואָלט געווען אמת גליק? וואָלט ניט אונדזער לעבן געווען ווי צוויי באַזונדערע בעכערס, אָנגעפילט מיט אומצופרידענע אנשטאָט גליק? וואָלט זי דען געקאָנט אָפּלעבן איר לעבן מיט מיר אין גלויבן, אין רו און פאַרשטענדעניש, ווען איך וואָלט פלוצים ווידער געוואָרן אַ לעבעדיקער? וואָלטן ניט אירע גוטע געפילן וועגן מיר דעם טויטן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געפילן פון חוזק און פאַראַכטונג — צו מיר דעם לעבעדיקן?

— פאַרוואָס? פאַרוואָס? — האָט מאַרי ניט געקאָנט פאַרשטיין.

— ווייל אַזוי לויפט די פּסיכאָלאָגיע פון אַ מענטשן; ווייל, ניט ווייסנדיק אַליין פאַרוואָס, וואָלט זי זיך געפילט אַן אַנטוישטע; ווייל מיט דער צייט וואָלט איך ווידער דערשינען אין אירע אויגן ווי דער אַלטער, באַקאַנטער מאַן אירער, דערזעלבער, אָבער נאָך מער אָפּגעריסן און פאַרפרעמדט פון איר, פון זיך אַליין און פון דעם לעבן. וואָלט דאָס, דענקט איר, געווען גליק?

— אפשר זענט איר גערעכט — האָט זיך מאַרי פאַרטראַכט.

— ניט אפשר, נאָר זיכער.

— אויב אַזוי . . . אויב אַזוי . . . — האָט זי ניט געוואַגט צו פאַרענדיקן איר געדאַנק.

— אויב אַזוי . . . וואָס?

— אויב אַזוי, טאָרט איר ניט וואוינען דאָ אין ניו־יאָרק. ווייל פריער צי שפּעטער וועט איר דאָך אַנטדעקט ווערן . . .

— אודאי טאָר איך ניט בלייבן אין ניו־יאָרק, כאָטש ניו־יאָרק איז ווי אַ מדינה פאַר זיך אַליין, אַ דזשאַנגל. קיין שאַנסן וועל איך אָבער ניט נעמען.

— איר וועט אַוועקפאָרן?

— מסתמא.

— און איך . . . אויך?

בּאַראַש האָט ניט געענטפערט. גענומען שפּאַנען איבער דעם צי־מער, געשויבערט די האָר און ענדלעך אָפּגעשטעלט זיך לעבן איר, אָנ־גענומען איר קאָפּ מיט די הענט און געזאָגט:

— איך ווייס ניט אין וואָס פאַר אַ פיזישע און גייסטיקע וועלטן עס וועט מיך פאַרטראָגן מיין פאַנטאַזיע און טאַט. איך האָב דאָך איצט סיווי מער גאָרניט וואָס צו פאַרלירן. אָבער וואוהין איך זאָל ניט פאַר־פליען — באַ מיר אין האַרצן וועט איר פאַרבלייבן.

— אַ דאַנק כאָטש פאַר דעם . . . נאָך אַדאַן און נאָך סטעלאַן ווייס איך ניט צי איך האָב אַ רעכט צו פאָדערן מער.

— ס'איז ניט קיין פראַגע פון רעכט אָדער אַ פראַגע פון פאָדערן. איר ווייסט עס, מאַרי . . .

— יאָ, איך ווייס עס — האָבן זיך באַוויזן טרערן אין אירע אויגן.

— ס'איז אַ פראַגע פון צופאַל, אָדער שיקזאַל.

אפשר צופאַל און אפשר שיקזאַל, ווי איר זאָגט, און אפשר פון מענטשלעכן וואָהנזין אין שטורעם.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

אין דערדאָזיקער נאַכט האָבן באַראַשעס געדאַנקען געוואַנדערט באַ אַדאַס פענצטער און זיין קערפּער איז געלעגן מאַכטלאָז ווי אונטער אַ ברענענדיקן סאַמום אין דער מדבר.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

עס זענען אַוועק טעג און עס זענען אַוועק נעכט. אין די אָוונטן האָט ער זיך געגאַנבעט באַ אַדאַס פענצטער און יעדעס מאָל האָט אַן אומ־זעבאַרע האַנט אַריינגעכאַפּט זיך האַרץ צווישן צעקרימטע פינגער און געדריקט . . . געדריקט . . . די טעג האָבן געוואָיעט ווי שאַקאַלן, געקראָכן ווי שלאַנגען אין מעטראָפּאָליטאַנישן דזשאָנגל און געטראָגן פון גאַס צו גאַס, פון סקווער צו סקווער, פון רעסטאָראַן צו רעסטאָראַן. ער האָט געהאַסט די ליידיקע און אומפּראָדוקטיווע שטונדן זיינע, ער האָט אָבער מורא געהאַט צו נעמען זיך צו עפּעס אַן אַרבעט, די אַרבעט זאָל אים ניט צובינדן, ווייל אַ צוגעבינדענער צו ניו־יאָרק, האָט ער געוואוסט, וועט ער פריער אָדער שפּעטער אַנטדעקט ווערן. שטייענדיק באַ דער „עמפּייער־סטייט" געביידע, האָט ער געטראַכט, ווי גוט עס זאָל געווען אַרויפצופאָרן צום העכסטן, צו דעם הונדערטסטן שטאָק און מאַכן בלויז איין שפּאַן — אַראָפּ . . . און זיצנדיק באַם ים, האָט ער געטראַכט, אַז ס'וואָלט גוט געווען אַרויסצולאָזן זיך אויף אַ קליינעם שיפל אין אָקעאַן

אַריין . . . ווייט, ווייט, צווישן די מוראַדיקע וואַסער־בערג און פאַר־שלונגען ווערן צווישן זיי אויף אייביק . . . געטראַכט, ווי פײַנלעך עס איז צו וויסן, אַז דאָס לעבן שלעפּט אַראָפּ, אַראָפּ צום שטאַנד פון אַ פּאַ־ראַזיט . . . (אָ, ניין, ניין! אָנגענומען הילף פון אַ ליבנדער פרוי הייסט נאָך ניט פּאַראַזיטיזם . . .) ניין . . . עס שלעפּט אָבער צו רעזיגנאַ־ציע, צו קאַפּיטולאַציע, צו אַפּאַטיע . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

די טעג זענען געקראָכן. מאַרי האָט אים שוין מער ניט געפרעגט וואוהין ער גייט — זי האָט שוין געוואוסט. די נאָוועלע זײַנען אין דער „צייט" האָט שוין געהאַלטן באַם סוף. איצט, האָט ער געטראַכט, וועט מען ווידער פאַרגעסן אָן אים. און אפשר וועט אַדאַ ווידעראַמאָל געפינען זײַנע אַ פאַרוואַלגערטע דראַמע, אָדער דערציילונג, אָדער ליד און זײַן נאָמען וועט ווידער אַרויסשווימען אין דעם „פּאָסט מאָרטעם" . . .

ער האָט געלייענט אַלע ניו־יאָרקער יידישע צייטונגען און, ווי שטענדיק, זענען די צייטונגען געשטאַנען פאַר אים ווי אַ סימבאָל פון יידישן לעבן, פון יידישער צעריסנקייט און די לעגענדע וועגן יידישער ברידערלעכקייט האָט געמאַכט גרימאַסן — געלעכטער־גרימאַסן און גע־וויין־גרימאַסן.

אין צערודערטקייט האָט ער רעאַגירט אויף די שרייענדיקע קעפּ אין די צייטונגען, אויף דעם ווייטן פלאַטער פון די שוואַרצע מלחמה־פליגל, אויף די כאַאָטישע געשעענישן אין דער וועלט. די וועלט איז שוין מער ניט געווען אַ וועלט, אַ רוים, אַ גאָטס־באַשאַפענער ערד־קויל אין דער טריליאָנענדיקער סיסטעמע פון שטערן און פּלאַנעטן. די ערד איז געוואָרן אַ מאַפּע, איבער וועלכער עס האָט פון ברעג צו ברעג, פון ליניע צו ליניע געשפּרייט זיך אַ שוואַרצער שאָטן, וואָס פאַרדעקט און פאַרמעקט שטעט און לענדער, פאַרמעקט אַלץ . . . און אים, באַראַשן, צוזאַמען מיט דער וועלט . . . ווי אין אַ קעסל־גרוב האָט עס אים גע־טראָגן אין אַ זומפּ פון געדאַנקען און געפילן — קריכנדיקע שלאַנגען אין דעם זומפּ . . . און עס איז ניט געווען צו וועמען אויסצושטרעקן די האַנט, אַרויסצורייסן זיך פון דעם זומפּ . . . ניט געווען צו וועמען, חוץ צו מאַרין. מאַריס וועלט איז אָבער געווען אין צימער און דער גע־דאַנק אירער האָט ניט געשוועבט ווייטער פון אים. יעדע וואָך האָט ער געפילט אין דער קעשענע דעם זיידענעם שאָרך פון פּאַפּירענעם געלט און יעדעס מאָל האָט עס אים אַ ברי געטאָן ווי אַן עלעקטרישער שטראָם. ער האָט שוין אָבער אויפגעהערט צו פּראָטעסטירן און מיט אַ פאַרקרימטן

שמייכל פּרובירט וויצלען זיך אויף מאַריס חשבון, אַז זי פאַרזייט געלט אין אַ זאַמדיקן מדבר.

— גלויבט מיר, איך ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט דעם געלט, וואָס איך פאַרדין — האָט זי אים פאַרזיכערט און ער האָט אויסגעהערט, שמייכלענדיק טריבלעך און מער ניט גערעדט וועגן דעם.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

איינמאָל איז מאַרי אַהיימגעקומען אַ דערפרייטע. עס איז איר געלונגען צו קריגן צוויי בילעטן צו אַ גראַנדיעזן מיטינג וואו יאַהאַכים האָט באַדאַרפט אויפטרעטן.

— יאַהאַכים ?! — האָט באַראַש אַ פרעג געטאָן פאַרוואונדערט.

— דו מיינסט . . . עס פרייט דיך צו הערן יאַהאַכימען ?

— פאַרוואָס ניט ? — האָט זי זיך אויך פאַרוואונדערט. — ער איז אַ גרויסער מענטש און אַ וואונדערבאַרער רעדנער. מ׳קאָן אַסך לער־נען פון אים.

— וואָס אַשטייגער קאָן מען לערנען פון אים ? — האָט באַראַש איראָניש געפרעגט.

—איך האָב אים אַסך מאָל געהערט אויף דער ראַדיאָ — האָט זי געזאָגט — און שטענדיק האָט ער אַנטפּלעקט פאַר מיר עפּעס נייס, וועגן וואָס איך האָב ניט געוואוסט.

— וועגן יידן, אַשטייגער ? — האָט באַראַש געשמייכלט.

— וועגן יידן אויך. ער איז אַ פריינט פון יידן — האָט זי נאַאיוו געענטפערט.

— אַ פריינט ?!

— וואָס דען, ניט קיין פריינט ? ווען ער וואָלט ניט געווען אַ פריינט, וואָלט ער ניט גערעדט אַזוי אָפט צום יידישן פאָלק, וואָלט ער זיי ניט געוואָרנט קעגן די קאָמוניסטן.

באַראַש האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט. ער האָט ניט געוואוסט צי דאַרף ער איר ענטפערן, צי דאַרף ער איר געבן צו פאַרשטיין די ביטערע דעמאַגאָגישע שפּיל פון דעם פאַשיסט און אַנטיסעמיט. ער האָט אָבער דערפילט, אַז עפּעס ברענט שוין אין אים און רייסט זיך און מאָנט אַראָפּ־צורייסן עפּעס, אויפצודעקן און ווייזן דער פאָליטיש ניט־אַנטוויקלטער פרוי די מיאוסע שלאַנג, וואָס ליגט אונטער יאַהאַכימס צונג. האָט ער פּלוצים אויסגעשריגן :

— און היטלער, היטלער איז אויך אַ יידנפריינט ?!

פון באַראַשעס אויפגערעגטן אויסגעשריי איז זי געבליבן שטיין אַן איבעראַשטע און אַביסל אַ דערשראָקענע, און ווען זי האָט דערזען,

אַז ער קוקט נאָך אַלץ אויף איר מיט אַ פּרעמדן בליק, האָט זי געזאָגט:

— היטלער איז אַ מאַניאַק און יאָהאַכים איז . . .

ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו איר און אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף דעם אויסגעבערענטן צייכן פון זיין שטערן, האָט ער געזאָגט:

— זעסט דאָס?! דאָס האָט היטלערס פאַרשאָלטענע און חיהשע האַנט געפירט איבער מיין שטערן. און דערגרייכט צו מיין שטערן און צו מיין האַרץ האָט ער דורך יאָהאַכימען. ווייל דורך יאָהאַכימס מויל פליסן היטלערס רייד, היטלערס סם, דער סם, וואָס פאַרקריפּלט סיי דעם יידן און סיי דעם קריסט. אַט דורך יאָהאַכימען און דורך זיין וואָרט האָבן זיך אויפגעהויבן די פאַרשיכורטע, אומוויסנדע הענט, וואָס האָבן דער־מאָרדעט אַנאַטאָלן. יאָ, דער יאָהאַכים פון וועלכן איר האָט אַזוי פיל געלערנט, בלאָזט אַריין אין יעדן ווינקל פון לאַנד, אין יעדער נשמה, דעם שוואַרצן, מאַניקאַלישן, היטלעריסטישן שטורעם און די אומוויסנדע, גלויביקע און עהרלעכע קריסטן, אַט אַזעלכע ווי איר, ווערן פאַרכאַפּט און פאַרטראָגן צו אַ גלויבן פון בלוטיקער, מערדערישער וואַקכאַנאַליע...

— איך? — האָבן זיך באַוויזן טרערן אין אירע אויגן.

— ניט אייער שולד, מאַרי . . . אָבער . . . . — האָט ער פלוי־צים געביטן דעם טאָן — לאָמיר גיין און הערן אייער יאָהאַכימען, און לאָמיך זען צי איר וועט ניט אַהיימקומען אַ פאַרשעמטע און וועט ניט זאָגן: יאָ, ער איז היטלערס שוואַרצער פּאַפּוגיי!

זיי האָבן נאָכדעם פּרובירט צו רעדן רואיק, גלייך ווי דער געשפּרעך איז ניט פאָרגעקומען. זיי האָבן אָבער ביידע געפילט, אַז ס'איז אַ מאָס־קירטע שטימונג — ס'איז אָבער געווען בעסער ווי אָפענע בייזקייט.

שפּעטער זענען זיי געפאָרן צום מיטינג. ווען זיי זענען געקומען צום „מעדיסאָן סקווער גאַרדן" זענען שוין אויף דער גאַס אַרום געשטאַ־נען הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן ניט געקאָנט קריגן קיין בילעטן. ווען באַראַש און מאַרי זענען אַריין און האָבן זיך דערשלאָגן צוא פּלאַץ, האָט שוין עמיצער גערעדט באַם מיקראָפאָן און פאַרהילכט מיט אַ שטאַרקן עכאָ דעם גראַנדיעזן בנין. יוניפאָרמירטע יונגעלייט האָבן געהאַלטן זייע־ערע פּאָסטנס באַם אַריינגאַנג און באַ די דורכגאַנגען, קוקנדיק שטרענג און שטאָלץ. עס האָבן גערעדט אַ פּאָר רעדנער און זייערע רייד זענען געווען ווי ווינטן, וואָס זאָגן אָן דאָס אָנקומען פון אַ שטורעם. ענדלעך האָט דער פאָרזיצער פון מיטינג פאָרגעשטעלט יאָהאַכימען. אַ דונער־דיקער אַפּלאָז און אַ ווילדער געשריי האָט אויסגעבראָכן מיט דעם ערשטן זשעסט, וואָס האָט דערמאָנט אָן דעם נאַצי־סאַלוט.

ער האָט אָנגעהייבן צו רעדן און מיט פלאַנמעסיקע און גוט־פאָר־מירטע פראַזן, אין דעם טאָן פון אַ געלערנטן, גענומען פאַנאַנדערוויקלען

אַ בילד פון דעם אַמעריקאַנעם לאַנד און פון דעם אַמעריקאַנעם פאָלק. אַ גראַנדיעז בילד האָט ער געמאָלן, אַ בילד פון וועלכן אפילו באַראַש איז פאַרכאַפּט געוואָרן און פון וועלכן מאַרי האָט געשיינט מיט באַגייסטערונג. אָבער דאָס בילד, יאָהאַכימס בילד האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן פאַרטונקלט צו ווערן. לאַנגזאַם, ווי אַ געניטער בינע־מייסטער האָט ער גענומען בייטן בילד נאָך בילד און אויפגעדעקט איין טונקעלן ווינקל נאָך דעם צווייטן פון די הינטערקוליסן. און צום ערשטן פאַרשטעלט, און דערנאָך שוין אָפן, האָט ער פון די הינטערקוליסן אָנגעהויבן אַרויסצופירן דעם העלד זיינעם, דעם יידן, דעם שיילאָק, ווי ער האָט אים פאַרגעשטעלט. און דער שיילאָק, אונטער דער שטאַרקער און באַווירקנדער אָראַטאָרישער קראַפט זיינער און אונטער די טונקעלע שאָטנס פון דער געשאַפענער שטימונג, דער שיילאָק האָט זיך באַוויזן פאַר די אויגן פון די צוהערער, ווי אַ לעבעדיקער. עס האָט זיך געפילט אין דעם, צום ערשטן שטילן און דערנאָך שטאַרקערן ברום פון דער מאַסן, דער אָנקום פון פאַנאַנדערגעלאָזטע, צעבלאָזענע ליידנשאַפטן — דער שטורעם פון האַס און בלוט.

באַראַש האָט געפילט, ווי עס טראָגט אים אויף פון זיין שטול. ער האָט געפילט, ווי זיין אָטעם ווערט אַרויסגעריסן פון אים, ווי די געדאַנקען הייבן אָן בריען און אַ פלאַם צעשפּרייט זיך איבערן פּנים, איבערן האַלדז, איבער דעם גאַנצן קערפּער. און ווען זיין שנעלער, מאָמענטאַלער בליק האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן מאַרין און ער האָט דערזען איר בלאַסקייט און ברייט־פאַנאַנדערגעעפנטע, שוואַרצע אויגן, האָט זיך אַ ברענענדיקער פּראָטעסט צעזאָטן און צעברומט אין אים ווי אַ צעשמאָלצענע לאַווע אין אַ פאַרקלאַפּטן קעסל. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן, געוואָלט אויסשרייען, אויסלייזן דאָס אָנגעזאַטענע אין דעם האַרץ — די ווערטער זענען אָבער פאַרברענט געוואָרן אין פלאַמעדיקן האַלדז און בלויז די באַוועגונג זיינע און דער פאַרשטיקטער ברום זיינער און דער רויטער בליץ אין די אויגן האָט אַנטפּלעקט זיין צושטאַנד. מאַרי האָט באַמערקט, וואָס עס קומט פאָר אין אים, האָט זי גענומען ציען אים אַראָפּ צום שטול, צו זיך און גערעדט עפּעס שטיל, אין פאַרצווייפלונג — די אַרומיקע האָבן אָבער אויך באַמערקט זיינע בליקן און זיין אָנגעצונדן פּנים און דאָ און דאָרטן האָבן זיך דערטראָגן פאַרשטיקטע זידלווערטער און די יוניפאַרמירטע חברה־לייט זענען אויסגעוואָקסן לעבן אים, ווי פון אונטער דער ערד און שטאַרקע הענט האָבן אים אַ כאַפּ געטאָן באַם קאָלנער און באַ די לאַנגע, צעשויבערטע האָר, אַ כאַפּ געטאָן אים און מאַרין און גענומען שלעפּן צום אויסגאַנג. און אין נעפּל פון צעשטורעמטן בלוט, האָט זיין אויער געכאַפּט: — יודן, יודן . . . — און ווען ער איז פון דער אויפ־

געפּראַלטער טיר אַרויסגעפּאַלן אויף דער וואַנט פון מענטשן אינדרויסן און די קאַלטע נאַכט האָט אַ בלאָז געטאָן אויף זיין פאַרשוויצטן פּנים, האָט ער אויך דאָ דערפילט, ווי הענט, ווי קלעשטשעס שטופּן אים און וואַרפן אים פון איינעם צום צווייטן, שלאָגן אין דער פּלייצע, אין קאָפּ, דריקן מיט האַרטע עלנבויגנס אין זיין ברוסט און פון אַלע זייטן שיפּעט ווי פון גיפטיקע שלאַנגען — יידן . . . יידן . . .

ערשט שטייענדיק אונטער דער וואַנט פון אַ הימלקראַצער און ווישנדיק מיט ציטערדיקע פינגער די אַנגעשוואָלענע אויגן, האָט ער אָנ־געהויבן צו באַנעמען וואָס עס איז מיט אים פאָרגעקומען. פּונוויטנס האָט זיך פון די עמפּליפייערס געטראָגן ווי אַן עכאָ יאָהאַכימס שטימע און באַראַש האָט דערפילט, אַז איצט וואָלט זיך אים געוואָלט זיין אַן אָנגעלאָדענער מיט דינאַמיט מעטעאָר, וואָס זאָל מיט צעשניידנדן סווישטש אַראָפּפאַלן אויף דעם בנין און צערייסן, צעשמעטערן אויף אַטאָ־מען אַלץ און אַלעמען . . . שטאָל, שטיין, פלייש אוןביין . . .

ער האָט זיך דערמאָנט אָן מאַרין . . . אָן אָפּגעריסענע פון אים איז זי פאַרלוירן געגאַנגען אין די מענטשלעכע כוואַליעס . . . ווען ער איז אַהיימגעקומען, איז זי נאָך ניט געווען. ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן איר מיט רחמנות. אין דער צעטומלעניש פון קאַמף האָט ער אויף אַ מאָמענט באַמערקט, ווי אויך זי ווערט געשלעפּט פון צעבייזערטע הענט, ער האָט זי אָבער גלייך פאַרלוירן. איצט האָט ער אַ קוק געטאָן אויף זיך און דערזען ווי זיין פּנים איז צעקניטשט און צעגראַבלט און די אויגן זיינע האָבן געערדט צו אים, ווי עס וואָלטן געערדט אויגן פון אַ טרעמפּ. ער איז געשטאַנען אַזוי און געקוקט אויף זיך אין שפּיגל און די צעשוי־בערטע האָר, גרוי באַ די שלייפן און דער צייכן אויף דעם שטערן האָבן לאַנגזאַם, ווי אונטער דעם בת־קול פון אַן אומזעבאַרן, געצויגן אַרויף . . . אַרויף . . . און די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט פייער, מיט דעם גייסט פון פאַרברענטע אויף שייטערהויפנס, פון פאַרפּייניקטע אין די שולן, אין די קעלערס, אויף די ביידעמער, אויף די פעלדער, אין וועל־דער . . . און ער האָט אויפגעהויבן זיין האַנט אין אַ קאָנוואָולסיוון זשעסט און פון די פאַרהאַקטע, פאַרשלאָסענע ליפּן האָט זיך אַרויסגעריסן:
איך וועל ניט זיין דער לאָם אין די הענט פון רשע . . . אויך איך וועל איינטונקען מיינע הענט אין בלוט! . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

מאַרי האָט געוויינט באַנאַכט. זי האָט ווי אין עקסטאַז געקושט

זיינע באַקן און הענט און גערעדט פון מיטלייד, פון ליבע און פון יע־זוסן . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

דאָס צעגראַבלטע פנים, די צייטונגען און די ראַדיאָ האָבן נאָך אַלץ דערמאָנט אַן יאַהאַכימס נאַכט. פאַר באַראַשן איז מיטאַמאָל געוואָרן קלאָר, אַז עפּעס מוז געטאָן ווערן. עמיצער אין לאַנד מוז זאָגן עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אויפטרייסלען, אויפרייסן די אַפּאַטיע פון דער פיל־מיליאָניקער באַפעלקערונג — אויב ניט, וועט די שוואַרצע סוואַסטיקא אַריינגראָבן אירע פירקאַנטיקע אַנקערס אין דעם לייב פון לאַנד. אָבער קיינער האָט ניט אַ שאַל געטאָן, ניט אַ קלונג געטאָן אין אַלאַרם־גלאָק, קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז דאָס מיינט מען אים, אים אַליין . . .

באַנאַכט האָט זיך באַראַשן געחלומט מענטשן — מאָנסטערס, פּאָג־ראָמירטע גאַסן, צעהאַקטע, פאַרבלוטיקטע גלידער אויף די ראָגן . . . די חלומות האָבן אים דערדריקט און געהאַלטן אין פינצטערער שטימונג. די נאַכט אין „מעדיסאָן סקווער גאַרדן" האָט זיך אין אים נאָך ניט גע־ענדיקט . . . זי האָט זיך געצויגן אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט . . . און אין שטונדן פון אויפגערייסענער און אויפגעפלאַצטער אַפּאַטיע, איז דאָס הייסע בלוט אין אים געלאָפן ווי אַ רוישיקער טייך איבער שפּיציקע שטיינער און סקאַלעס. ער האָט דערפילט, אַז דאָס לעבן פאָדערט עפּעס פון אים און ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז טאַט, טאַט, טאַט . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

דאָס פייערל אין ליכט־טורעם האָט אים באַם ברעג פון ים דער־מאָנט אַן שעליאַן . . . האָט עס אים אַ טראַג געטאָן צו אַ דראַג־סטאָר אַפּצורופן זי. און הערנדיק שוין, ווי זי ענטפערט מיט איר טיפער, ברוס־טיקער און גלעטנדיקער שטימע — האַללאָ . . . האַללאָ . . . האָט ער שטיל און לאַנגזאַם אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

ער איז געגאַנגען מיט די גאַסן, ניט וויסנדיק וואוהין ער גייט. זיי האָבן ניט געהאַט קיין סוף. אָבער אין אייך גאַס, באַם פענצטער פון אַ „פּאון־שאָפּ", וואו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אָן געדאַנק און אָן ציל, האָט ער דערזען אַ ניקעלנעם רעוואָלווער. דער רעוואָלווער איז געלעגן נעבן אַן איבערגעקערטן בעכער און דער פאַרשידענער בריק־אַ־בראַק פון צענדליקער פאַרמשכונטע זאַכן אַרום, האָט אויסגעזען ווי אַ שלאַכט־

פעלד. עס האָט אַ שלעפּ געטאָן באַראַשן אַריינצוגיין. און ווען ער איז אַריינגעקומען און האָט דערזען אַן אָרעם־געקליידעטן יידן מיט אַ בעזים אין האַנט ראַמען דעם דיל, איז ער געבליבן שטיין, ווי ניט וויסנדיק אַליין צוליב וואָס ער איז אַריינגעקומען.

— איר ווילט עפּעס? — האָט דער ייד געפרעגט.

— אייגנטלעך, וויל איך גאָרניט . . . — האָט באַראַש גע־ענטפערט און ס'איז אים איינגעפאַלן אַ זאָג צו טאָן: — איך בין אַן אַקטיאָר . . . און . . . כ'האָב אין פענצטער דאָ באַמערקט אַ רע־וואָלווער און גראָדע דאַרפן מיר האָבן איינעם פאַר אַ פּיעסע, וואָס מיר פירן אויף. האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז אפשר קאָן איך אים אָפּקויפן בא אייך.

נו, אוודאי קאָנט איר אים אָפּקויפן — האָט דער ייד אַוועקגע־שטעלט דעם בעזים. — דאָס הייסט, אַן אַנדערן וואָלט איך אים אפשר ניט פאַרקויפט. ערשטנס, ווייס איך וואָס מ'טוט מיט אַ רעוואָלווער, און צווייטנס, גיי הייב זיך אָן מיט דער פּאָליציי . . . אָבער אין אייך זע איך דאָך, אַז איר זענט אַן אַקטיאָר, איז לאָמיר טאַקע זען . . .

ער האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער פון פענצטער, אָפּגעווישט מיטן האַרבל און אַ זאָג געטאָן:

— פאַרשטייט איר מיך, דער רעוואָלווער, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, דאַרף זיין אַ טויטער, אַ צעבראָכענער, הייסט עס, אַ שטיק דזשאַנק. עס ווענדט זיך, פאַרשטייט זיך, אין קונה. איר זעט, דאָ פעלט דאָס צינגל . . . אָן דעם צינגל קען מען ניט שיסן. ליגט זיך אַ צעבראָכענער רע־וואָלווער אין פענצטער און קיינער קאָן צו מיר קיין טענות ניט האָבן. אָבער אויב איר ווילט אים קויפן, וועל איך אייך געבן דאָס צינגל וואָס איך האָב אַרויסגעשרויפט און איר האָט אַ שפּאָגל נייעם רעוואָלווער, ערשט אַרויס פון דער פאַבריק. וויפל, דענקט איר, אַז ער וועט פאַר אייך?

— אַ צוויי דאָלער — האָט באַראַש געזאָגט, ניט טראַכטנדיק — דער רעוואָלווער איז נאָך פון מיין באָבע טאָלצעס צייטן.

— נו, אוודאי, אַ פּרייז גיט איר ווי אַן אמתער אַקטיאָר — האָט דער ייד מיט אַ ברוגזער מינע אַוועקגעלייגט דעם רעוואָלווער. — אַ צע־נערל.

— ס'איז צופיל געלט — האָט באַראַש גלייכגילטיק געזאָגט. — ערשטנס, האָב איך ניט אַזוי פיל געלט און צווייטנס, קאָנען מיר זיך באַ־גיין . . . — און פונקט ווי עס האָט אים אַ טראָג געטאָן אַריינצוגיין, פונקט אַזוי האָט אים אַ טראָג געטאָן אַרויסצוגיין.

— וואַרט, אײַלט זיך ניט — האָט אים דער ייד אָנגעכאַפּט בײַם האַרבל. — וויפל האָט איר?

— דריי דאָלער — האָט באַראַש ווי אין שלאָף אַ זאָג געטאָן.

— גיט אַהער — האָט דער ייד אויסגעשטרעקט די האַנט.

— און קוילן צום רעוואָלווער האָט איר? — האָט באַראַש גע־פרעגט.

— וואָס זשע, איר גייט עמיצן שיסן, צי זיך אַליין חלילה?

— איר מיינט דאָך ניט, אַז איך וועל אײַך גלײַך דערציילן, אויב איך קלײַב זיך עמיצן צו שיסן . . .

— כ,וויים . . . גיי זיי אַ חכם . . . אָבער איך ווייס, אַ איד איז ניט קיין גזלן, וועל איך אײַך געבן אַ פּאָר קוילן. כ'האָב זיי אין קעסטל.

ער איז צוגעגאַנגען צום קעסטל, געזוכט צווישן ברוכוואַרג און אַלטע מטבעות און ענדלעך געפונען צוויי קוילן און דאָס צינגל צום רע־וואָלווער.

— אָט זענען זיי — האָט ער געזאָגט און גענומען צושרויפן דאָס צינגל. — איר זעט, אַז מ'דאַרף בין איך אַ מעכאַניקער, אַסך מלאכות און ווייניק ברכות. פּאַרטיק, גיט אַהער דאָס געלט.

באַראַש האָט אים געגעבן דאָס געלט און דער ייד האָט אַ שטופּ געטאָן דעם רעוואָלווער אין באַראַשעס הענט:

— נאָט, ברוך שפּטרני . . . שוין לאַנג געוואָלט פּטור ווערן פון אים און דאָס האַרץ האָט ניט פאַרטראָגן אַרויסצוואַרפן אים.

באַראַש איז אַרויסגעגאַנגען פון ,פּאָן־שאָפּ" און געפילט ווי דער רעוואָלווער ליגט אין קעשענע אַ שווערער און אַ קאַלטער. מיט רואיקע, שוין צו רואיקע טריט האָט ער זיך געלאָזט גיין מיט דער גאַס . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט באַראַש פאַרשריבן:

„. . . איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אויסגעהאַלטענע לאָגיק? איך צווייפל. אפילו אין דער שטאַרקסטער לאָגיק רייסט זיך אַריין עפּעס אַזעלכעס, וואָס מיסבאַלאַנסירט און וויגט די וואָגשאָלן פון לאָגיק אַראָפּ און אַרויף. אָט דער עפּעס איז אָפט בלויז אַ קאָמפּלעקס, וואָס קומט צום מענטשן נאָך פון די אוראַלטע צייטן אָן. וואָס איז מיין קאָמפּלעקס, וואָס מיסבאַלאַנסירט די וואָגשאָלן פון מיין לאָגיק? איך גלויב, אַז איך קאָן אים אויסדרוקן אין דעם פאַרטיקן, פאַרמולירטן שפּרוך: הבל הבלים הכל הבל. ווי גרויס און פריידיק מיין באַגייסטערונג, מיין אילוזיע און געזאַנג צום לעבן זאָל ניט זיין, זע איך שטענדיק דעם באַלאַנס פון דעם לעבנס־חשבון. און דאָס קומט מסתמא פון ניט גלויבן. אָבער צו וואָס

האָב איך דאָס אָנגעהויבן? איך האָב עס אָנגעהויבן, אום צו דערפירן זיך צו דער לאָגיק פון אומלאָגישקייט, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען.

„אַט זיץ איך דאָ באַם טיש און מיין בליק, ווי אַ רענטגען־שטראַל דרינגט דורך און דורך מיין ראַנצל און איך זע דאָרט דעם רואיקן, קאַלט־בלישטשענדיקן רעוואָלווער. איך ווייס, אַז מיין גאַנצער וועזן איז איצט ווי צוגעבונדן צו אים. ער פאָדערט טאַט. און איך טראַכט וועגן טאַט, וואָרן ווער פון אונדז מענטשן האָט ניט געטראַכט אַמאָל וועגן טאַט? איך טראַכט אָבער איצט וועגן טאַט, ווי אַטענטאַט. און איך ווייס, אַז ס'איז ניט פּלוצים. איך האָב געטראַכט וועגן אַטענטאַט נאָך מיכלס טויט, איך האָב געטראַכט וועגן אַטענטאַט נאָך אַנאַטאָלס טויט און יעדעס מאָל, יעדעס מאָל, ווען כ'האָב געהערט יאָהאַכימען רעדן . . . יאָ, כ'האָב אָפט געטראַכט וועגן אַטענטאַט. און בלויז דערפאַר, ווייל איך בין אַ קולטורעל־ציוויליזירטער מענטש (רעלאַטיוו) און ווייל איך טראָג זיך ניט אַרום מיט געווער, און ווייל איך בין ניט אין דער „שפּיל”, ווי דער אַמעריקאַנער וואָלט זיך אויסגעדריקט, און עס איז ניט געקומען צו דער געלעגנהייט — בלויז דערפאַר בין איך ניט באַגאַנגען קיין גוואַלדטאַט און אַטענטאַט. בלויז דערפאַר? איך צווייפל. צו זיין טיף אויפריכטיק מיט זיך אַליין, איז דאָס אפשר דערפאַר, ווייל דער פייגלינג אין מיר איז שטאַרקער פון מיין טעמפּעראַמענט און ווילן. אין געדאַנק אָבער האָב איך שוין ניט איינמאָל באַגאַנגען אַטענטאַטן. איך טראַכט אָפט ווי אַזוי איז באַ די רעוואָלוציאָנערן־טעראָריסטן אין אַלטן רוסלאַנד דער געדאַנק געוואָרן טאַט? האָט דער געדאַנק געטליעט אין זיין יאָרנלאַנג, צי איז ער געקומען פּלוצים, אימפּולסיוו. איך פרעג זיך די פראַגע און ווייס, אַז דער געדאַנק און דער טאַט זענען ניט געקומען פּלוצים, אימפּולסיוו. דער געדאַנק האָט געמוזט ליגן ווי אַ שטאָלענע שפּיז אין פייער און ווען דער טאָג איז געקומען, איז דער געדאַנק — די שפּיז — אין האַנט געווען גרייט צו ווערן טאַט. און אַזוי איז דאָס מיט מיר. איך ווייס, אַז איך בין גרייט צו טאַט, ווייל דער „הבל הבלים” קאָמפּלעקס אין מיר גאַראַנטירט דעם באַלאַנס, וואָס איז נול און וואָס שטימט. און גרייט בין איך דערפאַר, ווייל דאָס לעבן איז פאַר מיר שוין סיי ווי סיי אויסגעשפּילט, אויסגעשפּילט ווי ווייַן, וואָס איז געוואָרן עסיק. און עסיק מעג מען אַרויסגיסן. אָבער אַרויסגיסנדיק דעם עסיק וויל מיין לעבעדיקער געדאַנק נאָך אַלץ ניט קאַפּיטולירן און זוכט דעם לעצטן טאַט צו וואַרפן אויף דער וואָגשאָל. זאָל דאָס זיין מיין לעצטער אויפטריט, מיין לעצטע אילוזיע, דער לעצטער לעבעדיקער חלום פון אַ צעבראָכענעם געניאַלן מאַריאַנעט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אויסצופילן אַן אומפאַרשטענדלעכע,

פאַנטאַסטישע און מיסטישע מיסיע אויף דער וועלט — זאָל דאָס זיין מיין גוטער טאַט צום לעבן און מיין לעצט געשאַנק פאַר זיך אַליין מיט־צונעמען".

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

אין די פאַרבייליופנדע טעג און נעכט האָט באַראַשעס מח געאַר־בעט, ווי געטריבן פון אַ נערוועזן און אומגעדולדיקן טייוול; געאַרבעט, פּלאַנירט און געטריבן, ווי מ'טרייבט אַ מאָטאָר אין די סודותפולע קע־לערס פון אַ לאַבירינט . . . דער טאַט — דער טאַט — דער טאַט — דער טאַט — דער אַטענטאַט — — — האָט זיך אויסגעוויזן, קלאַפּט דער מאָטאָר און שיקט בליציקע עלעקטרישע שטראָמען פון די וואָרצלען פון די האָר אין קאָפּ, ביז די שפּיצן פון די פינגער אין די פיס.

מאַרי האָט געזען, אַז עפּעס קומט פאָר מיט אים. ער איז געוואָרן בלייכער און דינער, די אויגן ברענענדיקער און די האָר אויף דעם הויכן שטערן, ווי אַ צעשויבערטער וואַלד נאָך אַ שטורעם. און איינמאָל האָט זי באַמערקט אַ מין טייוולאַנישן שמייכל אויף זיינע ליפּן און די ציין זיינע האָבן אַ בליאַסק געטאָן מיט אַ באַזונדערער חיהשער גרימאַסע. און דערדאָזיקער שמייכל און גרימאַסע האָט געשראָקן. אין די נעכט האָט זי ניט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן, ווייל זי האָט געוואוסט אַז ער שלאָפט אויך ניט. האָט זי אים איינמאָל אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז מיך אייך, זאָגט . . . איך זע עפּעס באַאומרואיקט אייך און מוטשעט . . . וואָס איז . . .

— ס'איז אמת, מאַרי — האָט ער געענטפערט. — איך קאָן אייך אָבער גאָרניט זאָגן.

— איך ווייס . . . — האָט זי אַ פיר געטאָן מיטן פינגער אי־בער זיין שטערן. — איר ווילט שוין אַוועק פון מיר און איר ווייסט ניט ווי אַזוי צו זאָגן עס מיר. איר ווילט צו איר, צו אַדאַן?

— ניין.

— צו סטעלאַן?

— ניין. ניט דאָס . . .

— וואָס דען?

— ס'איז עפּעס וויכטיקערס, מאַרי. ס'איז . . . ס'איז דער שלוס פון אַ באַשלוס, וואָס האָט זיך קריסטאַליזירט אין מיר אין די לעצטע יאָרן.

— איך ווייס ניט וואָס אייער באַשלוס איז, אָבער אין אייערע אויגן זע איך ניט קיין גוטס. לאָמיר, ליבער, אַוועקפאָרן ערגעץ. לאָמיר אַוועקפאָרן און עפענען אַ סטודיאָ און אַרבעטן צוזאַמען און לעבן אַ שטילן, רואיקן לעבן. ניין, איך ווייס . . . ס'איז צו פשוט, צו פּראָ־

זאַיש פאַר אייך. אייערע בליקן און ווערטער זאָגן מיר עפּעס אַנדערש.

— וואָס אַשטייגער?

— איר ווילט ווייטער אַוועק און איר ווייסט ניט וואוהין. איר ווייסט, איך וויל זיך אײַן עפּעס מודה זיין. איך בין נעכטן געווען בײַ אַ וואָראָזשקע, האָט זי מיר געזאָגט, אַז אַ מאַן, וואָס איז מיר זייער טייער, גרייט זיך צו אַ שריט, וואָס וועט זיין זייער וויכטיק פאַר מיר און פאַר אים.

— זי האָט געזען אין אייערע אויגן, אַז אייערע געדאַנקען שוועבן אַרום אַ מאַן. אָבער וועגן דעם מאַנס שריט, וואָס ער זאָל ניט זיין, וועט ער זיין.

— זאָגט מיר . . . וואָס פאַר אַ שריט . . . זאָגט — זענען מאַריס ווערטער אַריין נאָענטע און וואַרימע אין זיין אויער.

— הערט זיך איין, מאַרי — האָט באַראַש לאַנגזאַם און רויִק געזאָגט. — וואָס איך וויל אייך זאָגן, זאָל זיין און פאַרבלייבן בלויז בײַ אייך אין האַרצן און אין מח. זאָל עס ליגן דאָרט און וואַרטן ביז אַלץ וועט זיך אַליין פאַרענטפּערן און אַלץ וועט ווערן קלאָר. עס וועט טרעפן אַ טאָג און איך וועל ניט אַהיימקומען. איך וועל איבערלאָזן אַלע מיינע זאַכן און מיין בוך אין וועלכן איר פאַרשרייבט. האַלט עס. אַזוי צי אַזוי, איר וועט מסתמא הערן וועגן מיר. און ווען איר וועט הערן — שווייגט, זאָגט ניט און דערציילט ניט גאָרניט. רעדט ניט מיט קיינעם וועגן מיר. און ווען עס וועט אַוועק אַ שטיק צייט און איר וועט שוין מער גאָרניט הערן וועגן מיר, זאָלט איר נעמען מיין טאָג־בוך און אָפּשיקן אים צו אַדאָן. דאָס אַלץ. זאָגט איר עס מיר צו?

— יאָ. אָבער . . . עס געפעלט מיר ניט די גאַנצע געשיכטע. וואוהין גייט איר און וואָס ווילט איר טאָן מיט זיך?

— אָנפילן זיך מיט אַ ציל.

— וואָס מיינט איר?

— מיט עפּעס וואָס זאָל זיין דער קאָנקרעטער אינהאַלט אין מיר. אָנפילן זיך, ווי מ׳פילט אָן אַ פּוסטע פלאַש מיט אַ געטראַנק, אָנפילן מיט עפּעס, וואָס איז רעאַל, ווי עס איז רעאַל דאָס בלוט . . . אין מיינע אָדערן.

— איך פאַרשטיי אייך ניט — האָט זי געזאָגט און געקוקט אין דער פינצטערניש אַריין.

— איר דאַרפט עס ניט פאַרשטיין.

ער האָט דערפילט, ווי עס ציטערן אירע אַקסלען אין געווין, האָט ער זי צוגעדריקט צו זיך און מער ניט גערעדט.

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

באַראַש האָט פאַרשריבן:

„. . . היינט האָט יאָהאָכים אין זיינעם אַן אַרטיקל צוגעגאָסן מער סם צו דעם געטראַנק, וואָס ער קאָכט פאַר דעם המון. כ׳האָב גע־לייענט און געפילט, ווי די וואָרצלען פון מיין האָר שטעכן אין מיין סקאַלפּ. און פון דעם האָב איך געוואוסט, אַז איך בין גרייט. און איך ווייס אויך זייער גוט, אַז אויב מ׳טוט ניט אַ כאַפּ דעם באַשלוס גלייך באַ די הער־נער און מ׳ראַנגלט זיך ניט מיט אים אויף לעבן און טויט, ווערט ער פאַרשלעפּט פון די קליינע טאָג־טעגלעכע פּאַסירונגען און טואונגען און אויס . . . מ׳פאַרגעסט. טאַ וואָרום וואַרט איך, וואָרום ? . . .״

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע. ער איז געשטאַנען באַ אַדאָס פענצ־טער און געקוקט אויף איר און אויף עוואַן. אַדאַ איז געזעסן אויף דער קאַנאַפּע און צוגעהערט זיך צו עוואַן, ווי זי לייענט פון אַ בוך. ער האָט ניט געקאָנט הערן, ער האָט אָבער געקאָנט זען דאָס בילד. ער איז גע־שטאַנען אונטערן פענצטער ביז דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן געוואָרן. אַוועקגעגאַנגען, גלויבנדיק, אַז ער וועט זיי מער קיינמאָל ניט זען.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

דער טאָג איז געווען אַ פּאַרוואָלקנטער און טונקעלער. באַראַש איז אַרויסגעגאַנגען פון אַ דרוקעריי וואו ער האָט באַשטעלט וויזיט־קאַרט־לעך. ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט אונטער אַ וואַנט, אַרויסגענומען פון פּעקל איין קאַרטל און איבערגעלייענט: „אַנטאָני גאַלענטי — זשור־נאַליסט״ און מיט אַ שורה נידעריקער, דער נאָמען פון אַן איטאַליעני־שער צייטונג „ל׳איטאַליאַ״. דאָס קאַרטל האָט ער אַריינגעלייגט אין וועסטל־קעשענע און די איבעריקע האָט ער אַ וואָרף געטאָן אין מיסט־קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען באַ דער וואַנט. ער איז געווען רואיק. ער האָט געוואוסט, אַז הער לעצטער אונץ פון דער משא, פון וועלכער ער וויל זיך באַפרייען, ליגט אין דער לעצטער שעה. און די לעצטע שעה איז געווען נאָענט. ער איז געגאַנגען אַראָפּ צום סאַבוויי און, פאַרנדיק שוין, געהאַלטן זיך אַן אַ זייט. דער רעוואָלווער איז געלעגן טיף אין דער קע־שענע, אָנגעלאָדן מיט צוויי קוילן. אַרויסגעקומען פון סאַבוויי און גע־לאָזט זיך גיין איבער דער עוועניו מיט לאַנגזאַמע טריט. ער האָט גע־וואוסט, אַז די געביידע אין וועלכער יאָהאָכים האָט געמאַכט זיין הויפּט־קוואַרטיר, געפינט זיך ניט ווייט. גייענדיק, איז ער דורכגעגאַנגען אין געדאַנק אַלע דעטאַלן פון דער צוגרייטונג צום אַטענטאַט. די צייכנס אויף די קליידער, דורך וועלכע מ׳וואָלט אים געקאָנט דערקאָנען, האָט ער אויסגעשניטן, די האָר אָפּגעשוירן קורץ און פאַרקעמט גלאַטיק . . .

און די ברילן, און די וואָנצעס, וועלכע ער האָט אַ גאַנצע וואָך ניט געגאָלט, און דער שראָם אויף זיין שטערן — דאָס אַלץ האָט היפּשלעך פאַרענדערט זיין אויסזען און ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „אַנטאָניגאַלענטי״ — דער זשורנאַליסט פון דער איטאַליענישער צייטונג „ל׳איטאַליאַ״. ער איז געווען זיכער, אַז אויב ער דערקאָנט זיך אַליין ניט אַ לעבעדיקער, וואָלט מען אים אַ טויטן אוודאי ניט דערקאָנט און קיינער וועט קיינמאָל ניט פאַרדעכטיקן, אַז דאָס איז ער, דער פאַרשוואונדענער יידישער שרייבער באַראַש.

באַ די ברייטע מעשענע טירן פון הימלקראַצער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט ניט געפילט קיין מורא, די הענט און די פיס האָבן אָבער געציטערט, געציטערט פון אַ דערוואַרטונג, וואָס קומט איינמאָל אין לעבן. ער האָט געוואוסט, אַז ער טאָר ניט טראַכטן. די לעצטע געדאַנקען, האָט ער געוואוסט, קאָנען גובר זיין און צעשטערן זיין באַשלוס, וועלכער איז געווען אַזוי שווער און האָט געהאַנגען אויף אַ האָר. איז ער מיט שנעלע טריט אַריין אין וועסטיבול, אָפּגעזוכט אויף דעם שוואַרצן טאָוול, וואָס האָט געהאַנגען אויף דער וואַנט, דעם נאָמען „אַמעריקאַנער קריסטלעכע ריטערס״, אַריין אין עלעווייטער און האָט אַרויסגעשטיגן אויף דעם דרייצנטן שטאָק. ער איז געבליבן שטיין באַ צוויי טירן, אויף וועלכע ער האָט ווידעראַמאָל איבערגעלייענט: „הויפּטקוואַרטיר פון אַמעריקאַנער קריסטלעכע ריטערס״. איבערגעלייענט, אָפּגעווישט די פייכטע האַנט אַן ראַק, אַראָפּגענומען דעם הוט, צוגעגלעט די האָר און מיט אַ פאַרנעפּלטער אַנטשלאָסנקייט געעפנט די טיר.

אַ מיידל פון הינטער אַ דעסק האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און אַ פרעג געטאָן:

— וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך?

— איך בין אַ זשורנאַליסט — איז ער צוגעגאַנגען נענטער און געגעבן איר דאָס קאַרטל. — אַ זשורנאַליסט פון דער צייטונג „ל׳איטאַליאַ״ און איך וואָלט געוואָלט, אויב מעגלעך, האָבן אַן אינטערוויו מיט דעם געערטן יאָהאַכים.

— האָט ער אייך באַוויליקט אַן אינטערוויו אויף היינט? — האָט זי געפרעגט.

—ניין. איך בין פון שיקאַגאָ און עס וואָלט מיר גענומען צו לאַנג צו וואַרטן אויף אַן ענטפער, האָב איך באַשלאָסן צו קומען פערזענלעך און בעטן אַן אינטערוויו. איך מוז היינט פאָרן צוריק קיין שיקאַגאָ און עס וואָלט זיך מיר געוואָלט צוריקקומען אַהיים מיט אַ וואָרט פון דעם געערטן יאָהאַכימען צום איטאַליענישן פאָלק אין אַמעריקע.

— אויב איר האָט ניט קיין שריפטלעכע איינלאַדונג, וועט איר אים ניט קאָנען זען — האָט זי קאַלט און רואיק געענטפערט.

— אפשר איז בעסער אַזוי . . . — איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק אין מח — אפשר פירט דער שיקזאַל אַזוי, אַז איך זאָל אַוועק פון דאַנען און פאַרגעסן אָן דעם אַטענטאַט . . . — דאָך האָט ער ווידער אַ זאָג געטאָן:

— אפשר איז פאָרט מעגלעך?

— אָלרייט — האָט זי אַ קוועטש געטאָן אַן עלעקטריש קנעפּל.

— איך וועל אַריינרופן זיין פּריוואַטן סעקרעטאַר מיסטער ספּענסער, ער וועט אייך זיכער געבן אַן ענטשיידענעם ענטפער. זיצט דערווייל, ביז מיסטער ספּענסער וועט אַריינקומען.

באַראַש האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ בענקל און אַרומגעקוקט דאָס צימער. עס האָט זיך ניט אויסגעטיילט מיט באַזונדערקייט. אַ דעסק, בענקלעך בײַ דער וואַנט און דריי טירן. פון איין טיר האָט זיך געטראָגן דער געקלאַפּ פון שרייב־מאַשינען און פון דער צווייטער טיר, אַ טונקעלע, סאָלידע טיר, האָט געטראָגן מיט סוד. עס האָט גענומען אַ פינף מינוט און אַ מאַן אין די דרייסיקער, מיט אַ בלייכן, שטרענגן פּנים, האָט זיך באַוויזן אין דער סאָלידער טיר. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף באַראַשן, צוגעגאַנגען צו דער מיידל און געפרעגט זי עפּעס שטילערהייד. זי האָט אים געגעבן באַראַשעס קאַרטל און אויך שטילערהייד איבערגע־געבן דעם געשפרעך מיט אים.

באַראַש האָט זיך דערווייל אויפגעהויבן און איז געשטאַנען פונ־דערווייטנס. דער סעקרעטאַר האָט געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן צו אים און געזאָגט:

— עס טוט מיר לייד, אָבער די ביטע וועגן אַן אינטערוויו איז אַבסאָלוט אוממעגלעך. דער גענעראַל נעמט אויף בלויז אויף אַראַנזשירטע פון פריער דאַטומס.

— די צייטונג „ל׳איטאַליא״, וואָס איך רעפּרעזענטיר, איז איינ־פלוסרייך צווישן הונדערטער טויזנטער איטאַליענער און איך בין ספּע־ציעל געשיקט געוואָרן פון . . .

— וועט איר מוזן וואַרטן.

— אָבער איך בעט אייך, איך מוז היינט פאָרן צוריק קיין שיקאַגאָ און עס וואָלט געווען אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר אונדזער צייטונג, ווען איך קום צוריק אָן אַן אינטערוויו. איך בעט אייך, מאַכט דאָס מאָל אַן אויסנאַם.

— דער גענעראַל איז נאָך ניט געקומען.

— וועל איך וואַרטן.

דער סעקרעטאַר האָט אים ווידער אָפּגעמאָסטן מיט אַ קאַלטן, פאַר־דעכטיקן בליק:

— נו, גוט, וואַרט.

— אַ דאַנק — איז באַראַש ווידער צוגעגאַנגען צום בענקל און האָט זיך אַנידערגעזעצט. די אויגן זיינע, האָט ער געפילט, ברענען אין אים ווי אין היץ און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט שנעלער און שנעלער, כאָטש אַ מידקייט און שוואַכקייט האָט זיך צעגאָסן איבער אַלע זיינע אברים.

דער סעקרעטאַר איז אַרויסגעגאַנגען, צומאַכנדיק הינטער זיך די מאַסיווע, געהיימניספולע טיר. עס איז געוואָרן שטיל אַרום, בלויז דאָס קלאַפּן פון שרייב־מאַשינען אין צווייטן צימער האָט זיך געקאַטשעט ווי טרוקענע ביינער איבער טרעפּ. עס איז אַוועק אַ האַלבע שטונדע כמעט און נאָך אַ האַלבע שטונדע. קיין מענטשן זענען ניט געקומען, בלויז דער טעלעפאָן האָט אַ פּאָר מאָל געקלונגען און די מיידל האָט שטיל געענט־פערט. באַראַש איז געזעסן אַ פיבערדיקער, מיט נערוועזן אומגעדולד און יעדע רגע געוואָרפן בליקן צו דער טיר. ער האָט געטראַכט, אַז אפשר קוקט מען אויף אים און מ׳באַטראַכט אים פון פאַרבאָרגענע פענצטער־לעך און עס האָט אים געהויבן פון בענקל און געשלעפּט אַרויס, אַרויס . . . פון דער אומאַנגענעמער און גרויער שטילקייט. ער האָט שוין כמעט אויפגעגעבן די האָפענונג צו זען דעם גענעראַל יאַהאַכים, ווי דער סעק־רעטאַר האָט אים טיטולירט, אָבער דאָך געזעסן, ווי אַ צוגעבונדענער צום פלאַץ און געזען ווי אין די פענצטער, אין פלוצימדיקער גרויער טונקל־קייט, פאַלט אַן אומענדלעכע פּראָצעסיע פון ווייסן שניי . . . אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ אין ווייסן תהום אַריין. אַ טראַכט געטאָן, אַז אפשר האָט אים דער סעקרעטאַר אומיסטן געלאָזט וואַרטן, ביז עס וועט אים נמאס ווערן און ער וועט אַוועקגיין. אָבער באַ דידאָזיקע געדאַנקען, האָט זיך געעפנט די טיר און דער סעקרעטאַר האָט זיך ווידער באַוויזן. געקוקט אַ ווײַלע אויף באַראַשן מיט אַ דורכנעמענדיקן בליק און ענדלעך געזאָגט:

— אָלרייט, מיסטער גאַלאַנטי . . . דער גענעראַל וועט אייך זען.

באַראַש האָט אַ ציטער געטאָן. אַנגעשפּאַרט זיך מיט ביידע הענט אָן די זייטלעך פון שטול און האָט זיך אויפגעהויבן. נאָכגעגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט דעם סעקרעטאַר, וועלכער האָט אים געפירט דורך עט־לעכע צימערן, ביז זיי זענען ווידעראַמאָל געקומען צו אַ פאַרמאַכטער טיר. דער סעקרעטאַר האָט געעפנט די טיר און דורכגעלאָזט באַראַשן. באַראַש איז אויף אַ ווײַלע געבליבן שטיין ווי צעמישט. ער האָט דערזען, באַ אַ שרייב־טיש, יאָהאַכימען אַליין. ער האָט אים דערקאַנט פון די בילדער, וועלכע ער האָט אַמאָל געזען.

— גייט צו נענטער — האָט אים דער סעקרעטאַר געזאָגט.

און ווען זיי זענען צוגעקומען נענטער צום טיש, האָט אים דער סעקרעטאַר פאָרגעשטעלט:

— דאָס איז . . . מיסטער . . . גאלאנטי, גענעראַל.

— אָלרייט, מיסטער גאלאנטי — האָט יאַהאַכים אַ קוק געטאָן אויף באַראַשן מיט זיינע גרויסע, גרויע אויגן — זיצט.

באַראַש האָט זיך אַנידערגעזעצט.

— איר זענט אַ זשורנאַליסט? — האָט יאַהאַכים געפרעגט. — פון וואָס פאַר אַ צייטונג?

— פון דער איטאַליענישער צייטונג „ל'איטאַליאַ", גענעראַל.

— איר זענט אַן אַמעריקאַנער געבוירענער, צי . . .

— איך בין ערשט אַ פופצן יאָר אין לאַנד — האָט באַראַש גע־ענטפערט. — געקומען פון רוים.

— וועגן וואָס זשע האָט איר געוואָלט מיט מיר רעדן? איך האָב ניט קיין סך צייט.

באַראַש האָט בלייך אַ שמייכל געטאָן:

— איך ווייס, אַז איר האָט ניט קיין סך צייט, גענעראַל. מיין ער־שטע פראַגע וועט זיין: וואָס פילט איר, ווען איר שטייט באַם מיקראָפאָן און איר רעדט צו אַמעריקאַנער?

— אַ מאָדנע פראַגע פרעגט איר . . . — האָט זיך אויף יאַהאַ־כימס ליפּן באַהאַלטן אַ שמייכל — איר זענט דער ערשטער צו שטעלן מיר אַזאַ פראַגע. איך וועל פרובירן ענטפערן. איך פיל . . . ווי . . . איך וואָלט געשטאַנען אויף אַ הויכן באַרג און אונטן אין טאָל קוקן אויף מיר גלויביקע אויגן.

— עס איז זייער בילדלעך, גענעראַל . . . כמעט פּאָעטיש — האָט באַראַש נאָך יאַהאַכימס ענטפער דערפילט זיך פרייער און דרייסטער, איבערהויפּט ווען ער האָט דערזען, אַז דער סעקרעטאַר, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען לעבן אים און האָט געקוקט מיט אַן איראָנישן שמייכל, איז אַוועקגעגאַנגען צו אַ צווייטן טיש, וואו ער האָט זיך אַוועקגעזעצט.

— און וואָס איז אייער צווייטע פראַגע, מיסטער גאלאנטי?

— מיין צווייטע פראַגע איז: מיר דאַכט זיך, אַז אין אייערע רע־דעס פאַרנעמט די יידנפראַגע דעם הויפּט פונקט . . . פאַרוואָס?

— ווייל די יידן זענען אין אונדזער לאַנד און אין אַלע לענדער אַן עלעמענט, וואָס דאַרף אַממערסטן אָבזערווירט, שטודירט און קלאַסיפי־צירט ווערן.

— פאַרוואָס? — האָט באַראַש ווידער געפרעגט.

— ווייל די ניט־צוגעבונדנקייט צו וועלכן עס איז לאַנד האָט זיי

פאַרוואַנדלט אין אַן עלעמענט, וואָס טראַכט בלויז וועגן דעם אייגענעם וואוילזיין.

— פאַרוואָס די ניט־צוגעבונדנקייט ?

— ווייל די טעריטאָריעלאַזיקייט פון אַ פאָלק נעמט אַוועק פון אים די פאַראַנטוואָרטלעכקייט — האָט שוין יאָהאַכים דענערווירט געענטפערט.

— זענט איר אַ היגער געבוירענער, גענעראַל ? — האָט באַראַש געפרעגט.

— הממ . . . יאָ.

— און אייערע עלטערן ?

— מיינע עלטערן זענען געקומען פון ענגלאַנד.

— און ווי וואָלט איר קלאַסיפיצירט אייערע עלטערן, די עמי־גראַנטן ?

— זיי האָבן געבראַכט מיט זיך איינגעבוירענע טראַדיציעס, וועלכע עס איז געווען לייכט איבערצופלאַנצן דאָ.

— דענקט איר ניט, אַז יידן, אפילו אָן אַן אייגענער טעריטאָריע, זענען אויך פייאיק אויף צוגעבונדנקייט ? און איבערהויפט צום לאַנד וואו זיי וואוינען ?

— יידן זענען מער ניט פייאיק אויף דעם.

— פאַרוואָס ?

— ווייל אין די לענדער וואו זיי האָבן געלעבט אין גלות, האָבן זיי ניט געקאָנט צוגעבונדן ווערן צוליב די פאַרפאָלגונגען.

— זייער ריכטיק און אמתדיק, גענעראַל. אָבער דאָ אין אַמעריקע איז דאָך אַ פריי לאַנד און מ׳פאַרפאָלגט זיי ניט, טאָ דענקט איר ניט, אַז מיט אַ געוויסער מאָס פון טאָלעראַנץ און פאַרשטענדעניש וואָלט מען זיי געקאָנט פאַרפלאַנצן דאָ, ווי גוטע, געטרייע, צוגעבונדענע מיט לייב און לעבן בירגער ?

— עס איז אוממעגלעך פאַר אַ יידן, ווי עס איז אוממעגלעך פאַר אַ פויגל, וואָס ווינטער פליט ער אַוועק אין אַ וואַרעם לאַנד און ווען ס׳ווערט דאָרט קאַלט, קומט ער ווידער צוריק.

— אָבער דעם אידן איז דאָ וואַרעם און איך זע ניט, אַז ער זאָל פליען פון דאַנען.

— פיזיש ניט — האָט יאָהאַכים אָפגעאָטעמט. — אָבער גייסטיק פליט ער. דער ייד איז אַ וואַגאַבונד אין גייסט. און דערפאַר איז ער אויך אַזוי ראַדיקאַל געשטימט און רופט צו סאָציאַלע רעוואָלוציעס.

— איר באַווייזט דאָך אָבער אין אייערע רעדעס דאָס פאַרקערטע, גענעראַל. איר באַווייזט דאָך, אַז דער ייד איז אין גייסט אַ קאַפּיטאַליסט, אַ שיילאָק, וואָס וויל דאָמינירן די וועלט דורך און מיט קאַפּיטאַל.

— איר זענט צו פרעך פאַר אַ זשורנאַליסט, יונגערמאַן — האָט יאָהאַכים געגומען קלאַפּן מיט די פינגער אין טיש. — איך וואָלט אייך שוין באַדאַרפט לאָזן גיין . . .

— איך וויל נאָר קלאָר מאַכן דעם ווידערשפּרוך, גענעראַל — האָט זיך באַראַש פאַרנויגט. — מיר הערן אַזוי אָפט, אַז יידן זענען בונטאַרישע נשמות ראַדיקאַלן, וואָס ווילן פאַרניכטן דעם געדאַנק און די טראַדיציע פון אייגנטום און אין דערזעלבער צייט מאַכט מען זיי פאַר די טשעמפּיאָנען פון דעם העכסטן דראַנג נאָך קאַפּיטאַל און מאַכט; טאָ וואָס איז דער רעצעפּט פאַר דעם, גענעראַל? וואָס דאַרף מען טאָן צו באַלאַנסירן זייער גייסט און דעם ווידערשפּרוך?

— דידאַזיקע פראַגע האָט איר געדאַרפט שטעלן גלייך פון אָנהייב, וואָלט איר פאַרשפּאָרט אַזוי פיל נאַרישע פראַגן. איך וועל אייך זאָגן מיין רעצעפּט. דאָס יידישע פאָלק דאַרף זען אויסשניידן פון זיך אָט די־דאָזיקע צוויי־קרעציקע פאַליוסן: דעם קאַפּיטאַליסטישן פאַליוס און דעם ראַדיקאַלן פאַליוס.

— דענקט איר, אַז די צוויי פאַליוסן זענען ספּעציפיש יידישע פאַליוסן? די דייטשן, די ענגלענדער, די פראַנצויזן און די אַמעריקאַנער האָבן ניט אַזעלכע פאַליוסן?

— אייערע פראַגן טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַרגומענטן, ניט פון פראַגן, מיסטער גאַלאַנטי. אויב ס'איז אַ פראַגע וועל איך אייך ענטפערן, אַז ניט נאָר יידן פאַרמאָגן אָט די צוויי פאַליוסן, נאָר אַלע פעלקער פאַרמאָגן עס — די יידן אַממערסטן. און שטעלט מיר ניט ווידער קיין פראַגע: פאַרוואָס.

אין דעם מאָמענט האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. דער סעקרעטאַר האָט זיך אויפגעהויבן, גערעדט עפּעס אין טרייבל און צובויגנדיק זיך צו יאָהאַכימען, געזאָגט אים עפּעס אין אויער. יאָהאַכים האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און דער סעקרעטאַר איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער, מיטנעמענדיק מיט זיך אַ פּאַק פּאַפּירן.

— האָט איר נאָך עפּעס אַ פראַגע . . . די לעצטע, האָף איך . . . — האָט יאָהאַכים געזאָגט.

— יאָ, נאָך איין פראַגע . . . — די לעצטע אפשר . . . — האָט באַראַש געענטפערט.

— איך זע איר זענט דער אָנפירער פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס רופט זיך: „אַמעריקאַנער קריסטלעכע ריטערס". גלויבט איר, אַז אייערע ריטערס זענען קריסטן ווי יעזוס און ווי די אַפּאָסטאָלן האָבן געטרוימט?

— הממם . . . רעלאַטיוו . . . דער מענטש האָט זיך נאָך ניט דערהויבן צו דער פּערפעקציע פון קריסטנטום.

— טאָ פאַרוואָס פּרעדיקט איר ניט צום ערשטן צו זיי, צו די ריטער און אויך צום פאָלק? פאַרוואָס פּרובירט איר ניט צו באַקערן צום ערשטן אייערע אייגענע קריסטן צו קריסטנטום, אנשטאָט צו באַקערן יידן . . .

— איר זענט פרעך, גאַלאַנטי . . . אויב גאַלאַנטי איז אייער אמתער נאָמען . . . דענקט ניט אַז איר בלאָפט מיך . . . איך קאָן אייער טיפּ. איר זענט דאָך אַ ייד, מיסטער גאַ—לאַנ—טי . . .

באַראַש האָט אַ שמייכל געטאָן און, ווי אַן אוזאַרט, האָט ער פּלוצים אַרויסגעצויגן פון דער קעשענע דעם רעוואָלווער און אָנגעשטעלט אים אויף יאָהאַכימען.

יאָהאַכים איז געבליבן זיצן אַ געפּלעפטער, אָבער די פּעטע, ציטערנדיקע האַנט זיינע האָט זיך אינסטינקטיוו אַ ציִ געטאָן צום עלעקטרישן קנעפּל.

— קלינגט ניט, גענעראַל — האָט באַראַש ניט דערקאָנט זיין אייגענע שטימע.

יאָהאַכים האָט אָפּגעצויגן די האַנט און געפרעגט מיט קוים דערהערבאַרע ווערטער:

— וואָס ווילט איר?

— אייער לעבן . . . — האָט זיך באַראַש אויפגעהויבן און איז געבליבן שטיין קעגן יאָהאַכימען בײַם שרייבטיש.

— פאַרוואָס? . . . — האָט יאָהאַכים נאָך שטילער געפרעגט.

— ווייל איר זענט אַ בלוטדורשטיקער סאַדיסט — האָט באַראַש געציטערט ווי אין פיבער. — ווייל יעדעס וואָרט אייערס, וואָס איר שיקט אַרויס דורך דער ראַדיאָ און דורך אייער צייטונג, איז סם, איז העסלעכער פאַרראַט קעגן פאָלק, קעגן לאַנד, קעגן דעם ריין־קריסטלעכן גלויבן. יאָ, איך בין אַ ייד און איך האָב ליב אַמעריקע, מער ווי איר, גענעראַל . . . ווייל אַמעריקע איז געוואָרן מיין היים, מיין רו, מיין לאַנד . . . פאַר אייך איז דאָס לאַנד געוואָרן אַ שלאַכטפעלד, אַ יאַגדפעלד, וואו איר פאַריאָגט און מאָרדעט מיט וואָרט און מיט טאַט, לעבעדיקע, גלויביקע מענטשן. מיר איז נימאס געוואָרן צו לעבן אין אַ וועלט וואָס טריפט מיט בלוט, האָב איך באַשלאָסן צו שטאַרבן. איך וויל אָבער, אַז איר זאָלט זען און וויסן ווי איינער פון די יידן, וועגן וועלכע איר האָלט אין איין רעדן, שטאַרבט. איך וועל אָבער ניט שטאַרבן אַליין. איר וועט גיין מיט מיר . . . און אייער טויט וועט זיין מיין גוטער טאַט און מיין צינז צו אַמעריקע און צו דעם אַמעריקאַנער פאָלק . . .

— איך האָב ניט געמיינט קיין שלעכטס פאַר די יידן . . . — האָט יאָהאַכים אַרויסגעשטאַמלט.

— עס איז אַ פראַגע ניט גאָר פון יידן, יאָהאַכים, עס איז אַ פראַגע פון פאַרניכטן אַ שעדלעכן און געפערלעכן מיקראָב, וואָס שטעקט אָן דאָס לאַנד מיט האַס. איר מוזט פאַרניכטעט ווערן.

— איך . . . — האָט זיך יאָהאַכים אַ הייב געטאָן פון שטול און האָט ניט פאַרענדיקט. זיין שטערן, ביז דעם האַלדז אַראָפּ, איז ווי פאַרפלייצט געוואָרן פון אַ בלוטיקער כוואַליע און ווען די כוואַליע איז אָפּגעפאַלן, האָט זיך אַ טויטלעכע געלקייט צעגאָסן איבער זיין פנים. די אויגן האָבן ווי באַ אַ פאַרחלשטן פיש געקוקט ערגעץ אין דער פוסטקייט אַריין און דאָס אָפענע מויל זיינס מיט די צעקרימטע, געלע ציין, איז פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ טויטלעכער גרימאַסע. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען אַזוי, וואַקלענדיק זיך ווי אַ וואַקסענע פיגור און מיטאַמאָל אַנידערגעפאַלן אויפן שטול, אַנשלאָגנדיק זיך מיטן גרויען קאָפּ אָן טיש.

באַראַש איז געשטאַנען ווי איינער, וואָס שטרענגט אָן יעדן מוסקול פון זיין קערפּער אַ שפּרינג צו טאָן איבער אַ גרוב און דערזעט פלוצים, אַז ס׳איז גאָרניט פאַראַן קיין גרוב. עס איז בלויז אַ שאָטן אַזאַ, וואָס האָט אויסגעוויזן ווי אַ גרוב. ער איז געשטאַנען מיט דעם רעוואָלווער אין האַנט און געקוקט אויף דעם געלן פנים, אויף דער פאַרשפּיצטער נאָז און געוואונדערט זיך: איז ער טויט, יאָהאַכים, צי בלויז אַ פאַרחלשטער אין די אַנגסטן פון שרעק . . .

די האַנט מיטן רעוואָלווער האָט געהאַנגען אַ מידע און אַ שווערע און עפּעס אַ האָפענונגסלאָזע און גרויע שטימונג האָט גענידערט אין אים, גענידערט, ווי דער ווייסער שניי אין דעם גרויען בין־השמשות . . . די שטימונג איז אָבער גלייך אָפּגעטראָטן אונטער דער אינסטינקטיווער קראַפט, וואָס האָט געשריגן און געטריבן . . . אַרויס — אַרויס — אַרויס — — אינעווייניק אין אים איז דער גייסט זיינער געלאָפן, די פיס זענען אָבער געגאַנגען לאַנגזאַם, ווי אָנגעלאָדן מיט בליי . . . דורך דער ערשטער טיר, דערנאָך דורך דער צווייטער טיר . . . ביז ער איז צוריקגעקומען צו דעם צימער וואו די מיידל און דער סעקרעטאַר האָבן זיך געפונען. ער האָט ניט געזען זייערע פאַרדעכטנדיקע בליקן, אַרויסגעגאַנגען מיט ציטערדיקע, שוואַכע פיס פון צימער און איז אַריין אין עלעוויטער, וואָס איז גראַד אָנגעקומען. און ווען ער האָט זיך דערזען באַ דער דרויסנדיקער טיר און ער האָט דערפילט אויף דעם פיבעריש־צעהיצטן פנים דעם קאַלטן שניי, האָט ער מיט שנעלע טריט געלאָזט זיך גיין צום סאָבווי און אין סאָבווי שוין האָט ער פאַרזיכטיק און גנביש אַריינגעוואָרפן דעם רעוואָלווער אין אַ מיסטקאַסטן און איז געבליבן שטיין

אַן אויסגעשעפּטער, אָן געדאַנק, אָן ווילן, אונטער דעם גרילץ פון אַנ־קומענדיקן צוג . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

ווען מאַרי איז אַהיימגעקומען, האָט זי אים געטראָפן ליגן אויף דעם געלעגער.

— איר ווייסט, יאָהאַכים איז טויט — האָט זי גלייך געזאָגט.

— טויט . . . — האָט זיין טאָן געקלונגען מער ווי אַן ענט־פער ווי אַ פראַגע.

— איר ווייסט שוין?

— יאָ, געהערט אויף דער ראַדיאָ . . .

— ווי געפעלט עס אייך . . .אַזאַ מיסטעריעזער טויט . . .

— יאָ . . .

אין צימער איז געווען טונקל, האָט זי געמאַכט ליכטיק. זי איז צוגעגאַנגען צו אים און איז געבליבן שטיין אַן אומצופרידענע: די וואַנ־ציעס, וועלכע זענען איר שטאַרק געפעלן געוואָרן, האָט ער אָפּגעגאָלט. האָט זי געמאַכט אַ קאָקעטיש־ברוגזע מינע און צוגעטוליעט זיך צו אים מיט איר קאַלטער באַק. דערפילט, אַז זיין פּנים איז הייס און פיבעריש.

— איר זענט קראַנק? — האָט זי געפרעגט.

— ניין.

— איר ברענט . . . — האָט זי געזאָגט, אַראָפּנעמענדיק דעם ראָק און הוט.

— איך ווייס . . .

— וואָס האָט איר היינט געטאָן?

— כ'האָב געלייענט.

זי האָט זיך געלאָזט גיין אין צווייטן צימער צוגרייטן דעם מאָל־צייט און באַראַש האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און גענומען די צייַ־טונג, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט מיט זיך. „יאָהאַכים איז טויט", האָט ער דערזען די גרויסע, פעטע בוכשטאַבן. אונטן, אונטער דעם שריי־ענדיקן קאָפּ, האָט דער רעפּאָרטער געשילדערט דעם באַזוך פון דעם מיס־טעריעזן און פאַרדעכטיקן איטאַליענישן זשורנאַליסט גאַלאַנטי. (כאָטש יאָהאַכימס סעקרעטאַר צווייפלט אין דער נאַציאָנאַליטעט פון דעם כלומרשטן זשורנאַליסט). עס איז אָבער פעסטגעשטעלט געוואָרן, האָט דער רע־פּאָרטער געשריבן, אַז יאָהאַכימס טויט איז געקומען פון האַרצשלאַג. דער טויט, האָט ער ווייטער געשריבן, האָט געבראַכט צו אַן ענדע די קאַ־לירפולע קאַריערע פון דעם גענעראַל יאָהאַכים און . . . — ווייטער

איז געגאַנגען אַ לענגערע באַשרייבונג וועגן יאָהאַכימס לעבן און טעטי־קייט און באַראַש האָט אָוועקגעלייגט די צייטונג. פאַר די אויגן האָבן נאָך אַלץ מאַרשירט זיינע אייגענע און יאָהאַכימס ווערטער . . . און פון די ווינקלען האָבן געקוקט די בייזע אויגן פון יאָהאַכימס סעקרעטאַר.

— וואָס זענט איר אַזוי פאַרטראַכט ? — האָט מאַרי ענדלעך גע־פרעגט — איר טראָגט זיך נאָך אַלץ אַרום מיט אייערע מיסטעריעזע פּלענער ?

— דעם אמת זאָגנדיק, זענען שוין מיינע פּלענער אויסגעפּירט, עס בלייבט בלויז צו פאַרענדיקן.

— וואָס פאַרענדיקן ?

— צו פאַרענדיקן דעם פּראָצעס, וואָס באַשטייט פון פיזישע און גייסטיקע אַקאָרדן און דיסקאָרדן. איך פיל איצט ווי אַ קאָמפּאָזיטאָר, וואָס דאַרף אָוועקשטעלן דעם לעצטן אַקאָרד צו זיין פאַנטאַסטישער קאָנ־טשערטאָ. אפילו אין מיין שרייבן פלעגט דער לעצטער פּונקט זיין דער גענוספולסטער פון אַלע פּונקטן. און כ׳מוז מודה זיין: עס פלעגט טרעפן, אַז באַם לעצטן פּונקט שוין פלעגט מיר מיין ווערק אויסווייזן אַזוי אומוויכטיק און צוועקלאָז . . . מיטן לעבן פון אַ מענטשן פּאַסירט אָפּט אויך אַזוי . . . באַם לעצטן פּונקט.

— איר האַלט נאָך ניט באַם לעצטן פּונקט, ליבער . . .

— ס׳איז ווידער אַמאָל, ווי אין אַ נאָוועלע: ווי און וואו מ׳זאָל ניט פאַרענדיקן, קאָן זי נאָך אַלץ אויסווייזן ווי ניט פאַרענדיקט און אין דערזעלבער צייט קאָן יעדער עפּיזאָד דאָך זיין אַ סוף און אַן ענדע פאַר זיך אַליין. אָבער וואו און ווען איז פאַראַן אַן ענדע צו אַ לעבן? באַם פּונקט. און ס׳מאַכט ניט אויס וואו און ווען מ׳שטעלט אים אָוועק.

— איר זענט ווידער פילאָזאָפיש געשטימט. און איך האָב אַזוי מורא פאַר אייערע פילאָזאָפישע שטימונגען.

— פאַרוואָס ?

— ווייל זיי זענען אומגעזונט.

— איר זענט אפשר גערעכט, מאַרי. אין דעם ליגט אָבער דער גרויסער סוד, די גאַנצע מיסטעריע פון דעם האָמאָ סאַפּיענס.

— קעי האָמאָ קוריאָסאָ קעי סעי . . . — האָט זי געזאָגט אין איטאַליעניש.

— וואָס מיינט עס ?

— וואָס פאַר אַ קוריאָזער, מיסטעריעזער מענטש איר זענט . . .

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן אים, פאַנאַנדערגענומען זיין ראָק און מיטביידע הענט אַרומגענומען זיין ברוסט.

— עס ציטערן מיר די הענט יעדן אָוונט, ווען איך קום אַהיים

און עפן די טיר. עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך וועל אייך מער ניט טרעפן דאָ בײַ מיר . . . בײַ אונדז . . . און דער טאָג ציט זיך, ציט זיך — אָן אַ סוף. כ׳האָב קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז טעג קאָנען זיין אַזעלכע לאַנגע . . . היינט האָט מיר דאָס האַרץ אַזוי געקלאַפּט, און איך האָב אַלץ געטראַכט וועגן אייערע ווערטער און וועגן אייער אַנזאָג, אַז אויב איר קומט ניט אַהיים . . . זאָגט מיר, זאָגט מיר, וואָס האָט איר זיך געקליבן צו טאָן ? פאַרוואָס האָב איך באַדאַרפט איבערגעבן דעם טאָג־בוך צו אַדאַן ? וועגן וואָס האָט איר דאָרט געשריבן ?

— וועגן מיין לעבן.

— אַך, ווי איך וואָלט עס געוואָלט לייענען . . .

— עס וואָלט אייך בלויז צעטומלט. ווייל עס זענען קאָנפעסיעס פון אַ צעטומלטער נשמה אין אַ צעטומלטער וועלט. אָבער לאָמיר בעסער שווייגן. עס גלוסט זיך ניט צו רעדן איצט . . .

איבערהויפּט אַ יידן, ווי גוט און ווי היימיש עס זאָל ניט זיין מיט אים.

זי האָט זיך בענטער צוגעדריקט צו אים און אַ זיפץ געטאָן.

באַנאַכט, ווען מאַרי איז שוין געלעגן אין בעט, האָט ער פאַרשריבן :

„ . . . נו, אָט איז דער אַקט געשען, דער אַקט פון מאָרד, וועלכן דער טויט האָט אויסגעכאַפּט בײַ מיר פון אונטער דער האַנט. ערשט איצט זע איך דעם גאַנצן וועג, וואָס האָט מיך געבראַכט צו אים, צו יאַהאַכימען און דער פינאַל וואונדערט מיך ניט. ווייל דאָ איז ניט וויכטיק ניט איך און ניט יאַהאַכים. — פון דער אייביקייט קומט אַרויס דער מיסטעריעזער און זאָגט : וואָרט, איך בין דער־דאָזיקער, וואָס פירט אונטער דעם חשבון — אַלעמענס חשבון . . . און דאַך, ווי מאָדנע, וואָס איך, גראַד איך בין געוואָרן דער שליח, וואָס האָט געעפנט די טיר פאַר דעם אַלמעכטיקן — פאַר דעם טויט, וואָס מאַכט דעם סוף, וואָס הייבט זיך מער קיינמאָל ניט אָן״.

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

— לעבן אייך.

אַ פּאָר טעג איז באַראַש ניט אַרויסגעגאַנגען פון הויז. געזאָגט אָבער געטראַכט האָט זי, אַז ס׳איז שווער צו פאַרשטיין אַ מענטשן, מאַרין, אַז ער איז פאַרקילט און חוץ דעם, האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל, דאַרף ער טראַכטן וואו און ווי אַזוי צו שטעלן דעם לעצטן פּונקט.

מאַרי איז געווען צופרידן און האָט געענטפערט :

— וואו און ווי אַזוי איר זאָלט ניט באַשליסן צו שטעלן דעם לעצטן פּונקט — מאַכט עס צוויי. אַ פּונקט פאַר אייך און אַ פּונקט פאַר מיר

און זי האָט געוואָלט גלויבן, אַז דער קומענדיקער טאָג וועט אַוועקנעמען זיי אויף אַ נייעם וועג, אויף אַ וועג, וואָס פירט צו אַ שטילער, זיכערער נעסט . . . פאַר אים, פאַר איר אין אַ וועלט פון בילדער און פאַרבן.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

מאַרי איז, ווי געוויינלעך, אַוועקגעגאַנגען אינדערפרי צו דער אַרבעט און ער איז געבליבן אַליין. ער האָט זיך אָפּגעגאָלט, אָפּגעגעסן דעם פרישטיק, וואָס זי האָט צוגעגרייט פאַר אים און איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. עס איז געווען אַ טרוקענער, פראָסטיקער טאָג און דער ווינט האָט געבלאָזן שנייעלעך ווי גרויפּן. בײַנאַכט האָט ער געטראַכט, אַז ווען ער וועט אויפשטיין אינדערפרי, וועט ער פאַרוואַנדלען דעם טאָג אין אַ מין יום־טוב פאַר זיך, פאַר זיך אַליין צום לעצטן מאָל אין ניו־יאָרק. ער וועט גיין פון גאַס צו גאַס, פון רעסטאָראַן צו רעסטאָראַן און ער וועט לאָזן פריי די אויגן, די אויערן, דאָס האַרץ . . . זאָלן זיי זיך אָנפילן, אָנזעטיקן מיט דעם אומגלויבלעך־באַקאַנטן, פאַנטאַסטיש־וואָכעדיקן ניו־יאָרק. אַזוי האָט ער געטראַכט בײַנאַכט.

אָן אומעט און טרויער האָט אים אָבער גלייך אַ כאַפּ געטאָן און גענומען טראָגן, ווי אַ שוואַרצן, שטרויענעם זאַק. ער איז ניט אַרײַנגעגאַנגען אין די רעסטאָראַנען און ניט אין די קינאָס; ער האָט זיך אַרומגעדרייט מיט כאַאָטישע געדאַנקען איבער די גאַסן; און די הימל־קראַצערס האָבן געקוקט ווי אייזבערג און דאָס האַרץ האָט זיך ניט אָנגעפילט מיט יום־טוב — עס איז געווען פול מיט אומעט. בלויז איין מאָל, בײַטאָג, איז ער אַרײַן אין אַ רעסטאָראַן, גענומען עפּעס עסן און געזעסן און געוואַרט אויף עפּעס. און ווען עס איז געוואָרן טונקל, איז ער ווידער אַרויס אין גאַס און ווידער געגאַנגען איבער די גאַסן אָן ציל. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז אין דעם ציללאָזן שפּאַצירן ליגט דער לעצטער ציל; איז ער געפאָרן און געגאַנגען צו אים און איז ענדלעך צוגעקומען צו די באַקאַנטע פענצטער און אַנידערגעשטעלט זיך הינטער דער קאָלאָנע. אין הויז איז געווען ליכטיק און ער האָט געקאָנט זען זיין בילד און מיכלס בילד אויף די ווענט און אין מח האָט רעציטירט:

„. . . אין שפּאַניע, אויף די פעלדער, צווישן טעלעדא און אַלקאַזאר, ליגט מיט אַ צעשאָסענער ברוסט דער יונגער אידעאַליסט מיכל באַראַש"....

אַדאַ האָט זיך אַרומגעדרייט אין הויז און עווא איז געזעסן בײַ דער ראַדיאָ אין אַ פּאָזע פול מיט אויפמערקזאַמקייט. עס איז געווען שטיל אַרום, בלויז דער עלעוויטער־באַן איז אינדערוויטנס געלאָפן מיט אימפּעט. אַדאַ, האָט ער געזען, האָט גענומען שניידן עפּעס מיט דער שער אויפן טיש. ער איז געשטאַנען איינגעוויקלט אין מאַנטל, געפילט

ווי דער ווינט נעמט אים דורך און דורך און דאָס האַרץ אין דער ברוסט האָט געציטערט מיט אינערלעך געוויין. געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן נענטער צום פענצטער, אַזוי נאָענט, אַז ווען זיי וואָלטן אַ קוק געטאָן אין פענצ־טער, וואָלטן זיי אים דערזען. געלאָזט די אויגן אָנזעטיקן זיך מיט דער ליכטיקייט פון עוואַס שיינענדיקע אויגן, מיט דעם רויטן פלאַם פון אַדאָס קאָפּ, מיט דער ווייטקייט פון איר פנים און מיט דער קלוגשאַפט און טרויער אַרום אירע ליפּן . . . מיטאַמאָל האָט ער אָפּגעטראָטן און, מיט אומ־קוקנדיק זיך מער, געלאָזט זיך גיין צום סאָבווי.

ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער געטראָפן מאַרין אַ פאַרוויינטע. האָט ער געוואָלט וויסן פאַרוואָס זי וויינט. דער טשעמאָדאַן, וועלכן ער האָט איינדערפרי אַרויסגעשלעפּט פון אונטער דער בעט, איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און ווי געזאָגט: נו, מיר פאָרן ווייטער — אַוועק — אַהין — וואוהין — אַהין —

— וויינט ניט — איז ער צוגעגאַנגען צו איר און געגלעט איר קאָפּ. צו וואָס וויינען?

— ווייל איך ווייס, אַז איר וועט מער ניט צוריקקומען.

— מ׳מוז דאָך אַמאָל שיידן זיך. זאָל עס זיין היינט.

— פאַרוואָס היינט . . .

— מאָרגן וועט ניט זיין אַנדערש ווי היינט. אַז ס׳איז צייט — איז צייט.

— נעמט מיך מיט מיט זיך — האָט זי אים אַרומגענומען.

— איך ווייס ניט וואוהין צו נעמען אייך.

— וואוהין איר גייט . . .

ער האָט אַ שמייכל געטאָן טריב:

— איך ווייס ניט וואוהין איך גיי. איך זאָג אייך אָבער צו, אַז וואו איך זאָל ניט זיין, וועט איר אין גייסט שטענדיק זיין לעבן מיר, מיין גוטער פריינט.

— איר וועט ניט פאַרגעסן?

— איך וועל ניט פאַרגעסן.

— ווען ווילט איר גיין?

— שוין.

שוין?! — האָט זי זיך דערשראָקן. — כ׳האָב געמיינט אפשר מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן.

— ניין, שוין. עס האָט קיין זין אָפּצולייגן.

— און געלט האָט איר?

— איך האָב וויפל איך באַדאַרף.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, ווי מ׳קוקט אויף אַ קינד; גענוי־

מען דעם האַנטבייטל, וואָס איז געלעגן אויף דעם טיש, אַרויסגענומען געלט און גענומען שטופּן עס אין באַראַשעס קעשענע.

— ס'איז ניט נויטיק, מאַרי — האָט ער שוואַך געזאָגט. — איר זענט אַ גוטער פריינט. איצט גיט מיר אַ קוש און לאָמיר זיך געזעגענען מיט פרייד און מיט דאַנקבאַרקייט צו אונדזערע מאָמענטן.

זי האָט אים אַרומגענומען שטאַרק ווי אין פאַרצווייפלונג.

לאַנגזאַם האָט ער זיך באַפרייט פון איר און גענומען דאָס ראַנצל אין האַנט.

— אייער טאָגבוך . . . — האָט זי אַ זאָג געטאָן. ——איר האָט דאָך געוואָלט לאָזן אים מיט מיר . . .

— ניין, מאַרי. איך נעם אים מיט מיט זיך.

— יאָ? — האָט זי זיך דערפרייט. — איך ווייס ניט פאַרוואָס, אָבער דאָס מאַכט מיך פילן רואיקער.

— גוד־ביי, מאַרי . . . — האָט ער אָנגענומען איר האַנט און אויף אַ רגע צוגעדריקט זיך מיט דער באַק צו איר פנים. — גוד־ביי . . .

אויפגעעפנט אויף שנעל די טיר און איז אַרויס פון צימער.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

אַ גאַנצע נאַכט און כמעט אַ גאַנצן טאָג האָט דער צוג געפירט דורך פעלדער און וועלדער, דורך שטעט און שטעטלעך. און ווידער פאַרנאַכט האָט באַראַש דערזען פונוויטנס די בערג פון ניו־פּאָרט. אָבער אַנדערש איז איצט געווען זיין טראָט אויף דער פאַרפראָרענער ערד בײַ דעם ברעג פון טייך. ער איז איצט געווען זיכערער און זינפולער, ווי דער טראָט מיט אַ יאָר צוריק.

ער האָט זיך געלאָזט גיין צום קאָטעדזש, וואו ער האָט פריער גע־האַט זיין צימער בײַ די אַלטע מעקגווייערס. אָוועקגעשטעלט דעם טשע־מאָדאַן און האָט אַ זאָג געטאָן:

— איך בין געקומען צוריק, איר ווילט מיך?

— אוודאי ווילן מיר איך, אוודאי — האָט די אַלטיטשקע מעק־גווייער געזאָגט. און זי האָט גלייך אָנגעהויבן צו דערציילן, ווי מיט עט־לעכע טעג שפּעטער, נאָכדעם, ווי ער האָט פאַרלאָזט ניו־פּאָרט, איז אַ מאַן מיט אַ יונגער פרוי געקומען און זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף אים. און זיי זענען אַוועקגעגאַנגען זייער אַנטוישטע, ווען זיי האָבן אויס־געפונען, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן.

באַראַש האָט געהערט און געטראַכט פון גערסאַנען און פון סטעלאַן און געפילט ווי צו לויפן גלייך צו זיי און אויך צו זיי אַ זאָג טאָן: איך בין געקומען צוריק, מיינע פריינט, איר ווילט מיך?

ער האָט אָבער געוואוסט, אַז ער וועט עס ניט זאָגן. ער וועט ניט פאַרפירן ווידעראַמאָל זיך און זיי אין אילוזיעס, ווייל איצט וועט אַלץ זיין אַנדערש מיט אים.

ער האָט זיך אָפּגעוואַשן, ווידער אָנגעטאָן דעם מאַנטל און געזאָגט, אַז ער גייט אַרויס אין אַ רעסטאָראַן עפּעס עסן.

די גאַס האָט געאָטעמט שטיל מיט פאַרנאַכטיקן לעבן. די קינאָ האָט געלויכטן מיט קאָלירפולע פייערן און די געצייכנטע מענטשן אויף די גאַסן זענען געגאַנגען רואיק, ווי פילנדיק איבער זיך ריזיקע, מעכטיקע פליגל פון אַ באַשיצער. ער האָט אַרויפגעקוקט צום שפּיץ פון באַרג. דער קאָפּ — דער ווייסער קאָפּ איז שוין אָבער געווען אין דער בלויער טונקלקייט און ס'איז שווער געווען צו דערקענען אים. פון דער ווייט האָט זיך געטראָגן דער פּיף־פּאַף פון דער פאַבריק און דער הימל איבער די הויכע קוימענס האָט זיך געהילט אין אַ טונקל־בלויער כמאַרע פון רויך און פייער. דער טייך איז געווען בלוי און פול מיט קרייעס. דער בריק איבערן טייך, ווי דער סקעלעט פון אַ פּרעהיסטאָרישן דינאָזאַר. בלויז די פייערלעך אין די קאַטעדזשעס באַ די פיס פון באַרג האָבן געלויכטן מיט וואַרעמקייט און האָבן געשוויגן.

ער איז אַריין אין אַ רעסטאָראַן. געגעסן, געטרונקען קאַווע און געטראַכט. געטראַכט וועגן סטעלאַן, וועגן גערסאַנען, וועגן דער ליולקע, וועגן אַנאַטאָלן. און ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער זיך מיט לאַנגזאַמע טריט געלאָזט גיין צוריק צום צימערל. און אין דעם צימערל האָט ער זיך אַנידערגעלייגט אויף דעם בעטל און איז געלעגן אין אַ נעץ פון געדאַנקען, ביז ער האָט פאַרלוירן דאָס לעצטע פעדעמל אין דער נעץ און איז פאַרזונקען געוואָרן אין אַ טיפן שלאָף.

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

פאַרטאָג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון אַ חלום, וואָס איז אים געווען ניט קלאָר. ער איז געלעגן און ניט געאײלט זיך אויפצושטיין. ער האָט געוואוסט, אַז עס שטייט אים פאַר אַ טאָג פון לאַנגווייליקייט און אומגעדולדיקייט — ווייל גיין באַטאָג צו סטעלאַן האָט ער ניט געוואָלט. ער האָט געטראַכט, אַז ס'וועט זיין בעסער פאַר אים און פאַר איר, ווען ער וועט קומען אין אָוונט, ווען גערסאַן וועט זיין אינדערהיים, אויב ער אַרבעט ניט באַנאַכט.

איז ער באַטאָג אַרויסגעגאַנגען צום ברעג פון טייך און איז געשטאַנען דאָרט אַ לאַנגע צייט; און דערנאָך געוואַנדערט, ביז עס איז אים קאַלט געוואָרן. ער האָט געקויפט אַ צייטונג און איז אַריינגעגאַנגען

אין דעם רעסטאָראַן. און לייענענדיק האָט ער געזען, ווי עס גייען פאַר־ביי פאַר זיינע אויגן צעריסענע, צעבלוטיקטע באַטאַליאָנען מענטשן־גייסטער, מענטשן פון יעדער עלטער, פון יעדער נאַציע, פון יעדן גלויבן . . . און פאַר די אויגן האָט געשוועבט מיכלס קלוגער, יונגער שמייכל, מיכלס אויפגעפלאַמטע ווערטער . . . פּאַ! פּאַ! ס׳איז אַ קריג צו דער־שטיקן אויף אייביק דעם גייסט פון קריג! . . .

באַראַש האָט אָוועקגעלייגט די צייטונג. ניט געקאָנט לייענען. גע־בליבן זיצן מיט געוויין אין דער ברוסט . . . געזעסן און געהערט, ווי יונגע שטימען פון דער ראַדיאָ זינגען

When this crazy world will be sane again . . .

דער בין־השמשות האָט גענידערט און לאָמפּן האָבן זיך גענומען צינדן אין די הייזער און אויף די גאַסן. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם רעסטאָראַן און געלאָזט זיך גיין צו סטעלאַן. און ווען ער איז צוגעקו־מען צום הויז, האָט די שיין אין פענצטער געלויכטן פאַר אים ווי אַ ליכט־טורעם. דער ליכט־פּאַס, האָט זיך געוויזן, פאַלט צו זיינע פיס, צו באַ־לויכטן דעם וועג פאַר אים, דעם וועג צו סטעלאַן. ער האָט אָנגעקלונגען און דער קורצער קלונג האָט ווי אַ וואַרנונג, אַ קלונג אַ געטאָן אויך בײַ אים אין האַרצן.

סטעלאַ האָט געעפנט די טיר און ווען זי האָט אים דערזען, איז זי געבליבן שטיין אַ בלייכע, אַ שטילע און פאַרוואונדערטע. זי האָט אָפּ־געטראָטן אַ שפּאַן, נאָך אַלץ קוקנדיק אויף אים און באַראַש האָט געמאַכט אַ שפּאַן נאָך איר. און ווען ער איז שוין געווען אין הויז, האָט ער אין דער ליכט דערזען איר בלאַס, אויסגעצערט פּנים און אירע גרויסע, שיי־נענדיקע אויגן. די ליפּן אירע האָבן געציטערט און די הענט אויף איר ברוסט האָבן ווי געהאַלטן דאָס האַרץ אין געבעט:

— ראַש . . . — האָט ער ענדלעך דערהערט.

— ראַש . . . — האָט זיך אויך גערסאָן אויפגעהויבן פון זיין שטול און דער הונט פילאָ האָט, ווי אַ פאַרשעמטער, גענומען טוליען זיך צו זיינע פיס.

— איך בין געקומען . . . מיין ליולקע . . . איז דאָ . . .

— כ׳האָב געוואוסט, אַז איר וועט קומען — האָט גערסאָן גע־זאָגט מיט אַ פעסטערן טאָן. — כ,האָב געוואוסט, אַז איר וועט קומען.

— כ׳האָב געהאָפט, אַז איר וועט פאַרשטיין און פאַרגיבן מיין פּלו־צימדיקן . . . אָפּשייד.

— איך האָב פאַרשטאַנען — האָט גערסאָן געזאָגט.

— און איר, סטעלאַ? — האָט באַראַש געפרעגט און אַ גלעט געטאָן איר אָרעם.

— איך . . . איך האָב בלויז געהאָפט . . .

גערסאָן איז מיטאַמאָל געוואָרן פריילעך, גענומען אַראָפּשלעפּן פון באַראַשן זיין מאַנטל, צוגעפירט אים צום שטול און געקלאַפּט אים לייכט אין דער פּלייצע:

— ס'איז גוט, ס'איז גוט, וואָס איר זענט צוריקגעקומען. און די ליולקע וועט ווידער זיין אייערע, ווידער, ראַש. נאָט זי אייך — האָט ער אַראָפּגענומען די ליולקע, וואָס איז געלעגן אויף באַראַשעס ביכער אויפן טיש און צוגעטראָגן זי צו אים.

— אַ דאַנק — האָט באַראַש גענומען די ליולקע און אַ קוק געטאָן אויף סטעלאַן.

בלוט איז ווידער געקומען אין אירע באַקן און מיט אַ שמייכל פון דאַנקבאַרקייט האָט זי גענומען צוגרייטן עפּעס צום עסן און צו טרינקען. זי האָט ניט גערעדט. זי האָט ניט געקאָנט רעדן, זי האָט בלויז געוואָרפן יעדעס מאָל אַ בליק אויף באַראַשן און אין יעדן בליק איז געווען אַ שטומע פראַגע.

דערפאַר האָט גערסאָן גערעדט אַסך. דערציילט וועגן זיך, וועגן סטעלאַן, וועגן די געשפּרעכן וועגן אים און וועגן זייער אַנטוישונג, ווען זיי האָבן דערזען די ליולקע און מער ניט געהערט פון אים.

באַראַש האָט געהערט, געשוויגן און מיט געדאַנקען, ווי מיט טשוועקעס, געקלאַפּט זיך אין מוח: האָט ער געמוזט ווידער קומער אַהער צו איר? האָט ער געמוזט ווידער באַווייזן זיך און אויפוועקן אין איר אַ נייע האָפענונג און אַ גלויבן אין אים?

— וואָס זענט איר אַזוי פאַרטראַכט, ראַש? — האָט אים גערסאָן אָפּגעריסן פון זיינע געדאַנקען. — טראַכט ניט — ס'איז ניט גוט צופיל צו טראַכטן.

עס איז געווען שפּעט, ווען ער איז געגאַנגען צוריק צו זיין צימער. אין קעשענע האָט ער געטראָגן מיט זיך די ליולקע און אין דער נשמה די וואונדערבאַרע „לבנה־ליכט סאָנאַטע", וואָס סטעלאַ האָט געשפּילט פאַר אים און, ווי זי האָט געזאָגט, אויך פאַר זיך.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

ער איז געשלאָפן שפּעט. ער האָט געוואוסט, אַז אין דעם טאָג וועט סטעלאַ ניט אויפנעמען אירע שילערינס און זי וועט וואַרטן אויף אים. דאָך האָט אַ געדאַנק אין אים ווידער ניט געלאָזט פריילאָזן זיך און אַוועקגיין צו איר און בלייבן מיט איר אַליין, ווייל בלייבן אַליין, וואָלט געהייסן: אָדער ווידעראַמאָל בלייבן פאַרשלאָסן אין סוד, אָדער לאָזן זיך

פריי, ווי מיטן ווינט, דערציילן איר אַלץ און בלייבן שטיין מיט איר באַם סאַמע ברעג פון דעם אָפּגרונט, וואָס איז דער לעצטער סוד.

ער האָט פאַרבראַכט דעם גאַנצן טאָג אין הויז און פאַרנאַכט, ווען ער האָט געוואוסט, אַז גערסאַן איז שוין דאָ אינדערהיים, האָט ער זיך געלאָזט גיין צו איר.

זי האָט אים באַגעגנט מיט פאַרוואָלקנטע אויגן, כאָטש די ליפּן אירע, האָט ער געזען, שטרענגען זיך אָן צו שמייכלען.

— איר האָט היינט . . . געאַרבעט? — האָט גערסאַן געפרעגט.

— ניין — האָט באַראַש געענטפערט, ניט כאַפּנדיק זיך גלייך, וואָס ער מיינט מיט דער פראַגע.

— סטעלא האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט ניט געווען דאָ אַ גאַנצן טאָג, האָב איך געמיינט . . . ווער ווייסט, אפשר אַרבעט איר, אָדער איר זוכט אפשר אַרבעט. נאָך אַלעמען זענט איר דאָך ניט געקומען איצטער אַכאַמאָל צו פאַרשווינדן . . . די פאַרגעסענע ליולקע אַליין האָט דאָך זיכער ניט געקאָנט ברענגען אייך צוריק.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך — האָט באַראַש געענטפערט.

— פאַ! . . . — האָט זיך סטעלא אָנגערופן. — צו וואָס זאָלסטו צווינגען ראַשן צו . . . רעדן און זאָגן דיר דאָס, וואָס ער וויל דיר אפשר ניט זאָגן. כ׳בין זיכער, אַז ווען ראַש וועט זיך דערפילן אַזוי נאָענט און פריינטלעך צו אונדז, ווי צו אייגענע, וועט ער אונדז אַלץ דערציילן וועגן זיך און חוץ דעם, מוזן מיר ניט אַלץ דערציילן . . .

— דו ביזט צו טאָלעראַנט, טאָכטער און איך ווייס, אַז דו מיינסט עס טאַקע. איך וויל אָבער איצט זאָגן ראַשן און איך האָב אים שטענדיק געזאָגט, אַלץ אויפריכטיק און אָפן, אַז איך פאַררעכן אים פאַר אַן אייגענעם. און אַז אפילו ווען איך רעספּעקטיר זיינע סודות, בין איך אָבער באַרעכטיקט צו וויסן, אויב ניט אַלע סודות, איז כאָטש האַלב, אַ פערטל, אַ ביסל, בלויז איין קליין סודעלע . . . — האָט גערסאַן געפּרוווט צו פאַרפּראַווען דעם געשפּרעך מיט שפּאַס.

באַראַש האָט געקוקט אויףביידן. מיט ליבע און פאַרשטענדעניש. ער האָט אָבער געהערט און געשוויגן און געוואוסט, אַז ניט ווילנדיק מוז אין זייערע הערצער וואַקסן אַ בייזקייט אויף אים, אַ בייזקייט פאַר זיין איינגעשפּאַרטער שווייגעניש.

זיי האָבן געטרונקען קאַווע, גערעדט וועגן די לעצטע טאָג־בייעסן, וועגן דער מלחמה און וועגן יאַהאַכימס טויט. און גערסאַן האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז דער מיסטעריעזער זשורנאַליסט האָט זיכער געמוזט זיין אַ ייד. אָבער ווען באַראַש האָט זיך פאַראינטערעסירט אויסצוגעפינען פאַרוואָס ער דענקט אַזוי, האָט זיך גערסאַן פּלוצים אויפגע־

הויבן און געזאָגט, אַז ער איז מיד פון צופיל רעדן און ער מוז גיין שפּילן שאָך מיט דעם אַפּטייקער. דער המן יאָהאַכים איז דאָך שוין סיוווי טויט און צו וואָס רעדן וועגן אים.

— איך וועל גיין מיט אייך — האָט זיך באַראַש אויך אויפגע־הויבן, ווי באַלויכטן פון אַ געדאַנק.

— ווער דאַרף אייך, זיצט דאָ מיט סטעלאַן — איז גערסאַן כמעט בייז געוואָרן.

— ניין, פּאַ . . . — האָט סטעלא מיט אַ פאַרענדערטער שטימע אַ זאָג געטאָן. — גייט ביידע, גייט. איך וויל שלאָפן, איך בין מיד.

גערסאַן האָט מער גאָרניט געזאָגט. ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַן אַנטוישנדן בליק אויף באַראַשן און גענומען אָנטאָן זיך. באַראַש האָט אויך אָנגעטאָן זיין מאַנטל און, שטייענדיק בײַ דער טיר, האָט ער גע־קוקט אויף סטעלאַן און מיט די בליקן האָט ער פּרובירט זאָגן איר דאָס, וואָס ער האָט ניט געקאָנט זאָגן מיט די ווערטער. אירע אויגן זענען אָבער געווען פאַרטרונקען אין טרערן. און זי האָט זיינע בליקן ניט געזען.

— אַ גוטע נאַכט, סטעלא — האָט ער געזאָגט. — איך וועל מאָרגן באַטאָג זיין בײַ אייך, אויב איר וועט זיין איינדערהיים.

— טוט, ווי איר פילט — האָט זי שטיל געענטפערט און איז אַוועקגעגאַנגען אין שאָטן ער זאָל ניט זען אירע טרערן.

ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען און אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג שווייגנדיק, האָט גערסאַן אַ פרעג געטאָן:

— איר זענט פּאַר עפּעס ברוגז אויף סטעלאַן, ראַש?

— ניין . . .

— טאָ וואָס פּאַר אַ מענטש זענט איר? — איז גערסאַן געבליבן שטיין — וואָס איז דער מער מיט אייך? איר זענט ניט אויף דער וועלט און ניט אויף יענער וועלט. וואָס מוטשעט אייך? וואָס באַאומרואיקט אייך און לאָזט אייך ניט לעבן אויף דער וועלט? איר האָט ערגעץ אַ ווייב און קינדער? זאָגט! קומט אַרויס מיט לשון.

— איך וועל עס מאָרגן דערקלערן סטעלאַן — האָט באַראַש גע־זאָגט.

— איר זאָגט עס מיר צו?

— איך זאָג עס אייך צו.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין ווייטער.

דער אַפּטייקער האָט זיך זייער דערפרייט מיט זיי. אין דער שפּע־טער אָונט־שעה זענען קיין קונים ניט געווען, איז ער געזעסן בײַ אַ טישל און געלייענט די צייטונג. ער האָט זיך אויפגעהויבן, באַגריסט גערסאַנען און באַראַשן. דערמאָנט זיך אָן דעם טאָג, ווען סטעלא איז

געקומען צולויפן צו אים איינקויפן אַלערליי רפואות פאַר אים, פאַר דעם פאַרוואונדעטן פון באַנדיטן, מיסטער ראָשן. אָבער מיסטער ראָש ווייזט אויס צו זיין אַ זייער פאַרנומענער מענטש. ער שמעקט ניט אַריין אפילו אין דער דראָג־סטאָר, וואָס איז דער מער?

באַראָש האָט אים געענטפערט, אַז ער איז טאַקע אַ פאַרנומענער מענטש, אפילו ווען עס גלויבט זיך קוים, אַז מ׳קאָן זיין שטאַרק פאַרנומען אין ניו־פּאָרט.

מיסטער גערסאָן האָט מיר דערציילט, אַז איר זענט געפאָרן קיין ניו־יאָרק. וואָס הערט זיך עפּעס דאָרט? אַך, ניו־יאָרק! מיין גאַנץ לעבן האָב איך געטרוימט צו פאָרן קיין ניו־יאָרק אַ קוק טאָן אויף דער וואונדער־שטאָט. נו, גיי פאָר, אַז מ׳איז צוגעבונדן דאָ ווי אַ הונט אויף אַ קייט.

רעדנדיק אַזוי, איז ער צוגעגאַנגען צו אַ קעסטל, אַרויסגענומען ציגאַרן און דעם שאָך, ניט פרעגנדיק אפילו גערסאָנען צי ער וויל שפּילן אָדער ניט.

— איר וועט אונדז אַנטשולדיקן, מיסטער ראָש — האָט ער געזאָגט — איר ווייסט דאָך, עס ציט . . . ווי אַ שיכור צום פלעשל.

— שפּילט, שפּילט — האָט אים באַראָש באַרויקט. — איך וועל שוין זען צו פאַראינטערעסירן זיך מיט עפּעס. אַ יע . . . — איז ער צוגעגאַנגען צום גיפט־שאַפקעלע. — איר געדענקט, מיסטער פאַרקער, ווי איר האָט פאַר מיר כאַראַקטעריזירט יעדן גיפט? זייער טרעפלעך, זייער טרעפלעך האָט איר עס כאַראַקטעריזירט. מעג איך נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן אויף אייער קאָלעקציע?

— קוקט . . . אָבער זייט פאָרזיכטיק, מיין פריינט, פאָרזיכטיק.

— זייט רויק — האָט אים באַראָש באַרויקט. ער האָט געעפנט דאָס שאַפקעלע און גענומען באַטראַכטן יעדעס פלעשעלע באַזונדער. און ווען ער האָט דערזען דאָס קליינע פלעשעלע מיט די קליינע טאַבלעטן און האָט איבערגעלייענט: „מאָרפיום סולפאַט", האָט ער זיך דערמאָנט, אַז פאַרקער האָט כאַראַקטעריזירט דעם גיפט ווי אַ ווייסע, באַרמהערציקע שוועסטער, וואָס לייגט אַרויף איר קאַלטע האַנט אויף דעם ברענענדיקן קאָפּ און מ׳ווערט אַנטשלאָפן מיט אַ שטילן שלאָף. דאָס קליינע פלעשעלע אין דער האַנט איז געוואָרן היימיש און פאַר די אויגן האָבן אַ שוועב געטאָן די פליגל פון אַ שוואָן . . . ער האָט שנעל אַראָפּגעלאָזט די האַנט מיט דעם פלעשעלע אין דער קעשענע אַריין און איז געבליבן שטיין . . . אויף אַ רגע האָט זיך אַלץ ווי אָפּגעשטעלט אין אים. ער האָט לאַנגזאַם פאַרמאַכט דאָס שאַפקעלע און איז צוריקגעגאַנגען צום טישל. אַנידערגעזעצט זיך נעבן גערסאָנען און געקוקט ווי זיי שפּילן.

ס׳איז שוין געווען גאַנץ שפּעט, ווען ער און גערסאַן זענען אַהיימ־געגאַנגען. באַם געזעגענען זיך האָט גערסאַן געזאָגט:

— געדענקט, ראָש. מאָרגען רעדט איר מיט סטעלאַן. זאָל עס זיין טויט אָדער ברויט, איר מוזט אָבער רעדן.

— איך מוז און איך וועל.

— אויב אַזוי, אַ גוטע נאַכט, ראָש.

— אַ גוטע נאַכט — אַ גוטע . . .

גערסאַן האָט אים געלאָזט אויף דער שטילער, פּוסטער גאַס. עס האָט זיך ניט געגלוסט נאָך אַהיימצוגיין. האָט ער געשפּאַצירט הין און צוריק אויף די קרומע ראָגן, געגאַנגען און צוגעהערט זיך צו די אייגענע טריט, וואָס האָבן אָפּגעהילכט פרעמד און מיסטיש. און ווען ער איז ענדלעך אַריינגעקומען, מיט שטילע טריט, צו זיך אין צימער און ער האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, האָט זיך די האַנט גלייך אַ ציי געטאָן צו דער קעשענע, דערפילט דאָס פלעשעלע און פאַרקוועטשט עס אין דער דלאָניע: אין דעם רויטן, קליינעם פלעשעלע ליגט דער לעצטער פּונקט.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

עס איז געפאַלן אַ געדיכטער, ווייסער שניי. באַראָש איז געגאַנ־גען אָן דעם הוט און די שנייעלעך האָבן געזילבערט די צעשויבערטע האָר.

ווען ער איז אַריינגעקומען צו סטעלאַן, האָט ער זי געטראָפן אין דערזעלבער גרינער טוניק, וואָס זי האָט געטראָגן, ווען זי איז געגאַנגען מיט אים אויפן באַרג.

זי האָט אויסגעזען העכער און דינער אין דעם טונקעלן ווינקל באַ דער פּיאַנאָ און דער פאַלנדער שניי אין פענצטער און פילאָ באַ אירע פיס, האָבן צוגעגעבן שטימונג און פאָעטישקייט דעם בילד. שווייגנדיק האָט זי צוגענומען זיין מאַנטל און געקוקט אויף די שנייעלעך אין זיינע האָר, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בריליאַנטענע טרערן. ער האָט אַרויסגענומען די ליולקע, אָנגעשטאָפּט זי מיט טאַבאַק, געשטאַנען און געקוקט אויף איר, ווי זי גייט מיט איר רואיקן טראָט צום טיף־געבעטן שטול, ווי זי זעצט זיך אַנידער און גלייכט אויס די פאַלדן פון איר קלייד; געקוקט אין אירע אויגן און געזען, ווי די אויגן אירע, אָפענע, קלאָרע, אָן דעם מינדסטן שפּור פון קאָקעטעריי, קוקן אויף אים מיט עהרלעכער דערוואַרטונג.

— וואָס שטייט איר און קוקט אויף מיר? פאַרוואָס זעצט איר זיך ניט אַוועק? — האָט זי געפרעגט.

— איך קאָן דיך זען בעסער פונוואַנען איך שטיי. ווען איך קאָן

דיך זען אַט אַזוי אין דער אייביקייט, ניט אין אונדזער וועלט, וואָלט איך געזאָגט, אַז די מיסטעריע, וואָס ליגט אין אַ פּרויס אויגן, אין פּרויענשן צויבער — איז גליק.

— און אין דער וועלט, אין אונדזער וועלט, ווי זי איז, איז דאָס ניט גליק?

— יאָ, עס איז. איך קאָן עס אָבער ניט אויפנעמען.

— איך וואָלט באַדאַרפט פרעגן פּאַרוואָס, אָבער איך וויל ניט פרעגן, ראָש. איך וויל גאָרניט פרעגן. איבעריקנס . . . מיין פאָטער האָט מיר געזאָגט, אַז איר ווילט היינט רעדן מיט מיר. ווען איך אפשר היינט וויסן . . . אַלץ וויסן . . .

— יאָ — האָט ער געענטפערט.

ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו איר, געבליבן שטיין לעבן איר און מיט די פינגער געגלעט איר קאָפּ. געשוויגן.

— איך פאַרשטיי . . . ס׳איז אייך שווער אָנצוהייבן — האָט זי אַרויפגעקוקט צו אים מיט ליבשאַפט און מיט מיטלייד.

— ס׳איז שווער, ווייל . . . ס׳איז צופיל צו זאָגן. ס׳איז ווי צו קומען מיט אַ גלעזל צו אַ רוישיקן ים, אויסצושעפּן אים ביזן גרונט.

— ראָש, ליבער . . . איר דאַרפט דאָך מיך שוין קאָנען . . . איר מוזט ניט אויסשעפּן דאָס גאַנצע לעבן און דאָס גאַנצע האַרץ . . .

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן איר בײַ אירע פיס און אַרומגענומען אירע קני; צוגעלייגט דאָס פּנים צו דעם גרינעם, ווייכן סאַמעט און געקוקט אין אירע אויגן.

— איך ווייס עס — האָט ער געזאָגט. — איך ווייס אויך, אַז די מענטשלעכע שפּראַך איז ניט רייך, ניט שטאַרק גענוג אויסצודריקן וואָס מ׳פילט. ווען דער מענטש וואָלט באַזיצט אַ מין באַזונדערן חוש, אַ חוש, וואָס וואָלט געקאָנט ווי דורך ראַדיאָ־כוואַליעס איבערגעבן אונדזערע עמאָציעס און געדאַנקען, אָט אַזוי ווי די ראַדיאָ גיט איבער מוזיק, וואָלסטו אפשר דעמאָלט געוואוסט און פאַרשטאַנען, וואָס איך פיל און וואָס איך וויל זאָגן.

— אַמאָל איז בלויז איין פראַזע גענוג . . .

— איך האָב דיך ליב.

— מיר האָבן זיך ליב.

— ס׳איז אַזוי פּשוט און אַזוי פאַרשטענדלעך, ניט?

— עס איז.

— צווישן אונדז ליגט אָבער אַ טיפער אָפּגרונט.

— איז דער טיפער אָפּגרונט אַן אַנדערע פרוי?

— עס איז ניט בלויז די אַנדערע פרוי. דאָס גאַנצע לעבן איז

ווי די אַנדערע פרוי, און די אַנדערע פרוי איז ווי דאָס גאַנצע לעבן — עס איז איינגעפלאָכטן איינס אין צווייטן . . .

— און איך בין דאָס ניט איינגעפלאָכטענע, דאָס פרעמדע ? . . .

— ניין, איך דו ביזט די איינגעפלאָכטענע, ווי עס איז איינגע־פלאָכטן אין מיר מיין שאַפן, מיין געדאַנק, מיין בלוט . . . אָן דיר, ווי אָן זיי בין איך אַ טויטער, אַ ליידיקער . . .

— טאָ וואָס ווילט איר, ראָש ? וואָס ווילט איר ? ווילט איר זיין אַנדערש ווי די גאַנצע וועלט, אַנדערש ווי די מענטשן אַרום אייך ? איז דאָס לעבן ניט גענוג פאַר אייך ווי עס איז ? מוזט איר שטרעבן צו עפּעס וואָס איז אומדערגרייכבאַר ?

— אפשר . . . איך וואָלט געוואָלט זיין אַן אַנדערער אין אַן אַנ־דער מין וועלט.

— אַך, ראָש . . . . — האָט זי קאָנוואולסיוו צוזאַמענגעדריקט אירע פינגער. — צו וואָס רעדן מיר אַזוי . . . צו וואָס פאַרפלאָנטערט איר זיך און מיך אין אייערע אַבסטראַקציעס און פילאָזאָפיעס, וואָס האַלטן אייך אַרומגעבונדן ווי מיט שטריק. ס'איז שוין בעסער צו שווייגן און וואַרטן, וואַרטן, וואַרטן . . .

— יאָ . . . סטעלאַ.

— אָבער, ווי לאַנג נאָך ? ווי לאַנג ?

— ביז מאָרגן.

— ביז מאָרגן ?

— ביז מאָרגן.

— אוי, ראָש . . . ראָש . . .

זיי האָבןביידע געפילט, אַז ווערטער זענען איצט שוין איבעריק. האָט זי אַרומגענומען זיין קאָפּ מיט די הענט און איז געבליבן זיצן מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי אָפּגעבנדיק זיך דער צייט, דעם שיקזאַל . . .

— גיי שפּיל פאַר מיר נאָך איינמאָל די „לבאָה־סאָנאַטאַ".

— פאַרוואָס זאָגט איר „נאָך איינמאָל" . . .

— כ'האָב געמיינט צו זאָגן נאָכאַמאָל.

זי האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ, אַנידערגע־זעצט זיך און אָנגעהויבן לאַנגזאַם שפּילן.

דער שניי איז געפאַלן ווי אַ געדיכטער, ווייסער וואָאָל איבער דעם טונקעלן פּנים פון דעם אָוונט. און באַראָש האָט געקוקט אויף דעם שניי און אויף סטעלאַן, געררויכערט די ליולקע און געגלעט דעם הונט, וואָס איז געלעגן בײַ זיינע פיס. און די שטימונגספולע טענער האָבן זיך גע־גאָסן גלייך אין האַרץ אַריין און אָנגעגאָסן מיט בענקשאַפטאון מיט טרויער.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו איר. אַרומגע־

נומען מיט די הענט אירע אַקסלען פון וועלכע עס האָט געשטראָמט מיט וואַרעמקייט און נאַענטקייט . . . און אין מח איז דורכגעלאָפן : ווי לאָזט מען זי איבער ? זי, און די מוזיק, און אַדאַן, און עוואן, און זיי . . . זיי אַלע מיט די כישופדיקע אויגן און מיט רויטע שמייכלען, וואָס צינדן אָן פייערלעך בּאַ די פענצטער פון זייערע הערצער . . . ווי לאָזט מען זיי איבער . . . ——— מ׳לאָזט, מ׳לאָזט . . . טויזנטער האָבן געלאָזט, מיליאָנען האָבן געלאָזט, מיכל האָט געלאָזט און גאַרניט . . . כ׳האָט זיך גאַרניט געביטן, און דאָס לעבן איז געבליבן דאָסזעלבע און וועט פאַרבלייבן אויף אייביק דאָסזעלבע . . . פריער אָדער שפּעטער — אַלע לאָזן איבער . . .

זי האָט אויפגעהערט שפּילן און איבערגעגעבן איר קאָפּ, אירע אַקסלען, אירע הענט אין זיינע הענט און ער האָט זיי געדריקט צום קלאַפּנדיקן האַרץ און די ווייכע קישעלעך אויף דער קאַנאַפּע און דער פאַלנדיקער שניי האָבן אים געצויגן אַראָפּ . . . אַראָפּ . . . און אַן אַראָפּגעצויגענער האָט ער מיטגעצויגן מיט זיך אַ נאָכגעבנדיקע, שווימענדיקע ליבשאַפט, וואָס איז גרייט געווען צו שווימען מיט אים אין דער אייביקייט אַריין . . . דער אָוונט האָט זיי פאַרדעקט מיט טונקעלע, דורכזיכטיקע וואָלאַלן . . . די שנייעלעך האָבן זיך געקלעפּט צום פענצטער מיט פאַטאַלער רואיקייט און פּילאָ איז געלעגן אין אַ ווינקל, די מאָרדע אויף די לאַפּעס, געלעגן, מעדיטירט און געזיפצט.

— . . . דאַרף איך נאָך וואַרטן ביז מאָרגן, ראָש ? — האָט זי געשעפּטשעט אין זיין אויער.

— וואַרט . . . — האָט ער זי אַרומגענומען — וואַרט . . .

זיי זענען געזעסן אויף דער קאַנאַפּע, צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און געקוקט מיט פאַרנעפּלטע בליקן אין דער טונקלקייט אַריין. און נאַענט זענען געווען זייערע הערצער און אַזוי ווייט, ווייט די געדאַנקען.

— סטעלאַ . . .

— יאָ, ליבער . . .

— לאָמיך דיר איצט אָנזאָגן . . .

— אָנזאָגן ?

— יאָ, שטיי אויף מאָרגן פאַרטאָג, ווען דיין פאָטער וועט נאָך שלאָפן און גיי אַרויס אויף דעם גאַניק. בּאַ דער שוועל פון דיין טיר וועסטו געפינען מיין וואָרט, מיין נשמה, מיין געדאַנק, מיין גאַנצן וועזן . . .

— וואָס פאַר אַ מאָדנער מענטש איר זענט, ראָש . . . אָבער . . . איך בּין שוין געוואוינט צו אייערע . . . שטימונגען און איך וועל טאָן ווי איר זאָגט.

— גוט.

ער האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן און זי מיט אים; געבליבן שטיין מיט איר, איינגעשלאָסן האַנט אין האַנט; געקוקט אין דער טונקלקייט פון אירע אויגן, געקושט אירע ליפּן מיט אינערלעכן ציטער און מיטאַמאָל אָפּגעלאָזט איר האַנט, צוגעגאַנגען צום שטול און גענומען דעם מאַנטל. דער הונט האָט זיך צוגעשאַרט צו זיינע פיס, האָט ער זיך צובויגן צו אים און אַ גלעט געטאָן:

— ווי מקנא איך בין דיר, פּילאַ . . .

באַ דער טיר איז ער ווידעראַמאָל געבליבן שטיין און געקוקט אויף סטעלאַן. איז זי צוגעגאַנגען נאָענט צו אים, אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיינע אַקסלען און געזאָגט:

— איך ווייס ניט צי איך דאַרף עס איך זאָגן. מיין געפיל זאָגט מיר אָבער, אַז איך וועל אייך מער קיינמאָל ניט זען. איר וועט ווידער פאַרשווינדן און דאָס מאָל אויף שטענדיק. טאָ ווייסט, אַז כ'האָב אייך ליב . . . כ'האָב אייך זייער ליב . . . אָבער איך וועל וואַרטן אויף דעם מאָרגן, אויף דעם פאַרטאָג. איך וועל, מסתמא, ניט שלאָפן די נאַכט, און מיין איינציקער וואונטש איז, אַז ס'זאָל זיין אַזוי ווי איר זאָגט. איך זאָל האָבן אייער געדאַנק און אייער נשמה און אייער גאַנצן וועזן אין מיינע הענט . . .

ער האָט זי ווידער צוגעדריקט צו זיך און געקושט אירע אויגן און ליפּן ביז די האַנט אירע האָט זיך, ביז די שפּיצן פון אירע פינגער, אַרויסגעגליטשט פון זיין האַנט — — —

ער האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים, צו זיין צימער. געוואָלט בלייבן אַליין, איידער ער גייט צו זיין לעצטן באַשלוס און שלום . . . עס האָט זיך אים געוואָלט פאַרענדיקן, ניט צעציען, ניט אָפּהאַלטן . . . — האָט ער געשפּאַנט מיט שנעלע טריט און געפילט אין די הענט אירע לאַנגע דינע פינגער, וואָס גליטשן זיך אַרויס. אויף די ליפּן זיינע האָט נאָך געציטערט איר קוש און די ווערטער אירע האָבן נאָכגעפאָלגט נאָך יעדן טראָט.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין צימער און האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, איז ער געבליבן שטיין באַם פענצטער און האָט אַרויסגעקוקט אין דער נאַכט אַריין; און ווען ער האָט דערפילט, אַז זיינע הענט זענען וואַרעם און די שטילקייט אַרום האָט באַרואיקט, האָט ער גענומען זיין טאָג־בוך, אַנידערגעזעצט זיך באַם טיש און גענומען שרייבן:

„. . . דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך שרייב. און, ווייל ס'איז דאָס לעצטע מאָל, איז מיר שווער און איך ווייס ניט וואָס און ווי אַזוי צו שרייבן. עס ווילט זיך אין עטלעכע פראַזן אויסדריקן אַלץ, וואָס זאָל קלאָר מאַכן פאַר מיר אַליין דעם זין פון מיין לעבן און דעם זין פון מיין שטאַרבן, אויב עס איז פאַראַן אַ זין אין ביידן.

„איך פיל איך בין רואיק און דער לעצטער שריט שרעקט מיך ניט. איך האָב ניט אויסגעלעבט מיין לעבן ווי איך האָב געטרוימט, ווייל כ׳האָב געטרוימט פון אַ לעבן, וואָס מ׳זעט בלויז אין טרוימען. מיט מיין לעבן האָב איך געקעמפט און עס איז געווען פול מיט קאָנפליקטן. מיטן טויט וועל איך שוין ניט קעמפן, ווייל אין טויט זענען קיין קאָנפליקטן ניטאָ. איך וועל גיין רואיק צו מיין רו. דער ריינער שניי אונטער מיינע פיס וועט פאַנגען מיינע לעצטע טריט. און ווען איך וועל קומען צו מיין לעצטן פונקט, וועל איך זיך אַנידערזעצן און איך וועל קוקן אין דער ענדלאָזי־קייט אַריין און איך וועל מעדיטירן. איך וועל זען ווי די זון גייט אויף און ווי זי פאַרגייט — — — דערנאָך וועל איך אַנטבלויזן מיין קערפּער — נאַקעט ווי די נאַטור וויל אים האָבן און איך וועל איינשלינגען די באַרמהערציקע טאַבלעטן. איך וועל ליגן אַ ווייסער, אַן אויסגעצויגע־נער און איך וועל פילן, ווי יעדער אַטאָם אין מיין לייב הייבט אָן צו פרירן. אין דער לעצטער רגע וועל איך מיט מיין לעצטן שמייכל איבערגעבן זיך אין די אָרעמס פון מאָרפעאוס און מיין ערדישקייט וועט בלייבן ליגן אין רו. און ווען דער פרילינג וועט קומען, וועלן פייגל פאַנאַנדערטראָגן מיין ערדישקייט און בלויז מיין ווייסער סקעלעט וועט ליגן — אַ לאַכנדיקע מאַסקע אונטער דעם אייביקן הימל. — — — איך באַשווער דיך, מענטש, ווער דו זאָלסט ניט זיין — באַאומרואיק ניט די רו פון מיין געביין. אַדיע, לעבן! איך קום, טויט —

Per aspera ad astra . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

ער איז נאָך אַ לאַנגע צייט געזעסן באַם טיש. דערנאָך אויפגעהויבן זיך, צוגעגאַנגען צום פענצטער און געקוקט אויף דעם פאַלנדיקן שניי . . . דערנאָך אַנידערגעלייגט זיך אויף דעם בעט, אויסגעצויגן זיך ווי אַ מת און געוואָלט פילן ווי אַ מת. אָבער אפילו מיט די פאַרמאַכטע אויגן האָט ער געזען די פּראָצעסיע פון לעבן — — — געזען ווי עס קומען אים אַנטקעגן הימלקראַצערס, ווי מאָנסטערס . . . און צווישן די הימלקראַ־צערס — מענטשן מיט געבויגענע פּלייצעס און מיט אויסגעשטרעקטע הענט, מיט געביילטע פויסטן און מיט ציטערדיקע פינגער, מיט ליפּן אויסגעקרימטע אין האַס און מיט טראַגישע, פאַרטרערטע אויגן . . . מענטשן נאָענטע און ווייטע, אייגענע און פרעמדע . . . און נענטער . . . קומט אַדאַ און עווא און מיכל און סטעלא און שעליא און אַנאַטאָל און מאַרי און גערסאָן און בענדער . . . און נאָך און נאָך . . . אַ פּראָ־צעסיע וואָס גייט דורך אין זיין מח, וואָס וועט נאָכגיין ביזן לעצטן טראָט . . .

עס איז געווען שפּעט אין דערנאַכט, ווען ער איז שטיל אַרויס פון הויז. ער האָט געהאַט מיט זיך דעם טאָג־בוך און די ליולקע. געגאַנגען

לאנגזאם און געפילט, גלייך ווי ער וואלט געגאנגען אויף א ווייסן, סאמעטענעם טעפיך. די רואיקייט, שטילקייט און דער ווייסער שניי האבן דערמאנט אן א פארגעסענער נאכט, א נאכט צווישן שטילע גאסן און געסלעך אין זיין מוטערלאנד, אין זיין שטעטל . . . צווישן גאסן און געסלעך טראגט זיך א שליטן . . . דינע, וויינענדיקע גלעקעלעך זינגען צו צום קלאפ פון פערדישע פיס און זיי . . . דריי זענען זיי געווען אין שליטן — צוויי בחורים און א מיידל, דערווארעמטע און גליקלעכע זינגען זיי רוסישע ראמאנסן און פליען, ווי אויף די פליגל פון דעם סענטימענטאלן עראס . . . גלין־גלאן . . . גלין־גלאן . . . עס קלינגען ווייטע גלעקלעך — — —

ער האט געשפאנט מיט די הענט אין די קעשענעס און מיט דער ליולקע אין מויל. דערזען פונווייטנס דעם גאניק און פארהאלטן דעם שפאן. און ווען ער איז צוגעקומען צום גאניק, איז ער געבליבן שטיין אויף א ווילע און צוגעהערט זיך. ער האט געוואוסט, אז ער וועט גארניט הערן, אבער ער האט זיך דאך צוגעהערט. דערנאך האט ער געמאכט א פאר שפאן ארויף די טרעפ און איז געבליבן שטיין. צוגעלייגט דעם אויער צו דער טיר. עס איז געווען שטיל — טרויעריק שטיל ארום. די טיר — ווי א הארץ, וואס קלאפט ניט. ער האט אבער געוואוסט, אז דארט הינטער דער טיר קלאפט יא א הארץ און אויב עס איז פאראן א פסיכישע, גייסטיק טעלעפאטישע נאענטקייט, וואס פארבינדט אין איין געדאנק, אין איין געפיל מענטש מיט מענטש, פילט זי, סטעלא, אז ער איז דא . . . דא נאענט לעבן איר, בא דער סאמע טיר פון איר הארץ. און זי קרעכצט אפשר, און רופט אים באם נאמען און עס ציטערט איר נאקעטקייט אין פיבער פון ליבע . . .

ער האט זיך ווידער צוגעהערט, ארויסגענומען פון דער קעשענע דעם איינגעוויקלטן אין פאפיר טאג־בוך און אנידערגעלייגט בא דער טיר, אויף דער סאמע שוועל . . . אזוי, אז פארטאג, ווען זי וועט עפענען די טיר, זאל זי זיך דארפן בלויז אנבייגן און נעמען אין אירע הענט זיין ווארט, זיין נשמה, זיין גאנצן וועזן — — —

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

ער איז געגאנגען מיט דער שטילער גאס ארויס פון שטעטל. און באם ברעג פון שטעטל איז ער געבליבן שטיין, אנגעשטאפט די ליולקע מיט טאבאק, פאררויכערט, אנגעטאפט אין דער וועסטל־קעשענע דאס פלעשעלע מיט די טאבלעטן און געלאזט זיך גיין מיט דער טיפקייט פון ווייסן שניי — — —ארויף — — — העכער, העכער צום שפיץ פון בארג, צו דער אייביקער רו.